STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00516

HEMSHEKH ANTOLOGYE FUN AMERIKANER-YIDISHER DIKHTUNG, 1918-1943

Permanent preservation of this book was made possible by
Jean & Thomas Schreiber & family

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

המשך

אַנטאָלאָגיע

פֿון

אַמעריקאַנער־ייִדישער

1943 דיכטונג 1918

צונויפֿגעשטעלט
פֿון

משה שטאַרקמאַן

פֿאַרלאַג „המשך“ ניו־יאָרק
תש״ה
1945

געזעצט און געסדרט די זייטן — **בנימין קאַץ.**

שער־בלאַט געצייכנט פון **יודא א. יאָפע.**

Copyright 1945

by HEMSHEKH FARLAG

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 25

פונעם צוזאַמענשטעלער

די „המשך־אַנטאָלאָגיע" איז איינע פון אַ סעריע געפּלאַנטע אַנטאָלאָגיעס, וואָס דאַרפן פאַרשטעלן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע, זינט דעם דערשיינען פון יעקב צבי סאָבעלס העברייאיש־יידיש לידער־בוך „שיר זהב לכבוד ישראל הזקן . . . ישראל דער אַלטע" (ניו־יאָרק, 1877) ביז אונדזערע טעג. יעדע אַנטאָלאָגיע פון דער סעריע וועט האָבן אַ באַזונדערן נאָמען. דער איצטיקער באַנד טראָגט דעם נאָמען „המשך" צו סימבאָליזירן די קאָנטיניויאיטעט פון יידישן ליד אויף דער אַמעריקאַנער ערד.

אַחוץ די לידער פון די רעפּרעזענטירטע דיכטער, גיבן מיר אויך זייערע ביאָגראַפיעס, ביבליאָגראַפיעס פון דער ליטעראַטור וועגן זייער שאַפן און אויסצוגן פון קריטישע אַרטיקלען. אַ דאַנק די ביאָ־ביבליאָגראַפיעס וועט די אַנטאָלאָגיע קענען דינען ווי אַ מקורים־בוך אי פאַר די ליטעראַטור־פאָרשער, אי פאַר די תלמידים פון די יידישע מיטלשולן — פאַר יענע, וואָס וועלן דאַרפן שרייבן אָפּהאַנדלונגען וועגן היינטצייטיקע אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן. די אויסצוגן פון דער קריטיק, ווידער, דאַרפן דינען ווי אַריינפיר־באַמערקונגען צו די לידער פון די רעפּרעזענטירטע דיכטער. די דאָזיקע אויסצוגן שטעלן מיט זיך פאָר אַ מיניאַטור־אַנטאָלאָגיע פון יידישער קריטיק.

די דיכטער זיינען אויסגעשטעלט לויט די יאָרן פון זייערע אויפטריטן אין דער ליטעראַטור.

אין די ביבליאָגראַפיעס, דאָרט וואו ס׳איז ניט אָנגעוויזן דאָס דערשיין־אָרט פון אַ פעריאָדישער אויסגאַבע, מיינט עס, אַז זי איז אַרויס אין ניו־יאָרק.

הגם די אַנטאָלאָגיע נעמט אַרום אַ תקופה פון 25 יאָר (1918—1943), זיינען אין איר פאַרגעשטעלט בלויז פופציק פון די דיכטער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אונדזער היגער ליטעראַטור במשך דעם דאָזיקן פערטל יאָרהונדערט. נאָך דיכטער פון דערזעלבער תקופה, צווישן זיי אויך די נפטרים ב. צ. בורשטאָק, י. גרינשפּאַן און יאָסל קאָטלער, וועלן פאַרגעשטעלט ווערן אין אַ באַזונדערן באַנד, וואָס וועט אויך אַריינעמען די יידישע דיכטער פון מיטל־מערב, פון פּאַסיפישן ברעג און פון קאַנאַדע. אברהם טווערסקי, הגם אַ תושב אין דעטראָיט, געהערט ניט ליטעראַריש צו די יידישע דיכטער פון דער „מיד־וועסט", דערפאַר איז זיין אָרט אין דעם באַנד.

פאַר דעם ביאָ־ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל אין דער אַנטאָלאָגיע קומט דער הויפּט-קרעדיט די דיכטער גופא, וועלכע האָבן ניט געקאַרגט קיין מי צו באַזאָרגן אונדז מיט די ביטיקע ידיעות.

וועגן דעם אָפּקלייב פון די לידער פאַר דער אַנטאָלאָגיע: דער צו־זאַמענשטעלער האָט געבעטן איטלעכן פון די דיכטער אים צוצושטעלן פּופצן פון די לידער, וואָס יעדער פאָעט האַלט פאַר די כאַראַקטעריס־טישסטע פון זיין שאַפן. פון יעדע פופצן לידער האָט דער צוזאַמענ־שטעלער אָפּגעקליבן צווישן זעקס און אַכט לידער, לויט זיין אייגענעם געשמאַק. די דיכטער אַליין האָבן אָנגעוויזן וועלכע אָפּרופן פון דער קריטיק וועגן זייער שאַפן זיי האַלטן פאַר די געלונגענסטע, און נאָך די אָנווייזונגען האָט דער צוזאַמענשטעלער געמאַכט זיין אייגענעם אָפּקלייב. די דיכטער, וואָס זיינען רעפּרעזענטירט דורך גרעסערע פּאָעמעס, זיי־נען פאַרטראָטן דורך ווינציקער פון דער איינגעשטעלטער צאָל זעקס ביז אַכט לידער.

כדי די אַנטאָלאָגיע זאָל זיך ניט ענדיקן מעכאַניש, האָבן מיר פון די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען אויסגעטיילט אַ צאָל לידער פאַר דער שליסונג א.נ. „נעילה”.

עס ווערט איצט געגרייט אַ העברייאישע ווערסיע פון דער „המשך־אַנטאָלאָגיע”, כדי צו באַקענען די העברייאישע לייענער מיט דער סאַמע נייסטער יידישער דיכטונג.

דאָס דערשיינען פון דעמדאָזיקן באַנד איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דעם חברישן אָפּרוף פון אַ צאָל דעטראָיטער יידישע קולטור־מענטשן, וועלכע האָבן אויף דער איניציאַטיוו פון דעם געזעלשאַפט־לעכן עסקן ב. מ. לייקין געהאָלפן פינאַנסירן דאָס אַרויסגעבן די אַנטאָ־לאָגיע. קיינער פון זיי דערוואַרט ניט קיין דאַנק, אָבער זאָלן זייערע נע־מען פאַרצייכנט ווערן אין דעם בוך (לויטן א״ב): אסתר אשכנזי, וו. הורדס, מ. חפץ, י. ליבסאָן, חברה חנה לייקין, נחמן לינדען, לואיס לאַמעד, ב. מילינסקי, ר. א. פלאַפּקין, א. פיליפּס, ל. קאָמיסאַרוק, ב. ראָזענטאַל, משה שיווער און יעקב שרייער. מיטגעהאָלפן אויך האָבן די פריינט ישראל מץ (ניו־יאָרק) און א. ראבין (דזשעקסאָנוויל).

די אַנטאָלאָגיע ווערט אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג פון די זאַמל־ביכער „המשך”, מיטן בעלעטריסט ב. דעמבלין בראש.

מיין לערער, דער באַרימטער יידישער פילאָלאָג יודא א. יאָפע האָט געצייכנט דאָס שער־בלאַט. דער דיכטער בנימין קאַץ האָט גע־זעצט די אַנטאָלאָגיע און געסדרט די זייטן.

אינהאַלט:

פונעם צוזאַמענשטעלער
משה שמאַרקמאַן — עפענונג

בוך איינס: אויפן שוועל

לוי גאָלדבערג
קאַמערויקע 6
קדיש 8
אינדערמיט 9
יאָגד 9
אין אַ נעגער־קוואַרטאַל 10
אַ ליד אַ למד וואָוו 12
באַלאַדע לוי 14
מיידלעך־קדושות 15

יעקב גלאַטשטיין
ס׳יידישע וואָרט 26
פאַרטריפטע לייכטער 27
דאָס אַלמאַנכן 27
מיר, די וואָרטפּראַלעטאַריער 30
נאַכט, זיי שטיל צו מיר 31
דער בראַצלאַווער צו זיין סופר 32
אַ יידישע קרוין 39
אָן יידן 41

נחום ברוך מינקאָוו
פּעגאַס 46
די ווייסע נאַכט 47
האַרבסט 47
לאָזט שטאַרבן . . . 48
דער לעצטער 49
אומפאַרשטענדלעך 50
צלם אלוקים 51
אָפּטייל „נעילה" 424

משה שיפריס
מיין טאַטנס תורה לערנען 55
ליד פון שוואַרצן שיכפוצער 57
בעסאַראַביע 58
אָפּטייל „נעילה" 423

אַלעף כץ
ר׳ נחמן בראַצלאַווער 65
אַקערצייט 65
אויפן ים 66
אַ נאַכט 66
אין סטאַדיום 67
פאַרגענגלעכקייט 68
באַלאַדע 69
יידישע נייעס—תש״ב 70

בוך צוויי: 1918

אברהם טווערסקי
מיין טאַטע 77
פון בראשית־אָן 78
ערדישער טראָפּ 79
מעדזשיבוזשער נוסח 80
שלמה חקרן 81
דאָס געזאַנג פון וויינענדיקן מענטש 82
דער נס אינעם קאָרנפעלד 84
דער זקן פון דאָרף 85
אָפּטייל „נעילה" 435

אידאַ גלאַזער
די שטים . . . 90
גאָט 91
כ׳האָב אַליין געקויפט זיך בלומען 92
אָפּטייל נעילה 425

ציליע דראַפּקין
צו אסתרן, מיין טאָכטער 94
ביינאַכט דורך פּאַרק און רעגן 95
אַ ווינטער נאַכמיטיק 95
פון אַ ליד 96
מיין מאַמע 96
אָן אָוונט אין מערץ 97
צו לוציפערן 98

:: :: 98

ראַשעל וועפּרינסקי

איך בין די פרוי 100
אין אָוונט 101
מיין שונא 102
די ליבע 102
מיך ציט . . . 103
פון מיינע שלאַנקע גלידער 103

יעקב (בצלאל) סטאַדאַלסקי

דער ווילנער גאון 106
אַ בעטהאָוון סאָנאַטע 106
פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאָד 107
האַרץ און קאָפּ 108
אַ וואַריאַציע אויף אַ טעמע 109
אָפּטייל „נעילה" 426

יוסף לייזער קאַלושינער

וואַרשע 113
פאַרנאַכט 114
באַוערי 115
זונטיק אויף בראָדוויי 115
אין אַ שפּעטער שעה 116
גלויבן 116

בוך דריי: 1919-1923

אליעזר גרינבערג

פיר מיך אַפּ אַהיים, לבנה 123
ליפּקאַן מיין היים 124
גאַסן 126
גרויל פון מיטלאַלטער 127
באַלאַדע אין גרוי 128
צום האַרבסט 129
ביי די וואַסערן פון האַדסאַן 129
איכה . . . 133

העניך אַקערמאַן

אַ בריוו פון מיין טאַטן 135
אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ . . . 136
מיין צוריקקער קיין מאַלינעץ 137
כ'האָב זיך דערמאָנט . . . 138
אַ באַלאַדע פון צוויי דאָן-קיכאָטן 139
מאַי 140
אַנטאָלאָגיע 140
משפחה-כראָניק—אַמעריקע 140

אַלעקסאַנדער (יהושע) פּאָמעראַנץ

מיין טאַטע—דער מעשגיסער 145
שיקאַגע 148
פּערצנטע גאַס 149
אָפּטייל „נעילה" 428

ב. אַלקוויט

פון ים 152
אין שטילקייט 152
נאַכט 153
צו מיינע ברידער 153
אַפּריל 154
אַנדזשעלינאַ 155
דריי מאָל קבצן 156
לאָרעליי 157

אַננאַ מאַרגאָלין

אין גאַסן 159
מיין שטאָם רעדט 160
שלאַנקע שיפן 161
בריסק 161
ראובן לודוויג 163
אָפּטייל „נעילה" 430

קלמן הייזלער

מיינע טרערן 168
מאַמע-לשון 168

מאָריס ראָזענפעלד	169
משה לייב האַלפּערן	170
הערשל הגבור (הערשל גרינשפּאַן)	171
ביטערע בריוו	172
אָפּטייל „נעילה״	433
יאָסל קאָהן	
נאַכט־געוויין	175
איך קום צו דיר	176
אין שפּעטער שעה	177
אַ געבעט	178
וואָן גאָגט שרייבט זיין ברודער	180
מיין זיידנס רייד	181
אסתר שומיאַטשער	
גאָט	185
אַנטקעגן ווינט	186
חלום פון ערד	187
אברהם משה דילאָן	187
צו אַ יידישן פליער	189
אָפּטייל „נעילה״	431
נחמיה קליין	
דאָס בין איך	191
איך—ייד	192
צו משה לייב האַלפּערן	192
דעכער	193
אַנטאָניאָ צו קלעאָפּאַטראַ	193
ריווערסייד דרייוו	194
צייט־ליד	195
ל. פיינבערג	
ביים שרייבטיש	201
די לעצטע 3 יידן פון וואַרשע	202
אַ, לערן מיך האַסן דעם שונא!	209
אָפּטייל „נעילה״	429
הערשל מילער	
דורות . . .	210
אַן גאָטס ברכה	211
ליכט	211
אַרבעטסלאָזע	211
איינעם חלום פון דער וועלט	212
אויף קבר אבות	212
קדיש	213
אַ תפילה	213
מלכה לי	
מיין יחוס־בריוו	216
שכנים	218
פראַגמענטן פון „געזאַנג רות״	218
אָקסן	220
קויפט פּאַפּיראָסן!	220
מ. נאַקס	
ניט איינמאָל באַוויין איך	223
אין די לידער מיינע	223
סוף זומער	223
האַרבסט	224
אין האַרבסטיקן טאָג	224
איך זע דיך גאָט . . .	224

בוך פיר: 1924־1926

אבאַ שטאָלצענבערג	
פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן	229
חלום כנען	230
אָקסן	231
ערשטער מאַי 1908	232
אַ בריוו צו דער מאַמען	233
צום שולטייך גייט אַ מיידל פּראַלען גרעט	234
רבונו של עולם, שיק . . .	234
דער טויט פון שטרויענעם ריטער	235
מאיר שטיקער	
מיין יחוס	238

אויפן טויט פון
אַבאַ שטאָלצענבערג 239
באַלאַדע פון מײַנע צוויי פעטערס 240
דער גאָלדענער זינגער 241
בלוט און טרערן 242
באַלאַדע פון מײַן באָבען
אויף דער עלטער 242

בער גרין
טאַטע 248
מאַמע 249
געפאַלן אַ מענטש ביי דער
אַרבעט 249
בלוטיקער מאַנטיק 250
דער געשריי פון בלוט 251
רעגן 252
ס׳ליד פון זריעה-צייט 252
שטעטל מיינס ביים דניעסטער 253

כאַסיע קופערמאַן
דעמערונג 255
שפורן 255
הימנען 256
גרויזאַמע הויכן 256
פיעראָ—נ.ב.מ. 256
קראַנק 257

מעניקע באַדאַנעס־קאַץ
ביים ראַנד 262
שטאָט און פראָסט 263
אַ וויג ליד אַזאַ 264
עלציק 266
דאָס ריזעלע 266
מײַן געסל 267
פרילינג 268

י. א. ווייסמאַן
קום צוריק 270
פון פימצנהאָלץ 271

צעזאַר איז טויט 272
דיין גרין אויג 272
אויפן טויט פון
אַבאַ שטאָלצענבערג 273
ניט שעקספיר, ניט דוזע 274
אויף אַ ראָג אין בערלין 275
איסע איז אַ ייִנגל 275

יהודה לייב טעלער
עדיפוס קאָמפּלעקס 278
פאַרוואַנדשאַפט 279
ווינטער 280
שטאָט־נאַכט 280
צוואַנציק שורות צו אַ בוים 281
צו אַ נעגער־מיידל 281
בורלעסק טעאַטער 282
יחזקאל 283

מאיר סעגאַל
פון רויטן מויער 287
וואַלדיקער טרויער 290
האַרבסטיקע לעמער 292
אייביק וואָרט 293
באַשאַף 294

בוך פינף: 1943-1927

בעריש ווײַנשטיין
באַנען 302
יונגען פון דער וואַליע 303
אויף דיין ערד, אַמעריקע 304
מאַטראַזן 306
אַ שלאָף קינד 307
נישטאָ מער דער טאַטע 308
נישט איצט, אַמעריקע 310
נאָך טויזנט יאָר 312

זעליג דאָרפמאַן
איך בין אַ פרעמדער 315
גרויסער אומעטיקער ים 316

ווי די זון פאַרגייט 317
די מאַמע 317
אין יאַמערדיקן טאָל 319
אַ טאָג אַזאַ 322
זיבעצן נעגערטעס 322

מינא באָרדאָ־ריווקין
מוטער רחל 323
מיין טאַטע 324
אַ חלום 325
אין קיינעמס לאַנד 325
מיט פאַרבונדענע אויגן 326
אַ געבעט 326

מ. א. סול
דעם טאָג אַנטקעגן 328
מיין שטאַם 328
לאָמיר טראָגן אונדזער ליד 329
אָרטשאַרד סטריט 330
דער פוירנישד רום פאָרטרעט 331
געבעט פון אַ פליכטלינג
אויפן ים 332

מאַרטין בירנבוים
אַ נאַכט אַזאַ 334
בענקשאַפט 335
פרימאָרגן אין סאַבוויי 337
צו אַ סאָפיסט 337
הימלאַזע קינדער 338
שפעטע נאַכט 339

שאול מאַלץ
בשורות פון הונגער 342
דאָס ליד פון איוב 343
געלע לאַטע 344
וואַנדערער 344
אויף די וועגן פון פשיטיק 345
אַ קינה אויף מיין שטעטל 346

כייקע אייבלסאָן
אַריסטאָטל ביים ברעג ים 350
מאָרגן 350
איצטער 350
ס׳ווילט זיך וויינען 351
זיי שטיל 351
בלויער באַרג 352
אַ ראַכמאַנינאָוו קאָנצערט 352
מאַלווע 352

אַננאַ זאַרעצקי
נאַכט אין קראָטאָנאַ פאַרק 353
פאַרטיזאַניש ליד 355
צו משה לייב האַלפערן 355
בעטלער אין ניו־יאָרק 356
אַ געשיר־וואַשער 356
פיאָנער 357
אָפטייל „נעילה" 434

נחום פאַזנער
פאַרנאַכט 359
בלויע רו 359
אויפן ראַנד 360
ביי זאַמדיקע טויערן 361
ביים ים 361
אייביקייט 362

ר. ז. ליליען
אַמאהא 364
אייניקל אָן מעשות 364
בין איך אַ דיכטערן געוואָרן 365
שבת 366
מוטער 366
אומרו 366

משה שטיינגאַרט
צו דיר — 368

א חלום 369
א תפילה פון א ייד 372

ראזע נעוואדאווסקי
אין וואגל 375
ים 376
ביים ברעג 376
בענקשאפט 376
מיין טאטע אין געטא 377
צו די שווארצע פרויען 378

ברכה קאפשטיין
אין דערווארטונג 381
מיין שער 381
וועלוועלעס שפילעכלעך 383
צו א פריינט 384
ברודער מיין 385
א וויגליד פון א מאמע אין קיינעמס לאנד 385
קומען בריוו פון ארץ־ישראל 387
איבער געטא—די פאן 388

גבריאל פרייל
פויערים אין הארבסט 392
דער געפאנגענער מענטש 392
איך זע אין 1938 393
ניו־העמפשייר מיידל 393
ליבע צו טעג 394
מאמע 394

צבי שטאק
און אין געטאס קלאגן יידן... 396
צווישן טאג און נאכט 396
מלחמה 397
היים־שטאט 398
ביים וואסערפאל 398
א, זע ווי עס האלט אין איין וואכן דער וועכטער 399

רייזל לאנדוי
די זון 402
:: :: 402
צו זישא לאנדוין 403
מיין מאמע 403
:: :: 404
טויט 405
מאמעניו, שרעק זיך ניט 405

דארע טייטלבוים
מיין קינדהייט 407
צום מאן 408
ליג איך און רו 408
די פרוי 409
אין מיטן וועלט 409
צום אייביקן וואנדערער 410

אברהם רעגעלסאן
דער מגן־דוד באגריסט דעם רויטן שטערן 414
די אמעריקאנער פאן
אין סאבוויי 417
אנעמאנעס 419

נ ע י ל ה

משה שיפריס
מיינע געצעלטן 423
א האנט אויפן טיש 423

אידא גלאזער
שטילער שטראם 425
ביים סוף 425
ווען ס'רעגנט 426

יעקב סטאדאלסקי
גוט שבת! 426

אלעקסאנדער פאמעראנץ
מיין בונד מיט אייך 428
דער ארבעטער מיי 428

ל. פיינבערג
מהר"ל 429

בעל־שם 429

נ. ב. מינקאָוו
געבעט 424

אַננאַ מאַרגאָלין
איך בין געווען אַמאָל אַ ייִנגלינג 430
מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע 430

אסתר שומיאַטשער
דיינע טריט 431
מיין ליד 432

קלמן הייזלער
י. באָוושאָווער—דוד עדעלשטאַט 433

אַננאַ זאַרעצקי
מרים 434

אברהם טווערסקי
אויף אייגענער ערד 435

די דיכטער לויטן א״ב:

כייקע אייבלסאָן 349
ב. אַלקוויט 150
העניך אַקערמאַן 134
מעינקע באַדאַנעס־קאַץ 259
מינא באָרדאָ־ריווקין 323
מאַרטין בירנבוים 333
לוי גאָלדבערג 3
אידאַ גלאַזער 88; 425
יעקב גלאַטשטיין 17
בער גרין 246
אליעזר גרינבערג 119
זעליג דאָרפמאַן 314
ציליע דראַפּקין 93
קלמן הייזלער 165; 433
בעריש וויינשטיין 297
י. א. וויסמאַן 269
ראַשעל וועפּרינסקי 99
אַננאַ זאַרעצקי 353; 434
אברהם טווערסקי 75; 435
דאָרע טייטלבוים 406
יהודה לייב טעלער 277
אַלעף כץ 61
רייזל לאַנדוי 401
מלכה לי 214
ר. ז. ליליען 363
שאול מאַלץ 340
אַננאַ מאַרגאָלין 158; 430
הערשל מילער 210
נחום ברוך מינקאָוו 43; 424
מ. נאַקס 222
ראָזאַ נעוואַדאָווסקי 374
מ. א. סול 327
יעקב סטאָדאָלסקי 104; 426
מאיר סעגאַל 285
נחום פּאָזנער 358
אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ 143; 428
גבריאל פּרייל 390
ל. פיינבערג 196; 429
יאָסל קאָהן 173
יוסף לייזער קאַלושינער 110
ברכה קאָפּשטיין 379
כאַסיע קופּערמאַן 254
נחמיה קליין 191
אברהם רעגעלסאָן 412
אסתר שומיאַטשער 184; 431
אבא שטאָלצענבערג 227
צבי שטאָק 395
משה שטיינגאַרט 368
מאיר שטיקער 237
משה שיפריס 52; 423

מאידאנעק, גאָט, איז נישט קיין ליד.
ס׳איז שייטער — דער מזבח פונעם ייד,
וואָס מ׳האָט לעבעדיקערהייט פאַרגליט:
שאַרבנס פון נישט־דערברענטע גופים —
שטומע אותיות פון אונדזערע קדושים.
אַ, געגאַנגען צו דער הייליקער עקדה
איז מיט שמע־ישראל אונדזער זיידע —
און טרויעריקער פון מגילת איכה
איז דער קידוש השם פון אונדזער ליד.
ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד!

מאַידאַנעק, גאָט, איז דאָ גראָע, כשרע אַש
פון שטילע באָבעס פון גאָט פון אברהם;
פון אונדזערע קלוגע „אלף־בית" קינדער
און געבוירענע „שיר המעלות" עופהלעך.
מאַידאַנעק — איז די ירושה פון דורות;
די לוחות פון משה רבינוס מדבר־טעג.
דאָס אַלץ — האָט מען פראָסט געשענדט.
דאָס אַלץ — האָט מען פראָסט פאַרלענדט
און געוואָרפן, ווי האָלץ פון די הענט,
אין בראַנד־אויוונס, אין קאַלך־אויוונס.
גאָט, טרעבלינקע, לובלין און מאַידאַנעק —
איז נישט די „שחיטה־שטאָט" פון ביאַליק —
אַז ווי איז אונדז פאַר יענעם הייליקן ייד!

ב ע ר י ש   ו ו י י נ ש ט י י ן.

עפּענונג

אין דעצעמבער 1946 ווערט זעכציק יאָר, אַז מאָריס ראָזענפעלד האָט געמאַכט זיין דיכטערישן אויפטריט אין דער יידישער ליטעראַטור. זינט דעמאָלט האָט דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע דורכגעמאַכט אַזאַ אַנטוויקלונג, וואָס אין אַנדערע ליטעראַטורן וואָלט זי געדויערט זעקס יאָרהונדערטער, ניט זעקס יאָרצענדליק.

דעם גרעסטן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע בכלל האָבן די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעטן. בעת די יידישע ליטע־ראַטור אין אייראָפּע האָט אַרויסגעגעבן באַדייטנדיקע דיכטער־יחידים, איז דאָ אין אַמעריקע געשאַפן געוואָרן די דיכטונג פון אונדזער מאָדער־

נער ליטעראַטור. אַ ריי סיבות האָבן געפירט צו דעם, אַז מענטשן, אויסגעוואָרצלטע פון זייערע אַלטע היימען און ניט איינגעוואָרצלטע אין דער נייער היים, זאָלן ווערן די הויפטשאַפער פון יידישן ליד. טאַקע די בענקשאַפט נאָך וואָרצלען האָט שטאַרק סטימולירט די עמאָציאָנעלע רעגונגען פון די דיכטער. ניט פון קלענערן באַטייט זיינען געווען: דאָס וואַנדערן איבער לענדער און ימען צו דערגרייכן די נייע היים; דאָס היגע פאַרשמעלצן זיך פון יידן פון פאַרשיידענע קיבוצים אין איין נאַציאָנאַל־גייסטיקער געמיינשאַפט; די קעגנזייטיקע השפעות, וואָס די נאַציאָנאַל־גייסטיקע פאַרשמעלצונג האָט אַרויסגערופן. נייע דיכטערישע האָריזאָנטן האָבן זיך געעפנט פאַרן פאָעט, אי דורכן יאָך פון פראַצע, אי אַ דאַנק דער פרייהייטלעכקייט פון אַמעריקע, אויך דורכדעם, וואָס צו דער מוטער־שפּראַך און צו דער לאַנד־שפּראַך פון דער אַלטער היים, איז צוגעקומען די ענגלישע שפּראַך מיט איר רייכער קולטור. אַ סך פון די אַמעריקאַנער יידישע דיכטער זיינען אין דער יוגנט אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער העברייאישער ליטעראַטור, אַזוי, אַז די מערסטע פון זיי זיינען גייסטיק געגערט געוואָרן פון אַמווינציקסטנס פיר קולטורן, צווישן וועלכע די אויבנאָן־ערטער האָבן פאַרנומען רוסיש און דייטש.

די אָנגעהעריקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער אָנטייל אין פּאָליטישע קאַמפן און דאָס באַווירקט ווערן פון זיי, די אידייאיש-גייסטיקע קאָנפליקטן צווישן יידיש־נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער באַפרייאונג — אויך דאָס האָט עמאָציאָנעל גערעגט און באַרייכערט דעם אַמעריקאַנער יידישן פאָעט. דער סאָציאַליזם און דער אַנאַרכיזם, שפּעטער דער ציוניזם אין זיינע פאַרשיידענע ריכטונגען, אין דער לעצטער צייט דער קאָמוניזם, האָבן געשפּילט זייערע ראָלעס אויף דעם קינסטלערישן וועג פון די מערסטע דיכטער, אַריינגערעכנט יענע, וואָס האָבן שפּעטער רעוואָלטירט קעגן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע איינפלוסן אויף דער פּאָעזיע.

מאָריס ראָזענפעלד, דער פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע, איז געשטאָרבן אין 1923. אין משך פון די 37 יאָר זינט ראָזענפעלדס אויפטריט אין אונדזער ליטעראַטור ביז זיין טויט, האָט דאָס יידישע דיכטערישע וואָרט אין אַמעריקע זיך אַנטוויקלט פון פּראָפּאַגאַנדיסטישער שטאַמלערישקייט אין פערזן צו דער סאַמע קינסטלערישסטער וואָרט־פערפעקטקייט. ביי מאָריס ראָזענפעלדס לעבן האָבן שוין געהאַט פאַרנומען ערטער אין דער יידישער פּאָעזיע אַרום אַ העלפט פון די דיכטער, וואָס זיינען רעפּרעזענטירט אין דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע פון דער נייסטער דיכטונג.

ווען מאָריס ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבן שאַפן, איז דער רעוואָלו־

ציאַנערער אַגיטאַטאַרישער מאָטיוו געווען דער דאָמינירנדיקער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע; ווען ראַזענפעלד איז געשטאָרבן האָט אין אונדזער דיכטונג זיך ווידער אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנער־פּראָפּאַגאַנדיסטישע תּקופה, וואָס איז געגאַנגען אונטערן נאָמען „פּראָ־לעטאַרישע ליטעראַטור". דאָס יידישע ליד האָט זיך אָבער קיינמאָל ניט געלאָזט אַריינקוועטשן אין אַן באַשטימטער מאָטיוון־ראַם, און אַפילו יענע פּאָעטן, וואָס זיינען קינסטלעריש געגאַנגען אין שפּאַן פון דער אָדער יענער פּאָליטישער אידייע, האָבן מיט דעמדאָזיקן אַקט גופא עקספּערימענטועל באַרייכערט די יידישע דיכטונג.

פון היסטאָרישער באַקוועמלעכקייט וועגן קען מען די אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע איינטיילן אין באַזונדערע עפּאָכעס און גרופּעס: די ראַזענפעלד־תּקופה; די נייע דיכטער, — ד.ה. יענע, וואָס זיינען געקומען אין דער ליטעראַטור אין אָנהייב פון 20טן יאָרהונדערט, ווי י. ראָלניק, ה. רויזענבלאַט, יואל סלאָנים ע"ה; „די יונגע", — אַ באַצייכענונג, וואָס נעמט אַרום אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע פּאָעטן ווי מ. ל. האַלפּערן ע"ה, מאני לייב, י. י. שוואַרץ, ראובן אייזלאַנד, זישא לאַנדוי ע"ה, ה. לייוויק; די „נאָך־יונגע" — וואָס צו זיי געהערן אַזעלכע דיכטער ווי אפרים אויערבאַך, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, נפתלי גראָס, ז. וויינפּער, א. ניסענזאָן; „אינזיך" — די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג, צו וועלכער עס געהערן א. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו, יעקב גלאַטשטיין, ב. אַלקוויט, י. סטאָדאָלסקי, ראובן לודוויג ע"ה; „פּעדער" — די גרופּע צו וועלכער עס ווערן גערעכנט לוי גאָלדבערג, קאָלושינער און משה שיפּריס; „די פּראָלעטאַרישע ריכטונג", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן זשורנאַל „יונג־קוזניע" און זיך אויסגעברייטערט דורך די אויסגאַבעס פון „פּראָלעטפּען" (א. פּאָמעראַנץ, יאָסל קאָהן, מעינקעס קאַץ, ל. פיינבערג, י. גרינשפּאַן ע"ה, בער גרין, מ. א. סול, מ. בירנבוים); די „פיילן"־גרופּע, וואָס צו איר געהערן אבא שטאָלצענבערג ע"ה, מאיר שטיקער און א. טאַבאַטשניק; די גרופּעס „צוזאַמען", „ליים און ציגל", וואָס צו זיי געהערן בעריש וויינשטיין, י. ל. טעלער, שאול מאַליץ *).

*) מיר האָבן ביי יעדער גרופּע דערמאָנט בלויז צו עטלעכע נעמען כדי צו אילוסטרירן וועלכע דיכטער עס האָבן געהערט צו איר. מיט יעדער גרופּע זיינען אידענטיפיצירט אַ סך מער דיכטער, און די אויסגערעכנטע זיינען בלויז לדוגמא. אַ גאַנץ גרויסן חלק אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע האָבן אַ צאָל דיכטער, וואָס אַ טייל פון זייער שאַפן געהערט צו דער יידישער ליטעראַטור אין אייראָפּע.

ניט אַלע דיכטער קענען צוגעשריבן ווערן צו אַ באַשטימטער ריכ־טונג אָדער גרופּע, אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין זשור־נאַלן פון געוויסע גרופּעס אָדער ריכטונגען. אינעם עלטערן דור, צום ביישפּיל, זיינען אַזעלכע דיכטער געווען יהואש, א. ליעסין. פון דעם יונגערן דור, למשל, זיינען ניט אידענטיפיצירט מיט וועלכער עס איז גרופּע אָדער ריכטונג ה. אַקערמאַן, אליעזר גרינבערג, זעליג דאָרפמאַן, קלמן הייזלער, אברהם טווערסקי אָדער אַלעף כץ.

אברהם רייזען, דער יידישער וועלט־פּאָעט, האָט אַלע מאָל דער־מוטיקט און ווי אַן עלטערער חבר געהאָלפן נייע דיכטער.

די „יונגע" זיינען געווען פון די ערשטע צו לייטערן די שפּראַך פון יידישן ליד און צו באַרייכערן זי מיט אַזעלכע ניואַנסן דורך וועלכע עס זאָל מעגלעך זיין צו געבן אויסדרוק די סאַמע איידלסטע רעגונגען פון דער דיכטערישער זעל. די „אינזיכיסטן", ווידער, האָבן דעם יידישן ליד געגעבן נייע, פרייערע פאָרמען און באַרייכערט דעם מאָטיוון־אוצר פון אונדזער פּאָעזיע. אָבער די דערמאָנטע דערגרייכונגען זיינען ניט דער אויסשליסלעכער אויפטו פון די „יונגע" אָדער פון די „אינזיכיסטן". פיל פּאָעטן, וואָס זיינען געקומען פאַר זיי, מיט זיי און נאָך זיי, האָבן געהאַט זייער חלק אין דערפירן די יידישע וואָרט־קונסט צו שלמות. *) די נייע יידישע סאָציאַלע דיכטונג, האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ סך פריער ווי ס'איז אויפגעקומען די ריכטונג „פּראָלעטאַרישע ליטעראַ־טור".

די „המשך"־אַנטאָלאָגיע הויבט זיך אָן אויף דער שוועל פון דער תקופה, וואָס אין איר זיינען אויפגעקומען די ריכטונג „אינזיך" און די גרופּע „פעדער". זי ווערט געעפנט מיט לידער פון די דיכטער, וואָס געהערן צו איינער פוןביידע גרופּירונגען אָדער זיי האָבן אָנגעהויבן איטלעכער זיין פּאָעטישע טעטיקייט ווען די צוויי דערמאָנטע גרופּעס האָבן זיך גענומען אויסקריסטאַליזירן.

אַ סך פון די דיכטער, וואָס זיינען רעפּרעזענטירט אין דעם באַנד, האָבן דורכגעמאַכט זייער קינדהייט בעת דער פריערדיקער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע און אין צייטן פון רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען. די דאָזי־קע קינדהייט־איבערלעבענישן האָבן געלייגט אַ חותם אויף זייער דיכ־טונג — ווי דאָס איז קענטיק פון אַ צאָל לידער אין דעמדאָזיקן באַנד. כמעט אַלע פּאָרטראָטענע דיכטער האָבן אין זייערע לידער קינסטלעריש

---

* די דאָזיקע באַהויפּטונגען וועלן באַוויזן ווערן דורך מוסטערן אין דער אַנטאָלאָגיע, וואָס וועט אַרומנעמען די דיכטער פון די גרופּעס „יונגע" און „אין זיך".

רעאַגירט אויף דעם איצטיקן יידישן בראַך. פון די זעלביקע לידער שטראַלט אויך מיט בטחון אין אַ ליכטיקער יידישער צוקונפט.

פיר פון די דיכטער אין דער „המשך"-אַנטאָלאָגיע זיינען ממשיך די צוויי־שפּראַכיקע טראַדיציע אין אונדזער ליטעראַטור. זיי זיינען די יידיש־העברייאישע פּאָעטן אברהם טווערסקי, גבריאל פּרייל, אברהם רעגעלסאָן און צבי שטאָק.

דריי פון די רעפּרעזענטירטע אין דער אַנטאָלאָגיע זיינען געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. דאָס זיינען די דיכטערנס כייקע אייבלסאָן, ר. ז. ליליען און כאַסיע קופּערמאַן. אַנדערע זיינען געקומען אַהער אויף דער שוועל צווישן קינדהייט און יוגנט און זיי זיינען פּאַקטיש דערצויגן געוואָרן דאָ אין לאַנד. דאָס ווייזט אונדז, אַז ווען דער היגער יידישער חינוך, — אין אַלע זיינע ריכטונגען און פאָרמען — זאָל געווען שלאָגן טיפערע וואָרצלען און אַרומנעמען ברייטערע קרייזן, וואָלטן מיר איצט געהאַט אין די פאַרייניקטע שטאַטן ניט בלויז אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער־געבוירענע און אין אַמעריקע־דערצויגענע יידישע שריפטשטעלער, נאָר עס וואָלטן אויך געווען נייע יידישע לייענער, וואָס זאָלן קענען געניסן פון זייערע שאַפונגען.

זאָל די „המשך־אַנטאָלאָגיע" סימבאָליזירן די מאָנונג צו פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן די באַזע פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע, כדי איר המשך זאָל געזיכערט ווערן.

מ ש ה   ש ט אַ ר ק מ אַ ן.

יאַנואַר 1945.

בוך איינס: אויפן שוועל

לוי גאָלדבערג
יעקב גלאַטשטיין
נ. ב. מינקאָוו
משה שיפּריס
אַלעף כּץ

לוי גאָלדבערג

זון פון אליהו גילדענבערג; געב. 15טן אויגוסט, 1893 (תשעד באב), מינסק, ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר ביז עלף יאָר, און דערנאָך ביים פאָטער, וואָס איז פריער געווען אַ הויז־לערער. צוויי יאָר געלערנט אין אַ רוסישער פאָלקסשול. 1909 געקומען קיין אַמעריקע. זינט 1918 זיך באַטייליקט: פראָגרעס, קונדס, פרייע ארבעטער שטימע, מילערס וואָכנשריפט, אָנהויב, פעדער, קינדער־זשורנאַל, שיקאַגע, קולטור, צוקונפט, אונדזער פאָלק, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, ניי־יידיש, וואָך, יידיש; אויפקום, שריפטן, המשך. רעדאַקטירט פעדער נומ. 2, 1923 (אינײנעם מיט י. ל. קאַלושינער און משה שיפּריס). אין בוכפאָרם: „לידער און באַלאַדן", פאַרלאַג „היים", ווין, 1923, 112 זייטן; „נאָענטע", פאַרלאַג „היים", 1932, 96 זייטן.

א. אינזיכניק [הערמאַן גאָלד]: צווישן ביכער און שרייבער — „אונדזער פאָלק", אפּריל 29, 1932.

ל. ע. אַלעגוריער: לוי גאָלדבערג — „דער פאַמיליען פריינט", לאָנדאָן, 1923.

יעקב באַטאַשאַנסקי: לוי גאָלדבערג — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 22, 1932.

לוי גאָלדבערג

יעקב באטאשאנסקי: לוי גאָלדבערגס נייע לידער — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאי 15, 1932.

יעקב באטאשאנסקי: לוי גאָלדבערג איז געקומען אויף א פּלאַץ, ווייל קיינער האָט אים קיין וועג ניט געוויזן — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאי 29, 1932.

יעקב באטאשאנסקי: פאראן המשך אין די זאמלביכער 'המשך' — „די פרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 24, 1940.

ל. באיאן: המשך, צווײ — „די שטימע" (מעקסיקא), מערץ 15, 1941.

בן קלמן (אברהם רייזען): לוי גאָלדבערגס לידער און באַלאַדן — „נײַ־יידיש", 1923.

י. ר. ברינמאַן: לוי גאָלדבערג — „אויפגאנג" (מ. סיגעט), נום. 6, 1933.

ב. צ. גאָלדבערג: צופרי דערשינענע ביכער — „פעדער", 1924.

ב. גראַבאַרד: א פּערטל יאָרהונדערט, 1935, נ. י.

ר. גראַנאַווסקי: לוי גאָלדבערג — „אונדזער פאָלק", יוני 25, 1932.

אליעזר גרינבערג: לוי גאָלדבערג — „אויפקום", אויגוסט 1932.

א. ח. העלער: לוי גאָלדבערג — „פעדער", אָקט. 1922.

משה וויטיעס: לוי גאָלדבערג — „פרייע ארבעטער שטימע", אָקט. 22, 1943.

פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מארגן־זשורנאַל", 1923.

פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מארגן־זשורנאַל", מאי 15, 1932.

ש. ד. זינגער: לוי גאָלדבערג — „יידיש", דעצ. 30, 1932.

א. טאַבאַטשניק: לוי גאָלדבערגס 'נאָענטע' לידער — „צוקונפט", נאָוו. 1932.

אלעף בין: „נאָענטע" לידער — „ייטא"־ארטיקל געדרוקט אין דער יידישער פּראָווינץ־פּרעסע, מאי 1932.

י. ליבמאַן: די שמחה פון אן אויסגעגעבן קינד — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", נאָוו. 19, 1943.

ה. לייוויק: ביים ליטעראַרישן טיש — „יידיש", נומער 1, 1932.

דער לעבעדיקער: וועגן נאָענטע לידער פון לוי גאָלדבערג — „יידישער קעמפער", יוני 10, 1932.

א. לעיעלעס: דאָס ליד פון חודש — „אינזיך", מערץ 1935.

שאול מאַלץ: לוי גאָלדבערג, דער דיכטער פון שטילן ליד — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", דעצ. 15, 1943.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאַל", נאָוו. 6, 1940.

ש. ניגער: וועגן איגנאַטאָווס שריפטן, באַנד 9־8 — „צוקונפט" 1926.

ש. נ. (ש. ניגער): לוי גאָלדבערגס „לידער און באַלאַדן", — דאָס נייע לעבן, נומער 9, 1923.

ש. ניגער: צווייטער זאמלבוך 'המשך' — „טאָג", נאָוו. 17, 1940.

י. י. סיגאַל: נאָענטע — „קענעדער אדלער" (מאָנטרעאַל), דעצ. 4, 1932.

מאַקס קאַהן: געלייטערטע פּשטות — „אונדזער פאָלק", אפּריל 8, 1932.

י. ל. קאַלושינער: לידער און באַלאַדן — „פעדער", יאַנואַר 1924.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אנטאָלאָגיע. 1943.

א. ר. (אַברהם ריינוויין): לידער פון אומעט — „יידישער זשורנאַל" (טאָ־ראָנטאָ), 1923.

י. ה. ראַדאָשיצקי: לוי גאָלדבערגס בוך נאָענטע — „דער שפּיגל" (בוענאָס־איירעס), יאַנואַר 16, 1932.

מלך ראַוויטש: גוטע לידער אויף נאָך בעסערע טעמעס — „וואָכנשריפט" (וואַרשע), נומער 25, 1932.

אברהם רייזען: 'נאָענטע' פון לוי גאָלדבערג — „פעדער", מאַי 1932.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — ערשטער באַנד, ווילנע, 1938. זז. 480—481.

רעגידעבעל (דער לעבעדיקער): אַן אָרנטלעכער דיכטער — „קונדס", 1923.

אַנאָנים: לידער און באַלאַדן — „דאָס יידישע לעבן (לאָנדאָן), 1923.

. . . ער איז פון די איינצלנע, וועלכע קענען נאָך אומגיין שטיל איבער רוישיקע גאַסן.

ער איז פון די יחידים, פון די געציילטע אָרנטלעכע דיכטערישע נשמות, וועלכע וועלן אייביק זיין גוט ביי יעדער אָרדענונג . . . אַ וועלט וועט זיך דרייען, קערן, מעכאַניזירן, מענטשען וועלן זיך טומלען און פאַרטומלען מיט אַלערליי גרויסע פראַגן און פּראָבלעמען, נאָר אַלע מאָל וועט זיך געפונען אַזאַ לוי גאָלדבערג וואָס וועט אומגיין אין מיטן אַן איבערקערעניש, און בענקען און אויסבענקען זיין שטיל ליד . . . איך האָב ליב דעם דיכטער . . . עס איז אַ דיכטער וואָס שרייט ניט ווען אַלע שרייען, לויפט ניט ווען אַלע לויפן, עס איז אַ דיכטער וואָס גייט זיך אַליין זיין וועג, זיין אומעטיקן וועג, זיין מענטשלעכן וועג. פרום (אין דיכטערישן זין) גייט ער . . . שטיל, קליינשטעטלדיק . . . אָבער אַזוי איינפאַך און ליב . . .

לוי גאָלדבערג האָט אָבער, חוץ דאָס אויפריכטיקע וואָרט, אויך פאָרם. ער קען די קונסט פון דיכטן, כאָטש ער פלייסט זיך עס נישט צו באַווייזן. די קונסט פון שרייבן גייט ביי אים נאָך נאָכן געפיל. אַפריער קומט דאָס געפיל — און נאָכדעם די קונסט פון שרייבן . . . אַנשטאָט וואָס ביי אַ סך דיכטער גייט עס פאַרקערט . . .

(דער לעבעדיקער: וואָס איך לייען (וועגן „נאָענטע" לידער פון לוי גאָלדבערג—„יידישער קעמפער", יוני 15, 1932).

לוי גאָלדבערג

קאַמערויקע

א.

פון מיין שטאָט אַ הינטער־גאַס מיט אָרעם לעבן,
רוי און ניט־ברוקירט ביזן וואַלד אַוועק.
צוויי שורות הייזלעך ביי די זייטן:—
ווי קברים.
זון, פון אַלע זייטן,
וואַרעמט דאָ.
נאַכט, לויכט דאָ מיט לבנה און פאַנאַרן.
בית־עלמין גאַס ליגט ווייט, —
נאָר אָונט־צייט,
נעמט איר שטילקייט זיך אַהער
אַריבער שאַרן.

ב.

ריי נאָך ריי,
אַ געפאָרעריי
פון פויערישע וועגענער.
אַ רעדלען פון רעדער אויף
ווי אויף ווייכן טייג. בלאָטע
פערד שלעפּן מיד,
בלאָטע ציט זיי צו זיך,
ווי אַ שד פון דער ערד.

ג.

יעדער תושב —
אַ שותף צום טרויער.
מיט אייגנשאַפטן פון טאַטע־מאַמע
גייט טרויער — בלינדע ירושה
איבער צו קינדער.
דורות שטויסן
דורות, צום גרוב.
ווי אַ שילד צום דרויסן —
דער טרויער אויף יעדער שטוב.

ד.

בערגלעך און גריבער.
צוויי שולן, אַ רב און זקנים.
אַ לויה:
אין גאַס, און אין שטיבער, אַ כליפּן.
יללות.
אַ ברעכן די פינגער.
קינדער מיט פּיסלעך צעדרייטע,
זאַפּן ווי שוואָמען אַריין, שרעק פאַר די טויטע.

ה.

אַ קינפּעט —
אַ יום־טוב פֿאַר געבויגענע באָבעס.
אַ מיידל! — — — —
דעם טאַטן רויעט פֿאַרדרוס, ווי אַ וואָרעם,
דער מאַמעס האַרץ קלעמט מיט באַדויער.
זאָגט אָן די באָבע. אַ יינגל!
איז אויך אַ טרויער.
בראַנפֿן און לעקאַך,
פֿאַרן רב, שמש און שכנים.
דעם מוהל — זיין מקח.
קאַלט איז דער בליק פֿון טאַטן צום קינד.
ס'קינד זאַפּט עס איין מיט אַ מורא.
וואַקסט עס, איין מרה שחורה,
און צערט —
מאַמעס טעג און נעכט.

ו.

די שטוב: — אַן אויוון און אַ קאַמער,
אַ בעט, אַ קאַנאַפּע, אַ טיש, און בענקלעך,
אַ זייגער, מיט וואָג אויף קייטן,
וואָס שלאָגט די שעהן, קרענקלעך.
טאַטע־מאַמע, אַ ברודער, און אַ שוועסטער.
אַ פרעמד פֿאַר פֿאָלק, מיט נויט אין קאַמער.

ער — אַ שוסטער, קלאַפּט ער טרויער מיט זיין האַמער.
זי — מעוברת, טראָגט מיט טרויער
סודות צו מיין מאַמעס אויער.
מאַמע זאָרגט אין שווייגן, טרויער
אויף מיין שוועסטערס מזל.
שוועסטערס אויגן: —
טרויער פֿון איר לעבן.
ברודערס ווערטער: —
טרויער נאָך אַ חלום.

טאַטנס אומעט: —
טרויער נאָך חיונה.
איך — אַ ייִנגל, צווישן זיי פאַרקלעמט,
ווי אַן אורח אין דער פרעמד.

ז.

דאָ אין פרעמדקייט,
לייזט זיך אויף דאָס רעטעניש פון מיין טרויער.
ס'איז ניט די פרעמדע היים אָט דאָ.
ס'איז ניט די שעה
וואָס דערמאָנט מיך —
מאַמעס טויט.
טאַטנס טויט.
אַלע שטאַרבן!
איך בין אַ יורש פון קאַמערויקע
איך טראָג איר טרויער —
דאָ,
אין רעש
פון ניו־יאָרק.

קדיש

דאָס שחרית דאַוונען נעענטערט זיך צום סוף.
צווישן אַלעמען — איינאונאיינציק, פרעמד,
איז גרייט דער ייִנגל, מיט זיין האַרץ וואָס קלעמט,
צו זאָגן קדיש,
פאַר דער
וואָס לעבט ניט מער.

ביי די שטענדער — תפילהדיקער מורמל.
טליתימדיקע רוקנס — ווי געשפּענסטער.
אויגן קוקן ניט אין ליכט פון פענצטער,
(די גאַס שרייט איבעווייניק אַריין מיט שפּאָט).
אויגן טוקן זיך אין ליכט פון גאָט.

אָ צוויי דריי שפּאַן פון ארון־קודש —
דער ייִנגל גליווערט מיט די רייד פון קדיש.

קעגן אים
די לייבן, ווי צוויי שטומע עדות,
אָנגעלאָפּענע, פון פרעמדע לענדער.
אַרום אים,
פון אַלע רייענדיקע שטענדער,
אַ געלויף פון אַריבעריאָגנדיקע קולות —
אָמן יהוא שמה רבאָ.

דער יינגל וויגט זיך,
גייט אויס די לעצטע טריט,
הערט זיין אייגן אָטעם ניט.

אינדערמיט

צי שפּיל איך, צי לעב איך איבער דאָס וועזן פון טאָטן,
בעת איך גיי מיט מיינע קינדערלעך אין דער גאַס,
(צוויי קליינע קינדערלעך, וואָס גרייכן ביי מיינע היפּטן) —
איך ווייס ניט. מיינע אויגן צאָלן מיט ליבשאַפט. מיין
האַרץ זעטיקט מיט ליבע־רייד זייער מאָגנען;
אָפט דוכט מיך, איך חזר איבער רייד פון הייליקע שריפטן.

שפּאַציר איך אין אַ פרייע שעה, — גייען רעכטס און לינקס
מיינע קינדערלעך, זיי פרעגן וואָס. — קוואַליקע רייד
ביי אָפּגעפרישט, בידערט מיט קלאַנג צו זיי, ווי אַ זמר.
צי וויל איך עס? צי שפּיל איך עס? איך ווייס ניט. איך
אין דערמיט פון מיינע קינדערלעך בין אַ וואַסערטרעגער,
וואָס טראָגט אויף אַ קאָראָמעסל צוויי פולע עמער.

יאָגד

מיט פאַרטאָגיקע טריט
גיי איך אויף יאָגד
אין שטאָטישן וואַלד,
און נישטער געהיים,
און נישטער געניט,
ביז איך ברענג, מיין געהאַלט,
אַהיים,

אַ דערשאָסענעם טאָג.
נעמט אים מיט פרייד
מיין ווייב, אויפן וואָג
פון איר בויט,
צעטיילט אים: —
אין פלייש, און אין ברויט,
אין שוך, און אין קלייד,
פאַר איר, און פאַר מיר,

און פאַר די קינדער, —
(ווי זי זאָגט), פון לעבן דער ציר.
און נאָכדעם פאַרבעט זי צו גאַסט
דעם שלאָף, וואָס וואַרט
אַהינטערן טיר.
שלאָפן רואיק, און געשמאַק,
אַ משפחה פון פיר.
און אַז מיין ביקס איז ניט פלינק,
(ניט אַלעמאָל געלינגט)
און פון מיין שאָס, —
דער טאָג אַנטלויפט
ווי אַ דערשראָקענער האָז,
קום איך אַהיים
אינגאַנצן צעשרויפט.
אַהיים, אָן אַ טאָג.
וויינען פאַרקלעמט
פון מיין ווייב די הענט,
וואָס זי קען ניט צעטיילן
אויף דער וואָג
פון איר נויט,
אין פלייש, און אין ברויט,
אין שוך, און אין קלייד,
דעם טאָג,
וואָס איז פוקס און פיקס
אַנטלאָפן פון מיין
אומגעלומפּערטער ביקס.
בלייבט דער גאַסט, דער שלאָף
שוין אַהינטערן טיר
און ס'קענען ניט שלאָפן
די משפחה פון פיר.

אין אַ נעגער־קוואַרטאַל

א.

זון, האָט צעשמאָלצענעם קופער, —
אַרויפגעגאָסן אויף פנימער, און לייבער.
איז געוואָרן
נעגער מענער,
נעגער ווייבער,
און נעגער קינדער.
בלינדער צופאַל
האָט זיי אַריינגעטריבן אין אַלטע הייזער,
קרומע, אָפּגעלאָזענע.
שטייען זיי, פאַר דער שטאָט ווי בעטלער.
געטוליעטע,
מיט בלינדע פענצטער.

ב.

ווי פליאָמעס
אויפן ליכטיקן דרויסן
זיצן ביי די שוועלן, נעגערישע מאַמעס
מיט עופהלעך אויף די שויסן.

(אָפּענע יאַקלעך ווייזן בריסט,
וואָס באַקן זיך אויף דער זון,
ווי קאָרענע ברויטלעך.)
ס'זיצן נעגערינס באָבעס,
ביי אָפּגעניצעוועטע קינדער־וויגעלעך.
וויגן, און פאַרוויגן זיך,
מיט אַ קוויטשענדיקן, פּלאָפּלענדיקן פאַרגעניגן.
נעגער יינגלעך,
מיט די קרומע פיסלעך,
הענגען זיך אויף פּלויטן,
שפּרינגען פון די הויטן,
שוואַרצע אַפּלען, וואַרפן פּיילנבויגנס.

ג.

ביי די טירן
פון די שטויביקע קאָרידאָרן,
שווייגן נאָר
די נעגער־מיידלעך אין די קינדער יאָרן.
דינקייט, —
ציט זיך פון די אַקסלען.
בענקשאַפט, —
בלוטיקט אין די ווייסלען.

ד.

ביי אַ ראָג,
צי ביי אַ קרעמל
נעגער יונגען שטייען ליידיקע —
בילדן אַ געזעמל.
פוילקייט
אויסגעזעצט, אויף הוילקייט
פון זייער גבורה.
אַלע פּנימער — איין צורה,
אַלע ליפּן
זיפּן
דאָ געלעכטער, דאָ געשריי,
ביז דער טאָג,
ראָלט זיך ווי אַ ראָד אַוועק פון זיי.

ה.

נעגער־זונות,
ביי טומאַנע שויבן
גנבענען שטיקער גאַס —
דורך צוגעמאַכטע לאָדן. —
רייצן ווייסע דורכגייער —

ריידן מיט די אַפּלען . . .
— — — — — — —
ווייסע,
מיט תאוהדיקע מינעס,
טרעטן דאָ, —
ווי אויף שפּרונגדזינעס.

ו.

אַרויס —
פון אַן אָפענעם פענצטער
אויף אַ לאַנגן האַלדז,
אַ ברוינער זקן־קאָפּ —
ווי אויף אַ וואַנט פון אַ ביליקן שענק
אַ טויטער הירשן־קאָפּ, — קוקט אַראָפּ,
שווייגט.
און בענקט.

אַ ליד אַ למד וואָוו

(באַלאַדע)

אין דעם קוועלנדן האַרץ פון אַ דיקטערס געמיט,
האָט אַ ליד פון יושר זיך געוועקט פונעם שלאָף.
האָט גלייך אין געדאַנק ביי אים, העל זיך צעבליט
אַ געשטאַלט, וואָס דאַרף גיין אין די לויטערע טריט
פון די הייליקע: — אַ ליד אַ למד וואָוו.

האָט דעם דיכטער אין שאַפן באַנומען אַ פרייד
אַ געבענטשטע אַזאַ — זכות אים באַשערט.
האָט ער מיט וואָרט עס באַשיידן באַקליידט;
אַ שמייכל אין אויג און זיב־רייכע רייד
און געשיקט עס אין שליחות: טאָן גוטס אויף דער ערד.

טראָגט דאָס ליד למד וואָוו די מיסיע פון „אים"
איבער שוועל פון אָרעמאַן, איבער שוועל פון גביר, —
צו לייטערן שלעכטס, מיט טרייסטונג אין שטים;

נאָר נאַקעטער וואָרט לאָזט ניט ווערן אינטים —
פאַרלאַכט למד וואָוון, דער לעבנס־וויבריר.

אַז אַזוי איז באַשערט — טראַכט דאָס ליד — למד וואָוו —
וועל איך ציען עקשנותדיק ווייטער מיין טראָט,
ביז וואַנען כ׳וועל דערזען פון רשעות דעם סוף.
ער גייט איבער וועגן — אַ נאַכט גיט אים שלאָף —
אים וועקט אין דער פרי אויף, די בענטשונג פון גאָט.

און אַזוי ווי ער גייט מיט דעם זין פון זיין מיין,
דעמערט דער טאָג און פאַרבט האָריזאָנט.
אויף אַ פעלדיקן וועג, וואו ער טרעט דוכט אַליין,
דערהערט ער אַ טענער־געשפּיל, ווי געוויין. —
און אַ ליכט אין אַ שויב, אָן נאַכט אים דערמאָנט.

ער ציילט זיינע טריט מיט יעדן שלאָג אין זיין ברוסט.
יעדער שפּאַן ציט אים צו צו אַ שוועל פון אַ הויז.
— קליפּ־קלאַפּ, און אַריין. אין אַ שטוב וואָס איז פּוסט
פון חפצים, וואָס זיינען בלויז רייכע באַוואוסט.
זיצט אַ מענטש אין געבוירן פון קלאַנגען געריוש.

זאָגט דער מענטש צו דעם גאַסט: „זעץ זיך צו ביי מיין טיש,
כ׳האָב וואַסער און ברויט, און אַ ניגון אין מיר,
נאָר ס׳פעלט מיר דאָס וואָרט פאַרן קלאַנג פון קלאַוויש —
כ׳טראָג צער אין מיין האַרץ, און אַ וואָג אויף די פּיס.
זאָג פרעמדער, וואָס קען איך דאָ טאָן איצט פאַר דיר!"

האָט למד וואָוו זיך דערפרייט, און געטרייסט אויפן אָרט
דעם מענטשן, מיט העל־זען פון הייליקע רייד . . .
האָבן באַלד די קלאַווישן זיך צעטאַנצט נאָכן וואָרט
און ס׳האָט זיך דער זין מיטן ניגון געפּאָרט
אין אַ הימנע: מיט אחדות צו שמידן די קייט . . .

און וואונדער אין דעם: — איבער גאָר ווייטער וועלט,
האָט דער מענטש מיט דער בייטש, איבער מענטש אין רוטין, —
צוליב אָט דעם ניגון און ליד, אָפּגעשטעלט
דעם גאַנג פון דאָס בייז — די פאַרטיליקטע קעלט —
און לעבן האָט געיובלט מיט שיינקייט און זין.

איז געקומען דאָס ליד צוריק צום פּאָעט,
אין אַ נאַכט פון לבנה, און העל שטערן ליכט,
און געוועקט אים פון שלאָף: „שטיי אויף פּראָמפּעט!
איצט ביזטו אַ ליכט, וואָס יעדער דערזעט".

נאָר דער טויט האָט געשמייכלט אויף זיין בלייכן געזיכט.

באַלאַדע לוי

. . . און צייט האָט אַ געניץ געגעבן,
איז לוי געבאָרן געוואָרן.
וויל ער מיט לידער אין לעבן
באַזיסן דעם צער פון די יאָרן.

ווייסט גאָט, ווי זיין לעבן גייט שווער אים,
ווי עס פּייניקט אים אָפּטער דער שטן,
ווי דורך אַלע געהיימע געדערים,
דורך ווייַ, זיין ליד ווערט געקנאָטן.

ווייסט גאָט זיין רחמים צו שונאים,
זיין שנאה צום העסלעכן ליגן.
וועט שעלטן אַ פיינד אים אין פּנים —
זיין שמייכל דעם סם וועט באַזיגן.

און חלומען קען ער, דער לוי:
פאַרוויגט ער זיין שלאָף מיט אַ זמר,
ביז ער פאַרבענקט זיך, אַזוי ווי
נאָך וואַסער דער דנאָ פון אַן עמער. —

גייט אויף, דורך גליאיקער בענקשאַפט,
מיט צייטיקן ברי צום געבערן —
אַ ביי ליד, פון אַ קוואַליקער ענגשאַפט,
און ס'לעבן נעמט שענער אים ווערן.

אויף אַש זיינע האָר נעמט שוין ברענען,
כאָטש ס'שטייט נאָך פון וויטן זיין עלטער.

און טיילמאָל, ניט זיך צו דערקענען, —
אים דוכט זיך, ער איז אַ פאַרשטעלטער.

אַ לאַסט־טרעגער פאַר זיין געזינדל,
אָן זיי — דורך רייך אַ באַנייטער,
דרייט אים דער שטאָטישער שווינדל
און שטופט זיין נשמה צום שייטער.

אָפּט טרעפט: ווען זיין וועלט איז צעריסן,
און אויף אים פאַלן צערפולע רגעס,
וויל לוי זיין לעבן פאַרשליסן,
ווי איינער וואָס שטאַרבט אונטערוועגנס.

מיידלעך־קדושות

93 תלמידות פון דער בנות־יעקב שול האָבן זיך פאַרסמט נאָכדעם ווי די נאַצים האָבן זיי געבראַכט אין אַ שאַנד־הויז. (פון די צייטונגען)

וועלט! אָט איז אַ בריוו געשריבן צו דיר
פון מיידלעך־קדושות. — ווי איז מיר!
וואָס האָבן אין וואַרשע, דורך גזר און קלעם,
זיך געכשרט פון טומאה, דורך קדוש־השם.
און איך, פון דיין ערד, אַ שטאָפּעט־פּאָעט,
טראָג דעם בריוול דיר אָפּ, פון זייער טויטן־בעט.

און אָט איז דער נוסח: — ס'האָבן געשטאָפּאָ־לייט
אַ שאַנד־הויז באַדאַרפט — אין משוגענער צייט —
פאַר דעם אַריער וואָס זיצט אויפן „איבער־מענטש" שטול
האָט מען אין געטאָ געשוואַרצט די בנות יעקב שול
און תלמידות פון פערצן יאָר, ביז צוואַנציק צוויי.
געדראָעט פון ביקס, האָבן געפורעמט אַ ריי.
ביז די ניינציק דריי, געהיט פון דער וואַך —
האָבן אין דעמער געטראָטן, דורך חיהשן לאַך.
און מאַמעס ביי פענצטער, און טאַטעס אין צער,
און עופהלעך, האָבן געוויינט אויף דעם גזר.

און אָט איז די גאַס, און אָט איז די שוועל,
און אָט איז די שטוב, וואָס דאַרף זיין אַ באָרדעל.

ל ו י   ג אָ ל ד ב ע ר ג

און טאָג האָט פון טרערן אַ טבילה געמאַכט,
געטובלט די מיידלעך, און רו זיי געבראַכט.
עס האָט זיי געהייליקט פון צניעות דער טאָט —
סם, וואָס זיי האָבן מיט זיך שוין געהאַט.

דאָס זאָגט אַלץ דער בריוו וואָס די עלטסטע פון זיי
האָט געשריבן צו דיר, וועלט! אין איר וויי.
און געענדיקט: גאָט איז נאָך אַלעס דאָ.
פאַר אַ נייעם בראשית רייפט זיך זיין שעה.

— — — — — — — — — — — —

ווי איז מיר! וואָס איך, אַ שטאָפּעט־פּאָעט,
דאַרף דיר ברענגען דעם געריס פון זייער טויטן־בעט.

פעברואַר, 1943.

יעקב גלאַטשטיין

זון פון יצחק ג.; געב. דעם 20טן אויגוסט, 1896, אין לובלין, אַמאָליקע רוסיש־פוילן. געלערנט אין חדר און אין בית־מדרש, און וועלטלעכע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע. אָנגעהויבן שרייבן צו אַכט יאָר. 1914 געקומען קיין אַמעריקע און אין דעמזעלבן יאָר דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „פרייע אַרבעטער שטימע". שטודירט יוריספּרודענץ אין ניו־יאָרק יוניווערסיטי. 1919 דעביוטירט מיט לידער אין „פּאָעזיע". אינאיינעם מיט א. לעיעלעס און נ. ב. מינקאָוו געשאַפן די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג („אינזיכיזם") אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. זיך באַטייליקט אין קיבעצער, פרייע אַרבעטער שטימע, קונדס, שריפטן, זאַמלביכער, פריהייט, יידישער קעמפער, טאָג, גערעכטיגקייט, נייע וואַרהייט, אונדזער בוך, אויפקום, סביבה א. אנד. 1934 באַזוכט אייראָפּע. 1941 באַקומען דעם לאַמעד־פּרייז פאַר זיין פּראָזע־ווערק „ווען יאַש איז געקומען". איז דער רעדאַקטאָר פון נייעס־אָפּטייל פון „מאָרגן־זשורנאַל". שרייבט אַ וועכנטלעכן אַרטיקל א"ט „פּראָסט און פּשוט". האָט רע־

יעקב גלאַטשטיין

דאָקטירט: „אין זיך" אַנטאָלאָגיע און „אינזיך"־זשורנאַל, 1920 (אי־ ניינעם מיט א. לעיעלעס און נ. ב. מינקאָוו); „לאָגלען", 1926 (אי־ ניינעם מיט מיכל ליכט); „אינזיך", 1928־1929; „אינזיך", 1934־ 1938 (אין פיר־חדשימדיקע פעריאָדן, איניינעם מיט ב. אַלקוויט, י. א. וויסמאַן און א. לעיעלעס). אין בוכפאָרם: „יעקב גלאַטשטיין", פאַרלאַג „קולטור", 1921, 80 זייטן; „פרייע פערזן", פאַרלאַג „גראַ־ האַר־סטאַדאָלסקי", 1926, 88 זייטן; „קרעדאָס", פאַרלאַג „יידיש לעבן", 1929, 96 זייטן; „די פורים־גוואַרדיע", 1931, 16 זייטן; „יידיש טייטשן", פאַרלאַג „בזשאָזאַ", וואַרשע, 1937, 112 זייטן; „ווען יאַש איז געפאָרן", פאַרלאַג „אינזיך", 1938, 240 זייטן; „עמיל און קאַרל", פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, 1940, 171 זייטן; „ווען יאַש איז געקומען", פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, 1940, 304 זייטן; „געדענקלידער", פאַרלאַג „יידישער קעמפער", 1943, 86 זייטן. „יאָסל לאָקש פון כעלם", מוזיק: הענעך קאָן, בילדער: יצחק ליכטענשטיין. פאַרלאַג „מחמדים", 1944, 48 זייטן.

די גלאַטשטיין־ביבליאָגראַפיע באַשטייט פון הונדערטער נומערן. מיר פאַר־ עפנטלעכן דאַ בלויז אַ פראַגמענט פון איר.

(אנאנים): צי מעג מען פארשעלטן א גאנץ פאלק? — „יידישע צייטונג" (בוע־ נאָס־איירעס), מערץ 8, 1940.

נ. אויסלענדער: י. גלאַטשטיין: „לידער" — „שטראָם" (מאָסקווע), נום. 5—6, 1924.

אפרים אויערבאַך: יעקב גלאַטשטיינס „יידישטייטשן" — „פראָלעטאַרישער געדאַנק", סעפט. 1, 1937.

אפרים אויערבאַך: יעקב גלאַטשטיינס „געדענקלידער" — „סביבה", נום. 4, 1943.

מענדל דוד אייגענבראַט: בריוו אין דער רעדאַקציע — „יידישער קעמפער", נאָוו. 13, 1942.

„דער אילפיג" — י. ל. פרץ יוגנט קלוב, פילאַדעלפיע, יאַנ. 1943 (ספע־ ציעלער גלאַטשטיין־נומער).

ב. א—ט [אַלקוויט] : רעפלעקסיעס: סטאַנציע לובלין — „אינזיך", דעצ. 1937.

י. אלימלך: צוריק אין געטאָ — „היינט" (וואַרשע), דעצ. 2, 1938.

א. אַלמי: און אַז יאַש איז אויפן ים געפאָרן — „פרייע אַרבעטער שטימע", אַפּריל 8, 1938.

ב. אַלקוויט: יעקב גלאַטשטיינס ניי בוך „ווען יאַש איז געפאָרן" — „אינזיך", מאַי 1938.

א. אַפּשטיין: מקרוב ומרחוק — „אוהל", תש"ד, עמ' 208—216; 233—236.

יעקב באַטאַשאַנסקי: יעקב גלאַטשטיינס „יידישטייטשן" — „פרעסע" (בוענאָס־ איירעס), נאָוו. 18, 1936.

יעקב באַטאַשאַנסקי: אין לויף פון טאָג — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), פעב. 5, 1938.

יעקב באַטאַשאַנסקי: יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאַש איז געפאָרן" — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), אַפּריל 13, 1938.

המשך־אנטאלאגיע (1918—1943)

יעקב באטאשאנסקי: „טרייסט מיין פאלק" — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), נאוו. 14, 1938.

יעקב באטאשאנסקי: יעקב גלאטשטיינס „ווען יאש איז געקומען" — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), יולי 16, 1941.

יעקב באטאשאנסקי: אין מדבר בליט א מאנדלשטעקן — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), סעפט. 15, 22, 1943.

יעקב באטאשאנסקי: נעם א פנקס און פארשרייב — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), אקט. 11, 1943.

ל. באיאן: דאס בוך פון אונדזער צייט — „די שטימע" (מעקסיקא), אפריל 13, 1940.

מ. באסין: אמעריקאנער יידישע פאעזיע — אנטאלאגיע (ניו־יארק), 1940, זז. 529—550.

י. באשעוויס: יעקב גלאטשטיין: „ווען יאש איז געפארן" — „צוקונפט", מערץ 1939.

י. באשעוויס: יעקב גלאטשטיין: עמיל און קארל — „צוקונפט", אפריל 1940.

אברהם ביק: דאס בליענדיק יידיש ווארט — „פרייע ארבעטער שטימע", יולי 2, 1943.

שלמה ביקל: אינזיך און ארומזיך — פארלאג „שלום־עליכם", בוקארעשט, 1936, זז. 158—169.

דר. שלמה ביקל: מענטשן דארפן זיך ניט פארביטערן דאס לעבן מיט דער זארג פארן טויט — „טאג", אפריל 6, 1941. (איבערגעדרוקט אין בוך „דעטאלן און סך־הכלען", ניו־יארק, 1943, זז. 85—87; זע אויך דארט, זז. 198—199).

מ. בן־אליעזר: בשעת קריאה — „העולם" (ירושלים), 11 במרץ, 1943.

יחזקאל א. מ. בראנשטיין: אימפרעסיעס פון א לייענער — פארלאג צעשינסקי, שיקאגע, 1941, זז. 87—93.

י. ר. ברינמאן: שרייבער און ביכער — „יידישער קוריער" (שיקאגע), יאנ. 1, 1939.

הערמאן גאלד: יעקב גלאטשטיין: „פרייע פערזן" — „אונדזער בוך" יולי־אויג. 1926.

הערמאן גאלד: דרייצן אמעריקאנער שרייבער — „אונדזער בוך", סעפט.־אקט. 1927.

א. גלאנץ: די נייסטע יידישע ליטעראטור אין אמעריקע — „טאג", נאוו. 23, 1924.

א. גלאנץ: די ליטערארישע פרעמיעס — „טאג", אקט. 5, 1941. (זע: א. לעיעלעס).

יעקב גלאנץ: א דיכטער אזא — „צייט" (מעקסיקא), נאוו. 7, 1936.

יעקב גלאנץ: א לעבעדיקע באשרייבונג פון טויט — „דער וועג" (מעקסיקא), יאנ. 15, 1938.

יעקב גלאנץ: מסעות יעקב גלאטשטיין — „דער וועג" (מעקסיקא), אפריל 23, 1938.

ב. גראבארד: יעקב גלאטשטיין — „פעדער", נומ. 3, 1921.

שלמה גראדזענסקי: נאטיצן ארום א טעמע אן א סוף — „יידישער קעמפער", אקט. 28, 1938.

יעקב גלאַטשטיין

י. ל. גרוזמאַן: אַ פּאָר ווערטער וועגן יעקב גלאַטשטיינס „געדענקלידער" — „שפּיגל" (בוענאָס-איירעס), יוני 23, 1943.

אליעזר גרינבערג: אויפן וועג צו יעקב גלאַטשטיינס פּראָזע — „יידישער קעמפּער", יוני 7, 1940.

חיים גרינבערג: בלעטלעך פון אַ טאָגבוך — „יידישער קעמפּער", מאַי 13, 1938.

מעם דאַלעד [מאַטעס דייטש]: יאָש — יעקב — „ליטעראַרישע זאַמלונגען" (שיקאַגע), 1943, זז. 97—119.

דברים בשם אומרם: שני אינטרנציונלים המכחישים זה את זה — „הארץ" (תל-אביב), ד' אדר, תרצ"ו.

משה דובאַווני: יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געקומען" — „קולטור און דערציאונג", מאַי 1941.

מאַטעס דייטש: יידנטומסאָפיע—„יידישער קוריער" (שיקאַגע), דעצ. 8, 1940.

מ. ל. האַלפּערן: דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין — „פרייהייט", יאַנ. 6, 1923.

פאַלק היילפּרין: הזרה אל הגיטו? — „דבר" (תל-אביב), מרץ 30, 1939.

משה וויטיעס: בראַצלאַווער אַלאַ גלאַטשטיין — „ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט", יאַנ. 30, 1942.

ז. וויינפּער: יעקב גלאַטשטיין — „אויפקום", דעצ. 1926.

ז. וויינפּער: יידישע שריפטשטעלער — ניו-יאָרק, 1933, ז. 60 א"וו.

י. א. וייסמאַן: דאָס וואָרט און דאָס ליד — „עפּאָכע", נאָוו.-דעצ. 1943.

א. וועוויאָרקע: באַגראָבט מיך — אַט איז אונדזער פּאַספּאָרט — „רויטע וועלט" (כאַרקאָוו), יולי 1929 (איבערגעדרוקט אין „פרייהייט", אויג. 5, 1929).

פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן-זשורנאַל", אויג. 21, 1921.

זלמן זילבערצווייג: לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער. 3טער באַנד. — טעאַטער-העפטן 5, 1944. זז. 1753—1754.

ש. ד. זינגער: נייע יידישע לידער — „יידישער קעמפּער", מערץ 4, 1938.

ש. ד. זינגער: יעקב גלאַטשטיינס נייער פּראָזע-נוסח — „פרייע אַרבעטער שטימע", יאַנ. 17, 1941.

דר. ל. זשיטניצקי: אַ דיכטער דערציילט זיין לעבן — „פּרעסע" (בוענאָס-איירעס), יאַנ. 4, 1939.

מ. י. חאַימאָוויטש: אַרום שרייבער — „פרייע אַרבעטער שטימע", פעב. 7, 1936.

א. ט. [טאַבאַטשניק]: נאָטיצן — „פּיילן", יוני 1928, ז. 31.

א. טאַבאַטשניק: נאָטיצן — „פּיילן", אָקט. 1928, זז. 17—23.

א. טאַבאַטשניק: יעקב גלאַטשטיינס יידישטייטשן — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), מאַי 28, 29, 30, 1939.

אברהם טייטעלבוים: יאָשס וואַנדערוועלט — „יידישער קעמפּער", נאָוו. 28, 1941.

י. ל. טעלער: אַ דיכטער, וואָס איז דערגאַנגען אַהיים — „יידישער קעמ-פּער", אויג. 6, 1937.

י. ל. טעלער: מסעות יעקב גלאַטשטיין — „יידישער קעמפּער", מאַי 13, 1938.

ש. טענענבוים: אַ בוך פון מייסטערלעכער פּראָזע — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מערץ 20, 1938.

ש. טענענבוים: די וועלט־טראַגעדיע דורך דער פּריזמע פון קינדער — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), יוני 23, 1940.

ש. טענענבוים: אַ פאַרשטעלונג פון מאַריאָנעטן — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מערץ 23, 1941.

ש. טענענבוים: גלענצנדע וואָרטוואַזישקייט — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מאַי 30, 1943.

מרדכי יאַפע: רינגען אין דער קייט — ניו־יאָרק, 1939, זז. 179—200.

ש. יודסאָן: „וועז יאַש איז געפאָרן" — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 18, 1938.

מרדכי יפה: ספר מסעות חדש — „הדואר", יוני 17, 1938.

י. יציב: שירי זכרון — „דבר" (תל־אביב), סעפט. 24, 1943.

מ. ירדני: וואָרט און קלאַנג — „טאָג", אַפּריל 9, 1944.

אלעף כ״ז: שנעלשטריכן — יידישטייטשן — 31־טער יאַנ., 1937. „ייטאָ"־אַרטיקל.

אלעף כ״ז: אַ נסיעה צווישן צוויי סמבטיונס — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), מאַי 30, 1938.

אלעף כ״ז: קינדער פון שטורעם — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), אַפּריל 14, 1940.

אלעף כ״ז: אַ בוך ווי אַ ניגון און ווי גוטער וויין — „יידישער זשורנאַל" (טאָראָנטאָ), פעב. 2, 1941.

משה כ״ז: נייע זשורנאַלן — „פרייהייט", נאָוו. 18, 1922.

משה כ״ז: נייע יידישע זשורנאַלן — „פרייהייט", יאַנ. 21, 1923.

משה כ״ז: מיליטאַנטישע רעאַקציע אונטער אַ מאַנטל פון דעגענערירטן פאָרמאַליזם — „סיגנאַל", אַפּריל, 1935.

משה כ״ז: געטאָ שטימונגען — „מאָרגן־פרייהייט", נאָוו. 27, 1938.

א. לאַזדייסקי: „געדענקלידער" — „דער וועג" (מעקסיקאָ), יוני 19, 1943.

חיים ליפשיץ: ספר מסעות — „הדואר", נאָוו. 7, 1941.

יוסף מ. לעווינסאָן: אויפבאַפּנדיק די פאַרגאַנגענהייט דורך דער קעגנוואָרט „קאַליפאָרניער יידישע שטימע" (לאָס־אַנדזשעלעס), מערץ 6, 1938.

א. לעיעלעס: יעקב גלאַטשטיינס נייע ווענדונג — „וואָר", דעצ. 13, 1929.

א. ל—ס (לעיעלעס): הינטער דער פּלייצע — „אינזיך", יולי, 1934.

א. לעיעלעס: דאָס ליד פון חודש — „אינזיך", אויג. 5, 1934.

א. לעיעלעס: „יידישטייטשן" — „אינזיך" נומ. 28, 1936 (זע: א. גלאַנץ).

אננא מאַרגאָלין: „דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע" (אַנטאָלאָגיע), ניו־יאָרק, 1923.

דר. ישראל וו. מאַרקוס: יידישע צייט־פּראָבלעמען — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), יאַנ. 14, 1936.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", יוני 8, 1938.

יעקב גלאַטשטיין

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, יוני 8, 1938.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, דעצ. 4, 1940.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, מאַי 6, 1942.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, אַפּריל 14, 1943. (איבערגעדרוקט אין יידיש־העברעאיש־ענגלישן „יארבוך“ פון יידישן ביכעראַט פון אַמעריקע, תש״ד, ז. 47).

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, אויג. 18, 1943.

נחמן מייזיל: דורות און תקופות אין דער יידישער ליטעראַטור — שרייבער־סעקציע ביים איקוף (ניו־יאָרק, 1942), זז. 17, 53.

ל. מלאך: יעקב גלאַטשטיינס „אני מאמינס“ פון פּאַרלייקענונג — „פּרייע אַרבעטער שטימע“, מערץ 28, 1930.

ראָבערט מעריסאָן: יעקב גלאַטשטיין — „די וואַגשאָל“ (וואַרשע).

ש. ניגער: שולע און טאַלאַנט — „טאָג“, דעצ. 4, 1921.

ש. ניגער: נאָך דאָ מענטשן אויף דער וועלט — „טאָג“, יוני 16, 1940.

ש. ניגער: פרייע פּראָזע — „טאָג“, יולי 12, 1941.

ש. ניגער: די ליטעראַרישע פּרעמיעס פון דעם לואיס לאַמעד פאָנד — „טאָג“, אָקט. 18, 1941.

ש. ניגער: יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942 — „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע“, יידן ג׳. דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ, 1942, ז. 167.

ש. ניגער: שלום אַשס נייע דערציילונג — „טאָג“, נאָוו. 15, 1942 (פּאָלעמיק מיט ג׳ן).

ש. ניגער: לייענענדיק יעקב גלאַטשטיינס לידער — „טאָג“, יוני 13; יוני 27, 1943.

ש. ניגער: הספרות האידית באמריקה — „אחיספר“, הוצאת קרן לואיס למד, תש״ד, עמ׳ 206—208.

י. י. סיגאַל: יעקב גלאַטשטיין — „קענעדער אָדלער“ (מאָנטרעאָל), יולי 5, 1943.

י. י. סיגאַל: יעקב גלאַטשטיינס נוסח — „קענעדער אָדלער“ (מאָנטרעאָל), אויג. 9, 1943.

יואל ענטין: יעקב גלאַטשטיין — „יידישער קעמפער“, יולי 7, 1939.

גבריאל פּרייל: לייענענדיק יעקב גלאַטשטיינס „ווען יאָש איז געפאָרן“ — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, סעפּט. 2, 1938.

ל. פיינבערג: יעקב גלאַטשטיין, דער נייער פּראָזע מייסטער — „יידישער קעמפער“, יאַנ. 17, 1941.

י. פישמאַן: פון טאָג צו טאָג — „מאָרגן־זשורנאַל“, אויג. 15, 1943.

לוי פרידמאַן: אין שטילן פאַרגיין — 1929, זז. 153—154.

וויליאַם צוקערמאַן: ליטעראַריש בילד פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט — „פרייע אַרבעטער שטימע“, דעצ. 6, 1941; יאַנ. 2, 9, 1942.

יאָסל קאָהן: אַ שפּאַרונג צום סטאַליניזם — „פרייע אַרבעטער שטימע“, סעפּט. 9, 1938.

ל. קוסמאַן: אַ פאַרמרעט וועגן יעקב גלאַטשטיין — „די אומרו“, 1933. ז. 42.

י. קיסין: אַ בוך לידער פון דער מלחמה און יידישן לעבן — „פאָרווערטס“, יולי 11, 1943.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה (אַנטאָלאָגיע) — 1944, זז. 106, 129, 157.

יוסף קליגמאַן: אַ געזאַנג צום אייגענעם קערפּער — „דאָס יידישע וואָרט“ (וויניפּעג), סעפּט. 23, 1927.

ל. קרישטאַל: צווישן אייגענע און פרעמדע — „פרייע אַרבעטער שטימע“, יולי 6, 1928.

הלל ראָגאָף: „עמיל און קאַרל“, אַ קורצער ראָמאַן — „פאָרווערטס“, אַפּריל 21, 1940.

הלל ראָגאָף: „וועז יאַש איז געקומען“ — „פאָרווערטס“, דעצ. 22, 1940.

הלל ראָגאָף: לידער פון דער מלחמה — „פאָרווערטס“, נאָוו. 7, 1943.

מלך ראַוויטש: אין זיך, אין זיך, אין זיך — „ביכערוועלט“ (וואַרשע), אויג. 1928.

מלך ראַוויטש: מיין לעקסיקאָן — „פּרעסע“ (בוענאָס־איירעס), יוני 22, 1938.

מלך ראַוויטש: צו אַלע און צו קיינעם — „פרייע אַרבעטער שטימע“, יוני 23, 1939.

מלך ראַוויטש: גוטע לידער אין שלעכטע צייטן — „דער וועג“ (מעקסיקאָ), יוני 29, 1940.

ש. ראָזענפעלד: ס'רעבטע וואָרט אין דער רעכטער צייט — „טאָג“, יאַנ. 2, 1936.

שמואל ראָזשאַנסקי: דער מאַנאָלאָג וועגן געטאָ — „יידישע צייטונג“ (בוע־נאָס־איירעס), מערץ 28, 1939.

שמואל ראָזשאַנסקי: יעקב גלאַטשטיין — „יידישע צייטונג“ (בוענאָס־איירעס), סעפּט. 8, 1940.

שבתי ראַפּאַפּאָרט: קינדער אונטער דער נאַציישער בייטש — „יידישער זשורנאַל“ (טאָראָנטאָ), נאָוו. 22, 1940.

ב. ריווקין: פינף דורות יידישע פּאָעטן אין איין קאָפּע — „פּעדער“, מערץ־אַפּריל, 1927.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פּעדער“, 1937.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פּעדער“, 1939.

ז. ר. [זלמן רייזען]: וואָר־איין, וואָר־אויס — „אונדזער טאָג“ (ווילנע), אַפּריל 21, 1939.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — ערשטער באַנד, ווילנע, 1928, זז. 584—585.

אברהם רעגעלסאָן: אַ פאַרקאַלעכטער דור — „צוקונפט“, דעצ. 1941.

אברהם רעגעלסאָן: וועגן ש. עגנון — אַ פאַרגלייך מיט גלאַטשטיינס אַ בוך — „מאָרגן־פרייהייט“, יאַנ. 2, 1944.

אב. שאולזאָן: נייע ביכער — „יידישע שריפטן“, באַנד 3, העפט 2, פרי־לינג 1943.

ל. ש. [שאַפּיראָ]: יעקב גלאַטשטיין: „קרעדאָס“ — „וואָך“, אָקט. 11, 1929.

אליהו שולמאַן: די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע — פאַרלאַג „אונדזער עפּאָכע“, ניו־יאָרק, 1942, ז. 12.

יעקב גלאַטשטיין

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאָג", יולי 23, 1938.

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאָג", יולי 6, 1940

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאָג", פעב. 1, 1941.

(משה שטאַרקמאַן): יעקב גלאַטשטיין — „אחיספר", הוצאת קרן לאוים למד. תש"ד, ע. 550.

נח שטיינבערג: אַ: ענטפער גלאַטשטיינען — „אויפקום", אָקט. 1926.

נח שטיינבערג: אַ פּאָרטרעט פון אַ דיכטער — „יידישע וועלט" (קליוולאַנד), פעב. 9, 1940.

אבא שיין: געפערלעכע אויפריכטיקייט—„יידישע צייטונג" (בוענאָס־איירעס), יוני 28, 1938.

ש. ל. שניידערמאַן: נקמה אָדער רחמנות אויף די דייטשן? — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), סעפּט. 20, 1942.

ב. שעפנער: צוליב אַ דרוקפעלער — „נייע פאָלקסצייטונג (וואַרשע), יולי 18, 1937.

ב. שעפנער: ווער האָט געקוילעט? — „נייע פאָלקסצייטונג (וואַרשע), אָקט. 31, 1937.

לעאָ פינקעלשטיין: פּאָעזיאַ אינטראָספּעקטיוונאַ — „נאַש פּשעגלאָנד" (וואַר־שע), פעב. 27, 1938 (פּויליש).

(Menachen Boraisha): Penalty of Self Hate—Congress Weekly, Nov. 19, 1943.

Enzyclopedia Judaica. Bd. 2, Berlin 1931, s. 433.

Samuel J. Imber: Modern Yiddish Poetry, 1927, pp. 44-58.

Judisches Lexicon. Bd. 3, Berlin 1929, s. 1174.

The Universal Jewish Encyclopedia, New York 1941. Vol. 4, p. 618.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

Dr. S. Margoshes: An American Poet. News and Views, Day January 13, 1936.

Joseph Milbauer: Poetes Yiddish D'aujourd'hui. Paris 1936, p. 27.

A. A. Roback: The Story of Yiddish Literature. Yiddish Scientific Institute, New York 1940, pp. 293, 353, 396, 401.

גלאַטשטיינס וויכטיקסטע דערגרייכונג אין זיין נייעם בוך איז — דאָס „יידישע וועטער". דעם באַגריף האָט ער אַליין געשאַפן, אין אים איז דאָ טיף־יידישע חכמה, וואָס קוואַלט אַרויס פון דערפאַרונג און איבערלעבונג, פון וויסן, פון געמיט. „יידיש וועטער" ביים פּאָעט איז די לופט, וואָס זיין ליד אָטעמט מיט איר, איז דער אינערלעכער ציטער, די וויזיע. אין דער טע־מע אַליין, — אַפילו דער יידישסטער, — איז נאָך אַלץ נישטאָ די פולע מאָס „יידיש וועטער", וואָרים גענוג נישט־יידישע פּאָעטן האָבן געשריבן אויף יידישע טעמעס און זיינען נאָך

דערמיט נישט געוואָרן יידיש. דאָס ליד אַליין דאַרף האָבן אין זיך דעם ווידערקלאַנג פון דורות, דאַרף זיין דער המשך פונעם פּאָעטישן אוצר אונדזערן, דאַרף האָבן דעם באַזונדערן אַראָמאַט, כדי עס זאָל באמת זיין יידיש. — — — גלאַטשטיין האָט אויף צוויי אופנים פאַריידישט זיין ליד: ער האָט, פון איין זייט, עס דערנעענטערט צום יידישן פאָלקסליד און, פון דער אַנדערער זייט, דערווייטערט צו דער תנכישער ווייט. און דאָס האָט ער דערגרייכט, כאָטש ער האָט נישט קיין איין פאָלקסמאָטיוו און קיין איין תנכישן מאָטיוו. ער האָט דערגרייכט מיטן ווידערקול אין די לידער, מיטן געמיט אין זיי, מיט דעם, וואָס דאָס דיכטערישע בלוט אין אים האָט אָנגעהויבן צו געדענקען אין די „געדענקלידער” בילדער און זעאונגען, וואָס אין די ערשטע יאָרן האָט ער זיי געהאַט פאַרגעסן. איינס פון זיינע בעסטע לידער אין די פריערדיקע ביכער איז דאָס תנכישע ליד „אַבישג השונמית”, אָבער אין תוך זיינען די לידער אינעם איצטיקן בוך, וואָס רעדן פון אונדזער היינטיקער צייט, מער תנכיש. אין יענעם ליד אָפּערירט גלאַטשטיין מיט דער תנכישער וועלט, ווי אַ היינטצייטיקער מענטש, אין די היינטצייטיקע לידער אָפּערירט ער מיטן איצט ווי אַ תנכישער פּאָעט.

(אפרים אויערבאַך: יעקב גלאַטשטיינס „געדענקלידער” — „סביבה”, יולי־אויגוסט, 1943).

טויזנט חנען האָט אונדזער לשון. יעקב גלאַטשטיין נעמט זיי צונויף, ניט אויסלאָזנדיק קיין איינס, אַזוי ווי אַ געטרייער פּאַסטוך זיין טשערעדע, אַזוי ווי דער רבון כל העולם שטעלט אויס, אין אַ שיינענדיקער נאַכט, אַלע זיינע שטערן און מזלות. פאַראַן ווערטער אויף אַלץ, פאַר אַלע באַגריפן, ביי גלאַטשטייען. באַגריפן אַבסטראַקטע, איידעלע אַזעלכע, מעטאַפיזישע. איז וואָס? מיינט איר אוודאי, אַז גלאַטשטיין איז דאָ אויך אַ זוכה מן ההפקר, פון דעם אוניווערסאַלן אוצר? ניין. גלאַטשטיין געפינט פאַר זיי אַזוי גרינג טאַטע־מאַמעשע יידישע ווערטער. דער אַלט־צניעותדיקער לשון פון מגלה טפח ומכסה טפחיים. גרינג — מען זעט די גרינגקייט אַרויס טאַקע אין דער פשטות. זיינען די ווערטער אי ניי, אי ניט ניי. ניי, יע, אָבער ביי דער אַלטער שפּראַך־האַרנטע אויסגעשמידטע. אַזוי אין יצירה־אוצר פון דער שפּראַך באַשאַפן, אַזוי אין גייסט פון לשון — ניט אויסגעהאַמערט, נאָר אויסגעבלאָזן אַזוי ווי דאָס טייערסטע גלאָזוואַרג. און אַזאַ בויגעוודיקייט, אַזעלכע גרינגע איבערגאַנגען, אַזאַ ווייך, איידל־פעדערדיק אַריינהעפטן זיך פון וואָרט אין וואָרט, אַזאַ פלאַסטישקייט. אַ שפּילעוודיקייט, אַ ציטערדיק־גראַציעזער טויבן־טאַנץ פון ניואַנסן, אַ פליטער־פלאַטערדיקע אונטערדעק פון אידייען־שפּליטערלעך אונטער דער דעק

פון אַנצוהערן־זינגעוודיקע שעפּטשערייען. און, לסוף, טאַקע די אַנצוהערעניש אַליין. אָן די רמזים פון דער שפּראַך וואָלט די דאָזיקע דיכט־מאַניר ניט מעגלעך געווען. איז עס אַ שפּראַך אויפן וואונק, אַ לשון פון אַרויסשיילן אַ שלייער פון אַ שלייער.

(יואל ענטין: די גלאָריע פון טויט — „יידישער קעמפער", מאַי 12, 1944).

ס'יידישע וואָרט

ס'יידישע וואָרט בליט אויף אַ מאַנדלשטעקן.
און יעדע ברכה איז באַטעמט,
יעדע קללה איז געגראַמט.
יעדער וואָרט טוט שמעקן,
יעדער וואָרט טוט טריפן,
און יעדער וואָרט איז באַזאַפט
מיט באַבעשאַפט.
אַ געטרייע לאַנדשאַפט פון אַמאָליקייט —
אין אַ זאַמדיקן מדבר.

אין אַ מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן,
און אויף אים שפּראָצן יידישע ווערטער.
אַ וואַנדראָווניק אויף אַ קעמל
ציט אַהין ווי צו זיין באַשערטער.
און אַרום דעם שטעקן וואַקסן
זיסע קרייטעכצער,
און עסט מען זיי, עפענען רעטענישן
זייערע באַטייטעכצער,
און אַלע פאַרהוילענע נישטוויסערייען
ווערן סאַמע קלאָרע פאַרשטייטזיכער.
און אַלץ ווערט כדאי,
און אַלץ ווערט האַפּט,
אַלץ ווערט אָנגעיאָרנט
און אָנגעטרונקען מיט פרייד
פון באַבעשאַפט.

דער וואַנדראָווניק שרייט אַריין אין דער נאַכט
און טוט וועקן —
הוי־וויגעשריגן,
אין דער מדבר בליט אַ מאַנדלשטעקן.

פאַרטריפטער לייכטער

דרויבס און אויבס און שאַלעשידעס
דורכן פענצטער רייט אַ שטערן.
דער אָפּגעריסענער אורח שאַבעסקוידעש
וועט דאָ פאַרפאַלן ווערן.
אַ געפּרעפּלטע לאַוועמאַלקע
ברומט באַכאַבע צו דעם גיטוואָך.
וויקסלוועקסל צאַלנצאַלן —
זונטיקמאָנטיקדינסטיקמיטוואָך.
געלפאַרוועלקט די זילבערבאָרד.
דאָס געמיט שוואַרץ און הונטיק.
פילעוואָך עפּנט הונגערפּיסקעס,
ביי דער טיר גראַבלט זונטיק.
אין דעם ווינקל טריפט די מוידטשינע.
(ס׳פידלען פאַלשע קלעזמאָרים)
לעדערנע אַלטע ציטערהענט
זוכן פּשט אין שטויב פון ספרים.
דער שניי אינדרויסן זאַווערוכעט
שליטלט און קנאַקט מיט בייטשן.
אויף טויבנפיסלעך היפּט לאַשנקוידעש
מיט חנוודיקע יידישטייטשן.
מעש און קופּער פירן סודות,
ווענט באַגליט פון זיידעבאָבעס.
אויף דער שוועל לעקט דאָס קעצל
לעצטע טריט פון קבצן שאַבעס.

דאָס אַלמאָנכן

אַ רירעוודיקער טאָג. אַלץ האָט געאָטעמט.
ווען עגמאָן האָט געוואָרפן זיין ווייב
די טרויעריקע צוועלף שורות צו די פיס.
און צו זיינע קעץ האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — לעקישבער! יאַכטשי בעבע!
כ׳גיי אַוועק. איך בין אויך אַ לעבעדיקייט פאַר זיך.
נאָר די קעץ האָבן גאָרנישט פאַרשטאַנען.
און דאָס ווייב האָט געוויינט,
ווען זי האָט פאַרבונדן די עטלעכע יאָר

מיט אַ רויטער שנורוואַדלע
אויף נישט צו פאַרגעסן,
איז ער געגאַנגען מיטן שליאַך, עגמאַן,
ביז ער איז אַרויס פון ישוב
און פאַרביי די פעלדער און געזען אַ שטיבל.
דער אָוונט האָט שוין באַשאָטנט דעם וועג.
אויפן הימל האָט זיך פאַרזיכטיק גענומען שניידן
אַ טונקעלער לאַמטערן.
פאַרן שטיבל איז געשטאַנען אַ יונגפרוי און געזונגען:

„איך בין דאָס יונגע אַלמאַנכן.
איך שייל און שאָב קאַרטאָפליעס אַ גאַנצן טאָג, פון געוואוינהייט.
פאַרבייגייער — איך האָב יונגע מייערלעך,
גרינע קאַריבולקעס,
סמעטענע מיט רויטע יאַגדעס.
רו זיך אָפּ אַ נאַכט און מאָרגן גיי דיר דיין וועג".

האָט עגמאַן געזאָגט — רעכט, מען דאַרף אויספּרובירן,
ווי וואַרעם ס'איז אַ פרעמד מאַלצייט
אַ ניי געלעגער
און עס פאַרשרייבן אויף צו געדענקען.
זי האָט גערעדט וועגן פאַרשידענישן,
פאַרשלייערט און פאַרצערטלט די געדאַנקעלעך
און אין בעט איז זי געווען סיי ליב און סיי געדולדיק,
דאָס יונגע אַלמאַנכן מיט די הענט,
וואָס שיילן און שאָבן קאַרטאָפליעס גאַנצע טעג.
קלאָר, אַז ווען דער טאָג האָט אויפגעפּראַלט די טיר,
האָט עגמאַן געהאַט באַשלאָסן שוין פון פריער —
דאָ בלייבט ער נאָך אַ נאַכט.
און ווען די קעץ זיינען אים געקומען אויפן זכרון,
האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם לעקער
און געזאָגט — יאַכטשי בעבע, איך בין אויך אַ לעבעדיקער נפש.
דאָס אַלמאַנכן האָט אַרויסגעטאַנצט פון בעט
און געזונגען, ווי אַ יונגער פויגל,
גוטמאָרגן צו אַלץ און צום פאַרבייגייער עגמאַן,
וואָס האָט איר שוין דורך דער נאַכט

געהאַט אויסגעפּלאַפּלט זיין נאָמען*
די קו האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר,
אַז ס׳איז שוין צייט צו מעלקן.
דער הימל האָט געלאָזט פאַלן אַ שטיק פון זיך
אויף דעם שטיבל.
און ווייל ס׳איז עגמאָנען געווען אַזוי גוט
האָט אים אַ שניט געטאָן אַ זאָרג,
אויב ער וועט צומאָל נישט אָפּפינצטערן דאָ
נאָך גאַנצע צען יאָר —
און וויפיל צענער יאָר לעבט
אינגאַנצן משטיינס געזאָגט דער מענטש?
דאָס יונגע אַלמאָנכן האָט ווי אַ געניטע עלטערע שוועסטער
געמעלקט די בהמה,
און עגמאָן האָט זיך אָוועקגעזעצט פאַרן הויז
אַלץ באַוואונדערן,
כדי צו געדענקען, ווען ער וועט אַליין, ווי אַ ווערימל,
זיך דאַרפן שפּייזן אויף באַהאַלטענע און אָפּגעשפּאַרטע קרישקעס.
דער טאָג איז געווען
(ווייל ביי עגמאָנען זיינען אויסגערונען אַלע ווערטער)
זייער און זייער גרויסאַרטיק.
עגמאָנען האָט זיך פאַרוואָלט פאַרצייכענען
אָן ערנסטן פאַרטראַכט
וועגן קעצלעך, וואָס מען נעמט, מיר נישט, דיר נישט,
און מען שטעקט זיי אַרויס אַ לעקער,
און וועגן דעם שאַרפן שניט פון צוועלף שורות.
דאָס יונגע אַלמאָנכן האָט אים אָבער גערופן אָנבייסן.
עגמאָן איז אַריין אין הויז און ס׳האָט אים פּלוצים
אַ בליאַסק געטאָן אין קאָפּ
דאָס בעט, וואָס האָט געזויבערט מיט ציכן
און מיט וואַרימע קאָלדרעס.

* אים האָט געוויילט און ווי געטאָן
דער אַלמאָנכנס פריידיקע דערפאַרנקייט
האָט ער געפּרעפּלט מיט יעדער לאַסקע זיינער:
דאָס בין איך — עגמאָן,
זאָלסט מיך נישט פאַרגעסן.

האָט דער קאַפּריזנער עגמאָן ווידער צעוואָרפן דאָס בעט
און דעם פּאַרטראַכט האָט ער באַהאַלטן,
ווי מען באַהאַלט אַ בליישטיפט הינטער דעם אויער,
אויף ווען מען וועט עס באַדאַרפן.
דאָס אַלמאָנכן האָט מיט אַ געלעכטער
אַלץ באַגריפן און באַנומען,
האָט זי אויך צוגעגעבן, אַז דאָס אָנבייסן
וועט נישט אַנטלויפן.

מיר, די וואָרטפּראָלעטאַריער

נאַכט. אין די טונקלסטע ערטער פינקלען ווערטער.
ס׳גייען אָפּ גאַנצע שיפן מיט באַגריפן.
און דו, באַפּאַנצערט מיט שווייגן און קלוגזיין,
וויקלסט אָפּ וואָרט פון מיין.

מעמענטאָס — פאַררעגנטער האָריזאָנט,
אויפגעפלעמלטער צוריקקום, קוים דערקאָנט
אַ בוך, אַ פּנים, אַ שמייכל, ציינער.

די פאַרשאָלטענע נאַכט איז דיר אַריין אין די ביינער.

פאַרצערטל, פאַרטוש, פאַרגעס.
מאַך נישט פון קיין הויזן־קנעפּל אַ נס.

וואָרטפּראָלעטאַריער. ס׳פליען אָפּ גאַנצע עראָפּלאַנען
מיט פאַרשטאַנען.
און דו האָסט זיך פאַרשפּענצערט מיט סעזאַמעס און אַליבאַבעס.
הערסטו דען נישט, ווי עס קרעכצן יאָכן?
אויף דיינע ווערטער ליגן אייזערנע שטאַבעס.
פאַרגרילץ, פאַרשעלט מיט בראָכן.
וואו דיינע געלעכטערס, וואו דיינע געוויינער?

די פאַרשאָלטענע נאַכט איז דיר אַריין אין די ביינער.

דיין טייטלבוים טייטלט אונטער דיינע פענצטער.
אַ שטיין און דאָ רוט.
די צווישנצייטן האָבן דיך דערפירט צום אַבסאָלוט.
מצבות פון אינדיווידן, מאַסע, יידן, ראַסע —
אַרכיוון.

ס'זינגען איצט גאַנצע קאָלעקטיוון,
סטראַטאָספערן, שטערן, אַפילו מויערן, שטיינער.
די פאַרשאָלטענע נאַכט איז דיר אַריין אין די ביינער.

דער הימל, דער בלויער אַזאַרט, האָט זיך פאַרלאָשן.
דו זיצסט און זוכסט נאָך אַלץ די שאָטנס פון וואָרט
און רייניקסט דעם שימל פון מיינען.
ס'ווערן ווערטער טרויעריקער און ריינער.

די פאַרשאָלטענע נאַכט איז דיר אַריין אין די ביינער.

נאַכט, זיי שטיל צו מיר

נאַכט, זיי שטיל צו מיר —
שטילע נאַכט.
נאַכט, זיי לאַנג צו מיר —
לאַנגע נאַכט.
מיט מיר אונטער דעם צודעק זיי שוויג צו מיר —
שווייגע נאַכט.
איך וועל עס דריי מאָל איבעראיבערן,
העכער פון דער מורא זינגען.
היימלעך איז מיר דער גרויל פון דיינע
קעצלדיקע אויגן אין אַלע טונקלען.
ליב איז מיר די שרעק פון דיינע
מיליאָסן רוישן אין אַלע ווינקלען.
די מאַמע איז אַ מערדערין,
איר אַרט נישט, וואָס אַ שאָטן
שאַרפט אַ מעסער און וויל מיך קוילן.
זי איז אַוועק, אין טאָטנס בעט,
און איר אַרט נישט, וואָס מאָרגן
וועט מען מיך געפינען אַ דערוואָרגן,
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך נישט.
אַרט מיך נישט.
אַרט מיך אויך
נישט.

דורך דער שמאָלער סטעזשקע
נאַכט, זיי קום צו מיר.
צו מיר אין פענצטער.
נאַכט, זיי קוק צו מיר.
קוקע נאַכט.

דער בראַצלאַווער צו זיין סופר

1.

נתן, דאַוואַי היינט נישט טראַכטן.
האָסט שוין אַמאָל געזען אַזאַ וועלט
מיט אַזויפיל לויטערע פּראַכטן?
כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק,
אויב וועסט היינט אויסקוועטשן אַ געדאַנק.
קראַנק ביסטו היינט צו לעבן?
לעב מיט אַלע דיינע אברים
און אָטעם זון ווי אַ פליג.
לאָמיר נעמען גיין אויף קעריק,
לאָמיר אַוועקטראַכטן אונדזער גאַנץ פאַרמעגן,
און צעטרענצלען אונדזערע רעיונות אויף די וועגן.
לאָמיר ווערן הייליקע פויערימלעך,
מיט הייליקע קי אויף אַ הייליקער פּאַשע.
לאָמיר עסן קאַשע מיט מילך,
לאָמיר רויכערן שטינקענדיקע פּייקעס
און דערציילן בייקעס פון שרעטעלעך,
לאָמיר זינגען לידלעך —
דיי - דאַנע - דיי, דיי - דאַנע - דיי.
הוילע לידלעך אָן ווערטער,
דיי - דאַנע - דיי.

כ'זע, ס'איז שוין אויפגעגאַנגען אַ כמאַרעלע
אויף דיין שטערן.
וועסט כאַפּן ביי מיר אַ פליק אין פרעסער,
טאָמער נעמסטו קלערן.
היינט וועסטו מוזן פאַרשליסן
דעם טראַכטער הינטער שלעסער.

הײַנט זײַנען מיר זינגענדיקע תמעלעך
און מיר קענען קיין צוויי נישט ציילן.
איז כאַפּ־זשע נאָר —
ווי וואונדערלעך דאָס איז,
איינס — אחד.
איינס און באַזונדער איינס
איז אַלץ אחד,
און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אחד.
הער נאָר ווי פּשוט,
ווי אַליין, ווי שיין, ווי טרויעריק־שיין,
איינס — אחד.

גרעזעלע זינג,
בינעלע זום,
גלעט די בלום,
וואָלקענדל רעגן,
פריש אויף די וועגן.
טרינק אָן די ערד.

נתן, באַלד פאַלט צו די נאַכט
לאָמיר שלאָפן אומגעחלזמט און אומגעטראַכט
ווי די פויערימלעך.
לאָמיר הײַנט אַוועקלייגן די לייטער
און לאָמיר נישט הימלעווען,
זאָלן מלאכים קלעטערן
אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ.
לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך
און זיך אויפכאַפּן אַנטקעגן אַ צעפּלאַמטן מזרח
מיט דעם געזאַנג —
דיי - דאַנע - דיי, דיי - דאַנע - דיי.

כ׳וועל דיר ברעכן אַ ביין
אויב וועסט דאָס ניגונדל נישט פאַרשטיין.
טאָמער וועסטו עפּעס דערלייגן, אַ וואָרט אָדער אַפילו אַן אות.
ס׳וועט מוזן זײַן אַזוי פּשוט ווי דאָס —
דיי - דאַנע - דיי.

2.

פֿאַראַן אַזעלכע שטייגער לייט,
וואָס טראַכטן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך
און דער קאָפּ ווערט ביי זיי הייליק,
אָבער דער גאַנצער גוף בלייבט שטויב פֿון שטויבן.
זיי קוקן אַריין אין אַ ספֿר
און די אויגן גלאָצן באַלד אַרויף אויבן,
אָבער די פּיסלעך מיט די הענטלעך
זיינען נאָך ביי זיי עפֿר ואפֿר,
און איבערן גאַרטל
און אונטער דעם צווישנשייד,
ווערט אַלץ טרף און טרפֿער.
זיי לערנען זיך אויס שיינע ווערטער,
זיי זיינען עולה רגל צו די הייליקסטע ערטער.
נאָר זאָל קומען אַ נדבה בעטן אַ מענטש אַ פֿאַרשמאַכטער,
בלייבט זייער האַנט פֿאַרמאַכט
און ס׳האַרץ פֿאַרמאַכטער.
דעם קאָפּ האָבן זיי מרחיק געווען פֿונעם שכל,
און ס׳אָרימע מוחל רודערט אַזש מיט די גלגלים,
נאָר ס׳פּיצעַנאָנטשיקל מענטשל ווערט פֿאַרפֿאַלן
אויף עולם ועד.

דערימאַך, זאָג איך דיר, נתן,
טראַכטן איז ווי נאָטן צו געזאַנגען,
און די געזאַנגען וואויגען אין לב.
זע, אַז ס׳האַרץ זאָל טראַכטן לויטער,
וועט ממילא דער קאָפּ אויפהערן צו טשאַדן.
פֿיינט האָב איך דעם גוטן יידן,
דעם כלומרשטן ידען,
וואָס פֿאַרטריפֿט די אותיות פֿון ספֿרים
מיט נעצרדיקע טראַכטערייען.
נעם אַ ליכט און באַלייכט דעם בראשית,
ברא האָט באַשאַפֿן.
בראשית האָט באַשאַפֿן.
גוואַלט, נתן, וואָס איז דאָ שייך צו טראַכטן.
לאָמיר גיין באַזאַמען אין רעגנס און אין שנייען,
אין זונען און אין קעלטן.

און לאָמיר זינגען —
בראשית האָט באַשאַפן וועלטן.

.3

אָט ווי איך דערציי̇ל דיר אַזוי האָט עס פּאַסירט.
כעלות, ווען איך האָב מיטן וואַלד שפּאַצירט.
זע איך ווי דער מאָרגן גייט אויף אינדערקרום
און די גאַנצע יצירה איז ברוגזלעך־שטום.
די ביימער שטעלן זיך מיט די זייטשעמויכלס צו מיר.
די פייגל הערן מיין גוטמאָרגן און גיבן זיך נישט קיין ריר.
אַ העזל קוקט מיך אָן ווי אַ יידענע אַ מרשעת,
און דער טרונקוואַסער אין קוועלכל זאָגט מיר מיט כעס:
נחמן, מוחל, מאַך איבער מיר היינט נישט קיין ברכה.
און די בלומען לאָזן נעבעך אַרויס אַ פינצטערע געסראַכע.
און אַלץ וואָס איך טראַכט ווערט פאַרפּלאָנטערט און פאַרצווייגט,
און אַלץ וואָס איך זאָג ווערט פאַרשטילט און פאַרשוויגט.
כאַפּ־זשע, ליבערשט, די פיס אויף די פּלייצעס און טראָג זיך אָפּ.
נחמן, וואָס טויג עס, אַז די גאַנצע וועלט איז ברוגז.

ווייס איך דאָך, אַז די וועלט איז צו אַ מענטש געגליכן.
ווייל אַלץ וואָס וואַקסט און אַלץ וואָס פליט,
און אַלץ וואָס טוט קריכן וויל נעבעך זיין.
גיב איך זיך אַזוי אַ זאָג אויף קאַטאָוועס:
וואָס איז דען די וועלט?
אַן איינבילדעניש, אַ פאַרבלענדעניש.
אַ רגעדיקע פאַרבייאיקייט,
אַן אויסגעטראַכטע נישטזייאיקייט.
און אַזויערנאָך האָב איך דער גאַנצער יצירה
דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ.
אַן אַלטער בוים האָט געטאָן אַ כליפּ.
ס'האָט מיר טאַקע גלייך פאַרקלעמט ביים האַרץ.
אָבער ס'איז געגאַנגען אַ גאַנג.
מיט אַ כוח אַ פאַרבאָרגענעם
האָט דער גאַנצער וואַלד גענומען זיין
און זיך מאָרגענען.
די ביימער האָבן צוריק אויסגעדרייט די פּנימער צו מיר.
די פייגל האָבן געטשוויטשערט.

יעקב גלאַטשטיין

דאָס העזל האָט זיך צעשמייכלט.
דער טרונקוואַסער אין קוועלכל האָט זיך געבעטן מיט האַרץ:
נחמן, מאַך אַ ברכה איבער מיר.
און די בלומען האָבן זיך געגעבן אַ צעבלי
ווי אין גאָרטן עדן.
אַ קראָ האָט זיך צעלאַכט ווי אַ קינד.
און דער גאַנצער ברוגז האָט געטאָן אַ פאַרשווינד.
און איך האָב ווייניקע לופט געשעפּט
און אַלץ האָט געלאַבט און אַלץ האָט געלעבט.
און ס׳האָט זיך צעטראָגן אַ פריידיקער געשריי.
ווער איז אַ פאַרבלענדעניש?
ווער איז נישטאָ.
מיר זיינען דאָ, דאָ, דאָ.

און אָט אַזוי האָט אַ ברוגזע וועלט
זיך צעמאָרגנט, צעשטראַלט און צעהעלט.
און ס׳איז געוואָרן אַ קווויטשעריי,
אַ געשרייעריי, אַ טשוויטשעריי פון קולי־קולות.
מיר זיינען דאָדאָדאָ.
מיר זיינען דאָדאָדאָ.
אַז איך האָב זיך שוין אויך
אַוועקגעשטעלט אינמיטן וואַלד
און מיין קול האָט זיך ווי אַ שופר צעשאַלט,
וועלט, איך שווער דיר ביי דער מאָרגן־שעה,
וועלט, דו ביסט דאָ.

.4

כ׳האָב זיך דערהונגערט,
ביז צום טעם פון ברויט מיט פּוטער
און גופיק טראַכטן.
כ׳בין געגאַנגען און מיין גוף איז געגאַנגען מיט מיר,
און ס׳איז נישט געווען קיין איין געדאַנק,
וואָס האָט נישט דורכגעשטראַלט מיין הויט־און־ביינער.
כ׳האָב געקלעטערט און מיינע פיס האָבן געקלעטערט מיט מיר,
און איטלעכע מחשבה האָט געגליט
מיט וואונדערלעכער וואַכיקייט.

און אַז ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט,
האָב איך זיך דערהונגערט ביז פּיסנע ברויט
און געטראַכט האָב איך מיט פרייד
איינסיק אין דער פינצטערניש,
באַזונדערע איינסיקייטן וואָס שלעפּערן איין,
און וואָס טאָמער זיינען זיי הייליק,
פאַרהייליקן זיי און פאַרדרימלען
פיס און הענט און קאָפּ.
און היינט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אַ הונגעריקער
און אויפן ניכטערן מאָגן האָב איך אָנגעהויבן
פון סאַמע גאָרנישט,
און דער טאָג איז אויך געוואקסן
פון כמעט גאָרנישט, פון שוואַרץ און קוים־קוים בלוי.
און איך האָב מיינע טונקעלע גלידער
באַפוילן: יהי אור.
און מירביידע האָבן געקראָגן ליכטיגע פליגל,
איך און דער טאָג,
און ביידע זיינען מיר געוואָרן איינס
און ביידע האָבן מיר געדאַוונט אויפן קול —
ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן.

5.

אַמאָל דוכט זיך מיר, כ׳האָב עס אַלץ אויף דער האַנט,
און מיטאַמאָל גיט זיך עס אַ פאַרהויל און אַ פאַרמאַך.
פאַרשטייסט, נתן, מיר איז פּלא גאָר אַ סך.
כ׳וויל דאָס מויל נישט צוזאַמענפירן מיטן אייגענעם אויער.
מיר וואַרפן אויף דעם בן אדם אַרויף אַ דרימלעניש.
מען ווייזט אים די ערד אונטן
און העט־אויבן אַ פאַרכטיק הימלעניש.
אָבער אינצווישן איז דאָך אויך עפּעס פאַראַן.
כ׳ווייס, מען רופט דאָס, דוכט זיך, לעבן.
ערגעץ גלוסט אַ פרוי און ס׳פריידיקט
פון וואָרימער באַהעלטעניש דאָס אַפּ׳קול פון אַ מאַן.
נאָר טאָמער נעמט זיך עס אַזוי אין מיר וועבן,
באַפאַלט מיך אַ פחד און איך זאָג:
זעסט יענעם שקאַץ, יענעם געדאַנק,

י ע ק ב   ג ל אַ ט ש ט י י ן

שלאָג אים מכות רצח, יאָג אים, פאַרטרייב.

נתן, פאַרשרייב.

למשל, נעם דער יצר טוב—אַ שיינער מחותן, אַן אָנגעלייגטער גאַסט.
לעבט אויף גוטע קעסט, מיט אַן אויסגעפּאַשעט בייכל פון מצוות.
אָבער אַ צער איז מיר אויף דעם יצר פון שלעכטס.
פרומע יידעלעך טרייבן אים נעבעך האַלדז און נאַקן.
ער פאַסט ביי זיי תעניתים.
ער חלשט נאָך לעפל וואָרעם געקעכץ.
און וואָס איז דען אויסן דער יצר־הרע?
חדוה. באַשייד פון פרייד. טרייסט געיערט פון טרויער.
געוויין פון אַליין פאַרצווייט.
איינזאַמע דורות פון פאַרגיין
פאַרמערט אין אייביקן דויער.
וואָס איז ער דען נעבעך אויסן דער יצר־הרע?
גוף. לייב.

נתן, פאַרשרייב.

ביינאַכט, אויב דו האָסט נאָר אַן אויער,
הערסטו ווי יעדער טויער פון אַלע ש״י וועלטן
וויינט מיט איין רוף:
גוף.
מיינסט, ס'איז פאַראַן קנאַפּ געזאַנג אין אַזאַ בענקשאַפט?
און דאָס איז דאָך ס'ביסעלע תענוג, משטיינס געזאָגט,
צווישן הימל און ערד,
ביז מען לייגט שערבעלעך אויף די אויגן.
דאָס איז דאָך דער טייערער ניגון פון אַ האַרציקן מה יפית.
דו ווייסט גאַנץ גוט, ווי אויסגעמאָרעט מיין גוף איז,
נאָר ס'וויינט מיר דאָס האַרץ פאַרן ביסל פאַרגענאַכעס.
יצר־הרע מיינט דאָך יחוד אין צוזאַמען —
וואונדערלעכער צולהכעיס.
ס'מיינט אַ געציטערט וואָרט,
פייער און פלאַמען אין גאַטס געפלעכט פון צווי.
ס'מיינט ווייב.

נתן, פאַרשרייב.

כ׳מיין ס׳איז ממש אַ מורא דאָס צו ברענגען אויף די ליפּן.
ס׳איז שפּעט ביינאַכט.
איך גיב דיר, נתן, מיינע רייד, מיטן אויער נישט צו כאַפּן.
ס׳קען נאָך, חלילה, ווערן אַ פאַרמיש.
נו, וועט מען שרייען, וויל ער אפשר,
מתיר זיין אַן אשת איש?
און וואָס מיין איך דען צו זאָגן?
ס׳רייסט מיר ס׳האַרץ אויפן יצר פון שלעכטס.
דאָס איז דאָך קראַפט, חשק, פאַרלאַנג,
כוח, געמעכץ,
און ס׳איז דאָך געזאַנג,
און ס׳איז דאָך געוויין און סוד פון שטאַם,
און דאָס איז דאָך תענוג און דאָס איז דאָך ליד.
און גליד־גליד פון הייליקן פלאַם
און דאָס ליכט פון אירס און זיינס וואָס ווערט איין.
נתן, ביסט נעבעך מיד, ס׳קלעפּן זיך דיר די אויגן.
שלאָפסט איין.
לאָמיך נישט איבער מיט מיינע רעיונות אַליין.
וואַך מיט מיר. פאַרבלייב.

נתן,
פאַרשרייב.

אַ יידישע קרוין

ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר,
האָט ער אָנגעטאָן די עלטער
ווי אַ יידישע קרוין.
ער האָט פאַרנומען זיין אָרט אין דער הייליקער עדה,
און מיט צערטלעכער טאַטעשקייט
געוואָרן מיין זיידע.
איבערנאַכט בין איך זיין אייניקל געוואָרן.
מיר האָבן דערפוןביידע געוואונען און גאָרנישט פאַרלאָרן.
מיר האָבן ביידע געזונגען אַ ירושהדיק ליד.
מיט שמחה איז מיין טאַטע געוואָרן
אַן אַלטער ייד.
און זיין טלית און תפילין און קיטל,

יעקב גלאַטשטיין

זיין שיטערע באָרד און גלותדיק היטל,
די ממעמקימדיקע קרעכצן,
אַפילו ווען ער האָט טועם געווען דער מאַמעס געקעכצן,
זיין מעביר זיין די סדרה מיטן טראָפּ,
זיינען געוואָרן דער פרומער בוים,
וואָס האָט זיך צעבליט אין מיין קאָפּ.
ר׳איז געוואָרן אַלט, מיין טאַטע,
מיט אַ פאַרצייטיקער יונגשאַפט —
אָן אַלטקייט וואָס קאַרגט נישט און רעכנט נישט די יאָר,
וואָס איז באשיצט קעגן טויט
און פאַרפאַנצערט אַקעגן מורא,
מיט טויזנטער מאָרגנס פון עבודת הבורא.
זיין אמונה איז געווען לאַנד,
ערד אונטער די פיס —
ארץ־ישראל,
מיט בוימער און הימל,
מיט באַרג און מיט טאָל.
מיט פעלדער און וועלדער,
וועסערלעך מחיהדיקע,
קוואַלן און ברונעמס.
זיין אמונה האָט באַגראָזט די יידנגאַס.
נישט קיין קליידער־סוחר איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף,
נאָר אַ פאַסטוך צו פאַשען זיינע רינדער און שאָף.
ס׳זיינען אויפגעגאַנגען זונען איבער זיין שטיקל וועלט,
ווען ער איז אַרויס אין טלית פון זיין געצעלט,
און געאַקערט און געזייט די יידישע ערד.
די בייטן האָבן מאָרגנדיק געגרינט,
אַפילו ווען ער האָט בדוחק אויף חיונה פאַרדינט.

צו מיינע זיבן־און־פערציק יאָר קען איך קוים זיין אַ טאַטע.
כ׳בין ביי דער מורא פאַר דער עלטער געפאַנגען.
מיט דיר, טאַטע, איז די גאַנצע
יידישע זיידעשאַפט פאַרגאַנגען.
טאָג־איין־טאָג־אויס קום איך די מיאוסע וועלט פאַרשעמען
מיט מיינע יידישע פּראָבלעמען.

די וועלט ווערט נעבעך רויט און פאַלט ביי זיך אַרונטער,
און איך האַלט זיך קוים אויף די פיס
און גיי אונטער.
כ'באַקלאָג און באַוויין דיך, טאַטע,
און דו לעבסט אין מיר.
כ'קוש די טריט פון מיין בענקשאַפט נאָך דיר.

אָן יידן

אָן יידן וועט נישט זיין קיין יידישער גאָט.
גייען מיר, חלילה, אַוועק פון דער וועלט.
פאַרלעשט זיך דאָס ליכט פון דיין אָרים געצעלט.
ווייל זינט אברהם האָט דיך אין וואָלקן דערקענט,
האָסטו אויף אַלע יידישע פּנימער געברענט,
אין אַלע יידישע אויגן געשטראַלט
און מיר האָבן דיך געפורעמט אין אונדזער געשטאַלט.
און אין יעדן לאַנד און יעדער שטאָט
איז מיט אונדז געווען אויך אַ גר
דער יידישער גאָט.
און יעדער צעשמעטערטער יידישער קאָפּ,
איז אַ פאַרשעמטער, צעבראָכענער, געטלעכער טאָפּ,
ווייל מיר זיינען געווען דיין ליכטיק געפעס,
דער וואָרצייכן פון דיין ממשותדיקן נס.
איצט ציילן זיך אין די מיליאָנען אונדזערע טויטע קעפּ.
ס'לעשן זיך אַרום דיר די שטערן.
דאָס געדעכעניש פון דיר ווערט פאַרטונקלט,
דיין מלכות וועט באַלד אויפהערן.
דער גאַנצער יידישער פאַרפלאַנץ און פאַרזיי
איז פאַרברענט.
אויף טויטע גראָזן וויינען די טויען.
דער יידישער חלום און די יידישע וואָר געשענדט —
זיי שטאַרבן איינאיינעם.
ס'שלאָפן עדות גאַנצע,
עופהלעך, פרויען,
יונגעלייט און זקנים.

יעקב גלאַטשטיין

אַפילו דײַנע זיילן, די פעלדזן,
די שטאַמיקע ל"ו,
שלאָפֿן אַ טויטן, אַן אייביקן שלאָף.
ווער וועט דיך חלומען,
ווער געדענקען,
ווער וועט דיך לייקענען,
ווער וועט דיך בענקען?
ווער וועט צו דיר אויף אַ פֿאַרבענקטער בריק,
אַוועק פון דיר כּדי צו קומען צוריק?
די נאַכט איז אייביק פֿאַר אַ טויט פֿאָלק.
הימל און ערד אָפּגעווישט.
ס'לעשט זיך דאָס ליכט אין דײַן אָרים געצעלט.
ס'פּלעמלט די לעצטע יידישע שעה.
יידישער גאָט, ביסט שוין באַלד נישטאָ.

נחום ברוך מינקאָוו



זון פון משה מ.; געב. דעם 18טן נאָוועמבער, 1893 (ט׳כסלו, תרנ״ד) אין וואַרשע, פוילן. געלערנט אין חדר און קראָגן אַ יידישע דערציאונג. געענדיקט אַ מלוכה־גימנאַזיע. 1914 געקומען קיין אַמעריקע. 1921 געענדיקט ניו־יאָרק לאָ־סקול. אָנגעהויבן שרייבן לידער צו 15 יאָר. 1918 דעביוטירט אין „די נייע וועלט". איינער פון די גרינדער פון דער אינטראָספּעקטיווער (אינזיכיסטישער) ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע. זיך באַטייליקט אין: טאָג, פּאָעזיע, פעדער, דאָס יידישע פאָלק, אינזיך, פרייע אַרבעטער שטימע, נייע־יידיש, קינדערלאַנד, אָנזאָג (טאָראָנטאָ), 1925, 1926, אונדזער בוך, קולטור (שיקאַגע), ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, צוקונפט, יידישער קעמפער, גערעכטיגקייט, קולטור און דערציאונג, פרייַנד, אַלגעמיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע, „יוניווערסאַל דזשואיש ענסאַיקלאָפּידיאַ". מיט־רעדאַקטאָר פון: „אינזיך"־אַנטאָלאָגיע, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, 1920; „אינזיך" (חודש־זשורנאַל), 1920; 1925, 1926; „אינזיך" (חודש־זשורנאַל), 1930; „קערן" (חודש־זשורנאַל), 1930. רעדאַקטירט „באָדן" (פערטל יאָר שריפט),

1934־1939. אין בוכפאָרם: „לידער", פאַרלאַג „אינזיך", 1924, 80 זייטן; „אונדזער פיעראָ", פאַרלאַג „יִדיש לעבן", 1927, 128 זייטן; „סיסטעם און רעלאַטיווקייט אין פּאָעזיע" (וועגן מיכל ליכט), פאַרלאַג „יידיש לעבן", 1927, 32 זייטן; „מסעות פון לעצטן שאָטן", פאַרלאַג „באָדן", 1936, 104 זייטן; „אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד)", פאַרלאַג „באָדן", 1936, 48 זייטן; „יידישע קלאַסיקער פּאָעטן" (עסייען), פאַרלאַג „באָדן", 1937, 224 זייטן. איז דער רע־דאַקציע־סעקרעטאַר פון „צוקונפט".

מ. אלטמאַן: א פאָרמולאַטיווער בוך — „צוקונפט", נאָוו. 1937.
יעקב באַטאַשאַנסקי: נ. ב. מינקאָווס רעטעניש — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), אָקט. 7, 1936.
יעקב באַטאַשאַנסקי: דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט אין יאָר 1936 — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), יאַנ. 1, 1937.
אברהם ביק: א קינסטלעריש־אידעאישער קריטיקער — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), אָקט. 22, 1939.
שלמה ביקל: נ. ב. מינקאָוו — „טאָג", פעב. 28, 1941; אויך אין בוך „דע־טאַלן און סך־הכלען", 1943, זז. 249—253.
י. ר. ברינמאַן: א בוך פאַר קריטיקער — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מערץ 20, 1937.
דר. ה. ל. גאָרדאָן: קריטישע ווערק — „מאָרגן־זשורנאַל", יאַנ. 14, 1940.
א. גלאַנץ: די נייסטע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — „טאָג", נאָוו. 23, 1924.
א. גלאַנץ: הערט זיך איין — „טאָג", מאַי 19, 1942.
ב. גראָבאַרד: „לידער" נ. ב. מינקאָוו — „די פעדער", מערץ, 1925.
פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 18, 1928.
ש. ד. זינגער: „לידער" פון נ. ב. מינקאָוו — „זעגלען" (פּעטערסאָן), מערץ 1925.
מ. י. חאַימאָוויטש: אַרום שרייבער — „פרייע אַרבעטער שטימע", מערץ 13, 1936.
ב. טוטשינסקי: נ. ב. מינקאָוו, דער קריטיקער — „פרייע אַרבעטער שטי־מע", מאַי 6, 1938.
ש. טענענבוים: ליטעראַרישע נאָטיצן — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), אויג. 14, 1938.
ש. טענענבוים: נ. ב. מינקאָוו — „די שטימע" (מעקסיקאָ), יוני 26, 1943.
מיכל ליכט: בריוו פון ניו־יאָרק — „אָנזאָג" (טאָראָנטאָ), אויג. 25, 1925.
מיכל ליכט: נ. ב. מינקאָוו — קולטור" (שיקאַגע), דעצ. 4, 1925.
דר. ישראל וו. מאַרקוס: נ. ב. מינקאָווס „אברהם רייזען, דער דיכטער פון

ליד" — „יידישער קוריער (שיקאַגע), אויג. 2, 1936.
דר. א. מוקדוני: אַ בוך עסייען וועגן די זעקס אבות פון דער יידישער דיכטונג — „מאָרגן־זשורנאַל", יולי 28, 1937.
ק. מ. [מרמר]: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט", יוני 7, 1925.
ק. מרמר: נ. ב. מינקאָווס „אונדזער פיערא" — „פרייהייט", יוני 17, 1929.
ש. ניגער: פילאָזאָפירנדיקע און איינפאַכע קריטיק — „טאָג", 1937.
ש. ניגער: יידישע ליטעראַטור פון 1900 ביז 1942 — „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע", יידן ג', דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ, 1942, ז. 167.
ש. ניגער: בריוו פון קריטיקער — „טאָג", אָקט. 31, 1943.
ש. ניגער: הספרות האידית באמריקה — „אחיספר", הוצאת קרן לואים למד, תש"ד, עמ' 206—208.
ג. סאָלאָמאָן (שלמה גראָדזענסקי): די באַגייסטע „צוקונפט" — „יידישער קעמפער", מערץ 13, 1942.
ל. פאַגעלמאַן: וועגן יידישע קלאַסיקער פּאָעטן — „פאָרווערטס", אָקט. 3, 1937.
כאַסיע קופּערמאַן: „אונדזער פיערא" — נ. ב. מינקאָוו — „אינזיך", פעב. 1930.
ש. קורץ: נ. ב. מינקאָוו — „אונדזער בוך", נאָוו.־דעצ., 1926.
חיים קרול: נ. ב. מינקאָוו — „פרייע אַרבעטער שטימע", אַפּריל 3, 1936.
אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער", זומער 1937.
זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — צווייטע באַנד, ווילנע, 1927, זז. 425—426.
איציק שוואַרץ: נ. ב. מאַנקאָוו: אַבראַהם רייזען — „טשערנאָוויצער בלעטער", 1936.
אליהו שולמאַן: די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. פאַרלאַג „אַנדזער עפּאָכע", ניו־יאָרק, 1942, זז. 4—6.
Samuel J. Imber: Modern Yiddish Poetry, New York 1927, pp. 226-227.
Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

עס גייט אָן אַ שווערער געראַנגל צווישן פּאָעטישער סובסטאַנץ און שפּראַך־נוסח ביי מינקאָוון . . . פון פשרה מיטן שפּראַך־נוסח און פון גובר זיין אים צעפּלאָקערט זיך אין מינקאָווס דעפיניציע־שורות ס'פייער פון פּאָעטישן אימאַזש. זיינע מעטאַפאָרן, הגם מייסטנס אַבסטראַקטע, ווערן נאָענט און וואַרעם, און די וויזיע, הגם באַלאָדן מיט „זונדערלינגישע" דיכטערישע אַסאָסיאַציעס, ווערט צוגענגלעך און סוגעסטיוו. מען ווייסט דעמאָלט אויף זיכער, אַז מינקאָוו, וואָס איז לויט זיין אייגענעם קינסטלערישן רצון אַ דיכטער פאַר געציילטע, איז לויט זיינע פּאָעטישע מעגלעכקייטן און סובסטאַנצן אַ דיכטער פאַר אַ סך.

(ש. ביקל: דעטאַלן און סך־הכלען, ניו־יאָרק, 1943, זז 248־249).

מינקאָווס ווערק קאָן מען געהעריק אויפנעמען, פאַרשטיין און אָפּשאַצן לויט ווי ער פאַרדינט, נאָר ווען עס וועט געשטעלט ווערן אין דער ראַם פון דער מאָדערנער דיכטונג בכלל; אין דער ראַם פון דער אויסגעוואָקסענער יידישער פּאָעזיע; אין דער ראַם פין עכט־אינדיווידועלן אויסדרוק. מינקאָווס ווערק איז דער בולטער סימן נישט בלויז פון אַ פירנדיקן מאָדערנעם יידי־שען פּאָעט, נאָר אויך פון דעם ווייטן מהלך, וואָס די גאַנצע יידישע פּאָעזיע איז אַוועק. דער מהלך איז — פון געסל און שטעטל צום וועג פון דיכטערישן אוניווערסאַליזם. אויף אָט־דעם ברייטן וועג רייסט זיך אַ דיכטער אין טיפער אינערלעכער פאַרווירונג, צו דער וועלט אַרויס; קלאַפּט מיט אַנגסטיקע אָבער פאַרט גלייביקע הענט ווי אין דיקע, אומפריינדלעכע שויבן; וויל פאַרשטיין דאָס, וואָס בלייבט שטענדיק טראַגיש אומפאַרשטענד־לעך; וויל פאַרנעמען מענטשלעך־נאָענטע שטימען און אַליין געהערט ווערן.

(א. לעיעלעס: נ. ב. מינקאָוו, פּאָעט און קריטיקער — „צו־קונפט”, אַפּריל 1944).

פּ ע ג אַ ס

דער וועג ליגט אַ געפאַנגענער אין צויבער פון לבנה.
ליגט טויט. פאַרכישופט טויט.
די וועלט אַרום איז וויסט. אין הינערפלעט פאַרטראָגן.
און בלויז ביים לעצטן פּלויט:
אַ זאַטער חזיר רואיק שלאָפט, און לעבן אים
געפענטעט, וואַרפט זיך אַ באַפליגלדיקער אָגער.

די נאַכט. די נאַכט. די לאַנגע נאַכט. די וואַנזיניקע נאַכט.
וואו זיינען וואו די אומפעלבאַרע געטער?
מסתם אין הילפלאָזע רעיונות פאַרהוקעט, אויסגעלאַכט.
און וואו — די העלדן, פירער, רעטער?

די חורבות זעט מען ניט. אַלץ געפאַנגען אין דער בלענדקייט פון לבנה.
אַ פאָלק ליגט טויט. פאַרראַטן מיאוס טויט.
און אַלץ איז זינלאָז דאָ. אין הינערפלעט פאַרטראָגן.
און בלויז דער פליגלדיקער אָגער וואַרפט זיך נאָך, געבונדענער
ביים פלויט,

ביז וואַנען ס'האָט פּעגאַס געחלשט ביי דעם חזירס פיס.
דער קרייז פון מולד האָט אַ בליץ געטאָן אַרום זיין אויסגעצערטן קאָפּ.

געבליצט, געלאָשן זיך, געבליצט מיט שפּיז אויף שפּיז.
און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שרפדיקן אַרעאַל.

אָן אויפהער פּלאַצט דער פלויט מיט שוועבלדיקע שטערן.
פון פייער וויקלט זיך אַרויס אַ ווייסע טויב.
גיט זיך אַ ריס. און מיטן שנאָבל פּירט זי שנעל אַ ווילדן דימענט־בליץ
און פאַרשווינדט אין הויכע פעלדער פון לבנה־שטויב.
און ס׳הויבט פעגאַס זיך אַ באַפרייטער,
און ס׳שוועבן זיך נאָך אים פאַנאַנדער אַלע מתים,
חורבות, די דערלייזונג, רעטער,
און דער טויטער וועג, מיט אומפעלבאַרע טויטע געטער.
די נאַכט. די נאַכט. די לאַנגע נאַכט. די וואַנזיניקע נאַכט.

די ווייסע נאַכט

באַרג. מיין איינזאַם הויז. די נאַכט איז טויטלעך ווייס.
געפּילדער פון אינזעקטן־מחנות רירט די בלוטן — סמיק שוואַרץ.
דער אַלטער קאַסטן־זייגער מאָנט און מאָנט, פאַר וועמעס גרייז?
די איינציקע, וואָס זיינען טויט — דער מולד און מיין האַרץ.

עס לייגן־אויס זיך ווערטער שרעקלעכע אין קילן בלוט.
בילדער. בילדער. מענגעס מאָרדן בליצן, בליצן־אויף.
לעשן. צינדן זיך אָן אויפהער. אייביקייטן טריפן פון מינוטן.
דאָס מויל איז אויך שוין טויט, ווען ס׳ברעכט דער הימל זיך צונויף.

אין פייער־מבול טרינקט זיך זינקענדיקער סדום.
עס רייסן הענט זיך קלאַמערן אָן שווימענדיקע חתימות, זיגלען.
אַ צאַרנדיקער נביא וואַקסט פון פלאַמען־שטראָם.
הייבט זיך, הייבט זיך אין אַ וואָלקן פייערדיקע פליגל.

באַגין איז אויפן באַרג תכריכים־ווייס.
די שטילקייט רירט די בלוטן — סמיק־שוואַרץ.
דער אַלטער קאַסטן־זייגער מאָנט און מאָנט, פאַר וועמעס גרייז?
די איינציקע, וואָס זיינען טויט—דאָס מויל, דער מולד און מיין האַרץ.

ה אַ ר ב ס ט

דאָס הייזל שטייט פאַרוואָרפן וויט ביים וואַסער.
קיין זעל. קיין זעל. קיין לעבעדיקע זעל.

די נאַכט איז צוגעפאַלן הונגעריק, אַ ווילדע, אַ טויט־בלאַסע,
און ניט אופיגעהערט צו וואַרפן זיך מיט בליצנדיקע שווערדן אויף
דער שוועל.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן, צעריסן אַלע צייטונגען, זשורנאַלן,
איך וויל ניט, און איך קאָן ניט מער.
דאָס האַרץ האָט אויפגעגרוילט, צעוויינט זיך, איינגעפאַלן.
און ס׳שפּאַלט די טיר זיך — שווערד נאָך שווערד.

עס גייט ווער דורך די ווענט. ווער האָט אין פייער דאָ אַ בלענד געטאָן?
עס האָט ווער דאָ די ראַדיאָ פּלוצים אויפגעדרייט.
האָט באַך אַ זעץ געטאָן, אַ פּלייץ געטאָן.
און פּלוצים האָט אין מיר אַ שווערד געפּלאַצט. און כ׳בין געשטאָרבן
ביז מיין טיפסטער שייד.
איך האָב דאַן קלאָר דערהערט, גאָט קלאַפּט ביי מיר אין אָדער.
און זוכט אַ וועג. און קלאַפּט. און וועקט מיך. אַ פאַרצווייפלטער.
און וועקט.
און הבלס קולות האָבן זיך אין מיר געוואָרפן, געשריען און געזאָדן.
און גאָט האָט אַלץ געקלאַפּט, געקלאַפּט — און האָט זיך מער שוין
ניט אַנטפּלעקט.

לאָזט שטאַרבן . . .

אין טעג פון אומגלויבן, ווען ס׳ליגט גאָטס ווערק צעבראָכן,
ווען זיגן — זיגט קאָשמאַר, ווען ניסים — נוצלאָזער באַטרוג,
ניט רעד פון טייערסטע אבדות, ניט רעד פון טרייסט, דערצייל ניט
פון בטחון.
מיר האָבן אַלץ געהאַט, מיר האָבן אַלץ געהאַט גענוג.

און יעדע תפילה האָט, אונטער איר פאַרכט, גענערט הכנעה.
פון ניט־דערוויינטע טרערן שרייט אַ מאָננונג — שווידערדיק און שטום.
אין הערצער — סמען די הפסקות אַלע שעהן.
און ס׳וואַקסט אויף יעדן וועג, אויף יעדן טראָט, און ס׳מערט זיך
אומעטום די גיפטנדיקע וואַנזין־בלום.

מיר צינדן ניט, מיר צינדן ניט קיין ליכט. מיר ווילן מער ניט היטן
קיין שום פייער.
לאָזט שטאַרבן — אָן פאַרשקלאַפטע בשורות.
ס׳צערינט דער אמת — וואו נאָר אַ גואל, אַ באַפרייער.

און ס׳פוילט דער ריינסטער קערן אין יעדער, יעדער פריידנדיקער
שורה.

ניט וויין, ניטאָ וואָס צו באַדויערן.
די זיגן זיינען טשאַד, די ניסים — בלויז צעקרימטע וואָר.
דער טויט, אַ זינלאָזער, אין שאָדנפריידיק הויערן,
באַפאַלט, צעשענדט, צעפייניקט, מיט ווילסטער רשעות, וועמען
ס׳לאָזט זיך נאָר.

דער לעצטער

שוין האַלב נאָך פיר פאַרטאָג.
וואָס שלאָפן, — ווער קען דען אין אַזאַ יאָרהונדערט שלאָפן?
עס לעבן דען די שעהן? אַ, ניין, זיי זיינען אויך ניט טויט.
און ס׳לעבט ניט, ס׳לעבט ניט מער דאָס האָפן.

דער רעגן, דער אויסגעקרימטער רעגן שטייט. טויט אויך אַלע
אויסגעדרייטע לאָמפן.
ווער איז געווען דאָרט דערביי? ווער איז דאָרט ניט געווען?
און ס׳שווייגט אַ וועלט. עס שלאָפט אַ גאַנצע וועלט.
איז ווער געבליבן פון דעם לעצטן קאַמער, אויפצומאַנען וואָס ער
האָט געזען?

די מערדער אין די וויכע בעטן. עקדות־לעמער אין די ברידער־
קברים, קעלערס, וועלדער, לעכער.
ס׳איז האַלב נאָך פיר. אַ, וויפל זינקען נאָך, אַ, וויפל גייען, גייען־אָפּ?
ס׳איז האַלב נאָך פיר. דורך ווילדע צוויי יאָרטויזנטער
איז ווער, איז ווער דער קרבן, וואָס איז נאָך אַלץ פון זינען ניט אַראָפּ?

אויך היינט פאַרטאָג באַווייזט ער זיך, מיט גרויסע פליגלען
אויסגעלאָשענע, —
דער איינציקער, דער לעצטער, האַלב־צעגליטער, האַלב־צעאַשטער
שרף.
ער קומט און קומט — מיט ווילדע זעאונגען אינמיטן אָט־דעם
ווילדן שלאָפן.
און שטומט, און שטומט — אויף אַלץ וואָס איז דאָרט חרוב.

פאַרוואָס? — צו וואָס זיין קומען? — פאַרוואָס אַזאַ געדרענג?
וואָס שאָטענען אַזויפיל זקנים הייליקע, אַזויפיל קדושים, טהורים

און שעפּטשען אים אין אויערן: סימנים, צרופים און כוונות?
און ווער האָט אויפגעשריען: גאָט, דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם?

די זעאונגען, די רעגנס — רירן ניט. אַלץ פאַרגליווערט.
נאָר ערגעץ־וואו פאַרהוילן, טיף־פאַרהוילן וויינט און וויינט דאָס האַרץ.

אומפאַרשטענדלעך

די נאַכט . . . די נאַכט וועט אייביק בלייבן שטערנלאָז?
דאָס חשכות טוט דאָס שטאַרבנדיקע האַרץ פאַרצערן.

ווי איז עס? זיינען טאָקע קיינמאָל —
קיינמאָל ניט געווען קיין שטערן?

און איז דען ווען געווען —
אַ טאָג — אַ ליכטיקער, אַ קלאָרער? —
אָן פּייניקונג, אָן שאָדנפרייד?
גאָט, פאַרלעש די לעצטע פונקען פון זכרון.

און ווען־ניט־ווען בלייכט־אויף, גייט־אויף
אַ וואונטש, וואָס ווערט אַ מאָדנער, ווייטער רעיון,
און נאָכדעם . . . נאָכדעם — אַלץ בלחש:
טיפע ווערטער, תפילות; — פלוצים — אַ פאַרשטיקטער שרייען.

און סאַראַ חוזק . . . הויך אין חשכות בליט
אַ וואָלקנדיק־צעשוימטע האַנט,
און צינדט־אָן — בראשיתדיק — אַ שטערן,
וואָס ציטערט, וואַקסט, און בליצט פון ראַנד צו ראַנד.

און ס׳ווערן אומפאַרשטענדלעך: —
לאַנג־פאַרענטפערטע פאַרוואָסן,
אימהדיקע תפילות, ווייטע ליכט,
און ווילדע, שטומע חצותן.

צלם אלוקים

דאָ זיינען טויערן געשטאַנען.
דאָס ליכט פון יעקבס חלום האָט אין חשכות דאָ געוואַכט.
אַ שוויגעניש — אומשטערבלעך, אומפאַרשטאַנען,
און וואַקסט, און וואַקסט, — און גייט־אויף שכלדיק־פאַרחלשט
אין דער נאַכט.

דאָ זיינען ברונעמער געשטאַנען.
אין אור־אור־ערשטן טרוים.

און זייער אָטעם האָבן מיר קוים־קוים געפילט, און ניט פאַרשטאַנען,
ווי זייער טיפקייט — וואו ס'ליגט לבנה אַ צעבראָכענע אין ווייסן
פייער־שוים.

מיר זיינען ביי די טויערן געשטאַנען.
ביים אויפציטער פון מאָרגנשטערן — אַלצדינג הויך באַגריפן און
דערקענט.

און אונדזער יעקב־חלום טיף פאַרשטאַנען,
און קיינמאָל ניט אין סנה דערברענט.

דער ווינט ציילט אומפאַרשטענדלעך רואיק, אומפאַרשטענדלעך לויז—
נעמען, שחיטות, דורות — אָן אַ סוף, אָן אַ סוף.

און פלוצים ברעכט אַ שטילקייט אויס,
און שרייט באַנומען ווי אין טיפסטן שלאָף:

„מיר זעען ניט! אַוואו די טויערן? אַוואו איז יעקבס לאַנד?
מיר באַנעמען ניט גאָטס דרכים מער!"

דער מולד אָבער זעט, ווי אינעם בראַנד,
דורך טייכן בלוט, דורך חורבות און דורך טייוולס יעדער שטער —

שטייען אַלץ די טויערן.
אין אורליכט פון דער ערשטער־ערשטער שטים.

און אין חשכות טוט דעם שטנס רעגנבויגן טרויערן
וואָס מיר טראָגן נאָך דעם צלם אלוקים.

משה שיפריס



זון פון שלמה ש.; געב. דעם 5טן אַפּריל, 1897, אין דאָרף קיסניצע, אַמאָליקע פּאָדאָליער גובערניע, רוסלאַנד. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין ישיבה. רוסיש און העברעאיש ביי פּריוואַטע לערער. 1914 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונטשולן. אָנגעהויבן שרייבן צו דרייצן יאָר. ערשטע לידער פאַר־עפנטלעכט אין ברוקלינער „פּראָגרעס", זיך באַטייליקט אין: פעדער, טאָג, צייט, מאָרגן־זשורנאַל, קונדס, קאַמף (מאָנטרעאָל), פּאָעזיע, אויפ־קום, האַמער, סיגנאַל, ביילעבן, קינדער־זשורנאַל, פונק, יידישע קול־טור. רעדאַקטירט: „פעדער" (מערץ 1923, איבייגעם מיט לוי גאָלד־בערג און י. ל. קאַלושינער); „חורבן דייטשלאַנד" (איבייגעם מיט משה כץ און ל. פיינבערג); „20 יאָר יידיש געזאַנג" (1943); מיניאַ־טור־אויסגאַבע „מאָרגן־פרייהייט" פאַר קינדער; „קינדער־ווינקל" פון „מאָרגן־פרייהייט"; מיט־רעדאַקטאָר פון „יונגוואַרג" און „היים און דערציאונג". אין בוכפאָרם: „לידער", פאַרלאַג „קולטור", 1922, 72 זייטן; „ראַכאַמאַ און אַנדערע לידער", פאַרלאַג „די פעדער", 1925, 64 זייטן; „בישט געשטויגן, בישט געפלויגן" (קינדער־מעשות), פאַר־

לאַג „אויפגאַנג“, טאָראָנטאָ, 1928, 62 זייטן; „ציגל“ (דערציילונגען), אַרויסגעגעבן פון האַרלעמער פּראָגרעסיוון יוגנט קלוב, 1924, 224 זייטן; „פאַר וועמען האָט היימיס טאַטע געשטימט?“ (קינדער־מעשׂה), פאַרלאַג „קינדער ביבליאָטעק פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן“, 1933, 8 זייטן; „לעניִן ווייזט דעם וועג“ (קינדער־מעשׂות), פאַרלאַג „קינדער ביבליאָטעק פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן“, 1934, 16 זייטן; „די רעוואָלוציע וועט קומען“, פאַרלאַג „קינדער ביבליאָטעק פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן“, 1934, 16 זייטן; „מלחמה טעג“, פאַרלאַג „סיגנאַל“ביים פּראָלעטפען, 1937, 79 זייטן; „די מאַמע וואָך מיט די זיבן טעג“, פאַרלאַג „יונגוואַרג“, 1941, 78 זייטן. צוזאַמענגעשטעלט די כרעסטאָמאַטיעס „אַרבעטער שול“ (אײַנייִנעם מיט נ. קאַמענעצקי), פאַרלאַג „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן“, 1934; „מיין בוך“ (אײַנייִנעם מיט א. גאָלדבערג), פאַרלאַג „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן“, 1939. איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־פרייהייט“.

מ. אָלגין: אונדזערע יונגע יידישע רעוואָלוציאָנערע דערציילער — „דער האמער“, מערץ־אַפּריל, 1931.

ש. אפּטער: משה שיפרים׳ קינדער־לידער — „יידישע קולטור“, אַפּריל 1941.

א. ה. העלער: משה שיפרים דער עקסצענטריק פונם פאַרנאַס — „פעדער“ נאָוו. 1922.

פ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל“, 1922.

חיימקע [חיים גומאַן (דער לעבעדיקער)]: פון ליטעראַרישן יאַריד — „דער גרויסער קונדס“, יוני 18, 1920.

ר. יוקלסאָן: אַז משה שיפרים דערציילט, איז עס אַ מחיה — „היים און דערציאונג“, מאַי 1941.

משה כץ: די מלחמה דויערט ווייטער — „מאָרגן־פרייהייט“, יאַנ. 9, 1938.

משה כץ: אַ בייטראַג צו אונדזער קינדער־ליטעראַטור — „מאָרגן־פרייהייט“, אַפּריל 27, 1941.

ל. כאַן: אַ בוך וועגן ליידן און קאַמף — „האַמער“, דעצ. 1937.

ה. ל—ק (לייוויק): פון אייגן הויז — „פון צייט צו צייט“, מערץ 1925.

ק. מ. [קלמן מרמר]: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט“, אויג. 23, 1925.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, מערץ 2, 1938.

ל. מלאַך: עקזאָטיק אין אונדזער פּאָעזיע — „פּרעסע“ (בוענאָס־איירעס), אָקט. 31, 1926.

מ. מלמד: ליטעראַרישע נאָטיצן — „יידישע וועלט“ (פילאַדעלפיע), דעצ. 6, 1925.

ק. מרמר: וועגן דער „פעדער“ — „פרייהייט“, פעב. 27, 1924.

משה שיפריס

ק. מרמר: צווישן שרייבער און ביכער — „פרייהייט״, מאי 6, 1929.

ש. ניגער: נייע פערזן־זאמלונגען — „צוקונפט״, סעפט. 1922.

ש. סיימאן: פיר נייע ביכלעך פאר קינדער — „אויפקום״, אויג.־סעפט. 1929.

י. א. ראנטש: „אמעריקע אין דער יידישער ליטעראטור״ — „יידישע קולטור״, פעב.־מערץ, 1941.

י. א. ראנטש: „אמעריקע אין אונדזערע היגע לידער־אנטאלאגיעס — „יידישע קולטור״, אפריל, 1941.

י. א. ראנטש: „אמעריקע אין די ווערק פון הייגט־צייטיקע יידישע דיכטער״— „מארגן־פרייהייט״, סעפט. 28, 1941; אקט. 12, 1941.

שכנא עפשטיין: אונטער הימל פון אריענט — „פרייהייט״, נאוו. 11, 1922.

שכנא עפשטיין: צווישן אלטע און נייע — „פרייהייט״, אקט. 9, 1927.

א. פאזי: איבער צוויי מלחמה־פראנטן — „אויפקום״, יולי־אויג. 1927.

א. פאמעראנץ: „פראלעטפען״ — קיעוו, 1935.

איציק פעפער: די יידישע ליטעראטור אין די קאפיטאליסטישע לענדער — כארקאוו־קיעוו, 1933.

י. ל. קאלושינער: משה שיפריס׳ לידער — „פעדער״, מערץ 1924.

ב. קאצענעלסאן: קונסט און קינסטלער — „פעדער״, סעפט. 1925.

י. א. ראנטש: אמעריקע אין די ווערק פון פראלעטארישע דיכטער — „מארגן־פרייהייט״, סעפט. 28, 1924.

זלמן רייזען: לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור — פערטער באנד, ווילנע, 1929, זז. 668—670.

שלום שטערן: לאמיר לייענען — „קאמף״ (מאנטרעאל), אקט. 8, 1937.

שלום שטערן: א וואויל געשאנק פאר אונדזערע קינדער — „וואכנבלאט״ (טאראנטא), מאי 15, 1941.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

Imber, Samuel J.: Modern Yiddish Poetry. New York, 1927, pp. 270-271.

משה שיפריס באזינגט דעם אָריענט, וואָס איז איינגעהילט אין אַ שלייער פון געהיימניספולקייט. ער גיט איבער זאַכן, ווי זיין אויג האָט געזען און זיין אויער האָט געהערט; ער באַווייזט די ארומיקע אַטמאָספערע. פון אַלץ שיינט אָבער אַרויס זיין אייגענער געשטאַלט, זיין אינערלעכע באַציאונג צו דער אָדער יענער דערשיינונג. דער דיכטער האָט זיך ווי צונויפ־געגאָסן מיטן ניי לעבן און איז אַליין געוואָרן אַ מזרח־מענטש, אַ שטיק אָריענט.

אַזוי מוז זיין. אַ דיכטער קען אַנדערש ניט טאָפּן, ניט זיין אויפריכטיק און נאַטירלעך, ווען ער לעבט זיך ניט איין אין דעם, וואָס ער דריקט אויס אין זיינע לידער. שיפריס איז דערייבער פריש און צוציענדיק, ווייל ער פאָזירט ניט. דער אָריענט דינט אים ניט בלויז אַלס הינטערגרונט, נאָר איז דער נערוו

פון זיין גאַנצער דיכטערישער שטימונג. אַלע זיינע אייגענע איבערלעבונגען זיינען פול מיט אָרינטאַלישן קאָלאָריט.
(שכנא עפשטיין: אונטערן הימל פון אָריענט—„פרייהייט", נאָוו. 11, 1922.

מיין טאַטנס תורה לערנען

פארטאג.
ווען די שווארצע פענצטער
פארבן זיך אויף בלוי,
איז די וועלט א לויטערע.
איז דער מענטש א לויטערער.

פאַרטאָג.
אַז די שוואַרצע פענצטער זיינען בלוי געוואָרן,
פלעגט מיין טאַטע אויפשטיין לערנען תורה —
פלעגט מיין מאַמע אויפשטיין הערן תורה —
אַז איך מאַך אַן אומעטיקער מיינע אויגן צו,
זע איך עס ווי איצט:
דער טאַטע זיצט ביים גרויסן טיש,
די רעכטע האַנט אויפן קלוג־שאַרפן־שטערן,
די פינגער פון דער לינקער האַנט
חיותן זיך אין זיידענער ווייכקייט
פון דער בלאָנדער באָרד.

פאַר אים די גרויסע גמרא,
די בלעטער מיט ליכט־חלב פאַרשמעלצט,
מיט געלקייט פון יאָרן פאַרפלעקט
(דער גאַנצער קוואַל טרערן
פון זיידן ישראל לייבס אויגן
האָט זיך אין זיי אַריינגעוויינט.)
און די לעדערנע טאָוולען זיינען נאָדלדיק צעשטאָכן
פון קריכנדיק מאָיל.

אַרום קליינעם גאַז־לעמפל, אויפן גרויסן טיש,
ציטערט אַ רעגנבויגנדיקע אָרעאָל,
שטעכט זיך דורכן טאַטנס אויגן־לעדלעך
און פינטלט בלוי־שוואַרצע פלעקן
אויף די קליינע אותיותלעך פון רש"י.

משה שיפריס

אַ ציִענדיקער ניגון

בעט זיך שטיל אַרויס פון טאַטנס מויל,
בויערט זיך דורך דער טיר
און ציטערט אויף
אין מיין מאַמעס פריידיקער נשמה.

פאַרוויגט פון טאַטנס בעטנדיקן ניגון
ליג איך אויף דער סאָפע, ביי דער וואַנט,
פינטל מיט די אויגן
און קאָן זיי ניט אָפרייסן פון אָרעאָל,
וואָס רונדערט זיך און ברייטערט זיך
אַרום קליינעם לעמפל —
בלוי און שוואַרץ, און שטערנ־ליכט
פינטלען פאַר די אויגן.

אין קיך איז טונקלדיק און אומעטיק.
אונדזער משרת יאַנקל
בלאָזט מיט זיין שטיוול אויף דעם סאַמאָוואַר —
דאָס וויגנדיקע רויטקייט אויף דער וואַנט
ציטערט רויטער און ליכטיקער.

ער וואַשט די גלעזער אויס.
און אַז די הייסע טיי אין גלאָז
קוקט אויס ווי שפילנדיקער וויין,
נעמט די מאַמע אַרויס די גלאָז
פון יאַנקלס האַנט
און טראָגט זי דעם טאַטן צו.
דער טאַטע לייגט די טערקישע פאַטשיילע
אויף דער אָפענער גמרא
און בעטנדיק הויבט ער די אויגן אויף:
— ריסיל, אי . . . נו, יאַנקל? —
שמייכלט שטיל מיין פרומע מאַמע,
לאָזט צנועהדיק אַראָפּ די אויגן:
— שלמה . . . איך וויל משמש זיין אַ תלמיד־חכם.
און שאַרט זיך שטיל אַוועק.

דער טאַטע עפנט מיט אַ קנאַק

דאָס שיפּלדיקע טאַבאַק־פּושקעלע,
ציט פון בײדע פינגער אין נאָז אַרײַן
אַ בערגל ברוינע טאַבאַק
און טרייסלט אָפּ מיט דער טערקישער פאַטשײלע די גמרא —

דאָס רעדל אַרום לעמפּל ווערט גרעסער,
פאַרביקער און רונדער,
און פרײלעכער קלינגט דעם טאַטנס ניגון:
— אוי, תנו ר־ב־נ־ן — — —

דער מאַמעס אויערן, אונטער דער טיר,
זאַפּן איין, ווי אַ שוואָם די זיסע טענער —
צעוויקלט זיך איר האַרץ
און די פרייד גייט אַריבער די ברעגן
פון אירע שײַנענדיקע אויגן.

ליד פון שוואַרצן שיכפּוצער

שוואַרץ איז מײַן הויט.
נאָך שוואַרצער מײַן נויט.
נישטאָ קיין פרייד.
מײַן היים אַ נישטיקע נאָרע,
אויף יעדן בוים אײַנגעשניטן אין קאָרע —
אַ שטריק איז גרייט.
— פּוץ גיכער, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

ביים רײַכן טיש שטייט מײַן טאַטע געבויגן.
גאַנצע טעג די מאַמע אויף דילן אויסגעצויגן —
פאַרן ביסן ברויט.
ווייסער באַלעבאָס גייט פאַרביי מיט שפּאָט
אונדז, וואָס „לעבן מיט זיין גנאָד" —
וואַשן זיין קויט.

— היי, נעגער, אַביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

אין דרום אויף הייסע באַוול־פעלדער,
אין אַפריקע אין זומפּיקע וועלדער —
אַרבעט נעגער.
ווייסע באַראָנען זאַמלען פּעסער מיט גליק
און צירן די גאַסן מיט נעגער אויף שטריק —
הענג, הענג, נעגער.
— פּוץ גיכער, נעגער, גיך!
זאָלן גלאַנצן די שיך.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

אונטער אונדזערע הימלען —
פּייערדיקע צלמים און ווייסע קיטלען —
ציטער, ציטער, נעגער.
אַ בראַנד, אַ קויל און אַ שטריק
און אַ הימל פול מיט גליק —
אַרבעט, אַרבעט, נעגער.

— היי, נעגער, אַביסל שנעלער!
זאָל גלאַנצן העלער.
— יעס, סער.
— אַ וואָרט ניט מער!
— יעס, סער.

בעסאַראַביע

ס׳ברעכט דער פרילינג דאָס אייז פונעם דניעסטער,
די רויטע אַרמיי — דעם קאַרק פונעם פּייגט.
אַ פריידיקע בשורה האָט מאָסקווע צעשאַלט:
די ערד פון בעסאַראַביע אַ פרייע איז היינט.

ס׳פלאַטערט מיין האַרץ מיט פרייד פון מאַי.
בעלץ, מיין שטעטל, איז אויך שוין פריי.
ס׳האָט פרילינג באַפרייט מיין שטעטל פון שניי,
פון שונא באַפרייט האָט די רויטע אַרמיי.

בעלץ, מיין פרילינג, אָנגעפילט מיט באַנג און וויי,
מיין בענקשאַפט צו דיר געווען איז פאַרלאָשן.
שווער זאָל די ערד זיין דעם קאָפּ ניקאָלאַס —
דו גייסט מיר אַנטקעגן מיט שפע פולע קוישן.
רחבותדיקע, שפעדיקע בעסאַראַביע,
פאַרשיכורט מיט ריחות פון פאַרכליבעטע סעדער.
אויפן ברעג פון טאָג פאַרגייט די „דאָינע״ פון „טשובאַן״ 1)
און די שניטערס׳ בענקענדיקע לידער.

עך, איז דאָס געווען אַ לעבן אין מיין בעסאַראַביע —
מיין שטעטל האָט שטענדיק געשמעקט מיט רייפן זומער.
פון אַלץ האָסטו געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט,
מיט פרייד פון געבן, ווי אַ גוטע מומע.

די זומערן האָבן די מערק באַלאָדן מיט שפע,
מיט רייפע רונדע אַרבוזן, אויפגעטורעמט ווי פיראַמידן,
מיט דיניעס צאַרט און גלאַט ווי מיידל־באַקן.
איך הער נאָך איצט די פאַווידלע אין קופער־קעסלען זידן.

די פייערלעך ברענען די פאַרנאַכטן אונטער טרינישקעס 2)
און פאַרלענדן די ראָסע־בעקלעך פון די בלויע פלוימען.
פון די וועגענער — לייוונטן אויף דריקלעך3)—
רייצן תאוהדיק די זאַפטן פולע פאָמען 4).

די מערק פאַרכליבעט ביז ווערעך און אַריבער,
מיט גרינסן און פרוכטן, מולטערס און לייטערס
און דישעלעס און יאַרמאָס 5), שמעקנדיק מיט לייב פון בוים נאָך,
און פאַטלאַזשאַנעס בלויע ווי פולע אייטערס.

די יאַרידים זונטיקדיקע, מיט פויערים און יידן,
מיט פאַטשערקעס און קרעלן און בעטלער־לידער,
מט פערד און קי און קעלבלעך און שאָף —
ווי ערשט נעכטן זע איך עס ווידער.

משה שיפריס

איך הער דאָס ריטמישע קלאַפּן פון מאַזאָליעטע הענט
פון הערש־בער און סטעפּאַן ביים „פאַרקלאַפּן“ דעם מקח;
דאָס טרויער־ליד פון בעטלערס קאַטערינקע —
און איך פיל דעם טעם פון באָבעס האָניק־לעקעך.

פאַר מיינע אויגן אַ רעדל קאַטשקאַוואַל6), אויפן גומען — ברינדזע
און מאַמעליגע געלע ערשט פון שוואַרצן קעסל.
אויף מיינע ליפּן — וויינשל־ווייַן, די ציין איילעק פון גרינע אַגרעסן
און שיכור בין איך פון שפּילנדיקן ווייַן אין פעסל.

איך זע די פויערשע פערדלעך
פאַרזונקען אין בעלצער בלאָטעס.
דאָס גאַנצע שטעטל שטעקט אין שטיוול
און האַלט פאַרהויבן די קאַפּאָטעס.

צווישן אילוזיאָן און די הילצערנע קלייטלעך
איז זונטיק געלעגן די פרייד.
די פאַראַבקעס, דינסט־מיידלעך און פויערים
האָבן מיט סאָלנעטשניק די גאַס פאַרשנייט.

זוניקע בעסאַראַביע, שוואַרץ־זאַפטיקע ערד,
באַשאָטנט פון רויב־פויגל, פון צאַריסטן
פאַרגוואַלטיקט, געשענדעט פון פאַרשוועכטע הענט.
פאַרמאַרעט פון רומענישע פאַשיסטן.

עד, בעסאַראַביע, מיין בעסאַראַביע,
ווער מען איצט אַ לעב טאָן אויף דיין ערד!
ס׳וועלן סעדער זיך אַ לאָז טאָן אין קאַדריל! —
ס׳וועט דאָס לעבן מער ניט טאַנצן אויף שפּיץ פון שווערד.

ס׳האָט פרילינג באַפרייט מיין שטעטל פון שניי.
פון שונא באַפרייט האָט די רויטע אַרמיי.
ס׳פלאַטערט מיין האַרץ ווי די פרייד אין מאַי.
בעסאַראַביע מיין פרילינג איז פריי.

---

1) פאַסטוך. 2) דריי־פוס. 3) טרענגלעך. 4) ווייַנטרויבן. 5) היל־צערנע כאָמוטעס פאַר אָקסן. 6) שאָפּענע קעז.

אַלעף כּץ



משה אברהם בן חיים ירוחם כ.; געב. דעם 15טן מאַי, 1898, אין מלינאָוו, דובנער קרייז, וואָלין, רוסלאַנד. געלערנט אין חדר, געענדיקט אַ רוסישע עלעמענטאַר־שול. דעם 3טן דעצ., 1913 געקומען קיין אַמעריקע. געאַרבעט בייטאָג און געלערנט ביינאַכט, פריער אין אָוונט־שול, דערנאָך אין איראָן־סקול און מאַנהעטן־סקול, שפּעטער באַזוכט די אָוונט־קורסן פון נ"י סיטי־קאַלעדזש. אָנגעהויבן שרייבן יינגלווייז. דעביוטירט מיט אַ ליד אין „גרויסן קונדס", דעם 28טן דעצ., 1917. רעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל „זאַנגען" (פיר נומערן, מאַי־אָקטאָבער), 1920. פאַרעפנטלעכט לידער און עסייען אין אינזיך, אויפקום, די פעדער, 1925, פרייע אַרבעטער שטימע, וואָך, דאָס יידישע פאָלק, יידישער קעמפער, די צוקונפט, קינדער־זשורנאַל, קינדערלאַנד, קינדערוועלט, קינדערפריינט (וואַרשע), אַרגענטינער ביימעלעך (בוענאָס־איירעס), מעקסיקאַנער שריפטן (מעקסיקאָ), דער שפיגל (בוענאָס־איירעס), זיד־אַמעריקע (סאַנטיאַגאָ, טשילי), האַוואַנער לעבן (האַוואַנאַ), דער וועג (מעקסיקאָ), יידישע צייטונג (בוענאָס־איירעס), די פרעסע (בוענאָס־איירעס), קענעדער אָדלער (מאָנטרעאָל), יידישער זשורנאַל (טאָראָנטע), יידישע וועלט (פילאַדעלפיע), יידישער

קוריער (שיקאַגע), דער טאָג. אויך געדרוקט ענגלישע לידער און אַ „קאָלום" אין „אָול", זשורנאַל פון ב"י סיטי־קאָלעדזש, און אונטערן פּסעוודאָנים מאָריס ק. אַלעף אין העברי ט. שניטקינדס קאָלעדזש־אַנטאָלאָגיע „טהי פּאָעטס אָוו טהי פיוטשור", 1922—1924, באָס־טאָן. איבערזעצט „די יסודות פון פּאָעזיע", פון דזשאָן גולד פלעטשער („אויפקום", 1928), און ראָבערט לואיס סטיווענסאָנס „דער זעלבסטמערדער־קלוב (געדרוקט המשכימווייז אין „סאָן פּאולער יידישע צייטונג, 1935). רעדאַקטאָר און נייס־שרייבער פון דער יידישער אָפּטיילונג ביי דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור (ייטאַ), וואו באַשעפטיקט זינט 1925.

ביכער: „אַ מעשה פון ים און אַנדערע לידער", פאַרלאַג „זאַנגען", 1925, 57 ז.; „אַקערצייט", לידער, פאַרלאַג בידערמאַן, 1929, 80 ז.; „דאָס טעלערל פון הימל", פאַרלאַג „מתנות, 1934, 30 ז.; „פון א ביז ת", פאַרלאַג אַלעף, 32 ז.; איבערזעצונג פון ראָבערט לואיס סטיווענסאָנס „אוצר אינדזל", פאַרלאַג גראַהאַר־סטאַדאָלסקי, 1927, 312 ז.; „אַמאָל איז געווען אַ מעשה", פאַרלאַג אַלעף, 1944, 96 זייטן.

ערנסט אסתרמאַן: נייע ביכער — „די יידישע פּרעסע", סאַנטיאַגאָ, טשילע, מערץ 2, 1934.

יעקב באַטאַשאַנסקי: אַלעף כּצס אַקערצייט — „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, פעברואר 12, 1930..

יאַנקעוו באַטאַשאַנסקי: אַלעף כּצס דאָס טעלערל פון הימל — „די פּרעסע", בוענאָס־איירעס, אויגוסט 1, 1934.

א. ח. ביאַלין: אַקערצייט — „פרייע ארבעטער שטימע", סעפּט. 4, 1931.

יצחק בערלינער: ליטעראַרישע נאָטיצן — „דער וועג", מעקסיקאָ, אַפּריל 26, 1935.

י. ר. ברינמאַן: אַלעף כּץ — „ווילנער טאָג", ווילנע, מאַי 25, 1934.

הלל גורני: אַ קינדער־ביכל און ווידער ניט פאַר קינדער — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", ניו־יאָרק, אויגוסט 2, 1935.

יעקב גלאַטשטיין: פּראָסט און פּשוט — „מאָרגן־זשורנאַל", יולי 30, 1939.

יעקב גלאַנץ: אַלעף כּץ — אונדזער גאַסט — „דער וועג", מעקסיקאָ, נאָוועמבער 26, 1938.

יעקב גלאַנץ: געזאַנג פון רייפע זאַנגען — „דער וועג", מעקסיקאָ, דעצעמבער 10, 1938.

יעקב גלאַנץ: דער שרייער פון הייסע מינוטן — „דער וועג", מעקסיקאָ, נאָוועמבער 2, 1940.

יעקב געווערץ: דאָס טעלערל פון הימל — „סאַן פּאולער יידישע צייטונג", סאַן פּאולאָ, בראַזיל, מאַי 31, 1934.

ב. גראַבאַרד: נייע לידער זאַמלונגען — „ליטעראַרישער חודש", יאַנ. 1931.
יוד גר (יהודה גערטלער): אַ סאָציאַלע פּאָעמע פאַר קינדער — „יידישער קוריער", שיקאַגאָ, אַפּריל 15, 1934.
אליעזר גרינבערג: אַלעף בית — דורך דריי ביכלעך לידער — „בריקן", שי־קאַגאָ, פעברואַר 1934.
ז. וויינפּער: נייע ביכער — „אויפקום", יאַנואַר, 1930.
ז. וויינפּער: יידישע שריפטשטעלער, באַנד 1, 1933.
פּ. ווייערניק: אונדזער פּילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל, נאָ־וועמבער, 1925.
פּ. ווייערניק: אונדזער פּילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", יאַ־נואַר 11, 1931.
א. ז. : פון ביכער־טיש — „מאָמענט", וואַרשע, מערץ 16, 1934.
א. טאַבאַטשניק: אַ וואָרט בייטראָג צו דער יידישער שול און קינדער־ליטעראַטור — „יידישע וועלט", פילאַדעלפיע, אויגוסט 13, 1939.
י. ל. טעלער: וועגן אַלעף בית — דאָס טעלערל פון הימל — „אויפקום", ניו־יאָרק, מאַי־יוני, 1934.
עלבערט א. טראַמער, „בוקס" — „דזשואיש דעילי בולעטין", פעב. 11, 1934.
א. י.: ביבליאָגראַפישע נאָטיצן — „אויפגאַנג", האַוואַנאַ, קובאַ, מאַי 1934.
חיים לאַזדייסקי: אונדזער קולטור—אונדזער מעכטיקע שוץ־וואַנט — „אונד־זער וועג", מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, מאַי 1941.
א. לעיעלעס: אַקערציייט — „וואָך", פעברואַר 21, 1930.
א. לעיעלעס: וואָרט און נאָכוואָרט — „יידיש", דעצעמבער 16, 1932.
א. לעיעלעס: וואָרט און נאָכוואָרט — „יידיש", דעצעמבער 30, 1932.
יוסף מ. לעווינסאָן: פון די קינדערס וועגן — „דאָס יידישע פאָלק", מערץ 21, 1941.
מאַטעס (מאַטעס דייטש): אַלעף בית — אַקערציייט — „שיקאַגע", שיקאַגאָ, דעצעמבער 1930.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אויגוסט 9, 1939.
ק. מרמר: אַ יידישע איבערזעצונג פון סטיווענסאָנס שענסטער מעשה פאַר דער יוגנט — „פרייהייט", מערץ 12, 1928.
מ. מלמד: ליטעראַרישע נאָטיצן — „יידישע וועלט", פילאַדעלפיע, פעברואַר 20, 1930.
דר. נאַמלעבוד (א. י. דובעלמאַן): דאָס טעלערל פון הימל — „האַוואַנער לעבן", קובאַ, מערץ 20, 1936.
דר. נאַמלעבוד (א. י. דובעלמאַן): אַלעף בית — דער דיכטער פון גערעכטיקייט, „האַוואַנער לעבן", האַוואַנאַ, קובאַ, אַפּריל 16, 1938.
ש. ניגער: פון די אַמעריקאַנער קינדערס וועגן — „טאָג", אָקטאָבער 30, 1927.
ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג", יאַנואַר 28, 1934.
ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג", אַפּריל 16, 1939.
א. סאָקאָלאָווער: טינט און פעדער — "פרייע אַרבעטער שטימע", סעפּטעמ־בער 10, 1937.
י. י. סיגאַל: אַקערציייט — „קענעדער אַדלער", מאָנטרעאַל, יולי 12, 1931.
י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אַנטאָלאָגיע. 1943.

אַלעף כץ

ש. סיימאַן: אַלעף כצס איבערזעצונג פון סטיוועַנסאָנס אוצר אינדזל — „אויפקום“, יאַנואַר 1929.

ב. סמאָליאַר: „ייטאַ“ אַרטיקל, אַמעריקאַנער — פּראָווינץ־פּרעסע, נאָוועמבער 1925.

ב. סמאָליאַר: „ייטאַ“ אַרטיקל, אַמעריקאַנער — פּראָווינץ־פּרעסע, יוני 1927.

אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: פּראַלעטפּען — קיעוו, 1935.

צביון: יידישע אינטערעסן — „פאָרווערטס“, אויגוסט 1, 1927.

ס. ק. (סאָלאָמאָן קאַהאַן): אַ שיינער פּראַקטישער אַלף־בית — „יובל־בוך יידישע שול“, מעקסיקאָ, סעפּטעמבער 1939.

ע. קאָרמאַן: דער פּאָעט־דעביוטאַנט — „קולטור“, שיקאַגאָ, יאַנואַר 22, 1926.

יצחק רייזמאַן: אַלעף כץ—דער דיכטער פון פשטות — „דער שפּיגל“, בוענאָס־איירעס, אַפּריל 11, 1934.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער“, אַפּריל 1930.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער־זאַמלבוך“, 1939.

אי. שוו.: דאָס טעלערל פון הימל — „טשערנאָוויצער בלעטער“, טשערנאָוויץ, רומעניע, נאָוועמבער 24, 1934.

א. ל. שוסהיים: דאָס טעלערל פון הימל — „יידישע צייטונג“, בוענאָס־איירעס, פעברואַר 18, 1934.

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאָג“, יולי 15, 1939.

אוצר אינדזל — „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, אויגוסט 26, 1927.

אַ ניי בוך — „פאָלקסבלאַט“, קאָוונע, יאַנואַר 15, 1934.

פונעם ביכער־טיש — „דער שפּיגל“, בוענאָס־איירעס, יאַנואַר 25, 1934.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

אַלעף כץ איז אפשר דער איינציקער דיכטער, וואָס מאַכט זיך ניט קינדיש, ווען ער שרייבט פאַר יונגוואַרג. ער באַנוצט אַ מאָדערנעם, שיר ניט מאָדערניסטישן, יידיש און זיין ריטם און זיינע גראַמען זיינען אויך ווייט ניט די געוויינלעכע, די פּרימיטיווע.

(ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג“, יאַנואַר 28, 1934).

מען קאָן זען אַז ביי כצן איז די שורה ניט קיין צופאַל אָדער עקצידענט, ווי עס טרעפט ביי אַ סך שרייבער. כצס דיכטונג האָט די גרויסע מעלה, וואָס מערסטנס ווייסט ער מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און וואוהין ער וויל באַטרייבן און דערפירן זיין ליד.

(אליעזר גרינבערג: אלעף כץ דורך דריי ביכלעך לידער, — „בריקן“, שיקאַגע, פעברואַר 1934).

אַלעף כץ איז אַ מייסטער פון פערז, און די יידישע שפּראַך האָט ביי אים אַ באַזונדערס קלאַנגפולן ריטם . . . אַלעף כץ האָט מיט זיין „טעלערל פון הימל“ זיך אַוועקגעשטעלט אין

די רייען פון די גרויסע יידישע פּאָעטן און פון די מייסטער פון יידישן וואָרט.

(א. ל. שוסהיים: „דאָס טעלערל פון הימל" — „יידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, פעברואַר 18, 1934).

ר' נחמן בראַצלאַווער

די גראָזן אויף די פעלדער פלעגן ציטערן מיט פרייד
ווען ר' נחמן בראַצלאַווער פלעגט קומען שטילערהייט
און לאָזן הערן זיי די פּשוטע און פרישע רייד
פון זיינע תפילות — בלעטערדיק און גרין.

פאַרבענקטע פייגל פלעגן שוועבן איבער אים פאַרטראַכט,
הערן דאָס געזאַנג פון סודות וואָס ער האָט געבראַכט,
און שלאָפן רואיק מיטן סוד פון דעם געזאַנג ביינאַכט,
באַצויבערט פון דעם וואונדערלעכן זין.

און אַלע פליגעלעך און ווערעמלעך פון גאַנצן פעלד,
אַלדי קליין־באַשעפענישן פון דער שטומער וועלט,
פלעגן ווערן פון ר' נחמנס לויטערקייט באַזעלט,
און זשומענדיק אים פרעגן אַ באַשייד.

ר' נחמן האָט פאַרשטאַנען זייער אַלעמענס באַגער,
זייער לשון האָט געקלונגען ווי אַ ליד צו זיין געהער,
און ער האָט גערעדט צו זיי, דערציילט זיי מער און מער
פון קומענדיקע צייטן פול מיט פרייד.

אַ ק ע ר צ י י ט

שוואַרצע פעטע ערד פון אַ צעאַקערט פעלד,
און אַ יונגער, פרישער און צעבליטער בוים.
מיט שטראַלן גאָלדענע איז דורכגעשטרייפט דער רוים,
מיט ווינטן בלוילעכע באַפליגלט און באַהעלט.

אויפגעריגלט אַלע טויערן,
מויל און אויערן באַפרייט פון צוים,
ווייסע פייגל,
שוואַרצע פויערן
טיילן זיך מיט זייער ווינטער־זומער טרוים.

אַ ל ע ף   כ ץ

די ווייטן און די הויכן שוועבן,
לעבן גליט אין גלאַנץ פון אַקער,
אָפּגעווישט, פאַרשוואונדן ווערן איצט די רויכן,
און אַנטפּלעקט — אַ פרײדיקער געפאַרב פון שטומען פלאַקער.

אויפגעוועקטע שטיקער ערד
שפּיגלען זיך מיט תּמימות אין דער שאַרף פון זייער וועקער,
נעמען־אויף די וואַרעמקייט פון ליכט און זון.

דער פויער און זיין יונגער פערד
שרייבן לאַנגע שורות איבער ווייטע שטרעקן,
און די שריפט דערציילט אַ מעשה פון אַ שפּעדיקן רייך,
אָדער פון אַ בעטלער־טאָרבע און אַ וואַנדער־שטעקן.

א ו י פ ן   י ם

צעשמאָלצענער מאַרמאָר — צעשטורעמט, צעוויכערט —
שמייכלט ווייס און ווילד און גיכערט,
לאַכט מיט אויגן גרוי און גרין
צו דער זון און צום אַהין.

האַרץ צעבויטעט, אויפגעשוואָלן,
טורעמט זיך אויף בערג און טאָלן.
טאָל ווערט באַרג און באַרג ווערט טאָל:
עס טאַנצט דער איצט מיט דעם אַמאָל.

מאַכט צעכראַסטעטע, צעלאָזטע —
גרויסקייט ווילדע אָן אַ ווילן —
שרייט געזאַנג און הילכט און רייסט זיך
מיט דער אייביקייט צו שפּילן.

אַ נאַכט

דער טעגלעכער גערויש פון שטאָט
ווערט דין ווי זייד
און טוליעט זיך צו דער ערד
און קייקלט זיך אַוועק
ווייט, ווייט,
און הויבט זיך אויף מיטן ווינט
און פליט און פליט.

און מישט זיך מיט די וואָלקנס אויס
און שווימט מיט זיי אַוועק.

אַ מענטש איינס־צוויי׳ט, איינס־צוויי׳ט
געשווינט אין גאַס,
און זיין האַרץ וויברירט מיט זיינע טריט.

זיינע אויגן,
אָפּגעבונדן פון דעם מאַרך,
ווערן פריי און אומבאַהאָלפן.

ברואים פון אַן אומדערהערטער וועלט
אַנטפלעקן זיך און שרעקן אים
און רייצן און פאַרפלייצן אים אין ימים פון געשטאַלטן.

פלאָנטערט זיך אַ נעץ פאַר זיינע פיס,
ער טרעט אויף שפיזן.
און צווישן לאַנגע שפאַנען פון שדים־ריזן
ווערט ער געפאַנגען.

די האָר פון קאָפּ
ציט אויס ביי אים די נאַכט
און פלעכט זיי איין אין אלע עקן פון דער וועלט.

און אַ געלער לאָמפּ
אין אַ ווייטער גאַס
ווערט אַ גאָט ביי אים —

און ער פאַלט שטיל אויף די קני.

אין סטאַדיום

די ווואילע פידלען פון סימפאָניע
האָבן היינט געשפּילט צו די באַזעצטע טרעפּ.
עס האָבן קעפּ געהערט אין דעם געזאַנג
אַגאָניע
פון אייגענע אמאָליקע פאַרנאַכטן,
עס האָבן קעפּ געקוקט און זיך געפרייט
מיט לעבעדיקע איצטערס ביי דער זייט,

א ל ע ף כ ץ

בײַם שװעל פֿון העלגעפֿאַרבטן טויער
צו אַ נײַער װעלט.

דאָס געזאַנג צום מענטש איז ניט קײן בלױער פֿױגל,
לױטער לױב — װי דאָס געזאַנג צו גאָט.
די פּוגעס פֿון אַ מענטש צו מענטש,
דורך דעם געציטער פֿון אַ פֿידל,
קלאַפּן־אָן און עפֿענען די אָפּגעשלאָסנסטע פֿאַרמאַכטע טירן,
און יעדער שטריך פֿון פּנים הױבט־אָן רעדן
און דערצײלן די לעגענדע פֿון דעם אָפּגעהיטסטן סוד.

די פֿידלען רעדן אַלע מיט אַן אױפֿגעאײנסטער שטים,
װי ס׳רעדט דער פֿאַל פֿון װאַסערן פֿאַרברידערטע,
נאָר יעדער אױער הערט אַן אַנדער אָנזאָג אין דעם קול:
װער ס׳הערט די פֿרײד פֿון הױכע שטײַגנדיקע בערג,
און װער דעם טרױער פֿון באַהאַלטענעם און מידן טאָל.

כ׳האָב הײַנט געהערט די װאונדער פֿון בעטהאָװענס אינערלעכן אױער,
און ס׳איז פֿאַר מײַנע אױגן אױסגעװאַקסן
אַ צעשטראַלטער גרינער װאַלד.
עס האָט דער װאַלד געריצט מיך מיט דעם ריח
פֿון צעבליטע תּמיד־גרינען
און פֿון קאַלטן װאַסער פֿון אַ פֿרישן קװאַל.

און װען די בײמער זײַנען אין דער פֿינצטערניש פֿאַרשװאונדן
און איך בין געבליבן אין פֿענומבריש ליכט,
איך האָב געזען אַ װעלט מיט פֿאַרמעטן באַזונדערע אױף פּנימער,
און יעדער פֿאַרמעט האָט גערעדט,
און יעדער פֿאַרמעט האָט דערצײלט,
און די לבֿנה האָט אַראָפּגעקוקט אױף מיר
מיט איר געלאָסן בלאַס געזיכט.

פֿאַרגענגלעכקײט

עס לעבט די גרינקײט לענגער פֿון דער בלום,
אָבער אױך די גרינקײט גײט פֿאַרבײַ.
עס לעבט די טאַט פֿיל לענגער פֿון דעם רום,
װאָס האָט באַגלײט דעם טוער אומעטום,

אָבער אויך די טאַט האָט איר פּאַרגיי.

גערמאַסטן איז דאָס זיין פון אַלע זאַכן
ווי דער אויפבליץ פון אַ פייערפליג.
עס האָבן מילב און ריז באַזונדער שפּראַכן,
באַגרייפן אַנדערש הויכקייטן און פלאַכן
און די מאָסן פון מפלה און פון זיג.

דער איינציקער „געוויס״, מעסערדיק און וואָר,
איז נאָר דאָס לשון פון פאַרגענגלעכקייט.
ווערן, ווערן־אויס — דאָס אומפאַרמיידלעך פּאָר,
וואָס זינגט און וויינט פון דור צו דור,
האָט דעם אָפּגלאַנץ פון דער איינציקער פאַרשטענדלעכקייט.

באַלאַדע

אונטער אַ שווערן פאַרפרוירענעם טייך
שווימט דער פאַרלוירענער שווימער.
ער זוכט אַ באַפרייאונג פון אייזיקן דעק,
וואָס האַלט אים פאַרתפיסהט
און וועגט אויף זיין קאָפּ
און גלעט אים מיט קאַלטקייט
און שטופּט אים אַראָפּ
צום גרונט פון פאַרגליווערטע סופן.

דער שווימער פאַרשנעלערט דעם לויף פון זיין האַנט,
ער זוכט אַן אַרויסגאַנג פון אונטער דער וואַנט.
די וואַנט לאָזט אַדורך בלויז אַ דעמערונג־ליכט,
וואָס פייניקט און רייצט זיין דערשראָקן געזיכט.

דער גלעזערנער קאַלטער געשטאַלטלאָזער דעק
פאַרגלעזט און פאַראייזט מיט אַ שטאָלענער שרעק
די אויגן וואָס קעמפן,
די הענט און די פיס,
די אברים אַלע
מיט זיסקייט פון טויט.

עס גיסט זיך אַ כוח אַריין דורך דעם גלאָז,
דער שווימער ווערט ריזיק און מעכטיק.

אַ ל ע ף כ ץ

עס האָט זיך געעפנט אַ טויער פון ליכט,
אַט באַלד ווערט ער ניצול פון שווערן געוויכט
און גרייכט צו דעם פּאַלאַץ פון פּרעכטיקן אייז,
וואָס שטייט דאָרט און וואַרט אויף זיין קומען.

⁂

די זון האָט געשיינט און צעלאָזן דאָס אייז,
די גלעזערנע קעלט איז צערונען.
דער טייך איז געלאָפן מיט שוימיקער לוסט
און האָט אין זיין זוניקער שטראַליקער ברוסט
נייע פּאַרלאַנגען געשפּונען.

און ווען זיינע וואַסערן זיינען געקומען
און זיינען אַרונטער פון וואַסערפאַל־קאַרק,
עס איז אין דעם אימפּעט פון פאַל אויך פּאַרשוואומען
די שוימיקע ווייסקייט פון שווימער.

יידישע נייעס—תש״ב

די שרייב־מאַשין ברענט
און איך בין אין פייער.
איך קלאַפּ מיט די הענט,
און די אותיות שרייען:

פון ים — די שיף „בע־ונד״ איז געזונקען.
הונדערטער טאַטעס און מאַמעס און קינדער דערטרונקען.
גרויס איז דער קבר וואָס האָט זיי אַ מקום־מנוחה געגעבן,
נאָך גרעסער די קללה — צום לעבן.

פון לאַנד — די גאַנצע קהלה פון קיינשטאָט איז אונטערגעגאַנגען:
פרויען און קינדער און זקנים דערשאָסן, געהאנגען.
די שול איז צעבראָכן, די ספרים — אין שאַנד,
גאָט האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

פון פעלד — אין אָפענע גריבער, אין מיילער פון ערד,
וויגן זיך גופים מיט האַלב־טויטע בערד.
וואו פעלד איז געווען און געוואַקסן איז ברויט,
לעבט איצט דער טויט.

פון וואַלד — אין וואַלד אויף די וועגן פון שטעטעלעט.
איז זיך פאַרלאָפן אַ נס:
אַ פויער וואָס איז דאָרט געוועזן אַ שומר,
האָט איינמאָל דערזעען אַ נייעם מיןביימער.
אין טלית און תפילין (עס כאַפּט־אָן אַ מורא!)
זיי שטייען און שאָקלען זיך וויס און פאַרפרוירן.
פלוצימדערינען דער וואַלד הויבט־אָן ברענען,
עס צישעט פון פייער אַרויס אַ געזיפץ,
אַלע
ביימער
ווערן
פענען
שרייבן אין הימל אַ פלאַמיק געשריפטס.

דער ים און דאָס לאַנד, דאָס פעלד און דער וואַלד
שרייבן אַ כתב אין אַ שפּיגל,
אותיות שרייען געוואַלד
און פליען מיט ברענענדע פליגל.

עס קלאַפּן די שליסל ווי האַק
איבער קעפּ פון די ברידער.
די אותיות פליען אַוועק
און איך פאַל אַנידער.

און דאָס פּאַפּיר איז אַ שטורמישער ים,
דאָס פּאַפּיר איז אַ שלאַכטפעלד,
אַ פאַרמעט פון געטאָ אין פלאַם
און איר וויינענדער נאַכטוועלט.
די שרייב־מאַשין ברענט
און איך בין אין פייער,
עס קלאַפּן די הענט,
און די אותיות שרייען:
פון מדבר — אויף עלנטן וועג אין דעם גרויסן אַליין
וואַנדערן יידן און זוכן אַ היים.
דער האַלדז האָט פאַרגעסן אין הונגער און דאָרשט,
דאָס אויג שטעכט די וויטן און נישטערט און פאָרשט,
אויף שטרעקעס פון הפקר אין גליענדן זאַמד
וואַנדערן יידן און זוכן אַ לאַנד.

בוך צוויי: 1918

אברהם טווערסקי
אידאַ גלאַזער
ציליע דראַפּקין
ראַשעל וועפּרינסקי
יעקב סטאָדאָלסקי
י. ל. קאַלושינער

אברהם טווערסקי

זון פון לאָיעווער־טשערנאָבילער רבין, הרב ר׳ ברוכל בן־ציון ט.; דער פינפטער דור פונעם טשערנאָבילער מגיד און אַ דירעקטער אָפּשטאַם פונעם בעל־שם טוב. געלערנט אין חדר, שפּעטער אין סאַדע־גורער קלויז ש״ס ופּוסקים, און נאָך בר־מצווה, געלערנט אין שומ־סקער ישיבה אין וואָלין. נאָכן צוריקקום אַהיים אָנגעהויבן לייענען בגנבה העברייאישע און יידישע ספרים. אַן עלטערע שוועסטער האָט מיט אים בסוד געלערנט רוסיש. צום מוסר האָבן אים געבראַכט דער קב הישר, דער שבט מוסר און די צאינה־וראינה. אַ דאַנק די ווערק פון יעקב דינעזאָן און מרדכי ספּעקטאָר דערנענטערט געוואָרן צו די אוצ־רות פון דער יידישער ליטעראַטור. דעמאָלט געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון. דעביוטירט אין „השלח״. שפּעטער אויך גענו־מען אַרויסטרעטן מיט גרויס דערפאָלג ווי אַ לעקטאָר און אויסטיי־טשער, און מיטגעאַרבעט אין די וויכטיקסטע יידישע אויסגאַבעס פון רומעניע. 1931 געווען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע. 1937 צוריקגע־קומען און דאָ פאַרבליבן. זיך באַטייליקט אין אונדזער צייט (קעשע־נעוו), אָסט־יידישע צייטונג (טשערנאָוויץ, דייטש), זונטאָג־צייטונג (טשערנאָוויץ), טשערנאָוויצער בלעטער, פרייע אַרבעטער שטימע,

אברהם טווערסקי

המשך, צוקונפט, סביבה, טאָג. רעדאַקטירט: „פונק" (חודש־זשורנאַל, אינייגעם מיט ש. הללס און א. הובערמאַן, טשערנאָוויץ). איז אַ העב־רייאישער לערער אין דעטראָיט.

אנאנים: ביאַליק אין טווערסקים אויסטייטשונג — „טשערנאָוויצער בלעטער", מאַי 26, 1930.

יעקב באָטאָשאַנסקי: פאַראַן המשך אין די זאַמלביכער „המשך" — „פּרעסע", (בוענאָס־איירעס), מערץ 24, 1940.

ל. באַיאַן: המשך 2 — „די שטימע" (מעקסיקאַ), מערץ 15, 1941.

אברהם ביק: חסידות־מאָטיוו. אַנטאָלאָגיע, שרייבער־סעקציע ביים איקוף, 112 זייטן, ניו־יאָרק, 1944.

ה. לייוויק: וואָרט און לעבן — „טאָג", מאַי 31, 1941.

מ. [מאיר עבנער]: ווידער אויף דער וואַנדערשאַפט — „אָסט־יידישע צייטונג" (טשערנאָוויץ—דייטש), יוני 10, 1933.

א. מאַ. [אברהם מאַיאַנסקי]: איין דענקווירדיגער פאָרטראַג — „אָסט־יידישע צייטונג" (טשערנאָוויץ—דייטש), 1929.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", נאָוו. 6, 1940.

ש. ניגער: „המשך" — „טאָג", נאָוו. 17, 1940.

ל. סוכאָסטאָוו: אים קאַמפּע געגען דען גייסט דער צייט — „רונדשוי" (טשערנאָוויץ—דייטש), 1929.

מ. עבנער: „אָסט־יידישע צייטונג" (טשערנאָוויץ—דייטש), נאָוו. 5, 1930.

ז. פּראַטקין: א. טווערסקי אַפּגעפאָרן פון רומעניע — „טשערנאָוויצער בלעטער", יוני 19, 1931.

דר. ק—ג: א. טווערסקי אַלס גאַסט פונעם יידישן טעאַטער־פאַריין — „טשערנאָוויצער בלעטער", נומ. 30, 1929.

ס. ר.: פאָרטראַג דעם דיכטערס טווערסקי איבער טשערניכאָווסקי — „טשערנאָוויצער מאָרגענצייטונג" (דייטש), אויג. 1929.

אברהם טווערסקי שטאַמט, ווי איך הער, פון די טווערסקיס, דער באַרימטער חסידישער „דינאַסטיע",—איז זיין צוויישפּראַכיקייט נישט קיין צופאַל. ביי חסידישע רביאים זיינען יידיש און לשון־קודש געווען אַלעמאָל, אויב ניט גלייך חשוב, איז גלייכבאַרעכטיקט. און אין דער ליטעראַטור, וואָס ציט איר גייסטיקע יניקה פון חסידות, לעבט נאָך אַלץ די דאָזיקע טראַדיציע פון צוויי־שפּראַכיקייט . . . אָבער נישט נאָר אין דעם זינען פון גרייט זיין צו נוצןביידע לשונות אונדזערע איז אברהם טווערסקי אַ יורש פון דער חסידישער וועלט, פון וועלכער ער שטאַמט אָפּ. ער היט אָפּ אויך איר אינעווייניקסטן נוסח. ער איז דעם מעדזשיבוזשערס אַן אייניקל — פּאָעטיש. און ער ווייס דערפון . . . דעם דיכטער איז באמת טאַקע נאָענט די נאַטור, די ערד, די באַאַרבעטונג פון דער ערד, — און אויך דאָס איז ביי אים, פילט ער, אַ ירושה־זאַך . . . אַ האַרץ און קאָפּ — דאָס איז לויט אברהם טווערסקי, דאָס האַרץ פון חסידות, און איר סוד איז: יחוד פון הימל און ערד . . . דער לע־

זער זעט ניט נאָר אין די אידייען, אויך אין דעם אופן, ווי ער דריקט זיי אויס, איז אברהם טווערסקי די פּערזאָניפיצירונג פון היסטאָרישן המשך . . . אַזוי זיך אויסדריקן, אַזוי נוסחדיק־יידיש, האָט אברהם טווערסקי זיך געלערנט אין שטיבל . . . און ווען איך זאָג, אַז זיין געדאַנקען־גאַנג און זיין עצם־נוסח איז טראַדיציאָנעל יידיש, מיין איך דערמיט ניט צו זאָגן, אַז ער איז פאַרגליווערט, אַלט־מאָדיש, אָפּגעשטאַנען. ניין, אברהם טווערסקי איז גראָד אַ מאָדערנער דיכטער. זיינע מאָטיוון און זיינע ניגונים זיינען, אין תוך געגומען, חלוציש, ניט חסידיש, זיין טראָפּ איז „ערדישער טראָפּ”, ווי עס הייסט איינס פון זיי־נע לידער, אָבער ס׳איז אַ טראָפּ, אין וועלכן דער נייער, אָדער מאָדערנער טאָן גיסט זיך צונויף מיטן אַלטן טאָן, מיטן טאָן פון דער יידישער געשיכטע.

(ש. ניגער: „המשך” — „טאָג”, נאָוו. 17, 1940).

זיין ערשטער דעביוט, וואָס ער האָט געמאַכט אינעם זאַמל־בוך „המשך”, איז געווען אַ געלונגענער. אויך זיינע איצטיקע לידער זיינען פון דעם זעלבן כאַראַקטער. אַ נאַטירלעכע אָרגאַ־נישע פאַראייניקונג פון אַלט מיט ניי. יידישער נוסח. שיינע יידישע מענטשלעכקייט. גאָט פון רחמים און „אדם מענטש, וואָס איז העכער פון אַ בלאַט גמרא”. אַ געזונטער ריח פון לעבן ווייעט פון זיינע שורות, אין אַן אייגנאַרטיקער פרום־ריינער ליב־שאַפט, וואָס ברענגט באַפרייאונג אין שטילן מקבל זיין דעם יאָך פון לעבן.

(ה. לייוויק: וואָרט און לעבן — „טאָג”, מאַי 31, 1941).

רו אויף בוימער, אקסלען, ווענט — אזא מין שטילקייט, רינט אראפּ.
ס׳האט קיינמאל ניט געברענט. טא שפּאר זיך צו —
אט איז נאכט און אט איז קאפּ — א שווייגנדיקער פלויט איז אויכעט רו.

מיין טאַטע

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פּויער:
ער אַקערט ערד מיטן זיידנס זוהר,
ער שניידט דאָס ברויט פון אייביק וואַקסן
און רייניקט ס׳פעלד פון טרפה פלאַקסן.

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פּויער:
ער עפנט צו דער וועלט דאָס טויער
נאָך ערב האָן־געקריי און פאַר שאַריען —
און נאָך איידער עס נעמען געצנדינער קניען.

מיין טאַטע איז אַן אַלטער פּויער:
ער פילט פון גאָרער וועלט דעם טרויער,

ווייל ניט איעדער קאָן דערלאַנגען
צום אחרית־שפּראָץ פון שטומע זאַנגען.

מיין טאַטע גראָבט אליין מיט אייזן
די ערד פון דורות אין זכרון,
כדי מיט פינגער אָנצעווייזן
דעם וועג צו באַלדיקע קאַיאָרן.

ער בינדט זיך צו צום אַקערס דרילן
מיט תּמ׳ס און רש״י׳ס צוויי פּאָר תפילין —
עס האָט דעם צייכן פון די סופן
דער עלטערזיידע שוין געטראָפן.

מיין טאַטע וואַרט ניט, אַז דער רעגן
זאָל דורשט פון ערד אַליין באַזאָרגן —
ער גייט דער ערשטער אים אַנטקעגן
אין קאַלטער מקוה פון פרימאָרגן.

מיט שפּעטע חצותן פון ביינאַכטן
העלפט דער זוהר אים צו טראַכטן,
אויב דער שניט אויף הויכן וואָגן —
ועט דעם וייסן טאָג דעריאָגן.

פון בראשית־אָן

פון בראשית־אָן די זון, וואָס וואַרעמט אויס די זאַנגען,
פון אייביק־אָן די נאַכט, ווען טאָג אין פלאַם פאַרגייט,
און אומעטום דער מענטש אַן אומעטיקער שטייט —
און קאָן צוביידע ניט דערלאַנגען.

און וואָס זאָל טאָן דער פויער מיט זיין אומעט,
וואָס אַקערט גלויבנדיק די ערד פון פרייד און נויט,
און וואַרט אַ לעבן־לאַנג, אַז אויפגיין זאָל דאָס ברויט —
פון העלער זון אויף שטילן תמיד?

פון בראשית־אָן די זון, וואָס וואַרעמט אויס די זאַנגען,
פון אייביק־אָן די נאַכט, ווען טאָג אין פלאַם פאַרגייט,
און אומעטום דער מענטש אַן אומעטיקער שטייט —
און קאָן צו ביידע ניט דערלאַנגען.

ערדישער טראָפּ

אין פלאַקער
פון אייזערנעם אַקער,
וואָס דרילט די טריקעניש פון זאַמד —
האָט ברודער זיין אייגענע הוירע צעפלאַמט.

פאַרלאָפן די זאַך איז אַזוי:
געקומען פון רוים אַ געפּאַנצערטער גוי
און ביטערע מאַנדלען מיט יידישן ניגון —
צעפירט איבער וועלט אויף רוקנס פון ציגן:

האָט שפּעטער געברומט אַ פאַרוואָגלטע טויב
ביי שוועל און ביי שויב
פון גאונים אין קלויזן מיט שניי אויפן ברעם,
פון היימען אין שרפות אויף קידוש־השם.

איז נאָכדעם געקומען דער בעש״ט פון פּאָדאָל,
פאַרגליכן מיט תכלית די שאָפּענע וואָל,
און יידישן קרעכץ פון דער גויאישער בלאָטע —
גערייניקט אין קנייטש פון קאַפּאָטע.

האָט איצטער מיין ברודער דעם גאַנצן געזאַנג
אַנטפּלעקט אין זיין באָרוויסן גאַנג
צי נאַקעטע פלאַכן פון אייגענער היים —
וואו רעטשענע קאַשע אין שפּאַלטן פון ליים.

איז יבנה און ווילנע און בראסלעוו און קיטעוו —
געוואָרן אַ לייבלעכער שותף
צום נאָכגיביק — ווייכן צעמענט,
וואָס קאפּעט אויף קנעכל פון ווענט.

געשען איז אָט וואָס:
פון קאָרענע זאַנגען, פון רעטאַך מיט גראָז
וועט רינען דער האָניק צום אָדער פון כביש —
און ווייטער צום דאָרפישן טיש.

וועט קומען דער בחור, וועט קומען די מויד,
אויף רוקן פון גראַבליע, אין בוזעם דער קרויט,

מיט ניגון פון רוים נאָך פון פּאַר —
אין דבֿר!

אַ ברודער אין עמק, אַ שוועסטער ביים אייטער,
צו אייך שוין געקומען בן־דוד דער רייטער
דורך ברויטענע סנאָפּעס מיט מילך אין טאָפּ —
דורך שטעלן דעם פוס אויף ערדישן טראָפּ!

מעדזשיבוזשער נוסח

ביידע,
איך און דער זיידע,
ציען מיר דעם פּאָדעם
פון די אַטלעסענע בגדים
וואָס דער בעש"ט האָט אונדז געלאָזן, —
אויסגעשטריקט פון זייד מיט גראָזן.

ס'איז דער משל, אַז דער הימל
שיט ניט אויס קיין ברויט מיט קימל,
סיידן אַקער, גוי, און פערד
נעמען אָן די ערד
ביים גאָרגל און ביים נאָפּל —
וועט זי לויפן שוין צום גאָפּל.

ס'איז דער סוד פון זוהר,
אַז די פרייד פון גרעסטן טרויער
איז צו שינדן ערדס פאַרקאָרעוועטע הויטן —
וועט זי טאָן אַ שלאָג אַרויס
און מיט סמעטענע אַ פולן טאָפּ —
ווייל ערד פאַרמאָגט אַ האַרץ אין קאָפּ.

ס'האָט דער בעש"ט געטייטשט אַזוי:
— דו נעם ביים גוי
דעם אָקס, די גראַבליע און דעם האָניק פון דער ערד
(דער הימל איז דיר סיי־ווי־סיי באַשערט),
און שמעלץ אַריין מחשבה מיט געדערים

אין שוואַרצערד און אין ווערים, —
איז זיין וועט וואָס? —
וועט וואַקסן קאָרנברויט, ווי קראָפּיווע, ווי גראָז,
וועט מעדזשיבוזשער חסידישער פּאַנטאָפל —
געפינען מלכות אינעם שפּל.

שלמה חקרן

חנוסין — אַ מתנה.

שלמה חקרן מיינט,
אַז אַ שטיין אַפילו וויינט,
ווען דער לייטער צווישן ערד און צווישן הימל —
וואַלגערט זיך אין שימל.
און מאַי־קאַ־משמע־לן דער לייטער,
און ווי שטייט ער?
ס'איז דער מענטש, וואָס וואָלט געקאָנט דערלאַנגען
סיי צו מלכות, סיי צום שפּראָץ פון זאַנגען,
ווען דאָס האַרץ זאָל זיין ביי אים אין מח —
סאַראַ כח! סאַראַ כח!

וואָרים יענע מעשה מיט דעם בראַסלאַווער און שפּאָלער זיידע,
וואָס געקריגט זיךביידע, —
איז די ווירע
צו דער דאָזיקער דער חקירה:
שלמה חקרן וויל באַווייזן,
אַז רב נחמנס האַלטן זיך, ווי אייזן,
ביים פאַרגלייכן הימל צו געלייטערטער מחשבה,
ווייל די ערד איז רק פּאַלאָווע —
שמעקט מיט שטות:
— טאָ לאָמיר זאָגן — וואָס איז זנות?
און ווי איז דער דין, אַז וואנקע פּויער
ליגט אַ שכורער ביים סאַדאָגורער רבינס טויער?

און ס'איז דעם שפּאָלערס שיטה אויך ניט בעסער:
עפּעס צופיל גשמיות אין פּעסער! —
ס'קאָן אַ ציבעלע ניט האָבן קיין צוקאָפּנס
אָן דער זון מיט אירע טראָפּנס.

איז וואָס זאָל זיין דערפון? —
ער מיינט, אַז צווישן פעלד מיט זון
זאָל שטיין דער מענטש, דער שטענדיקער, אין מיטן —
און פלאַנצן הימל אין דער ערד, וואָס איז צעשניטן.
דער פּשט פון דעם:
אַ הימל טיף אין האַרץ און אויף דער ברעם.

א ב ר ה ם   ט ו ו ע ר ס ק י

אַ מענטש, אַ ברויט, אַן אוגערקע, אַ רעגן, —
אַ שטיק דערגייַן משיחן אַנטקעגן . . .

דאָס געזאַנג פון ווייַנענדיקן מענטש

וועלדער, טייכן און מרחקים,
פון סו־סייַנט־מאַרי אַראָפּצו, ביז צום סטעפּ פון אינטערלאַקן, —
זיך צעברומט מיט וואַסערן, מיט בויגעוודיקע סאָסנעס און מיט ערד.
שטייט דער מענטש פון חומש־לאַנד און הערט:
— ס׳וועט דער זאָמען דייַנער מערן זיך און מערן,
ווי דער זאַמד און, ווי די שטערן.
טיף אין מדבר שפּאַנען שבטים — יעדער שבט ערשט געוואָרן,
אין בית לחם שניידט מען איצט דעם קאָרן.
שיר השירים. תהילים. די צעטיילונג פון די שבטים —
גאָטס צעגליטער אָטעם!
עמוס:
— ס׳וועלן דיך צעפרעסן דייַנע זינד, ווי בלוטיקע מלחמות!
בבל. אשור. רוים. די טראַקטן ציען זיך דורך פרעמדע לענדער.
בלוט מיט טרערן אויפן שטענדער.
שרפות מיט יסורים אין די געטאָס, אויף עקדהס —

אין די קלויזן זיצן גרויע זיידעס
איבער ספרים־שטויב אין ד׳ אמות.
מרה־שחורה אויף די פּנימער פון מאַמעס.

גרויסע לומדים חשבונען דעם כמות:
רש״י ווייסט דעם „קץ״ און וויל ניט זאָגן —
ניט מגלה־זייַן אים מגוגן מיט גוגן.

ס׳וועט די ליכטיקייט פון גרויסן טאָגן
אַזש פון צפת אַ בלענדע טאָן צום גלות —
אויסצולעשן זיך, ווי ס׳לעשן זיך הבדלות.

נאָכדעם ת״ח און ת״ט מיט הימלס קללות:
ווילדער סיטש * אויף הפקרדיקע שליאַכן —
ס׳וועט די צייַט דעם פסק שפּעטערצו פאַרמאַכן.

ס׳וועט פון תהום־אַרויס פון אַלע ת״חן,

---

* דאָס קאָזאַקישע „פרייַלאַנד״.

וויִ אַ נס אַ שטילער זיך אַנטפּלעקן —
אַ פאַרהאַרעוועטער פאַסטעך מיט אַ שטעקן,
ער וועט רעדן שטילערהייט, און וועקן
אייגן דור, די דורות אין די וויגן, —
צוצוהערן זיך צום מעדזשיבושער ניגון.

:: : ::

דאָס קאָרנפעלד אין אינטערלאַקן וויגט זיך מיט צעוויגטן ווינט.
וויגט זיך אום מיט בראָך דער צלם־אלוקים:
ווייִ צום מענטש, וואָס זוכט זיין אייגנרו אַצינד,
און ווייִ דער וועלט, וואָס האָט קיין אָפּרו ניט פאַר אים.

איך בין געווען מיין אייגן ערד, מיין אייגענער צעוויגטער וואַלד —
געוואָלט צעוויגן זיך אין אָטעם פון דער וועלט,
דער ניגון מיינער, ווי דער הימל אַזוי אַלט,
זאָל ליגן, ווי דער טוי, אויף יעדערנס געצעלט.

אַליין געווען מיין אייגן ברויט, דאָס שווער־פאַרהאָרעוועטע ברויט,
געוואָלט צעוואַקסן זיך אויף חומשדיקער ערד —
סע זאָלן קינדער ניט דערציילן זיך פון נויט,
סע זאָלן דורות האָבן זיך אַליין געגנערט.

געווען דער נביא עמוס, דער ליאַדיער און דער שפּאָלער „דיד",**,
דער גוטער רחמימדיקער ניגון פון בעל־שם —
געוואָלט אין טעפּיכער פאַרוויגן גוי און ייִד,
די פרייד פון שטילן מענטשן טראָגן אויף דער ברעם . . .

:: : ::

וויגט זיך מיט צעוויגטן ווינט דער צלם־אלוקים,
וויגן זיך מיט אים —
די יאָמערן פון טויטן דור:
יעדער בוים אין וואַלד — אַ גרויע האָר,
יעדער טייך — אַ לאָגל מיט געוויין,
און ער אַליין —
דער פרעמדער, וויינענדיקער ייִד, —
ווער וועט טרייסטן זיינע אומעטיקע טריט?

** דער „שפּאָלער זיידע". פּשוטע ייִדן און גויים האָבן אים גערופן „ייִד".

אברהם טווערסקי

דער נס אינעם קאָרנפעלד

דער נס איז געשען אינעם גינגאָלד פון קאָרן:
די שטאַנגען — צעלאַכט זיך, און פרייד איז געוואָרן,
די זון האָט מיט גאָלדענעם פוך זיי באַשאָטן,
די ערד האָט אין ליים און אין זאַפט זיי געקנאָטן,
דער ווינט האָט מיט קלאָטשענע האָר זיי באַצויגן,
געקיצלט די קנאָכן, געשטופּט און געבויגן,
געבראַכט זיי דעם ניגון פון וואַלד אין די טאָלן,
אַ גרוס פון דעם טייך אין די זאַמדיקע שאָלן.
האָט קאָרענע שטרעקע געפרייט זיך, געוואַקסן,
געוויקלט דעם יאָדער אין זון און אין פלאַקסן,
געוויגט זיך, געחלומט אַ חלום אָן ווערטער; —
אין יענעם בייטאָג איז אַ שטאַנג אַ פאַרקלערטער
אַוועק פון דעם פעלד צו די שטויביקע וועגן —
דעם נס פון דער וועלט, און דעם מענטשן אַנטקעגן.

:: : ::

באַגריסט אים דער שטאַנג האָט אַזוי און אַזוי:
איך בין מאַדאַמען, דעם מענטשנס אַ פריינט,
מען רופט מיך „דער קאָרן", איך הייס „פּאַפּעשוי",
דאָס ברויט אין דעם חומש, די זאַטקייט פון היינט.

פאַרפלאַנצט מיינע יאָדערן דאָ און אַצינד,
פאַרפלאַנץ מיך אין דוד בן ישיס אַ טאָל —
די זון איז די זעלבע, דער זעלבער דער ווינט,
דער קאָרן פון היינט איז דער קאָרן אַמאָל.
דו מיינסט, אַז דעם באַרג איז דאָרט ניחא צו שטיין?
ער שטייט ווייל ער מוז, ווייל אין שטיין איז זיין תוך, —
אַ שותף צום ווינט אויפן אָפענעם פליין,
אַ שכן צום ביבער אין טייכישן מאָך.

דו ריר מיך נאָר אָן מיט דער דלאָניע פון האַנט,
איך בין מאַנדאַמען, און אַ שטרויענער גוף, —
און דאָך איז פאַראַן אין מיין שוואַכן געוואַנט —
דער רצון פון גאָט און זיין שטענדיקער רוף.

ער וויל איך זאָל שטיין אויף מיין ערדישן בייט
און שפּייזן דעם גבור, וואָס האַקט דאָ דעם בוים —
אַליין אַ פאַרבענקטער נאָך טראָפּנס פון פרייד,
אַ ברודער צו שטאַנגען, וואָס וויגן זיך קוים.

איז אָסור, אויב ס׳אַרט מיך די טיפקייט פון סוד,
איך בין אַזאַ חשוב, ווי באַרג און, ווי ים;
דער עיקר — דאָס דרייען בשותפות די ראָד —
און באַקן דעם יאָדער אין זוניקן פלאַם.

אַמאָל וועט דעם ווינט דאָ דערעסן זיין גאַנג,
באַפאַלט ער דעם בוים מיט דער הילצערנער הויט,
דערגייט מיר דאָס לעבן צום קנאָך פונעם שטאַנג —
און יאָמערט און יאָמערט דעם יאָמער פון טויט.

אַ טאָג, אָדער צוויי, און דער ווינט וועט דערנאָך
(ווי וואַלד, ווי די טייכן, ווי איך און ווי דו),
דערזען, אַז אַ יעדערנס גאַנג איז אַ יאָך —
דערזען זיינע כוחות אין שטילקייט פון רו.

מיר וועבן דאָ אַלע דאָס וועבן פון זיין,
מיר וועבן אַריין אין דעם שפינראָד פון גאָט —
דעם דורשט נאָך אַ טראָפּן פון גאָלדענעם שיין,
די שרעק פאַרן יאָמער אין ערדישן טראָט.

ס׳איז גורל — דער פינגער פון אייביקן מיין:
אַז קיינמאָל וועט ס׳לעבן ביט ווערן פאַרוויסט —
דער קוואַל זאָל אַרויס פון פאַרגליווערטן שטיין,
די סאָסנע זאָל אויפגיין פון מאָכיקן מיסט.

דער זקן פון דאָרף

איז געשטאַנען דער מענטש און געהערט, ווי סע וועבן
דער הימל, די פלאַנצן, דער אייביקער דומם —
דעם סוד פון געשאַנקענעם לעבן.
געשטאַנען דערשראָקן, נשתומם,
און טיף אין די חושים דערפילט די הבטחה
צום ערשטן בן־אָדם:
— ווועסט לעבן, וועסט פראַצעווען שווער מיט דער סאָכע,
דורך שטענדיקע דורות — אַ פאָדעם
געשטריקט פון יסורים, געוויקט אין בטחון —
וועסט לעבן אין פרייד און אין יאָכן.
דער מענטש האָט געוויינט דאָס געוויין פון זכרון,

געוויגט זיך בציבור, געדאַוונט

אברהם טווערסקי

מיט טייך, מיטן באַרג, מיט דעם גאָלדענעם קאָרן —
אַ וועלט, וואָס באַהאַוונט
אין ערד און אין שטערן —
אין סוד פון געוויין, און פון זיין, און פון ווערן.

דער מענטש האָט געוויינט, ווייל דערזען, ווי די זוניקע שטראַלן
צעשמעלצן אין גאָלדענע, פריידיקע טרערן
דעם אומעט פון פעלדז אויף דער ערד, און פון אייביקן וואַקסן,
אַ שטראַל איז געפאַלן
אויף סאַמעט פון בלעטער, דעם מענטש אויפן אַקסל;

די ערד האָט געוירט און געטראָגן
אין טראַכט פון איר לייב, אַ צעפלאַמטן פון זוניקע פלאַמען, —
דאָס לעבן פון שטענדיקן טאָגן,
די ליבשאַפט צו וועלט פון אַ פשוטער, פשוטער מאַמען.

:: : ::

דער מענטש האָט געוואָלט פאַר דער חכמה פון שטאַנג זיך פאַרנייגן,
דערזען, אַז דער שטאַנג איז געוואָרן אַ פאַרביקער בויגן
אין זויבערער טיפקייט פון פורפור־צעצונדענעם הימל;
דער וואַלד האָט געזאַמלט די ביימער צום נאַכטיקן דרימל,
גערופן דעם פויגל, די הירשן, דעם בער און דעם ביבער —
געגרייט זיך צום שלאָף האָט אַ מידער, אַ רואיקער גבור.

די זון האָט צעשמאָלצן דעם גאָלדענעם שטאַג, און באַהאַלטן
אַ שטיק פון איר פלאַם אויפן באַרג אין די זאַמדיקע שפאַלטן;
פון טאָל האָט גערופן די שאָף אַ פאַרשפעטיקטער האָרן,
גערופן צו די בעריאָזעס, די טייכן, דעם קאָרן,
און אים, דעם פאַרטיפטן אין צער און אין יידישן תמיד —
דערמאָנט, אַז ער שטייט מיטן פנים צום אייביקן עמוד.

דער מענטש איז געשטאַנען פאַרגאַפט און געדאַוונט דערשראָקן,
דערהערט, ווי סע רעדן די ליפּן פון איינעם אַ זקן,
דער שכן פון נאַכטיקן וואַלד, און פון פעלד מיטן קאָרן, —
פון טרוקענעם שטאַנג איז אַ דאָרפישער זקן געוואָרן;
גערעדט האָט דער אַלטער פון פראַצע, פון נויט און פון פריידן —
ירושה פון טאַטן, דעם טאַטנס ירושה פון זיידן.

— די ערד, האָט דער אַלטער געזאָגט, איז די ברוסט פון אַ מאַמען:

גענוג אין איר האַניק פאַר אַלע בני־אָדם צוזאַמען,
מען דאַרף נאָר פאַרשטיין, ווי זי פּילט, דעם געמיט אירן וויסן —
די ערד וועט אַליין שוין דערלאַנגען דעם האָניק דעם זיסן,
זי ווייסט ניט פון מענטשן צו אַנדערע מענטשן קיין חילוק —
אַבי ניט פאַרשעמען איר גוטסקייט, אַבי ניט פאַרטיליק.

אַזוי האָט דער זקן געזאָגט צו דעם יידן פון דרום,
גערעדט מיטן לשון פון בראשית, פון שמות און פון דברים,
גערעדט, ווי די אָבות — די שטילסטע, פאַרחלומטע טויבן;
דער ייד האָט געהערט און פאַרנומען דעם פריידיקן גלויבן,
דעם חסד פון ערד, פונעם וואַלד, און פון גאָלדענעם קאָרן —
אין נאַכטיקן סטעפּ האָט שוין מער ניט גערופן דער האָרן.

אידאַ גלאַזער

טאָכטער פון משה ג.; געב. דעם 25טן סעפּט., 1893, אין ליובאַר, וואָלין. צו צוועלף יאָר געענדיקט די שטעטלשע רוסישע פאָלקסשול מיט אַ זילבערנעם מעדאַל. דערנאָך געענדיקט די מאַריאינסקאַיאַ גימנאַזיע אין זשיטאָמיר. 1909 געקומען קיין אַמעריקע. 1915-1917 שטודירט מעדיצין אין יוטאַ־אוניווערסיטעט, סאָלט לעיק סיטי. צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, און אין 1922 געענדיקט דעם זשורנאַליסטיק־קורס אין ניו־יאָרק אוניווערסיטעט. 1925 געענדיקט די ניו־יאָרק סקול אָוו קאַיראָ־פּרעקטיק. צוערשט געדרוקט זיך אין ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן. 1918 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „פרייע אַרבעטער שטימע". זיך באַטייליקט מיט לידער, דערציילונגען און איבערזעצונגען אין: נייע וועלט, צוקונפט, שריפטן, פּאָעזיע, אינזיך, ביים פייער, אויפקום, איביינעם, קינדער־זשורנאַל, צייט, פּרעסע (בוענאָס־איירעס), גרינינקע ביימעלעך, (ווילנע), ניי־יידיש, טאָג, פאָרווערטס, פרייהייט, קינדער־וועלט, יידישער קעמפּער, העפטן (טאָראָנטאָ־מאָנטרעאָל), חבר (ווילנע), המשך. אין בוכפאָרם: „אין האַלב־שאָטן", פאַרלאַג „קולטור", 1922, 68 זייטן; „יונג לעבן", פאַרלאַג „קינדער", 1929, 30 זייטן; „אין פעלד", פאַרלאַג „קינדער", 1929, 30 זייטן; „אַ רייזע צו דער לבנה" (קינדער־מעשות), 1940, 118 זייטן.

א. אלמי: „יונג־לעבן", „אין פעלד" — „פרייע ארבעטער שטימע", מאי 17, 1929.

יעקב באטאשאנסקי: צווישן יא און ניין — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), סעפט. 16, 1940.

פ. וויערניק: אנדזער פילשפראכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", יוני 4, 1922.

פ. וויערניק: אונדזער פילשפראכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", יוני 9, 1929.

מ. יאנג: צווישן ביכער און זשורנאלן — „פרייהייט", יוני 17, 1922.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל", אויג. 1940.

מ. מלמד: „יונג לעבן", „אין פעלד" — „יידישע וועלט" (פילאדעלפיע), אפריל 28, 1929.

ק. מרמר: „אין האלבן שאטן" — „פרייהייט", 1922.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאלן — „פרייהייט", מאי 6, 1929.

ש. ניגער: פון דער ביכער וועלט — „צוקונפט", סעפט. 1922.

ש. סיימאן: פיר נייע ביכלעך פאר קינדער — „אויפקום", אויג.־סעפט. 1929.

ע. קארמאן: „אין האלב־שאטן" — „ביכער־וועלט" (ווארשע), נאוו.־דעצ., 1922.

ע. קארמאן: יידישע דיכטערנס, אנטאלאגיע. פארלאג ל. מ. שטיין, שיקאגע, (1928), זז. 175—178; 342.

מלך ראוויטש: און דאס ווארט גייט פארויס — „וועג" (מעקסיקא), אויג. 14, 1940.

זלמן רייזען: לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור — ערשטער באנד, ווילנע 1928, זז. 580—581.

משה שטארקמאן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאג", אויג. 31, 1940.

אידאַ קאָזלאָווסקי, וואָס איז מער באַקאַנט אַלס אידאַ גלאַזער, אונטער וועלכן נאָמען זי האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט אַ בוך שטימונגס־לידער, „אין האַלב־שאָטן", האָט אין אירע צוויי ביכלעך („יונג־לעבן" און „אין פעלד") געפונען דעם ריכטיקן טאָן פון קינדער־צימער. זי רעדט ניט צו די קינדער, נאָר מיט די קינדער. זי שפּילט זיך מיט זיי, ווי קיין מאַן קען דאָס ניט טאָן. זי איז צוזאַמען מיט זיי אין רינגל־ראָד, אין יעדער שפּיל, אַרומגערינגלט פון די קליינע חברה־לייט. „איינס, צוויי, דריי, פיר. אַלע קומט אַהער צו מיר!" און די קינדער הערן דעם רוף און קומען, מחמת זיי פאַרשטייען זי.

פון אַ באַזונדערן ווערט זיינען די טיפן לידער — אין וועלכע די דיכטערן שילדערט אויף אַ שפּאַסיקן אופן פאַרשייּדענע קינדער־געשטאַלטן. דער הומאָר איז דאָ אַזוי לייכט און באַלויכטן, אַז דאָס קינד קאָן עס גרינג כאַפּן . . .

(א. אַלמי: יונג־לעבן. אין פעלד — „פרייע אַרבעטער שטימע", מאַי 17, 1929).

אידאַ גלאַזער

די שטים . . .

איך טראַכט,
און פרעג זיך —
וואָס איז די שטים פון מיין האַרץ?
איך הער זיך צו צום וואָיען פון ווינט
אין אַ שטורעמדיקער נאַכט;
צו דעם פליפּ־פלעפּ, קליפּ־קלעפּ פון רעגן,
צו די טרערן זיינע,
ווי זיי קייקלען זיך, גליטשן זיך,
אַט בייז און אַט רחמנותדיק,
אַרונטער, אַרונטער, אַרונטער
איבער זיינע באַקן־שויבן,
איז דאָס די שטים פון מיין האַרץ?

איז עס דער אָפּגלאַנץ פון מיין האַרצן
אין דעם שפּיגל קלאָרן?
דער אָפּשיין פון צוויי יונגע, בענקענדיקע,
אין דעם לעבן־פאַרליבטע, אויגן?

איז עס דאָס מוזיקאַליש פּלאַפּלעריי
און טעפּ־טעפּ, טאָפּ־טאָפּ
פון קינדערשע קליינע פיסלעך,
וואָס קלינגען מיט פאַרקלעמטער בענקשאַפט אין מיין אויער —
איז דאָס די שטים פון מיין האַרץ?

איך קוק זיך צו צום פלאַקער־פייער
אויפן פאַן פון טונקל־ווערנדיקן הימל —
איז עס דער אָפּשיין פון מיין ליידנשאַפט
אין דעם פלאַקער־פייער?

די אומרו פון שטאָט —
די טויזנט־קעפּיקע גידראַ
מיט הענט אומצייליבאַרע,
וואָס שטויסן פאַראויס —
און פאַרהאַלטן צוריק,
דערהייבן דיך הויך —

און שלײַדערן נאָך טיפֿער אַרונטער.
די אַנגסט און די טיפֿע פֿרייד,
דער קלעם — און דער שטילער ציטער;
דאָס קרעפּטיקע אויסגעשריי פֿון פֿולער ברוסט —
און דאָס אײַנזאַם טרוקן געוויין.
די ווילדע שכרות
און די קלאָרע, קאַלטע אויסגערעכנטע ניכטערקייט
פֿון דעם, אַט דעם גרויסן דעם
וואָס רעפּרעזענטירט די שטאָט —
איז עס די עכאָ פֿון מײַן האַרצן
אין דעם אומרו פֿון שטאָט?

איך טראַכט,
און פֿרעג זיך —
וואָס איז די שטים פֿון מײַן האַרץ?

ג אָ ט

איך ווייס ניט וואו דו ביזסט און ווער דו ביזסט —
דאָך וואָלט איך וועלן אַט אין דער מינוט
צו גלויבן אין אַ גאָט.

פֿאַר דיר מײַן קאָפּ צו בויגן
און צו לויבן דיך
פֿאַר דעם גרויסן חסד וואָס דו טוסט מיט מיר;
צו געבן דיר מײַן הייסן דאַנק
פֿאַר דער טיפֿער פֿרייד
וואָס שאַפֿסט אין מיר;
פֿאַר יעדער רגע אָדער שעה
וואָס אויף מײַן גורל פֿאַלט
פֿון דער לאַנגער, גרויער קייט פֿון מײַנע טעג . . .

אַפֿילו פֿאַר דעם פּײַן,
וואָס זויגט מײַן בלוט, וואָס נאָגט מײַן האַרץ
און טריקנט אויס מײַן מאַרך, אַ גאָט,
וואָלט איך דיר וועלן דאַנקען.

איך ווייס ניט ווער דו ביזסט, און וואו דו ביזסט —
דאָך זוך איך דיך מיין גאַנצן לעבן לאַנג:
אין ברום פון ים,
אין רויש פון ווינט,
אין שטילן מורמלען פון אַ שטראָם אין וואַלד,
אין יעדן מענטשנס בליק
זוך איך דיין פנים צו דערקענען.
און שאַף אַליין אַ גאָט פאַר זיך,
ווען דיך געפינען קען איך ניט.

אָט שאַף איך דיך — און אָט צעשטער איך דיך,
ווייל דו ביזסט דאָך ניט גאָט,
אויב מיין שוואַכע מענטשן־האַנט קען דיך צעברעכן.

און אייביק בלייבט פאַר מיר דיין פנים פרעמד.
איך בלאָנדזשע, אַ פאַריתומט קינד,
אויף דיינע אומבאַקאַנטע וועגן —
ווייל איך ווייס ניט וואו דו ביסט
און ווער דו ביסט, מיין גאָט.

כ׳האָב אַליין געקויפט זיך בלומען

כ׳האָב אַליין געקויפט זיך בלומען
און געמאַכט פאַר זיך אַ יום־טוב.
איך און בלומען — זיינען שוין אין צווייען,
וועלן מיר זיך בעסער קענען פרייען.

ווייס און רויט — באַליבטסטע מיר קאָלירן
זיי וואַרימען מיין אויג, ווי גוטער ווין מיין גומען,
מעג שוין קיינער היינט צו מיר ניט קומען,
כ׳בין מיט מיינע ווייס און רויטע בלומען.

כ׳האָב זיך אויסגעפוצט אין שענסטן קלייד
און אַלע לאָמפּן אָנגעצונדן
ווייל עס זינגט אַ ליד ביי מיר אין האַרצן,
זינגט און וואַרעמט מיין נשמה, —
ס׳ווערט אַ נייער טאָג געבוירן — — —

טאָ פריי זיך האַרץ, און פאַרגעס די ווייען,
איך און בלומען — זיינען שוין אין צווייען.

ציליע דראַפּקין

טאָכטער פון יוסף יונה לעווין. געב. דעם 18טן דעצ. 1889 אין באברויסק, מינסקער ראַיאָן, ווייסרוסלאַנד. יידישע לימודים געלערנט ביי אַ רביצן ביז 8 יאָר. געענדיקט באברויסקער רוסישע עלעמענטאַר שול און דערנאָך געלערנט אין גימנאַזיע פון נאָוואָזיבקאָוו און געענדיקט גימנאַזיע אין באברויסק. אַ קורצע צייט געווען לערערן אין וואַרשע. 1912 געקומען קיין אַמעריקע. צו צען יאָר אָנגעהויבן שרייבן אויף רוסיש. איר ליד „נאָכאַמאָל אַ קוש" האָט א. נ. גענסין איבערגעזעצט אויף העברעאיש און עס אַריינגענומען אין זיינעם אַ ראָמאַן. אין 1914-1915 האָט קאָליאַ טעפער איבערגעזעצט אויף יידיש אַ צאָל פון אירע רוסישע דערציילונגען. 1918 דעביוטירט מיט יידישע לידער אין „די נייע וועלט". זיך באַטייליקט אין: אינזיך, צוקונפט, אָנהויב, פּאָעזיע. אין בוכפאָרם: „אין הייסן ווינט", ניו־יאָרק, 1935, 120 זייטן.

ע. קארמאן: יידישע דיכטערינס אנטאלאגיע. פארלאג ל. מ. שטיין, שיקאגא (1928), זז. 162—168; 341.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל", פעב. 5, 1936.

ש. ניגער: א רויטע בלום — „טאג", מערץ 1, 1936.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אנטאלאגיע. 1943.

צ י ל י ע   ד ר אַ פּ ק י ן

ב. ריווקין: איז הייסן ווינט — „צוקונפט“, סעפּט. 1936.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — ערשטער באַנד, ווילנע, 1928, זז. 742—743.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

Imber, Samuel J.: Modern Yiddish Poetry. New York, 1927, pp. 26-27.

זי איז דורכאויס אויפריכטיק און אַ ליד ביי איר האָט אַלעמאָל אַ פּאָעטישע אידייע, דאָס בילד און מוזיק פון איר ליד זיינען האַרמאָניש צוזאַמענגעשמאָלצן. אינערלעכער געזאַנג מיינט ביי איר נאָכאַנאַנד די איינציקע פּאַסיקע אויסערלעכע מוזיקאַלישע באַקליידונג, די מוזיקאַלישע פאַרב. מוזיקאַליש־קייט איז דער גרונט־פּרינציפּ פון איר דיכטונג, צוליב דעם איז ציליע דראַפּקינס אַ ליד אַלעמאָל איינפאַך. אין איר פּשוטקייט דערנענטערט זיך ציליע דראַפּקין צו יענער געטלעכער פּשוט־קייט, וואָס האָט אויסגעצייכנט אַ ריי גרויסע דיכטערנס פון דער וועלט.

ציליע דראַפּקינס פּאָעזיע איז שטאַרק פאַרוואָרצלט אין דער פאַרגאַנגענהייט און האָט אַ פיינעם יחוס. איין וואָרצל, וואָס נערט איר פיינע פרויען ליריק איז זיכער אַ שטאַרקערער, דאָ געהערט ציליע דראַפּקין צו די יורשטעס פון דער גרויסער גריכישער פּאָעטעסע סאַפּאָ, וועלכע האָט געלעבט מיט דריט־האַלבן טויזנט יאָר צוריק . . . אַ צווייטער וואָרצל פון איר לי־ריק איז אין יענער גרויסער דיכטונג און פּאָעזיע מיט עטלעכע דורות צוריק, וואָס האָט אומעטום הויך אויפגעהויבן די פּאָע־טישע קונסט . . . דער דריטער וואָרצל איז אַ יידישער: ער ציט זיך פון יידישן ליד, פון יידישן פאָלקסליד. לייענען ציליע דראַפּקינס לידער, מיינט לייענען פּאָעזיע.

(י. קיסין: אַ זאַמלונג לידער פון אַ באַקאַנטער דיכטערן — „פאָרווערטס“, פעב. 9, 1936).

צו אסתרן, מיין טאָכטער

איך האָב דיך היינט אין גאַס געטראָפן,
ס׳איז מיד געווען דיין קול,
דיין האַלדז געווען צום קאַלטן ווינטער אָפן,
איך וועל קויפן דיר אַ שאַליקל פון וואָל.

עס וועט פאַרשטעלן דיר דיין האַלדז פון קאַלטן ווינטער,
איך קען פון אַנדערע בייז דיך ניט פאַרשטעלן,
ווען ס׳וואָלטן העלפן גאָט צי געטער,
אָפּגעהאַקט וואָלט איך פון טעמפּלען אַלע שוועלן.

איך קען די נעכט ניט רואיק שלאָפן,
טראַכטנדיק פון דיר:
ס'איז מיד אַזוי דיין קול,
דיין לעבן איז צום שטורעם אָפן,
צו בייז געוויטער אָפן איז דיין טיר,
איך וועל קויפן דיר אַ שאַליקל פון וואָל.

ביינאַכט דורך פּאַרק און רעגן

צעפּראַלטע הענט פון ביימער,
צעפּראַלטע הענט פון ליכט,
און דיין בלייך געזיכט.
דו טראָגסט מיך דורכן פּאַרק
אויף שפּיגלען שוואַרצע וועגן
דורך נאַכט און רעגן.

ביימער אין וואָלן,
אין שפּיל פון נאַסע שטראַלן,
דער פּאַרק איז פול מיט
שטראַלן
מיט מילכוועגן, קאָמעטן,
מיט גילדענע סטילעטן,
מיט גילדענע געוועבן
פון רויטע גרינע שפּינען
פון טרעפּיק ליכט אין רויט,
פון טרעפּיק ליכט אין גרין,
מיט רעגן און מיט לעבן,
וואָס פּאַטשט אין דער מאַשין.

דער פּאַרק איז ווי אַ זאַל
מיט טונקעלן פּאַרקעט:
מיט ביימער קאַנדעליאַברען,
וואָס מישן זייער ליכט
מיט געלן אָטאָ־ליכט.

אַן אָטאָ־קאַרניוואַל
אַן טענץ, אַן קאָנפעטי
אין כישופדיקן גלי
פון שוואַרצע קאַנדעליאַברען
פון אַלע, אַלע פאַרבן.
נאַר שוואַרץ און גאָלד און גרין,
נאַר שוואַרץ און גרין און רויט
און דו אין דער מאַשין
בלויאיק, ווי טויט.

צעפּראַלטע הענט פון ביימער,
צעפּראַלטע הענט פון ליכט,
און דיין בלייך געזיכט.
און דיינע הענט ווי ביימער,
און דיינע הענט ווי ליכט.

אַ ווינטער נאָכמיטיק

די בלוי פון הימל שלעפערט איין.
די הוילע צווייגן דורך די
פענצטער
זע איך גאָלדיק ברוין.

דער רויך פון פּאַפּיראָס שוועבט
איבערן טיש.
אַ געזיכט אין שאָטן בלויט זיך
אין דעם רויך.

די ווייך פון הימל שלעפערט איין,
און גאָלדיק איז דער שניי.
דורך פאַרהאַנגען זע איך קינדער
שליטלען זיך אַראָפּ אין גאַס.
שוואַך דערטראָגן זיך צו מיר
די קולות

די בלוי פון הימל שלעפערט איין
מיין מח און מיין האַרץ
די גאָלדיק ברוינע צווייגן
און דעם שניי.

פון אַ ליד

ביזט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, טאַטע,
ביזט אַראָפּגעקומען אויף דער ערד
מיט אַ פינצטערן פּנים
מיך טרייסטן.
דיינע אויגן קוקן אויף מיר מער ניט מיט רוגזה
פאַר מיינע שלעכטע מעשים.
דיינע אויגן קוקן אויף מיר ניט מיט מילדקייט און שטאָלץ,
ווי אויף אַ געליבטער טאָכטער.
דיינע אויגן זיינען פול מיט פאַרצווייפלונג,
ווי מיינע.
זיי קוקן אויף מיר מיט אַ טרוקענעם ברען,
וויינען אָן טרערן,
און דו קענסט אַ וואָרט ניט זאָגן.

מיין מאַמע

מיין מאַמע,
אַ צוויי און צוואַנציק יאָריקע,
אַן אלמנה מיט צוויי קליינניקע קינדער געבליבן,
צנועתדיק האָט זי באַשלאָסן צו קיינעם אַ ווייב מער ניט ווערן,
שטיל האָבן זיך אירע טעג און יאָרן געצויגן,
ווי פון אַ קאַרגער וואַקסענער ליכט באַלויכטן.
מיין מאַמע איז צו קיינעם אַ ווייב ניט געוואָרן,
נאָר אַלע פילטעגיקע,
פילאָריקע, פילנאַכטיקע זיפצן
פון איר יונגן און ליבנדן וועזן,
פון איר בענקנדיק בלוט,
האָב איך מיט מיין קינדערשן האַרצן פאַרנומען,

צ י ל י ע   ד ר אַ פ ק י ן

טיף אין זיך איינגעזאפט.
און מיין מאַמעס פאַרבאָרגענע זודיקע בענקשאַפט
האָט זיך, ווי פון אַן אונטערערדישן קוואַל,
פריי אין מיר אויסגעגאָסן.
איצט שפריצט פון מיר אָפּן,
מיין מאַמעס זודיקער, הייליקער,
טיף־פאַרבאַהאַלטענער באַגער.

אַן אָוונט אין מערץ

דו קענסט שוין ניט פאַרשטיין מער
אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכן,
ווי אַ נאַסער אויפדערנאַכט אין מערץ,
ווען עס ציטערן נאָך בלייך
די ערשט־געצונדענע לאַמטערן
און שפּיגלען זיך אין פריילעכן אַספאַלט . . .
פון ליבע טראַכסטו נאָר, פון ליבע,
דו נאַרישע, דו אומגליקלעכע פרוי!

הויב אויף דיין אומעטיקן קאָפּ און זע,
ווי ס'וועבט זיין שוואַרצע נעץ דער „על",
און פרויען גייען דאָרט אַרויף, אַראָפּ,
מיט אויגן לייכטע, ווי פרילינג וואָלקנס,
מיט אָנגעפאַרבטע ליפּן, באַקן,
ווי לעצטע שפּורן פון זונפאַרגאַנג.

אַך, דו אַליין נאָר גייסט אַרום אַ בלייכע,
אַ גרויער שאָטן אין לוסטיקן פאַרנאַכט,
נאָך אַלץ אין ווינטערדיקן הוט און מאַנטל;
און די גרויסע אויגן זאָגן אויס דעם סוד,
און פון ליבע טראַכסטו נאָר, פון ליבע,
דו נאַרישע, דו אומגליקלעכע פרוי!

צ י ל י ע   ד ר אַ פּ ק י ן

צו לוציפערן

מיין שיינער לוציפער,
דיין קאַלט־גרויער בליק
קוקט באַוועגלאָז אויף מיר,
און צעדרייט, ווי אַן אַף
שטיי איך אויף די קני,
און לעק דיר דיינע דאַרע פיס.
מיין רוקן איז געוואָרן צעבויגן,
ווי אַ פרעג־צייכן,

נאָר עס מאַכט ניט,
ווי לאַנג דו קוקסט אַזוי,
מיין שיינער לוציפער,
באַוועגלאָז אויף מיר,
וועל איך זיצן צעבויגן
ביי דיינע פיס,
ווי אויף „נאָטרע דאַם"
אַ כימערע.

⁂

איך האָב דיך נאָך ניט געזען
אַ שלאָפנדיקן ,
עס ווילט זיך מיר זען,
ווי דו שלאָפסט,
ווען דו פאַרלירסט דיין מאַכט
איבער זיך, איבער מיר.
עס ווילט זיך מיר זען דיך

אַ הילפלאָזן, אַש וואַכן, אַ
שטומען,
עס ווילט זיך מיר זען דיך מיט
אויגן
פאַרמאַכטע, אָן אָטעם,
עס ווילט זיך מיר זען דיך
אַ טויטן.

⁂

דו קווועלסט, איך קוועל,
עס קוועלט אין אונדז דער גאָט,
וואָס מאַכט פון אַלץ אַ תל,
וואָס ווייס ניט פון פאַרבאָט.

קלאַפּ צו מיינע הענט,
קלאַפּ צו מיינע פיס צו אַ קרייץ

פאַרברען מיך, ווער פאַרברענט,
פאַרנעם מיין גאַנצן רייץ,

און לאָז מיך טיף פאַרשעמט,
זויג אויס און וואַרף אַוועק
און ווער פאַרפרעמדט,
פאַרפרעמדט
אויף אַ באַזונדער וועג.

ראַשעל וועפּרינסקי

טאָכטער פון יודל וו.; געב. אַפּריל, 1895, אין איוואַנקאָוו, קיעווער גובערניע. דערצויגן אין קיעוו. 1907 געקומען קיין אַמעריקע. 1918 דעביוטירט אין „די נייע וועלט". פאַרעפנטלעכט לידער אין: שריפטן, פּאָעזיע, אינזיך, צוקונפט, פרייע אַרבעטער שטימע, און דערציילונגען אין „פאָרווערטס". אין בוכפאָרם: „רוף פון פליגל", ניו־יאָרק, 1926, 60 זייטן. — איז די פרוי פונם דיכטער מאני לייב.

[—]: ראַשעל וועפּרינסקי: „רוף פון פליגל" — „פרייע ארבעטער שטימע", דעצ. 31, 1926.

כאַלק היילפּערין: „איינציקע" — „אונדזער טאָג (ווילנע), נום. 223, 1921.

ש. ז.: ראַשעל וועפּרינסקי: „רוף פון פליגל" — „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), נום. 5, 1927.

אב. קאַהאַן: אונדזערע קורצע דערציילונגען, זייערע שרייבער און זייערע לעזער — „פאָרווערטס", מאַי 13, 1934.

אב. קאַהאַן: אַ קריטישער איבערבליק איבער דער דערציילונג „עס איז געבליבן אַ סוד" — „פאָרווערטס", יוני 16, 1935.

ראַשעל וועפּרינסקי

ע. קאַרמאַן: יידישע דיכטערינס, אַנטאָלאָגיע. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגאָ (1928), זז. 169—174; 542—543.

חיים קרול: צוויי פרויען (מיניאַטורן) — „פרייע אַרבעטער שטימע", מערץ 6, 1936.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — ערשטער באַנד, ווילנע, 1928, ז. 1007.

. . . באַלד די ערשטע פערזן פון ראַשעל וועפּרינסקיס לידער טוען אַ פּאַך מיט יענער אַנגענעמער וואַרעמקייט, וואָס פאַנגען דיך, מאַכן דיך שמייכלען, און עפּעס אַן אומבאַשטימטע התקרבות דערפילסטו צו זייער פאַרפאַסער. יעדער פערז פון אָט־דעם לידער־ביכל וויברירט מיט ווייבלעכער צערטלעכקייט, פּשטות, און איך וואָלט זאָגן — מוטערלעכקייט; צוזאַמען מיט אַ פּרימיטיווקייט וואָס דערמאָנט אָן די אַלטע גוטע שורות פון פאָלקס־שאַפן. איר פערז איז לייכט, קורץ, און עפּיגראַמען־מעסיק. לרוב פאַרנעמט יעדעס ליד בלויז אַ העלפט פון זייטל, אָבער אין אָט־די קורצע לידלעך באַווייזט די דיכטערין איבערצוגעבן פיל שטאַרקע עמאָציעס, וואָס קריצן זיך איין און רעדן צו די חושים.

ראַשעל וועפּרינסקיס לידער זיינען כמעט אַלע (אַ חוץ עטלעכע אויסנאַמען) עראָטיש. עס זיינען אָבער ניט יענע זיסע ליבע־לידלעך, גיכער רחמנות־לידער, וואָס מען איז געוואוינט צו זיי אין דער יידישער ליטעראַטור. ראַשעל וועפּרינסקי דיכטעט פון יענער שטאַרקער חושימדיקער ליבע, וואָס פאַרפלייצט, און ווי יעדע גרויסע נאַטור־איבערלעבעניש, שווענקט זי אַראָפּ די גרענעץ־קאָנטורן פון טויט, אַ וואָרט, וואָס אין דעם „רוף פון פליגל" באַגעגנט מען אָפט.

(ש. ז.: „רוף פון פליגל". — „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, פעב. 4, 1927).

איך בין די פרוי

איך בין די פרוי.
מיט ראָסט פון פריען האַרבסט מיין הויט,
מיינע ליפּן רויט מיט זאַפט פון ווילדע יאַגדעס . . .
איך בין די פרוי.
ניט געצערטלט, נאָר געבייטשט פון ליבע איז מיין לייב —
אָט איז מיין לייב — אַליין אַ בייטש
און ברענט פון שאַרפן שוואונג —
איך בין די פרוי.

אין מיינע אויגן שפּעטע בליאונג פון פאַרשטיין;
ערשט איצט, ביזסטו מיר ליב געוואָרן ווי אַ מאַן —
דו מאַן!
מיר איז באַגענט דיין פּשוט אָנגעזיכט;
דיין מאָנלעך אָנגעזיכט גיט מיר פרייד —
איך בין די פרוי.

איך שטיי ביי מיין שוועל,
אַזוי פרי און העל קוק איך ארויס
צו אַלץ וואָס קומט מיר אָן אַנטקעגן;
ניט פאַרפלאָנטערט פון פרילינג־בליאונגען און צער
ליגן די וועגן
נאָר צוגעברוינט פון זון און ברייט —
מיר גייען ביידע שמייכלענדיקערהייט
ביז צו די קרייצוועגן,
דאָ גיב איך דיר מיין האַנט — מיין בליק . . .
דער וועג ליגט נאָר אַהין און ניט צוריק;
נאָר מיין געמיט איז העל, איז קופּער־זוניק . . .
איך טראַכט צו זיך און זאָג:
דו פאַרגייסט אַזוי שיין
ווי ס'פאַרגייט דער טאָג.

אין אָוונט

ער איז געקומען מיד פון טאָגיקן שטויב,
די טאָגיקע זאָרג האָט געגרויט פון זיין קלייד;
דערפאַר, האָט זי ליכטיק דעם טיש געגרייט
מיט פלייש און ברויט און גאָר אָן רייד,
געהאָדעוועט אים ווי אַ שטומע זאַך;
און ער האָט געגעסן, און געלייגט זיך גלייך —
רוען געלייגט אונטער פריינטלעכן דאַך.

שטיל האָט דער אָוונט געזונגען, גאָר שטיל . . .
און ער איז פאַרזונקען אין זיסלעכן שלאָף —
ערגעץ אין פעלד דאָרטן וואַרעמע שאָף
טוליען זיך, וואַרעמען איין זיך אין שלאָף.
שלאָף־פליגלען פלאַטערן זינגעוודיק־זיס —

זי נעמט אַ קישן, פאַרדעקט זײַנע פּיס —
און פול ווערט איר האַרץ, און איבערפול.

⁂

בורשטין־בלייך איז דער טאָג.
איך בין אַליין מיט מײַנע געדאַנקען, פאַרלאַנגען,
רייפע, רוישיקע ווי זון און ווינט —
מײַן פרילינג האָט אָפּגעגרינט;
און איך בין אַזוי שיכורלעך ווי האַרבסט,
און ווי דער קליאָן,
פון זײַן איבערטריפנדיקן האָניק.

מײַן שונא

שטיל שלאָפט דאָס קינד בײַ דער מאַמעס בריסט
אין מײַנע אָרעמס שלאָפט מײַן שונא,
רואיק, רואיק ווי די נאַכט.

שיין איז זײַן קאָפּ ווי אַ יונגער וואַלד,
זײַנע ליפּן דורשטיג, און זײַן שטערן בלאַס —
אָ, ווי עס וויגט מיך דער ווינט פון האַס! . . .

אָ, ווינט פון האַס, אָ, ווינט פון לוסט,
נויג מיך ניט אַזוי
צו מײַן שונאס ברוסט . . .

די ליבע

איך האָב זי דערקענט, זי איז געקומען באָרוועס, באַגינען,
און גאָר אומגעריכט,
און דאָ צווישן אונדז ביידן געמאַכט איר געלעגער,
און אומגעקערט צו מיר דײַן פאַרלאָרענעם געזיכט.

די נאַכט איז געווען אַ שווערע, אָן שטערן,
מיטן טאָג, ווען איך האָב פאַרווישט מײַנע טרערן,
איז זי ניט געווען; נאָר אַ לייכטער דופט צווישן אונדז ביידן
און בלויז אַ דעראינערונג בײַ אונדז אין די אויגן . . .

מיך ציט . .

מיך ציט דיין לבנהדיקע שטילקייט,
דיין מאָס און פאַרבלייכט געזיכט;
דער הימל גיסט אָוונט אַרונטער,
איך ברען צו דיר שטיל ווי אַ ליכט.

ציט די לבנה דעם נאַכטיקן ים,
דער ים וועט זיך העכער ניט הויבן;
ער וועט נאָר אויסגיין צו ווייזן זיין האַרץ —
ער וועט זיך אויף כוואַליעס צעשטויבן.

פון מיינע שלאַנקע גלידער

פון מיינע שלאַנקע גלידער ווינען קינדער ניטגעבוירענע,
וואָס ווילן דורך מיין לייב ווייסע וועלט דערזען
און אויפבליען אונטער דער זון
מיט קעפעלעך געקרויזלטע,
אויגעלעך ברייט־פאַרוואונדעטע,
שוואַרצינקע און בלוי.
נאָר טיף אין זיך פאַרטויב איך
יענע קלאָרע שטימעלעך
מיט טויזנט שטימען פון אַ פיבערישן דראַנג
צו זיין, ווי איצטער, אייביק אַזוי בויגזאַם, אַזוי שלאַנק
און פריי פאַר מיין קאַפּריז,
פאַר נעכט געשטערנטע,
און פאַר דיינע צערטלענדיקע הענט —
זאָלן מיינע טעג כאָטש ווערן האַסטיקער פאַרשווענדט,
אַז דאָרטן וואו איר וואַרט, —
איר ווייגענדיקע אויגעלעך אונטער די ווייסע טויערן,
קומען זאָל איך יונג צו אייך.
איך וועל אייך שטיל צוזאַמענגעמען
אונטער מיינע מאַמע־פליגלען
און אויף עפּעס טרויערן
און ווינען שטיל מיט אייך.

יעקב (בצלאל) סטאָדאָלסקי

זון פון אברהם ס.; געב. דעם 17טן מערץ, 1890, אין פּאַריסאָוו, אַמאָליקע שעדליצער גובערניע, פּוילן. גע־קראָגן אַ טראַדיציאָ־נעלע יידישע דערציאונג און זיך באַקענט מיט דער רייכער אַלטער יידישער קולטור. אין דער פריסטער יוגנט אַוועק קיין פּאַריז און גע־וואָרן אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אונטער דער השפעה פון דר. ח. זשיטלאָווסקיס ווערק געוואָרן אַ יידישער נאַציאָ־נאַליסט. זיין ערשט יידיש ליד, אַ „פּאַריזער נאָקטורן" איז אין אַ דייטשער איבערזעצונג געדרוקט געווען אין דייטשן זשורנאַל „די בויע מענטשן", אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע דייטש־יידישע אינטעלעק־טואַלן. 1912 געקומען קיין אַמעריקע. 1918 דעביוטירט אין „אָנ־הויב". צוגעשטאַנען צו די „אינזיכיסטן". זיך באַטייליקט אין: אינ־זיך, קערן, 1925, 1926; געווען מיט־גרינדער און מיט־רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" (אינאיינעם מיט י. ליבמאַן, מ. י. חאַי־מאָוויטש און חיים קאַנטאַראָוויטש). 1944 רעדאַקטירט חודש־זשור־נאַל „מיר" (אינאיינעם מיט וויליאַם אייבראַמס און מעינקע קאַץ). גע־ווען שותף פון פאַרלאַג „גראַהאַר־סטאַדאָלסקי". אין בוכפאָרם: „איר־ליכט", פאַרלאַג „גאָב", 1933; „ליכט פאַר די לאָדנס", פאַרלאַג „בי־דערמאַן", 34 זייטן, 1938; „דר. חיים זשיטלאָווסקי", 1941, 46 זז.

מאַקס גאַפּט: דער פּאַריזער — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

א. גלאַנץ: די נייסטע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע — „טאָג“, נאָוו. 23, 1924.

מ. י. האַימאָוויטש: צוואַנציק יאָר דיכטן — י. סטאַדאַלסקי — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

ש. טענענבוים: אַ דיכטער אין שאָטן — „שטימע“ (מעקסיקאָ), פעב. 28, 1942.

ש. טענענבוים: פּלאַסטישע שטימונגען — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

י. ליבמאַן: נאָטיצן צו אַ פּאָרטרעט — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

מיכל ליכט: עטלעכע באַמערקונגען וועגן יעקב סטאַדאַלסקי — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

נ. ב. מינקאָוו: די ווירקונג פון סטאַדאַלסקיס רעפלעקטיוויקייט אויף זיין פאָרם — „באָדן“, באַנד צוויי, נומער 1.

הירש רייף: יעקב סטאַדאַלסקי, דער דיכטער פאַר עקסעלאַנץ — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940.

. . . ריידנדיק וועגן סטאָדאָלסקין אַלס חסיד, ווערט בשום אופן ניט פאַרשטאַנען קיין ראַסאָווער קולטורעלער אַטאַוויזם... זיין חסידות איז ניט דער פּראָדוקט פון אַבערגלויבערישן פאָר־מאַליזם און דערפאַר איז עס שוין במילא ניט עקספּלואַטאַציע־קוואַל און לחלוטין אָפּגעשיידט פון קונצנמאַכערישע זשעמאַנ־סטווען.

סטאָדאָלסקי וואָס האָט זיין נחת־רוח געפונען צווישן אַ גרופּע דיכטער וואָס אונטערשטרייכט — ווער מער, ווער ווייניקער — אינטעלעקטואַלקייט (פאַרשטייט זיך, קאָמבינירט מיט דיכטערישער סענסיביליטעט) איז אורשטאַמלעך אַ קוואַל פון חסידות פאַר דעם ברויזנדיק־איינגעהילטן קינסטלערישן וואָרט. ער האָט פאַר זיך געפונען אַ מיטל וואָס איז ניט בלויז אַן אויס־וועג, נאָר אַן ענדגילטיקער, כאָטש ווינציק־וואַריאירטער, אינ־סטרומענט פאַר פאַראייניצעלנען חסידות מיט, ניט מטלטלים פון פשטות און לויזער פּאָעטישער טראַדיציע אין אונדזער שפּראַך־באַגריף, ניט מיט „שולע“, מיט „טענדענץ“, ווי מען רופט עס, נאָר מיט גייסט; ניט מיט זינגען, טאַנצן און שפּרינ־גען ווי אַ פּאָעטישער באָק, נאָר אין איינקלאַנג מיט דער מאַ־ניפעסטירונג פון זיין ליד אויף אַ שטייגער וואָס איז וועזנטלעך פּאַסיק פאַר אַ דיכטער פון דעם פּערמאַנענטן און אימאַנענטן, קורץ — פון נעכטן, און מאָרגן און אַמאָליקן.

(מיכל ליכט: עטלעכע באַמערקונגען וועגן יעקב סטאָדאָל־סקי — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 15, 1940).

יעקב סטאָדאָלסקי

דער ווילנער גאון

אין ווילנע, דער שטאָט,
געוואוינט האָט אַ גאון,
געשמט איבער דער וועלט: —
„דער ווילנער גאון".

געווען איז ער אַ ייד, אַ חריף —
אַ זעלטענער מוח;
אין שטעל — הויך;
די פּאָזע געווען וואָס צו זען.

געווען אין ענטפער—שאַרף,
אין פראַגעס — באַטייט,
זעלטן האָט מען געקאָנט טרעפן
זיין גאַטונג
אין לויף פון אַ לעבנס צייט.

ווען אין זיין בכבודיקער האַלטונג
פלעגט ער—פון זיין וואוינונג,
יעדן טאָג אין שול אַריינגיין,
פלעגן קינדער—צוזיין עונג,
אין אַ כרובים־געזאַנג זיך
פאַרגיין:
— דער ווילנער גאון גייט!
— דער ווילנער גאון גייט!

פלעגט דער „גוטער ייד",אין מיט
פון זיין וועג, אָפּשטעלן זיינע
געמאָסטענע טריט,

זיך איינהערן, מיט גרויס תענוג
צו דעם כרובים־געזאַנג;
מיט אַ פנים — פאַרטרונקען
אין קוועלן,
פלעגט ער אַ יידיש קינד
אָפּשטעלן, —
זיין פנים האָט געשיינט פון אַ
כבודיקן בזיון:
— קינד מיינס, קינד מיינס,
וויל באַר וועסטו אויך זיין
אַ גאון.

⁂

אויף דעם ייִנגלס געהער,
האָט דער אַנעקדאָט,
פון רב אברהמס ליפּן
ווי אַ חתימה אויף אַ געבאָט,
געלייגט זיך אויף זיין וואַכיקן
זכרון.
מיט יאָרן האָט ער זיך צעבליט,
צעצווייגט,
אויסגעוואַקסן, אין פאַרנעם,
געשטייגט,
ביז אידייע־פיקס, ביז שגעון;
— וויל באַר, וויל באַר,
וועסטו אויך זיין אַ גאון.

אַ בעטהאָוון סאָנאַטע

לבנה־פינגער — שפּילן אַ בעטהאָוון סאָנאַטע —
ווי וואַכיק באַוועגט זיך דיין מוזיקאַלישער געדאַנק אין מיר
אין פולן איינקלאַנג מיט מיין ברויזנדיקן ווילן —
אָ, תליון־פינגער, וואָס שפּילן
בעטהאָוונ׳ס האַרץ אויף שליסלען מאַטע — — — —

— עפּן אויף פון דיין לייכטורעם — די טיר,
— שפוך חמתך! אויף דער דרויסנזייט,
הענגט דער „מילך וועג" — אַ סוואַסטיקע,
און די לבנה — אַ הענקער־האַק אויף איר: —
צו וועלכן קאָנטינענט זאָל איצט אונדזער גייסט זעגלען?!

מאַרקס איז אַן אונדזעריקער!
אין לאַנד פון קאַנטן און פּראָפעסאָר העגלען,
מייסטער, האָט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן איינגעדאַרט?
אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — דייטשלאַנד —
ווי פילן זיך די גייסטער: —
שובערט, שומאַן און מאָצאַרט?

שוואַרץ איז די נאַכטיקע וויסטאַ,
אויטאָמאַטישע פייער־אויגן
צעשניידן איר
אויף מאַרגס צעפּאַלמעסטע שטיקער;
דער מלחמה־גאָט —
ליגט אויף איר זונה־טראַכט — שיכור!
דורך מיין וויסט פענצטער,
איז די נאַכט — אַ שוואַרצע פאָן.
איר געלער עמבלעם —
אַן איינגעדאַרטער קאָפּ,
און צוויי קנאָכן — אין אַ קרייץ,
פון אַ צעטרענצלטן יעזוס־סקעלעט;
אויף גאָלגאָטע־דערנער
וואַכן גייסטער אין אַ מאַרטער־בעט: —

„גרויסער מייגסטער!
ניט דיין ניינטער סימפאָניע־פרייד
זינגט איצט די בלוטנדיקע מענטשהייט.

פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאַד

לויב! לויב! לויב!
פיל מאָל לויב צו דיר,
האָנאָרירטער אַמבאַסאַדאָר,
פּראָפעסאָר וויליאַם ע. דאַד.

מיין זעל האָט זיך איצט
צו העכערע גייסטיקע ספערן פאַרנומען,
און פון יענע הייכן קאָן מען הערן —
אַ כאָר פון די נאָבלסטע הערצער קומען:
„צו אונדזערע אַמעריקאַנער ברעגן
אויף אונדזערע פרייע וועגן:
ווילקאָמען! ווילקאָמען! ווילקאָמען!

ווי דורך צעעפנטע פאָרטאַלן,
דרינגט אין מיין האַרץ אַ געטלעך געזאַנג;
מיין געדאַנק געפינט פאַר דעם זעל, ווערטער:
ריטם, טאַקט, טאָן, קאָליר — קלאַנג;
און זע — אַ שטראַליקער געהעפט,
אַ ספעקטראַלער באַהעפט — אַ הימנע!
צו אילוסטרירן דיין חשובן נאָמען!

פון קאַלטע פינצטערע רוימען,
פון יענעם פאַרוויסטן לאַנד,
וואו הענקער, אויסוואָרף, און שקר
גייען האַנט און האַנט;

און ביטשעס טראַגישער „אויבערמענטש",
האָט אַראָפּגעגלידערט צו אַ געריננ־ראַנג;
צו אַ שטרייכערס צעפאַלגעשטאַנג.

האַרץ און קאָפּ

גערדאַנק איז נאָר דעמאָלט גרויס,
ווען ער טראָגט אין זיין שויס:
זאָמען, בליאונג און זעל!
און וואַקסט, אין ליבע
פון אַ מענטשלעך האַרץ אַרויס.

פון דורכאויס קאָפּ —
קאָן ער נאָך פון זין אַראָפּ;
און ווערן מאַניע —
און פירט, געריירט,
צו משוגעת — פאַרברעך —
מאָרד.

און וואָן—פאַרברעך—טיראַן,
(אָפט אין איינפערזאָן)
קאָנען געפינען דרייסט
אין געדאַנקס מאָנאָ טאָן.

גערדאַנק איז נאָר דעמאָלט גרויס,
ווען ער געפינט זיין אָרט: —
אין שפיל, אין געפיל
און שטראַלט, ווי אַ נביאיש
וואָרט
פון אַן ערלעך האַרץ אַרויס.

אַ וואַריאַציע אויף אַ טעמע

אָ, מענטש —
אָ, האַרץ פון קיזלשטיין,
ווען די נאַכט פאַלט צו
הויערט אַ שאַקאַל אויף דעם.
נאָך אין דיין טונקלסטן באַגין,
ביסטו—אַ חיה געשטאַנען—
גרייט פאַר דיין רויב!
העל טאָג — דיין געשיכטע,
איז גאָרניט פאַר דיין לויב
געשריבן!
אונטער די גלאַנציק־גאָלדענע־
שופן
פון דער ציוויליזאַציע
ביזסטו נאָך געגנוג חיה פאַרבליבן;
און ווען עס הייבט אָן
אויפצובליצן,
די נאַכט פון דער לוסט אין דיין
קאָפּ,
ציסטו אַ האָריקע לאַפּע איבער
דער זון;
און רופסט אין מיטן העלן טאָג
אַרויס אַ זונפאַרגאַנג!
דיין מאָנסטער־האַרץ
צעעפנט אַ פינצטערן תהום
פאַר דעם מענטשלעכן
אונטערגאַנג.

יוסף לייזער קאַלושינער



זון פון בנימין צבי ק.; געב. דעם 15טן דעצעמבער, 1894, אין וואַרשע. געלערנט אין חדר און שפּעטער אין דער האַנדלס־שול, וואָס געענדיקט אין 1912. ד.י. אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. 1918 דעביוטירט אין „אָנהויב". זיך באַטייליקט אין: פעדער, דאָס וואָרט, ניי־יידיש, פריינד, פאַרבאַנד, אויפקום, סיגנאַל, האַמער, קינדערלאַנד, אינייִנעם (שיקאַגע), קולטור (שיקאַגע), דאָס נייע וואָרט (באָסטאָן), גהיבינקע ביימעלעך (ווילנע), דער חבר (ווילנע), פאַר גרויס און קליין (בוענאָס־איירעס), דאָס נייע וואָרט (בוענאָס־איירעס), ביאַליסטאָקער שטימע, גערעכטיגקייט, פרייע אַרבעטער שטימע, די נייע וועלט, דאָס יידישע פאָלק, קונדס, אַרבעטער־פּרעסע, פּראָלעטאַרישע שטימע, אַמעריקאַנער, מילערס וואָכנשריפט, ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע), וואָכנשריפט (וואַרשע), פאָרויס (וואַרשע), קינדער־זשורנאַל, קינדערוועלט, שיקאַגע, בראָנזווילער פּראָגרעס, דער העט ארבעטער („דער העדגער וואָירקער"), (ניו־יאָרק), ספּאַרטאַק, אַרבעטער פריינד (לאָנדאָן), קאַליפאָרניער יידישע שטימע (לאָס־אַנדזשעלעס), פּאָלעטאַרישער געדאַנק, שפּיגל (בוענאָס־איירעס), ניילעבן, קענעדער אָדלער (מאָנטרעאָל), יידישער זשורנאַל (טאָראָנטע),

יידישע וועלט (פילאַדעלפיע), פרייהייט, פּרעסע (בוענאָס־איירעס). רעדאַקטירט „פעדער", מערץ 1923 (אינאיינעם מיט לוי גאָלדבערג און משה שיפריס). אין בוכפאָרם: „אָרום מיר", פאַרלאַג „די פע־דער", 1922, 128 זז; „סאָנעטן", פאַרלאַג א. בידערמאַן, 1932, 128 ז.

ל. ע. אלגאריער: פון ביכער־שראנק — „דער פאמיליען פריינט" (לאנדאן), אפריל 20, 1923.

ל. ע. אלגארער: ארום מיר — „דער פאמיליע פריינט" (לאנדאן), אפריל 27, 1923.

א. ב—ן: ליטעראטור און קריטיק — „פאלק און לאנד" (ווארשע), מערץ 3, 1925.

יעקב באטאשאנסקי: שמועסן מיט יידישע שרייבער — „די פרעסע" (בוענאס־איירעס), 1932.

י. ר. ברינמאן: פונעם ביכער־טיש — „דער שפיגל" (בוענאס־איירעס), 1934.

י. מ. בודיש: י. ל. קאלושינער — דער העט־ארבעטער („דער העדגער וואיר־קער"), ניו־יארק, יוני 12, 1925.

יעקב גאטליב: י. ל. קאלושינערס סאנעטן־בוך — „פאלקס־בלאט" (קאוונע), נומער 883, 1933.

אב. גאלדבערג: ארום מיר — „דאס יידישע פאלק", פעב. 1, 1924.

לוי גאלדבערג: א בריוו צו מיין חבר י. ל. קאלושינער — „די פעדער", נאוו. 1922.

ברוך גאלדהארט: י. ל. קאלושינערס סאנעטן — „בריקן", שיקאגע, 1934.

דוד גערטלער: באשיידענע לידער פון א באשיידענעם דיכטער — „יידישער קוריער" (שיקאגע), סעפט. 10. 1933.

י. דאברושין: י. ל. קאלושינערס ארום מיר — „שטראם" (מאסקווע), נומער 5—6, 1924.

ב. ג. זאק: ליטעראַרישע נאטיצן — „קענעדער אדלער" (מאנטרעאל), מערץ 4, 1924.

א. ח. העלער: פארבייגייענדיק אונדזער יונגן פארנאס — „די פעדער", אקט. 1920.

ז. וויינפער: י. ל. קאלושינערס סאנעטן — „דער אויפקום", דעצ. 1932.

פ. וויערניק: אונדזער פילשפראכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", יולי 23, 1922.

פ. וויערניק: אונדזער פילשפראכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", יאנואר 22, 1933.

דר. י. מ. זאלקינד: ארום מיר — „דער ארבעטער פריינט" (לאנדאן), אקט. 13, 1922.

דר. ל. זשיטניצקי: י. ל. קאלושינערס סאנעטן — „די פרעסע" (בוענאס־איירעס), אקט. 26, 1932.

א. טאבאטשניק: א בוך סאנעטן — „יידיש", דעצ. 2, 1932.

ז. טיגעל: י. ל. קאלושינער ארום מיר — „דער פארבאנד", יאנ., 1925.

י. ל. קאַלושינער

אלף כ׳ן: סאָנעטן פון י. ל. קאַלושינער — „ייטא״־אַרטיקל אין פּראָווינץ־פּרעסע, 1933.

משה כ׳ן: אין דעם גראָען באַגינען — „פרייהייט״, יולי 8, 1922.

משה כ׳ן: די פעדער — „פרייהייט״, דעצ. 2, 1922.

ל. מאַלאַמוט: נייע ביכער — „קאַליפאָרניע יידישע צייט״ (לאָס־אַנדזשעלעס), יאַנואַר 19, 1923.

דר. ישראל וו. מארקוס: אַ פּאָעט וואָס איז מאָלער און דיכטער — „שי־קאַגאָ״, נאָוו.־דעצ., 1933.

דוד טירקעל: אַ שיין ביכעלע סאָנעטן פון דיכטער י. ל. קאַלושינער — פי־לאַדעלפיער „טאָג״, יוני, 1933.

נ. ב. מינקאָוו: 25 יאָר יידישע ליטעראַטור — „יידישער קעמפער״, ניו־יאָרק, סעפּט. 1942.

ק. מרמר: אין די מערץ זשורנאַלן — „פרייהייט״, מערץ 23, 1924.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט״, יאַנ. 14, 1925.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאַלן (דער יולי־נומער „פעדער״) — „פריי־הייט״, יולי 12, 1925.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט״, אויגוסט 16, 1925.

מ. מלמד: געלייטערט דורך געזאַנג — „די יידישע וועלט״ (פילאַדעלפיע), יולי 2, 1933.

א. ניוּיאָרקער: די קונסט פון פּראַכט — „סיגנאַל״, יולי, 1933.

ש. ניגער: י. ל. קאַלושינער אַרום מיר — „דאָס נייע לעבן״, יוני, 1923.

ב. א. סאַכאַטשעווסקי: קאַלושינערס אַרום מיר״ — „די צייט״ (לאָנדאָן, 1922.

י. י. סיגאַל: נייע לידער־זאַמלונגען — „קענעדער אַדלער״ (מאָנטרעאַל), יאַנואַר 29, 1933.

ז. סינקאָווער: י. ל. קאַלושינער: סאָנעטן — „אויפגאַנג״ (לעמבערג), העפט 5, 1932.

ש. באַראַקושאַנסקי: די תפילה פונעם יחיד — „יידישע פאָלקס־צייטונג״ (ריאָ דע זשאַנעיראָ), אָקט. 21, 1932.

ב. קאַרליניוס: פון ביכער־טיש — „דער מאָמענט״ (וואַרשע), אַפּריל 28, 1933.

חיים קרול: י. ל. קאַלושינער — „פרייע אַרבעטער שטימע״, נאָוו. 29, 1935.

י. ה. ראַדאַשיצקי: י. ל. קאַלושינערס בוך סאָנעטן — „קאַליפאָרניער יידי־שע שטימע״ (לאָס־אַנדזשעלעס), אָקט. 21, 1932.

י. ה. ראַדאַשיצקי: י. ל. קאַלושינער — „די פּרעסע״ (בוענאָס־איירעס), יוני 10, 1931.

מלך ראַוויטש: י. ל. קאַלושינערס „אַרום מיר״ — „די וואָג״, וואַרשע, 1923.

מלך ראַוויטש: סאָנעטן אין דער מאָדע — „וואָכנשריפט״ (וואַרשע), נומ. 25, 1933.

ה. ריזענבלאַט: אַרום מיר — „קאַליפאָרניע יידישע שטימע״ (לאָס־אַנדזשע־לעס), מאַי 30, 1924.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — פערטער באַנד, ווילנע, 1929. זז. 438־440.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער״, מאַי־יוני, 1933.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער״, 1939.

א. ריינוויין: אונטערן לעבנס־דרוק אין דער גרויסער שטאָט — „יידישער זשורנאַל" (טאָראָנטאָ), יולי 23, 1922.

איציק שוואַרץ: סאָנעטן — „טשערנאָוויצער בלעטער", 1933.

דר. ש. שטערמאַן: אַרום מיר — „אונדזער לעבן" (ליפּציק־בערלין), מערץ 20, 1925.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

Ester Alexander Oacksem: Yiddish Lyricits, "Opinion". Sept. 1934.

Dr. A. A. Robak: "The Story of Yiddish Literature", New York, 1940.

Solomon Resnick: La Literatura, "De La Post—Guerra", Buenos Aires, 1931.

Philip Slomowitz: Kalushiners "Sonats", — "Detroit Jewish Chronicle", January 1933.

Albert A. Trommer: Yiddish S[illegible]—"Jewish Daily Bulletin", June 10, 1934.

A. J. Zacksky: Sonetistas Julios, "Judaice", Buenos Aires, Vol. 84. 1940.

די סאָנעטן לעזן זיך מיט פאַרגעניגן, זיי גיבן עסטעטישן גענוס, מען דענקט, אַז נישט איינעם פון די דאָזיקע סאָנעטן קען מען דרייסט אַריינעמען אין אַ שול־כרעסטאָמאַטיע. מען טראַכט, אַז קאַלושינער האָט געמאַכט פאָרשריטן, ער האָט פיל דערגרייכט, ער האָט געפונען טאָן און סוף־כל־סוף געפונען פאָרם. אָט איז אַ סאָנעט „פאַרנאַכט": — — קען דען ווירקלעך עמיץ זאָגן, אַז דאָס איז נישט אַ מוסטערהאַסטיק נאַטורליד? און אַפילו מיט אָריגינעלע איינפאַלן וועגן דער זייער נישט אָריגינעלער לבנה, און אַזעלכע לידער זיינען דאָ אַ סך, באמת אַ סך.

מיר פאַרצייכענען מיט צופרידנקייט אַ פיינעם נייעם בוך פּאָעזיע אין דער יידישער ליטעראַטור, מיר פאַרצייכענען מיט צופרידנקייט די אויסקריסטאַליזירונג פון דעם דיכטערישן פּנים פון י. ל. קאַלושינער.

(מלך ראַוויטש: סאָנעטן אין דער מאָדע — „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור", וואַרשע, מאַי 1934).

וואַרשע

(סאָנעט)

איך האָב פאַר דיר, ניו־יאָרק, מיין היים געביטן,
עס האָט מיך וואַרשע אויפגעהאָדעוועט פאַר דיר;

איך זאָל מיין וועלט אויף דיינע גאַסן בויען מיר,
און איבערנעמען פון דיין לעבן נייע זיטן.

און ווי עס לויפט דורך וואַלד פאַרביי אַ שליטן,
און ביימער ווייסע שווימען פאַר מיין אייל צוריק;
געלאָפן זיינען טעג מיט פרייד פאַרביי מיין בליק,
וואָס כ׳האָב מיט זיי מיין יוגנט דורכגעריטן.

די ווייט איז נאָענט־פרעמד פאַר מיר געוואָרן,
דאָס נייע לעבן האָט באַגעגנט מיך מיט לאַסט,
ווי ס׳וואָלט די פרעמדע וועלט מיין אויפבוי נאָר געהאַסט,
געקריצט מיט פיין מיין האַרץ פון שווערע יאָרן.
און איצט מיט עלנט רייסט מיך נאָך די ווייט אַוועק;—
פון דיר, ניו־יאָרק, וואו כ׳האָב פאַרלוירן יוגנט־טעג.

פ אַ ר נ אַ כ ט

באַדעקט מיט וויאָלעט וואַלן אין דער לעצטער שעה פון שיין,
זיצט שטיל אַ פויער אויף דער שוועל פון זיין כאַלופּקע לעבן וואַלד,
און שפּילט מיט זיין האַרמאָניקע צום טאָג, וואָס לעשט זיך אויס,
און פאַלט
אויף רויט־צעגליטע בערג, וואָס וויקלען זיך אין בלויע נעפּלען איין.

און פון גאָלד־צעשטויבטע וויטן, שאַרן זיך אַרויס די שאָף,
און גייען נאָך אַהיים דעם פּאַסטוך, קושנדיק אין פעלד דאָס גראָז;
פון הינטער זיי פּאַמעלעך, שפּרייזן קי אַן ברומען פון פאַרדראָס,
וואָס ס׳טרייבט די נאַכט צוריק זיי אין די שטאַלן שוין צום שלאָף.
און ערגעץ ווייט, צעבילט אַ הונט זיך הויך פון בייזקייט אויף דער
נאַכט,
וואָס שפּרייט זיך אויס אין הויך מיט ברייטע פליגל איבער וואַלד
און פעלד,
באַהאַלטנדיק די לעצטע שפּורן פון דעם טאָגס צעשטראַלטע וועלט.
און ביז צו לאָזן דאָס פאַרמעגן פון דעם פרילינג אומבאַוואַכט,
מאַכט אויף די וועלט איר אויג אין גרויען הימל אַזוי מילד און ווייך,
און וואַרפט אַרונטער זילבער־פעדים אויפן צווייט פון גרינעם רייך.

"BOWERY"

אַ גאַס — די באוערי, מיט הייזער נאָך צעשטעלט,
מיט שטויב פון יאָרן צוגעדעקט אויף ציגל־ווענט;
פון זומערן צעברוינטע, און פון היצן אָפּגעברענט,
מיט רויך באַוואָקסן איבער אומעט פון דער וועלט.

דורך טאָג און נאַכט, עס לויפן באַנען אויף אַ בריק דורך זיי,
און וואַרפן אין די פענצטער בייזקייט נאָר אַריין;
און אונטן אויף ברוקירטן וועג, באַדעקט מיט קאַרגן שיין,
צעפלאָנטערט זיך דער עלנט אין דעם ווירבלדיק געדריי.

אין ווינקלען פון דער גאַס, ביי קאַרידאָרן אויף די טרעפּ,
פון בויט פאַרפאָלגט, עס זיצן „טרעמפּס" געבויגן מיט די קעפּ.
און קוקן, ווי די הייזער, אָפּגעשיילט פון גלאַנץ און פרייד.
דער האַרבסט פון לעבן, קוקט אַרויס פון אויג, פון בליק פאַרצערט,
פון היימען, וואָס דער גורל האָט אין פריען יוגנט זיי צעשטערט.
און פון דער קייט פון האָב און גוטס אויף הפקר אָפּגעקייט.

זונטיק אויף בראָדוויי

די רו פון זונטיק שיינט מיט זון צעגאָסן איבער דעכער אויף בראָדוויי.
די גאַס וואָס שניידט די שטאָט אַדורך פון ים־ברעג אָן, ליגט הײַנט
פאַרשטומט אָן רויש.
די ריזיקע געביידעס לאָזן ניט קיין אויסגעשריי פון זיך אַרויס,
ווי ס'וואָלט די פרייע רו פון פעלד און באַרג געוואוינט פון אייביק אָן
אין זיי.

די ערשטע אויפצונעמען פרי דעם גאַסט וואָס קומט צו אירע ברעגן צו,
איז מיט אַ שטאָלצן קאָפּ די „וואָלוואָרט"־פעסטונג, מיט איר
בלישטשענדן קופּאָל,
דאָס פעלזיק־טורעמדיקע הויז מיט זעגלען־זון אין פענצטער אָן אַ צאָל,
באַגריסט מיט פייערן פון טאָג געזונטן;—די צעשפּרייטע יום־טוב־רו.

און איבער הייזער און קופּאָלן צונויפגעפּרעסט אין ווינט
פון ראָג צו ראָג,
וואָס שטייען ווי די פעסטונגען, די אוצרות צו באַוואַכן פון דער גאַס;

ליגט אויסגעלייגט, ווי אָנגעשפּאַרט אויף דעכער הויך, אַ בלויער
הימל־פּאַס.

פון טראַקטאָרן אָפּגעקערטע פון די מענטשן פאַר אַ גאַנצן טאָג,
שיינט יום־טובדיק די זונטיק־רו, מיט זון צעגליט אַרויף
אין בלויער הויך,
ווי ס'וואָלט די גאַס געליבט די וועלט, וואָס האָט באַפרייט איר אויף
אַ טאָג פון רויך.

אין אַ שפּעטער שעה

„אין אַ שפּעטער שעה
ביינאַכט —
בין איך אומגעגאַנגען
שטומערהייט, באַוואַכט
פון לאַמטערנדיקן שיין,
און געפלעקט די גאַסן
מיט מיין זיין,

ווי אַ בלאָנדזשענדיקער הונט —
שלעפעריק און מיד,
און עס האָט מיך אין אַ הויז
קיינער ניט דערוואַרט . . .
דאָך —
מיך האָט עס ניט געאַרט".

גלויבן

שאָטנס אויף די ווענט אין שעה פון זונען־אונטערגאַנג,
פאַרמעקן שטיל דאָס ליכט פון טאָג אויף שויבן;
— גייען ווייטער אויף די נעכטנס אין אַ ניי געזאַנג;
— דער מאָרגן־טאָג געבוירן ווערט אין גלויבן.

גערטנער רייך באַדעקט מיט בלומען, פּירות אָן אַ ברעג,
באַוואוינט פון פייגל, טויבן און פון שטערן;
— זיינען מיינע מאָרגנס אין מיין גיין צו יום־טוב טעג,
וואָס האַלטן זיך אין וויט פאַר מיר געבערן.

אויפן פעלד אַ טראַקטאָר, ניי געבוירן פאַר דער ערד,
וואָס שניידט אַרויס דעם פרילינג צו דעם לעבן;
— חלום מיינער! אָט אַזוי צו זיין איז מיר באַשערט,
די מי פון מיינע טעג, די וועלט צו געבן.

בוך דריי: 1923-1919

אליעזר גרינבערג
העניך אַקערמאַן
א. פּאָמעראַנץ
ב. אַלקוויט
אַננאַ מאַרגאָלין
קלמן הייזלער
יאָסל קאָהן
אסתר שומיאַטשער
נחמיה קליין
ל. פיינבערג
הערשל מילער
מלכה לי
מ. נאַקס

אליעזר גרינבערג

זון פון יחזקאל ג.; געב. דעם 13טן דעצעמבער, 1896, אין ליפקאַן, בעסעראַביע. פאָטער איז געווען אַ משכיל, און אים געגעבן אַ וועלטלעכע דערציאונג. צווישן זיינע לערער זיינען געווען אליעזר שטיינבאַרג און יעקב שטערנבערג. 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, געוואוינט צוערשט אין באָסטאָן, דערנאָך אין בראָקטאָן, וואו געאַרבעט ביי לעדער־פאַבריקאַציע; 1921 שטודירט אין ען אַרבאָר אוניווערסיטעט, געווען אַ יידישער לערער. זינט 1927 אַ תושב אין ניו־יאָרק. 1919 דעביוטירט אין „קונדס". זיך באַטייליקט אין: די נייע וועלט, אייגנס און פרעמדס (באָסטאָן), צוקונפט, פרייע אַרבעטער שטימע, אינזיך, דאָס וואָרט, פרייהייט, סיגנאַל, האַמער, קינדער־זשורנאַל, שויבן (טשערנאָוויץ), פעדער, וואָך, המשך, אויפקום, ליטעראַרישע בלעטער, סטודיאָ, יידישער קעמפער. האָט איבערגעזעצט לידער פון אַמעריקאַנער פאָעטן און פאַרעפנטלעכט עסייען וועגן יידישע און ניט־יידישע דיכטער. אין בוכפאָרם: „גאַסן און עוועניוס", 1928, 96 ז.; „פון אומעטום", 1934, 96 ז.; „פישער־דאָרף" (פאָעמע), 1938, 32 ז.; „משה לייב האַלפערן אין ראַם פון

אליעזר גרינבערג

זיין דור", אַרויסגעגעבן פון מ. ל. האַלפּערן אַרב. רינג ברענטש 450, 1942, 136 ז. אָנגעשטעלט אין אַן אַנאָנסן־אַגענטור.

זישע באַגיש: אינמיט פון קרייצוועג — „די וואָר" (אַנטווערפּן), יולי 20, 1934.

יעקב באַטאַשאַנסקי: אַ דיכטער מיט הענט ווי האַמערס און מיט אַ קינדיש האַרץ — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 14, 1928.

יעקב באַטאַשאַנסקי אַ דיכטער מיט הענט — צוויי דורשטיקע טיפע עמער — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 16, 1934.

יעקב באַטאַשאַנסקי: פּאַראַן המשך אין די לידער פון „המשך" — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 24, 1940.

יעקב באַטאַשאַנסקי: אַ בוך וועגן משה לייבן — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 17, 1943.

לייב באַיאַן: ים און זון און אָרימקייט — „די שטימע" (מעקסיקאָ), יאַנואַר 25, 1941.

ל. באַיאַן: דער עסעי אין „המשך" — „די שטימע" (מעקסיקאָ), יוני 6, 1942.

א. ביק: סאָציאַלער אַקצענט אין ליריק—„יידישער קוריער" (שיקאַגע), 1938.

יחזקאל א. מ. בראָנשטיין: אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — פאַרלאַג מ. צע־שינסקי, שיקאַגע (1941) זז. 118־121. (צוערשט געדרוקט אין זשורנאַל „ליד", לאָס־אַנדזשעלעס, אויג. 1934).

י. א. מ. בראָנשטיין: וועגן דיכטער וואָס שרייבן אויך ליטעראַטור קריטיק — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", סעפּ., 1940.

ר. ברינמאַן: ווען דאָס ליד ציט באַרג אַרויף — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), 1934.

יעקב גאָטליב: אליעזר גרינבערגס שטאָט ליד — „פאָלקסבלאַט" (קאָוונע), 1934.

נ. י. גאָטליב: אליעזר גרינבערגס „פון אומעטום"—„מאָנטרעאַל", יוני, 1934.

הלל גורני: „סטודיאָ" — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מערץ 1, 1934.

יעקב גלאַטשטיין: „גאַסן און עוועניוס" — „אינזיך", אַפּריל, 1928.

יעקב גלאַטשטיין: פּראָסט און פּשוט — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 14, 1943.

יעקב גלאַנץ: דער מענטש „פון אומעטום" — „מעקסיקאַנער ייד. שטימע" (מעקסיקאָ), יולי 3, 1934.

מ. דלוזשנאַווסקי: משה לייב האַלפּערן באַלויכט פון אליעזר גרינבערג — „פרייע אַרבעטער שטימע", פעב. 5, 1943.

ז. ווײַנפּער: „פּישער דאָרף" — „יידישע קולטור", יאַנואַר 1939.

בעריש ווײַנשטיין: אַ שטודיע וועגן משה לייב האַלפּערן — „יידישער קעמ־פער", אויגוסט 27, 1943.

פ. ווערניק: אונדזער פיל־שפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", אַפּריל, 1928.

ש. ד. זינגער: „פישערדאָרף" — „יידישער קעמפער", מערץ 15, 1940.

דר. ל. זשיטניצקי: גרינבערגס „פישערדאָרף" — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), אַפּריל 5, 1939.

ב. טוטשינסקי: „פון אומעטום" — „וואָכנבלאַט", קעשענעוו, 1934.

ש. טענענבוים: אליעזר גרינבערג — „אויפקום", מערץ־אַפּריל, 1936 (אויך געדרוקט אין די „טשערנאָוויצער בלעטער" ד.י.).

ש. טענענבוים: לעאָנאַרדאָ דאַווינטשי און היטלערס לופטוואַפע — „יידישער קוריער" (שיקאַגאָ), סעפּט. 28, 1938.

ש. טענענבוים: לידער וועגן ים — „יידישער קוריער" (שיקאַגאָ), דעצ. 25, 1938 (אויך געדרוקט אין „די יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), יאַנ. 8, 1939).

אלעף כ״ץ: אליעזר גרינבערג פאַרענדיקט פאַעטישן פאָרטרעט — „יידישע וועלט", יוני 10, 1928.

משה כ״ץ: „פישער דאָרף" אַז ראָמאַנטישע בריק — „מאָרגן־פרייהייט", יוני 1939.

ל. כאַנוקאָוו: אליעזר גרינבערגס „פישער דאָרף", — „האַמער", מערץ 1939.

יוסף מ. לעווינסאָן: „פישער דאָרף" — „קאַליפאָרניע יידישע שטימע (לאָס־אַנדזשעלעס), אַפּריל 7, 1937.

פסח מאַרקוס: דער שרייבער און זיין בוך — „מאָרגן־פרייהייט", מערץ 28, 1943.

פסח מאַרקוס: אַ נייער בוך וועגן משה לייב האַלפּערן — „מאָרגן־פרייהייט", פעב. 7, 1943.

מגיד: „גאַסן און עווניוס" — „פון אומעטום" — „זיד־אַמעריקע" (טשילי), אַפּריל 1935.

דר. א. מוקדוני: וועלט שמערץ — „מאָרגן־זשורנאַל", יולי 18, 1934.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", יאַנ. 27, 1943.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", פעב. 14, 1940.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל" — נאָוו. 16, 1940.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אַפּריל 15, 1942.

נ. ב. מינקאָוו: ריטם און בילד ווי אַ לייט מאָטיוו אין אַ סוזשעט־פּאָעמע — „צוקונפט", נאָוו. 1939.

ר. מעריסמאַן: אַ צוזאָגנדיקער טאַלאַנט — „אויפגאַנג", וואַרשע, נאָוו., 1928.

ש. ניגער: „אַ באַסטאַנער זאַמלבוך" — „טאָג", אָקט. 8, 1922.

ש. ניגער: רעוואָלוציאָנערע פּאָעזיע — „טאָג", סעפּט. 2, 1934.

ש. ניגער: ל. שאפיראס „סטודיא" — „טאג", סעפט. 9, 1934.
ש. ניגער: „המשך" — „דער טאג", נאוו. 17, 1940.
ש. ניגער: נייע דערציילונגען, נייע לידער — „טאג", אפריל 11, 1942.
א. ניסענזאן: „גאסן און עווענויס" — „אויפקום", מאי, 1928.
מאטל סאקציער: „פון אומעטום" — „די וואך", בוקארעסט, יולי, 1934.
י. י. סיגאל: גאסן און עווענויס — „קענעדער אדלער", מערץ 31, 1929.
ב. סמאליאר: „גאסן און עווענויס" — „יידישער זשורנאל" (טאראנטא), פעב. 29, 1932.
הערש סעגאל: „פון אומעטום" — „טשערנאוויצער בלעטער", 1934.
גרשון פאמעראנץ: „פון אומעטום" — „פרייע ארבעטער שטימע", דעצ. 28, 1934.
ב. פענסטער: אליעזר גרינבערגס צוויי ביכער לידער — „סיגנאל", אפריל, 1935.
י. ק—ן: „גאסן און עווענויס" — „פרייע ארבעטער שטימע", אפריל 27, 1934.
חיים קרול: אליעזר גרינבערג — „פרייע ארבעטער שטימע", מערץ 24, 1936.
מלך ראוויטש: „גאסן און עווענויס" — „פאלקסצייטונג", נאוו. 16, 1928.
אברהם רייזען: ליטעראַרישער רעוויו — „פעדער" 1936.
אברהם רייזען: ליטעראַרישער רעוויו — „פעדער", 1939.
אברהם רייזען: ליטעראַרישער רעוויו" — „פעדער" 1942.
אב. שאולזאן: משה לייב האלפערן — „יידישע שריפטן", פרילינג 1943.
משה שטארקמאן: ווענן ביכער און מענטשן — „טאג", יאנואר 10, 1943.
משה שטארקמאן: גרינבערגס משה לייב האלפערן שטודיע — „המשך" 1943, זז. 79—72.
א. ש. שקאלניקאוו: „פישער דארף" — „קאנאדער זשורנאל", אפריל 1943.

Aleph Katz: Recent Yiddish Literature—Jewish Daily Bulletin, Aug. 19, 1938.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

. . . מער ווי אַ ליריקער פאַרמאָגט ער אָבער אין זיין זאַמלונג אייניקע סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס ווירקן אויף דעם לייענער מיט זייער שטאַרקייט, פאַטאָס און פראָטעסט־געפיל. זיין ליד „אין לאָמבאַרד" (אין פאָון־שאָפּ) איז אַ מייסטערווערק לויט דער פאָרם און אינהאַלט. זיין פאָרם — דאָס רוב אין געמאָסטענעם פערז — איז בכלל זייער אייגנאַרטיק, זי איז קלאַסיש און מאָדערן. דער סטיל איז ריין און קלאָר, ווי אמתע פּאָעזיע דאַרף זיין. זיין קליינע לידער־זאַמלונג („גאַסן און עווענויס")

פאַרמאָגט אייניקע עכטע פּאָעטישע פּערלען.
(אברהם רייזען: „גאַסן און עוועניוס", — „די פעדער",
1928).

. . . איבערצוגעבן אין פּערזון דעם לעבן־שטייגער פון אַ פישערדאָרף וואָלט ניט געווען קיין נייעס. די אינטערעסאַנט־קייט און נייעס אין גרינבערגס פּאָעמע באַשטייט אין דעם אופן ווי אַזוי גרינבערג האָט באַוויזן אַלע פלאַכן פון דעם דאָזיקן „פינטעלע אויף מאַפּע פון דער וועלט".
(נ. ב. מינקאָוו: ריטם און בילד ווי אַ לייטמאָטיוו אין אַ סיוזשעט־פּאָעמע" — „צוקונפט", נאָוועמבער, 1939).

גערענקט מיך ניט.
פאַרגעסט מיין נאָמען!
איך זוך ניט מער קיין באַשייד!

נאָר נאָך מיין טויט ווי ביי מיין לעבן —
בין איך אַ חשבון גרייט אָפּגעבן:
— גאָט! . . .

פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה

פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
ס'איז שוין באַלד די נאַכט אַוועק:
שטערן לעשן זיך און צאַנקען —
עס באַפאַלט מיך אַזאַ שרעק.

לאָמטערנס לעשן זיך אויף ראָגן
און דער הימל טאָגט אויף גראָ:
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
עס געזעגנט די אָפּשייד־שעה.

כ'האָב מיט דיר די שטאָט געמאָסטן
דורך דער נאַכט גאַס־איין, גאַס־אויס:
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
באַלד קומט שוין די זון אַרויס.

זע, עס לאָזן זיך שוין הענדלער
באַלד אַרויס אויף דעם געיעג:

פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
פינצטער איז אָן דיר מיין וועג.

זע, ווי ס׳שלעפּט שוין פון געלעגערס
מאַן און פרוי — די בידנע נויט:
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
מזרח־ראָד נעמט ברענען רויט.

אוי, וואָלט איך איצט איינגעדרימלט
אין דיין טרייסטנדיקער שויס:
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
פיר מיך צו ביז צו דעם הויז.

דאָרט וועל איך מיט דיר זיך שיידן,
זיך פאַרנויגן אויף דער שוועל:
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
טרערן וואַרגן מיך אין קעל.

וואָס איז דיר דער טאָג פול טומל?
וואָס איז מיר דעם טאָגס יאַריד?
פיר מיך אָפּ אַהיים, לבנה,
כלה בלאַסע, כ׳האָב דיך ליב . . .

ליפּקאַן מיין היים

א.

ווער ווייסט צי וועל איך נאָך אַמאָל באַטרעטן
דיין ערד, אָ, בעסאַראַביע מיין היים.
באַטש דאָ ביי אונדז, אין רייכן לאַנד און פעטן —
געדענק איך דיינע שטיבעלעך פון ליים.
כ׳געדענק דיין שבת־יום־טוב, די באַטאָגן,
די פּאָרלעך אונטער שטאָט אויף אַ שפּאַציר:
וואו טרויער פון דער וואָך ברענגט מען צעטראָגן,
ווייל ס׳עפנט ניט דאָס האַרץ — דורך דער וואָך — די טיר.

געדענק איך דיינע לויטערע פאַרנאַכטן.
די טשערעדע, די „דוינע״ פון „טשובאַן״,
און גוט איז מיר אַמאָל פון דיר צו טראַכטן —
דו פינטעלע, דו ליכטיקס, מיין ליפּקאַן.

ווער ווייסט צי ס׳וועט נאָך ווען אַמאָל באַטרעטן
מיין פוס, אָ בעסאַראַביע, דיין ערד:
כ׳נעם אָבער אָן ביז לעצטן האַרבסט־טאָג שפּעטן —
מיין גורל, וואָס איז מיר אַדאָ באַשערט.

ב.

באַשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן
פון היים, פון פריינט און טרוימען זעכצן־יעריקע:
זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער — זאָל ער טראָגן —
האָט פאַרטראָגן מיך אַהער ער, קיין אַמעריקע.

באַשערט געווען מיין ליד זאָל דאָ צעבליען זיך,
צעבליען זיך אין שטאָט צווישן מויערן:
און זינגען זאָל איך דאָ פון די וואָס מיען זיך,
און זינגען זאָל איך — זינגען, ניט באַדויערן.

מעג שווער אויף דעם געמיט זיך נאָך צעלייגן
דאָס נייע ליד, אויף „היינט" און אויפן „נעכטן".
פאַרחלשט ליגן אַלע אַלטע וועגן —
און זיגן מוז דער וועג נאָר פון גערעכטן.

ס׳צערייסט דער ים פון האָס שוין אַלע צאַמען.
עס שופרט שוין דאָס ליד פון שטאָל און אייזן:
דער מענטש האָט שוין פאַרזוכט פון אַלע סמ׳ען —
וועט מוזן ווען משיח דאָ זיך ווייזן. — —

ג.

פאַרגיב מיר, היים, וואָס כ׳האָב דיך ניט באַזונגען,
דו אָרט, וואו ס׳איז מיין וויגל ווען געשטאַנען:
דיין ערד האָט שוין מיין טאַטן לאַנג פאַרשלונגען —
און האַלטסט ביי זיך אַלס משכון נאָך מיין מאַמען.

אויך זי וועט דאָרט איר לעצטע רו געפינען,
און הייליקער וועט נאָך דיין ערד מיר ווערן.
נאָר איך וועל דאָ ביז לעצטן אָטעם שפּינען —
מיין שטאָטיק ליד און קיינמאָל ניט אויפהערן.

אָפּט גייט אין מיר אַ בענקשאַפט אויף מיט וואונדן,
ווי נאָך אַ ליב־פאַרלוירענער בענקשאַפט.
ס'האָט בלוטיק אונדז די ערד אַזוי פאַרבונדן —
ווען אייביק בלוטיק זיין אונדזער פאַרוואַנדשאַפט.

צעשיידט אָבער וועלן מיר שוין בלייבן.
נישט איך וויל און ניט איך קען מיין גורל מיידן.
און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבן —
אַ קום מיין האַרבסט, מיין קאָפּ איז גרייט פאַר שניידן.

דעם לעצטן אָטעם אויסהויכן אין לדער,
מיט נייער ערד אַ נייעם בונד דאָ שליסן;
און ס'איז באַשערט מיר דאָ ס'זאָל מיך די פייכטע נידער
— מיט רידלען ערד — צום לעצטן מאָל באַגריסן.

גאָסן

ווי הויקערס אויף דער פלייצע פון דער ערד,
שטייען דאָ די הייזער איינגעבויגן:
די גרויע ווענט — מיט לאַסט פון צייט באַשווערט,
די פענצטער דאָ — ווי אויסגעזעצטע אויגן.

ווי שאַרפער וויירוך שמעקט מיט מיסט און קויט
אויף קרומע פאַרנאַכלעסיקטע גאַסן,
ס'האָט רחבותדיק צעלייגט זיך דאָ די נויט
מיט שטומען פיין פאַרברידערט פרעמדע ראַסן.

עס פאַלן דאָ פרימאָרגנס אָן ווי רויבער
אויף מאַן און פרוי, פון זאָרגן אויסגעצערט,
מיט דעם ערשטן בליק פון זון אויף שויבן —
שווינגט דער טאָג זיין בלענדנדיקע שווערד.

טומלדיקער רויש און ברום פון משוגעת.
חיהשער געדעוו פון אויפגעוואַכטער שטאָט:
נישט מיט פרייד פון מי — נאָר מיט שווייס און האַס —
אַ געקרייצטער דרייט זיך דאָ דער מענטש אין ראָד.

ביז אָוונט־גרוי פאַרמאַטערט פון געפעכט,
לאָזט בלינד אַראָפּ דער טאָג די מידע הענט,

— שטילע פרייד פון רו, לאָמפּן־מאַטע — נעכט,
מאָלצייט קאַרג, שלאָף צווישן טויבע ווענט.

דאַן שלייכט אַרום די נאַכט, מיט אויער צו די הייזער,
און פאַרנעמט מיט פרייד ווי בשורות פון דער ווייט:
— דאָס מעסטן פון דער נויט מיט יעדן צוק פון ווייזער —
אויף זייגער פון דער וועלט — דעם אומרו פון דער צייט.

גרויל פון מיטלאַלטער

מיט מעדערישן גרויל צעריסן און פאַרוואונדעט —
ציט דורך מיין געמיט אַ טרויער־ווינט אַ קאַלטער:
כ׳האָב שלאָפן זיך געלייגט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
און אויפגעוועקט האָט מיך דער גרויל פון מיטלאַלטער.

ס׳האָט געהוידעט זיך דער הימל אויף קרעכצנדיקע שטריק,
און גערעוועט האָט די ערד מיט חיהשן געשריי:
און ס׳האָבן דורך דער נאַכט געדרייט זיך אויף צוריק —
יאָרהונדערט נאָך יאָרהונדערט אין משוגענעם געדריי.

ביז ביים פאַרשוועכטן ליכט פון מערדערישן טאָג
האָט אַ האַקנקרייץ געגרעלט מיט בלוט פון רויב און מאָרד.
אַ דור האָט זיך צעקלונגען מיט דעם ליגן פון אַ גלאָק,
נאָר געיאָמערט האָט פאַריתומט שטיל דאָס תפילהדיקע וואָרט.

האָט גאָט אָפּגעקערט זיין גנאָד פון דעם פּנים פון דער ערד:
איז פריינט אַרויס קעגן פריינט — שונא קעגן שונא.
פון אַקעראייזן איז געוואָרן אַ שווינגענדיקע שווערד,
און פון בית־המקדש איז געוואָרן אַן אווירדיקע בוינע.

טאָג איז ניט קיין טאָג, און נאַכט איז ניט קיין נאַכט.
דער הימל גרוילט אין גרוי פון בלעכענע שינעלן:
און ווי הונגעריקע קראָען אַרום צעפוילעניש פון שלאַכט —
קראַכן עראָפּלאַנען און ס׳האָגלען ווילד שראַפּנעלן.

ס׳ווערט יעדער העלער שטראַל פון האָפענונג פאַרשטעלט
פון וואָלקנס טריב מיט צער וואָס וואַנדערן ווי דולע:
צעלעכערט ווײַנט דאָס האַרץ — די מאַפּע פון דער וועלט,
און ס׳ליגט אין שטויב פאַרשוועכט דאָס פרייע ליד פון גאולה.

דער גלויבן קלאָגט געפאַנגען אין נעץ פון גרוילע פאַקטן,
און וואו בליען האָט באַדאַרפט די האָפענונג, די לעצטע,
איצט הוליען ווילד און פרעך, ווי שדים, שוואַרצע פאַקטן,
און פאַנען ווינען שטומע — וועקסלען אַנגעזעצטע.

מיט מערדערישן גרויל צעריסן און פאַרוואונדעט —
ציט דורך מיין געמיט אַ טרויער־ווינט אַ קאַלטער:
כ׳האָב שלאָפן זיך געלייגט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
און אויפגעוועקט האָט מיך דער גרויל פון מיטלאַלטער.

באַלאַדע אין גרוי

ער איז געוואָרן שווייגנדיקער מיט לויף פון יאָרן.
ווי אַ קמצן, גאָלדשטיק, געקאַרגט אַ וואָרט.
ווי איינער וואָס האָט פלוצים אַ ליכטיקן זין אָנגעוואוירן —
ווי איינער וואָס צערמולט אַ פאַרטראַכטן געדאַנק פון מאָרד.
אַזוי איז ער אין אייגן הויז אַ שאָטן אומגעגאַנגען,
מיט אומעט אין די אויגן ווי פינצטערע געזאַנגען,
וואָס דער ווינט ברענגט צו טראָגן — אין אַ האַרבסטיקן באַגינען.
און די, וואָס האָט אמנאָענטסטן באַדאַרפט אים ווערן,
און די, מיט וועמען ער האָט יאָרנלאַנג זיין בעט און ברויט געטיילט,
— פאַרוואָס האָט זי, גראַד זי, דער מזל אויסדערווויילט,
אַז זי זאָל זיין דער זיסער סם אים צו פאַרצערן!
אַז זי, גראַד זי, זאָל פון אונטער זיינע פיס די לעצטע לייטער
אָפּירשלעפּן, מיט אַ שמייכל אויף די מיט־פיין־פאַרקרומטע ליפּן.
— אַז ער זאָל פאַלן אין שטויב אָן אויסגעשפּרייטער
אויף שאַרף פון גורל, ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג, אין לעצטן שיפּן!
און טראָגן זאָל ער אין שטומער איינזאַמקייט, ווי אַ זיגל,
אין שטאָלצער אומבאַהאָלפנקייט, זיין לעבן — זיין דורכפאַל.
ביז ער איז טויב און בלינד געוואָרן צום רעג און רוף פון פליגל,
און אויסגעמיטן מיט פאַרזיכט, ווי אַ שרעק פאַר בלינדן צופאַל,
ער זאָל נישט אַ קוק טאָן אין אייגן האַרץ, ווי ס׳מיידט אויס אין אַ שפּיגל —
אַ מענטש, זיין אייגן פּנים — דאָס פאַרברענטע.

נאָר ווי געזאָגט: ער איז געוואָרן שווייגנדיקער מיטן לויף פון יאָרן.
ווי אַ קמצן, גאָלדשטיק, געקאַרגט אַ וואָרט.

ווי איינער וואָס צערטלט אַ פאַרטראַכטן געדאַנק פון מאָרד,
(נישט ווייסנדיק) אַז ער איז לאַנג, שוין לאַנג באַגאַנגען געוואָרן.

צום האַרבסט

אַ האַרבסט, פון אַלע סעזאָנען פון דעם יאָר,
ביזטו מיר ליבער, ביזטו אַמנאָענטסטן דעם טרויער פון מיין בלוט!
— געטרייער יורש פון פרילינג און פון זומער
קומסטו אומפאַרמיידלעך זייער גרויסע שפע אַרבן,
און איידער ס'קומט דער ווייסער בער — דער ווינטער
און נעמט מיט רשעות זייער גרויס עשירות דאַרבן,
טרייסלסטו אַראָפּ זייערע רייפע פּירות פון די בוימער,
פּירסט אָפּ אַהיים פון פעלד — דאָס ברויט אין גאַרבן.
און ווען דיין לעצטע שליחות איז דערפילט און איז פאַראיבער —
פאַרנייגסטו זיך אין בראָנז, אין גאָלד, אין שאַרלאַך און אין רויט,
שמייכלסטו קיל און קלוג ביים העלן שיין פון צאַנקענדיקע פאַרבן
און גיסט זיך רואיק איבער אין די אָרעמס פונעם טויט! . . .

אַ האַרבסט, פון אַלע סעזאָנען פון דעם יאָר,
ביזטו מיר ליבער, ביזטו אַמנאָענטסטן דעם טרויער פון מיין בלוט!
— געטרייער יורש פון פרילינג און פון זומער
קומסטו אומפאַרמיידלעך זייער גרויסע שפע אַרבן,
— נאָר איך בין נישט זייער לעבן נאָר זייער טויט מקנא!
ווי דו וואָלט איך געוואָלט אין רייפער עלטער
מיין פרילינג און מיין זומער אַרבן!
און איידער ס'קומט דער ווייסער בער — דער ווינטער,
און נעמט מיט רעשות מיין גרויס עשירות דאַרבן,
וואָלט איך געוואָלט, ווי דו, אַלע מיינע שליחותן פאַרפולן און דערפילן.
פון ערשטן ביז לעצטן אַלע מיינע נאַגנדיקע דורשטן שטילן.
אויפלויכטן! פאַרנייגן זיך ביים העלן שיין פון צאַנקענדיקע פאַרבן.
שמייכלען קיל און קלוג, און אַן דער מינדסטער טענה —
צושליסן ווי דו די אויגן — און רואיק שטאַרבן! . . .

ביי די וואַסערן פון האָדסאָן . . .

אין שפּעטע נעכט פון פינצטערן געדענקען —
וואַכט טונקל ווי אַ לאָמפּ מיין פאַראַבלטער זכרון:

אליעזר גרינבערג

איך האָב אַ טעות געהאַט, אַז כ׳וועל שוין מער ניט בענקען
נאָך דיר, ליפּקאַן, היים מײַנע, פון פריליגנדיקע קינדער־יאָרן.

איך האָב אַ טעות געהאַט: „אַז ס׳וועט מײַן שטאַם געפינען
רו בײַ דיר, און הייליקער וועט נאָך דײַן ערד מיר ווערן;
און איך וועל דאָ ביז לעצטן אָטעם שפּינען
אויף פרייער ערד, דאָס פרייע ליד — פון מענטש און זון און שטערן!"

כ׳האָב נישט געאַנט,
אַז ס׳וועלן איבער דיר זיך טראָגן אוראַגאַנען,
און אַז אָנשטיין וועט אַזאַ מין הפקרדיק געוויטער!
כ׳האָב נישט געגלויבט,
אַז ס׳איז נאָך אַזויפיל רשעות אויף דער וועלט פאַראַנען,
און אַז מײַן שטאַם וועט זײַן צו רויב, אַליין, און אָן אַ היטער!

אַז גלײַכגילטיק, ווי אַ פאַרשטיינטע, וועט די וועלט פאַרבלײַבן
צו דעם געוויין און צו דעם יאָמער פון דײַן עמק־הבכא:
אַז זײַן וועט בלויז אַ דולער ווינט — ווי אַ מחבר,
וואָס זאָל מיט זײַן געוואָי באַשרײַבן —
דעם געטאָ־גיהנום און די פינצטערע מערכה!

אָ, היים, איך האָב געדענקט, איך האָב דיך אויסגעריסן
אויף אייביק פון מײַן האַרץ און מײַן זכרון:
נאָר ווער געקאָנט האָט דעמאָלט וויסן —
אַז ס׳וועט דיך טרעפן אַזויפיל צער און צאָרן!

אַז ס׳וועט דײַן אומגליק אויך אַהער מיך גרייכן,
אַז ס׳וועט דײַן וויי־געשריי — וועלדער־הענט — זיך שטרעקן איבער ימען:
אַז שרײַען וועלן ווידער צו אַלע טויבע הייכן —
ווי פון אוראַלטע שײַטערס — די אויטאָ־דאַ־פעאישע פלאַמען!

נאָר ס׳האָט אײַער אומגליק מיך אויך דאָ געטראָפן.
ס׳איז אויך אַהער אײַער בראָך צו מיר דערגאַנגען:
איך בין נעכט אויף קישנס ווי אויף שטיינער דאָ געשלאָפן,
און ס׳האָבן טעג געפּלאָגט מיך —
ווי איך, די עקדשן און שלאַנגען.

איצט האָט גענומען ציען מיך צו ווײַטסטע שטאַמען.

עס איז מיר נאָענט געוואָרן יעדער אומבאַקאַנטסטער ייד
און יעדער ווייטסטער קרוב.
— איך וואָלט אַצינד מיט זיי פאַרזוכט פון אַלע סמ׳ען —
פאַר אַלע אויסגעטראַכטע שולדן —
זיין ווי זיי אויך ערוב!

דאָס פרישסטע ברונעם־וואַסער קאָן אַצינד מיין דורשט ניט שטילן,
דאָס געשמאַקסטע ברויט איז איצט געוואָרן ביטער אויף מיין גומען.
עס טשאַדען שוין ווי אויסגעברענטע ליכט די אָנגעזעצטע צילן —
און דאָס געגאַרטע גאולה־ליד פון פרייד פאַרשאַלטן איז צום שטומען!

עס מערן זיך מיט יעדן טאָג די אומגליק־בשורות.
עס כפלט יעדער טאָג די גרויליקע פאַרראַטן.
עס מאָנט די צייט איצט גרויסע, גרויסע און וואַגנדיקע טאַטן,
נאָר דער מענטש פאַרלירט אַלץ מער זיין צורת־פּנים,
און אונדזערע מליץ־יושרס ווערן קלענער, קלענער,
— קליינלעכע, פחדנישע שתדלנים!

עס לעבן אויף אין מיין זכרון שוין לאַנג פאַרגעסענע געשטאַלטן.
פון בית־עלמינדיקע געטאָס — שוועסטער, ברודער, מאַמע, טאַטע;
און ס׳קומט קיין מבול ניט! — איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף
מיט צעשראָקענע געוואַלטן —
און וויל אליין, אויך דאָ, אַרויפקלעפּן אויף זיך אַ געלע לאַטע!

און זאָל דער שאַנד־צייכן דאָ רייסן יעדן איינעמס אויגן.
און זאָל די אומרעכט אין יעדן איינעמס אויערן שרייען,
אַז גרייכן זאָל זי די, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געגעבן זויגן
די ברוסט פון אידנהאַס צו יעדן אויסוואורף,
און אויסגעשטרעקט אַ ברודער־האַנט צו יעדער קין!

אין שפּעטע נעכט פון פינצטערן געדענקען —
וואַכט טונקל, ווי אַ לאָמפּ, מיין פאַראבלטער זכרון:
איך האָב אַ טעות געהאַט, אַז כ׳וועל שוין מער ניט בענקען
נאָך דיר, ליפּקאַן, היים מיינע, פון פרילינגדיקע קינדער־יאָרן.

כ׳האָב נישט געאַנט,
אַז ס׳וועלן איבער דיר זיך טראָגן אוראַגאַנען,
און אַז אָנשטיין וועט אַזאַ מין הפקרדיק געוויטער!
כ׳האָב נישט געגלויבט,

אליעזר גרינבערג

אַז ס׳איז נאָך אַזויפיל רשעות אויף דער וועלט פאַראַנען,
און אַז מיין שטאַם וועט זיין צו רויב, און אָן אַ היטער!

ווייל וואָס אַז ס׳וועט אַ טאָג פון רעכענונג ווען קומען!
— פאַר וועמען?
— פאַר וועמען?
און וואָס אַז ס׳וועט דער יום־הדין מיט צאָרן זיך צעברומען!
און וואָס אַז די גערעכטיקייט זאָל זיך אין אייך דערמאָנען!
— ס׳איז באַלד נישטאָ שוין ווער עס זאָל דעם חוב פון אייער
פאַרגיטיקונג אויפמאָנען!
— דעם חשבון פאַר אַלע אייערע מסירת־נפשן און פאַר אַלע אייערע
קידוש־השמן!
— איר האָט אַלץ געשטעלט אין קאָן! איר האָט אַלץ געבראַכט
צו שטייער!
— ליפּקאַן, היים מיינע,
— דו ביזט איין נאָמען בלויז פון אַזויפיל געהייליקטע נעמען
פון יידישע שטעט און שטעטלעך — וואָס דער שונא האָט
אָוועקגעלאָזט מיט פייער!

אָ, יידישע שטעט און שטעטלעך, ווער קען אייך אַלע דאָ דערמאָנען!
ווער קען אייך אַלע איצט באַקלאָגן!
ווער קען אויסרעכענען אַלע שחיטות, פּאָגראָמען, גגישות!
ווער קען אויפזאַמלען דאָס פייער פון אַזויפיל פאַרברענטע ספר־תורות!
וואָרמס, מאַינץ, פּשיטיק, און בעסאַראַביע, דיין קרוינשטאָט, קעשענעוו,
זיינען איצט צווישן טויזנט ניינע נעמען וואָס מיר טראָגן
אין אונדזער דערנערקרוין זייט דור־דורות —
און דער הימל שפּאַלט זיך ניט, און די ערד — זי טוט זיך ניט
אָן עפן אויף!

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — —

ביי די ברעגן פון האַדסאָן האָב איך היינט מיין האַרפע אויפגעהאַנגען.
ס׳איז חודש ניסן, אין יאָר תש״ד.
ס׳איז ווידער פרילינג. די ווערבעס זיינען ווידער גרינע.
קנאָספּן פּלאַצן שוין און ס׳גרינט שוין בלאַט נאָך בלאַט.
נאָר איך זיץ דאָ אָן אָבל,
ווי מיינע אור־אור אָבות ביי די טייכן פון בבל.

עס פּליסט דער האָדסאָן, און ס׳כוואַליען זיך די שטראָמען זיינע
ברייטע.

און איך בין דאָ אין שפּעטער נאַכט אַליין,
איינער, פון דער קליינער, גליקלעכער שארית־הפליטה
וואָס האָט זיך פון יידנאומגליק געראַטעוועט ביי די ברעגן פון האָדסאָן.
וועמעס פלאַן איז דאָס געווען? וועמעס רצון?
שטערן נעמען לעשן זיך. די נאַכט איז שוין פאַרגאַנגען.
ביי די וואַסערן פון האָדסאָן האָב איך היינט מיין האַרפע
אויפגעגאַנגען! . . .

א י כ ה . . .

איכה ישבה בדד העיר,
איכה ישבה בדד וועלט:
דער טויט קלאַפּט אָן אין יעדער טיר,
ער מיידט נישט אויס קיין איין געצעלט.

ער גייט אַרום פון שטאָט צו שטאָט,
ער גייט אַרום פון לאַנד צו לאַנד:
און וואו ער שטעלט אַוועק זיין טראָט —
בלענדט אַ מעסער אין זיין האַנט.

און ס׳וואַקסט די שפע און די גאָב —
פון חורבן, אומקום און רואין,
און וואו ער אָטעמט טוט זיך אָפּ
דער לעצטער, לעבעדיקער מין.

דער טויט קלאַפּט אָן אין יעדער טיר,
ער מיידט נישט אויס קיין איין געצעלט:
איכה ישבה בדד העיר,
איכה ישבה בדד וועלט! . . .

העניך אַקערמאַן

בן חיים דוד אַ.; געב. דעם 6טן אָקטאָבער, 1901 (י״ג תשרי. תרס״א), אין דאָרף מאָלינעץ, בעסאַראַביע. געלערנט ביי אַ פריוואַטן לערער. 1918 דעביוטירט מיט אַ ליד אין קעשענעווער „דער מאָרגן״. דעם 18טן סעפּטעמבער 1920 געקומען קיין אַמעריקע. פאַרעפנטלעכט לידער אין אַמעריקאַנער, מאָרגן־זשורנאַל, אויפגאַנג, גערעכטיגקייט, פרייע אַרבעטער שטימע, דאָס וואָרט, דער גרויסער קונדס, די פעדער, קינדער־זשורנאַל, די צייט, ליד (לאָס־אַנדזשעלעס), יידישע וועלט — יוב טוב בלעטער (פילאַדעלפיע). שרייבט הומאָריסטישע לידער אונטערן פּסעוודאָנים א. מאָליניצער. זיינע „שטויבענדע געשיכטעס פון אמתן לעבן״ זיינען צוערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פאָרווערטס״, און ער דרוקט זיי איצט אין „טאָג״, וואו ער איז זינט 1935 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. האָט רעדאַקטירט (אינאיינעם מיט זעליג דאָרפמאַן און משה שטאַרקמאַן) די זאַמלונג „רעפלעקסן״, אַפּריל 1932. אין בוכפאָרם: „לידער״, טשערנאָוויץ, 1919, 80 זייטן. — פאַרעפנטלעכט עטלעכע לידער אין רוסיש. איז אַ צייט געווען אַ יידישער לערער אין די א. ר. שולן.

א. אינזיכניק [הערמאַן גאָלד]: צווישן שרייבער און ביכער — „אונדזער פאָלק“, מאַי 13, 1932.

חיים בערמאַן [מאיר שטיקער]: דער אוונט מיט די יונגע דיכטער און דער־ציילער — „דער וועקער“, מערץ 10, 1928.

ב. העריטאַן: זאַלבעדריי — „פרייע ארבעטער שטימע“, יוני, 1932.

אליהו זיננער: די ליטעראַטור ביי דער שיסל — „יידישע וועלט“ (פילאַ־דעלפיע), פעב. 18, 1940.

א. לעיעלעס: אימפרעסיעס און עקספרעסיעס — „אינזיך“, נאָוועמבער 1928.

ש. ניגער: לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע — „דער טאָג“, מערץ 26, 1939.

חיים קאַנטאָראָוויטש: פּראָבלעמען פון יידישיזם — „אונדזער שול“, פעברואַר 1932.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — — ערשטער באַנד — — ווילנע, 1928, ז. 162.

משה שטאַרקמאַן: דע פּראָפונדיס — „רעפלעקסן“, אפּריל 1932.

הו איז הו אין אַמעריקען דזשורי, 1939.

הו איז הו איז די איסט, 1944.

אַ צוזאַמענגיסונג וואָס איז צו גלייכער צייט אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן דער אַלטער און נייער היים פילט זיך אין העניך אַקערמאַנס „מיין צוריקקער קיין מאַלינעץ“ — — —
דער פאָלקס־ליד טאָן פּאַסט זיך דאָ זייער גוט, און פּונקט אַזוי גוט איז דער ריין לירישער שלוס.

(ש. ניגער: „לאַנדסמאַנשאַפט פּאָעזיע“ — „טאָג“, מערץ 26, 1939).

אַ בריוו פון מיין טאַטן

בעריש וויינשטיין אַ מתנה.

מיין טאַטע שרייבט מיר פון דער אַלטער היים:
און דאָס פּאַפּיר איז אויסגעזוייקט מיט טרערן
כ׳בין שוין גראָ און אַלט און וואַרט נאָך אַלץ,
דו זאַלסט דיך פון דער ווייטער וועלט אומקערן.

דער עפּלבוים ביי אונדז אין סאָד האָט שוין פאַרדאַרט,
אַז העלפן וועט אים שוין אַפילו נישט קיין וועסנע;
די פייגל אָבער קומען נאָך אַיעדן טאָג צו אים
און וואַרעמען אויף אים די נעסטן.

נאָר איר, קינדער מיינע, זענט אַוועק,
און האָט פאַרלאָזט דעם אַלטן טאַטן;
איבער שבעה ימים האָט איר זיך צעשפּרייט
און ווילט זיך גאָר נישט אומקערן פון דאָרטן.

איר געדענקט מסתם די ווערבע לעבן טייך:
ווי די ווערבע פלעגט די מאַמע אייערע וויינען,
ווען איך פלעג אין שטילע נעכט
די בריוו אייערע פאַר איר לייענען.

נאָר ביים טייך די ווערבע איז שוין לאַנג פאַרדאַרט
און מען הערט שוין נישט איר טרויעריקן ניגון,
און די מאַמע אייערע וויינט שוין אויך נישט מער,
ווייל אויף אייביק איז זי איינגעשוויגן.

זי ווינט שוין נישט און ליגט שוין שטיל
אויף דעם סטרויעניצער פעלד 1) לעבן די וויטריאַקעס. 2)
זי קער זיך צוהערן אין שטילע נעכט,
אפשר קומט איר פאַרט אָן אויף פיאַקערס.

נאָר אומזיסט האָט זי געקוקט צו יענעם וועג
ביז די אויגן אירע האָבן זיך פאַרלאָשן.
איר זענט נישט געקומען, ווי עס קומען נישט צוריק
די בלעטער וואָס האָבן אָפגעוועלקט אין אָסיען . . .

אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ . . .

אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ און בין נאָך אַלץ אַ גרינער,
אַ געפּאַקטן „סאָבוויי" נעם איך אָן פאַר אַ קורניק מיט הינער.

אַז איך זע זיך אויפהויבן אַן עראָפּלאַן צום הימל,
מיין איך אַז אַ „פאַלאַוויק" האָט דאָס געמאַכט דעם טומל.

אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ און ווער וועט עס דען גלויבן,
אַז דער „וואולוואָרט"־טורעם איז ביי מיר אַ טויבנשלאַג מיט טויבן!

טויבן מיינע ווייסע, מיינע יונגע טרוימען,
איר זענט זיך צעפלויגן, ווי אַ רויך פון קוימען!

אַזוי לאַנג פון מאַלינעץ און ווער וועט עס דען וויסן,
אַז איך זע אַ קעלבל וויל איך עס באַגריסן.

און ווי סערגעי יעסענין מיט די בלויע אויגן,
אַז איך זע אַ קו וויל איך זיך פאַר איר פאַרנויגן.

---

1) וואו סיהאָט זיך געפונען דער בית־עולם. 2) ווינט־מילן.

מיין צוריקקער קיין מאָלינעץ

כ׳וועל זיך אומקערן פון ווייטער וועלט,
צוריק אַהיים אַן אָפּגעגאַרטער און אַ מידער;
מיט געלע שיך — און אַ צעריסן האַרץ
און אַ רענצל מיט געדרוקטע לידער.

כ׳וועל אַרונטערפאָרן פון וואָקזאַל
אויף אַ דראָזשקע מיט די שענסטע טראָלדן;
אַז כ׳האָב אַהיים געבראַכט אַן אוצר געלט
וועלן מיינען די קליינשטעטלדיקע יאָלדן.

איך וועל טראָגן ריגגלעך אויף די הענט
און אַ זייגער מיט אַ גראָבן קייטל.
(אָ, ווען בישט איר „אינגערסאָל" און „וואולוואָרט",
מיט וואָס וואָלט איך אָפּגענאַרט מיין שטעטל!)

ס׳וועלן צו מיר אָנהויבן צו גיין
שדכנים—ליגנער—מיט די רייכסטע כלות.
(אָ, נאַראָנים איינע, ווען איר ווייסט,
ווי ביי מיר אין רענצל סוויסטשעט עס דער דלות!)

איך וועל קיינעם נישט דערציילן אינדערהיים,
(אַ חוץ די הינט און די חזירים)
ווי מ׳האָט מיך באַליידיקט אויף דער גרויסער וועלט:
שונאים — און אַ סך מאָל כלומרשטע חברים.

איך וועל צופאַלן צו יעדן פּלויט
און וועל אויסקושן אַיעדעס ריטל. —
צווישן ציניקער כ׳בין געווען אַזוי פיל יאָר
און כ׳האָב אָנגעזאַפּט אין זיך אַזוי פיל ביטול.

נאָר אַרויסגיין וועל איך אויף דער גאַס
מיט געמאַכטער גאווה און וועל קיינעם נישט באַגריסן,
אַז כ׳האָב געבענקט נאָך זיי אַזוי פיל יאָר,
דאָס וועט גאָט און איך נאָר וויסן . . .

הענריך אַקערמאַן

כ׳האָב זיך דערמאָנט . . .

כ׳האָב זיך איצט דערמאָנט אין אַלטער היים,
ווערגן טרערן מיך און שטיקן.
צו וואָס האָב איך באַדאַרפט די גליקן?
כ׳האָב זיך איצט דערמאָנט אין אַלטער היים,
כאַלופּקעס קלייניניקע פון ערד און ליים,
דערפל מיינס, פון „אוליצעס” און ליקן!

גיט מיר אָפּ מיין דערפל, נאַט אייך אָפּ ניו־יאָרק.
גזלנים וואָס איר זענט און נישט פאַרגינער!
כ׳וועל סיי־ווי־סיי דאָ אייביק זיין אַ גרינער.
גיט מיר אָפּ מיין דערפל, נאַט אייך אָפּ ניו־יאָרק.
וואָס האָט אייך געאַרט אַז כ׳האָב געלעבט אָן זאָרג,
און האָב אַ קו פאַרמאָגט מיט אַ קורניק מיט הינער?
גיט מיר אָפּ מיין דערפל, נאַט אייך אָפּ ניו־יאָרק,
גזלנים וואָס איר זענט און נישט פאַרגינער!

נאַט אייך אָפּ דעם ים און גיט מיר אָפּ דעם טייך.
(פאַראַסקעס טייכל מיט דער זשאַבערינע!)
כ׳שרייב די שורות און די טרערן רינען.
כ׳בין דאָ סיי־ווי־סיי אַ פרעמדער צווישן אייך
און פיל צו אייך נישט מער ווי שנאה.
נאַט־זשע אייך אָפּ דעם ים און גיט מיר אָפּ דעם טייך,
פאַראַסקעס טייכל מיט דער זשאַבערינע.

איך געדענק שוין נישט דאָס אויסזען פון אַ וואַלד —
און וואָס אַ לאָנקע איז האָב איך שוין פאַרגעסן.
כ׳בין אַ פועל־יום דאָ — נאָר פאַר עסן,
וואָס אַ הימל איז האָב איך פאַרגעסן באַלד,
ווייל אין שעפּער בין איך זיך פאַרזעסן.

בעט איך רחמים ביי דיר, גרויסער גאָט,
לאָז מיך אין ניו־יאָרק נישט שטאַרבן.
(אין מאַלינעץ פאַרגייט די זון אין פאַרבן!)
לייז מיך אויס פון גרויסער שטאָט,
ווייל כ׳האָב מורא צווישן שטיינער שטאַרבן.

אַ באַלאַדע פון צוויי דאַן־קיכאָטן

זיי גייען ביידע אום — צוויי אויסגעדאַרטע ריטער,
איינער שוואַרץ ווי אומעט, דער צווייטער ווייס ווי קרייד.
צי דערפאַר, ווייל ס'איז זיי ביידע ביטער
זעט מען זיי צוזאַמען שוין אַ צייט?

אַזוי ווי נאַכט קומט אָן — באַלד ווי צוויי געשפּענסטער
שלייכן זיי די עוועניו פאַרביי.
שטעלן זיך אָפּ, קוקן אין די פענצטער,
און קויפן קויפט מען גאָר ניט סיי־ווי־סיי.

— אַ שיינע העמד, דו זעסט? — ס'זאָל נאָר ניט קאָסטן טייער,
און וואָס פעלט מיר, מיינסטו, אין אָט דעם קראַוואַט?
זאָגט דער צווייטער: — ברענען זאָלן זיי ווי פייער.
קום, לאָמיר בעסער גיין אין אָטאָמאַט.

גייט מען ביידע און מ'רעדט פון ביכער.
זופּט זיך איינער קאַווע און דער צווייטער — טיי,
און זיי ביידע זיינען ביי זיך זיכער,
אַז קיין גרעסערס איז נישטאָ פון זיי.

טרינקט מען אָפּ און מ'פאַרבייסט מיט גאָר ניט,
ווייל עפּעס צובייסן דאַרף קאָסטן געלט.
האָבן זיי נישט — אַרט עס זיי קיין האָר ניט,
ווייל סיי־ווי־סיי איז דאָס אַ פּוסטע וועלט.

שרייבט דער בלאָנדער לידער — און דער צווייטער — פּראָזע,
איז איינער ביי זיך שעלי — און דער צווייטער — טען.
(האָט אָבער די וועלט אַן אַנדער מיינונג — אַזאַ העזה!
אַ וועלט, אומדאַנקבאַרע, דו ברען!)

מוז איינער אַרבעטן ביי פעלעכלעך פון האָזן,
און דער צווייטער אַרבעט ביי אַן אַנדער מין.
קומט דער ליבער זומער — וואַקסן גרינע גראָזן,
און דער דיכטער שעלי שוויצט ביי דער מאַשין.

טרעפט מען זיך אין אָוונטן אין פּאַרק אין די אַלייען,
ווערן ביידע דאָן־קיכאָטן — ריטערלעך — גאַלאַנט.
דערציילט איינער וואונדער פון זיין דולציניייען,
און דער צווייטער הערט זיך צו געשפּאַנט.

העניך אַקערמאַן

מאַי

ווען נישט דער לוח
ביי מיר אויף דער וואַנט,
וואָלט איך נישט געוואוסט,
אַז ס'איז מאַי דאָ אין לאַנד.

מאַי, ווייס איך, דאַרף בליען,
דאַרף שמעקן מיט צוויט.
זייט מיר דאָ מוחל,
מיין אומעטיק ליד!

פייגעלעך דאַרפן
טשאַטשעסווייז פליען,
דאָס טייכל דאַרף מורמלען,
דאָס גראָז דאַרף זיין גרין.

און וואו איז דאָס גראָז דאָ?
און וואו איז דער טייך?
ס'געפעלט מיר נישט, כ'לעבן,
דער מאַי דאָ ביי אייך.

אַנטאָלאָגיע

רעמבראַנדט קומט פון האָלאַנד;
פון טשעכיע קומט סמעטאַנאַ;
אַש קומט פון קוטנע
און טאָלסטאָי פון יאַסנע
פּאָליאַנאַ.
ביגער קומט פון דוקאַר,
אַפּאַטאָשו קומט פון מלאווע;
לייוויק קומט פון איהומען
און גאָגאָל פון פּאָלטאַווע.
וויינשטיין קומט פון ריישע
און צביון קומט פון ריגע.
אָבער איך קום פון דאָרט,
וואו מ'עסט מאַמעליגע.

משפּחה־כראָניק — אַמעריקע

כ'האָב אַ מומע ציפּע
וואוינט זי אין מיסיסיפּי
(איר מיידלשער נאָמען
איז געווען שעכטער).
און זי האָט איין זון
און פינף טעכטער.

איר עלטסטע טאָכטער
בלענטש (אָדער שרה־ברײַנע)
וואוינט אין נאָרט־קאַראָליינא
און איז זייער אַ פיינע.
זי האָט חתונה געהאַט
פאַר אַ וואוילן באָי יונה,
אָדער ווי מען רופט אים
דאָ אין אַמעריקע—דזשאָנאַ,
פון אַ שטעטל ערגעץ לעבן
גרענד קעניאָן אין אַריזאָנאַ.
ער איז אַ באָי זייער
פון אַ פיינעם טאַטן.
אַ סוחר פון ווייץ
און פון קאַטן,
און אַ ברודער האָט ער
גאָר אַ פאַרמעגלעכן
אין סעינט פּאול, מינעסאָטאַ.
קיין בייז אויג זאָל
אים נישט שאַטן.

אַ צווייטע טאָכטער

העניך אַקערמאַן

אירע,ביילע־כאַשקע,
האָט חתונה געהאַט
קיין לינקאָלן, נעבראַסקאַ,
פאַר אַן אלמן איינעם
אַ מיסטער לוריע,
וועמענס צוויי ברידער
וואוינען אין סעינט לואיס
(ס'איז, דאַכט זיך, אין מיזורי)
און זיינען בוטשערס
און מאַכן אַסך געלט,
און ס'גייט זיי ביידע ווי
אַ צדיק אויף יענער וועלט.

מיין מומעס דריטע
טאָכטער, איידל (אָדער אַדאַ),
יענע האָט ערשט פאַראַיאָרן
זיך גע'גט אין רינאָ, נעוואַדאַ
מיט זייער אַ פיינעם מאַן,
אַ טיטשער.
ער פלעגט איר, זאָגט זי,
שרעקלעך דערקוטשען
מיט דזשעלאָסי. ער האָט
געהאַט צו איר אַ טענה,
אַז עפּעס אַ געוויסער
סיילסמאַן פון מאָנטאַנאַ
האָט איר אָפּגעגעבן
צופיל אַטענשאַן.
(די וועלט האָט עס פּאַני מענשן!)
דער סוף איז געווען,
אַז זי האָט טאַקע חתונה
געהאַט פאַר יענעם
סיילסמאַן — סעמען,
און די מומע מיינע
פלעגט זיך אַ לאַנגע
צייט מיט דעם שעמען.

מיין מומעס פערטע
טאָכטער, סערל אָדער שוירלי,
נישט אַזאַ שיינע גראַדע,
האָט דווקא חתונה געהאַט
קיין דענווער, קאָלאָראַדאָ
פאַר אַ לונגען־דאָקטאָר
(ער הייסט, דאַכט זיך, שעראַגע).
און ס'איז גאָר נישט קיין פראַגע,
אַז ס'איז איר גוט
ביי אים ווי די וועלט.
זי האָט אַ דינסט און אַ שאָופער
און באָדט זיך ממש אין געלט.

מיין מומעס פינפטע
טאָכטער, העלן אָדער חנה,
זי האָט זיך פאַרליבט
אין אַ רייכן באָי פון
דזשאָרדזשיאַ, (סאַוואַנאַ),
וועמעס עלטערן האָבן
נישט געוואוסט דערפון.
און ווען דער שידוך איז
נישט אָנגעשטאַנען זיין פאָטער
האָבן זיי אים ביידע
געהערט ווי דעם קאָטער
און האָבן „עלאָופּט" קיין
עקראָן אין אָהייאָ,
און זיי זיינען גליקלעך, והראיה,
זיי האָבן צוויי שיינע
מיידלעך, עלינאָר און פּעפּי,
און זיי זיינען זייער העפּי.

און איצט קום איך
צו מיין מומעס זון
מעלווין (אָדער מאָטיע).
ער האָט זיך באַגעגנט
עפּעס מיט אַ רייכער

מיידל פון לואיסוויל, קענטאָקי,
און ער האָט עס נישט
אויסגעזאָגט דער מומען.
איר ערשטער באָמען
איז געווען דיקסי,
קענט איר זיך שוין אַליין
פאָרשטעלן, אַז זי איז
נישט געווען קיין יידיש
קינד, נאָר אַ שיקסע.
און דער פאָטער אירער
האָט מאָטיען געגעבן
נדן — אַ טאַבאַק פּלאַנטיישאָן.
פאַרשטייט זיך, אַז
דער מומען האָט מען
צו זייער חתונה נישט
געשיקט קיין אינוויטיישאָן,
און פון אַגריוויישאָן
האָט דער מומען מיינער
זיך דאָס האַרץ צעריסן.
און זינט דעמאָלט ליגט
זי קראַנק אין בעט.
און מיך, איר
נעפיו, דעם פּאָעט
האָט זי געבעטן דאָס
אַלעס צו באַשרייבן
און זאָל די וועלט,
די גרויסע וועלט, עס וויסן.

אַלעקסאַנדער (יהושע) פּאָמעראַנץ

זון פון אברהם פּ.; געב. דעם 1טן מאַי, 1901, אין גראָדנע ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר און אין 1913־1914 געלערנט אין די ישיבות פון שטוטשין און מיר; אין 1917־1918 אויף די מינסקער העברעאישע העכערע קורסן און אין די רוסישע גימנאַזיעס אין אָסטראָגאַזשסק און מינסק. אָנגעהויבן שרייבן צו 15 יאָר. 1919 דעביוטירט אין „גראָדנער צייטונג" מיט אַ ליד צום ערשטן יאָרצייט פון לייב ניידוס. 1921 געקומען קיין אַמעריקע. 1922־1923 געלערנט אויף די לערער־קורסן פון אַרבעטער־רינג. 1933־1935 געווען אַספּיראַנט אין דער סעקציע פאַר ליטעראַטור און קריטיק פון וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור אין קיעוו און באַקומען דעם אַקאַדעמישן טיטל „וויסנשאַפט־קאַנדידאַט פון דער יידישער ליטעראַטור". זיך באַטייליקט אין פרייהייט, יוניאָן סקווער, איקאָר, ניילעבן, פּראָליט; רעדאַקטירט „יונג־קוזניע" און „ספּאַרטאַק" (1925־1935). געווען מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיעס פון „האַמער", „סיגנאַל" און „יוגנט". שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־פרייהייט". פּסעוודאָנימען: יהושע גראָדנער, פּ. אַלעקסאַנדער,

א. פּאָמעראַנץ

פּ. טשערניכאָוו. אין בוכפאָרם: „פּראָלעטפען״, עטיודן און מאַטע־ריאַלן וועגן דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, פאַר־לאַג פון דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע, קיעוו, 1935, 248 זייטן; „אַ מיידל פון מינסק״, 1942, 96 זייטן; „קאַווקאַז״, 1943, 96 זייטן; „צערריסענע קייטן״, 1943, 96 זייטן; „אינזשינירן פון נשמות״, 1943, 96 זייטן; „אַ רייזע אין דער צוקונפט״, 1944, 96 זייטן.

[—] די דיסערטאַציע פונם חבר אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ — „וויסנשאַפט און רעוואָלוציע״ (קיעוו), יולי־סעפּט. 1935.

[—]: אַ פּינף־ביכער פּלאַן פון אַ נאָרד־אַמעריקאַנער יידישן שרייבער — „אונדזער פריינט״ (מאָנטעווידעאָ), יולי 25, 1943.

וויליאַם אייבראַמס: אַ נויטיקע אַרבעט וועגן אונדזער ליטעראַטור — „מאָרגן־פרייהייט״, סעפּט. 7, 1935.

מ. אָלגין: די יונגע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע — „האַמער״, דעצ. 1930.

בער גרין: צען יאָר פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור־געשיכטע — „סיגנאַל״, אויג. 1936.

ש. הירש: אַ ברייטערלעכער גרוס פונם פּראָלעטפען־פראָנט — „שטערן״ (קיעוו), יוני 1935.

ר. יוקלסאָן: פון די „דריי נייטאָרנס״ ביז „אַ מיידל פון מינסק״ — „היים און דערציאונג״, פעב. 1943.

משה כּץ: אַ טוריסטן־רייזע איבער קאַווקאַז—„מאָרגן־פרייהייט״, מערץ 1943.

דר. א. מוקדוני: דער שידוך צווישן פּאָליטיק און ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל״, אויג. 28, 1935.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט״, יוני 21, 1925.

פּ. נאָוויק: „דאָס מיידל פון מינסק״ פאַרדינט דאַנק — „מאָרגן־פרייהייט״, דעצ. 1942.

דוד סעלצער: די סאָוועטיש־יידישע אינזשינירן פון נשמות — „וואַכנבלאַט״ (טאָראָנטאָ), יולי 29, 1943.

שכנא עפּשטיין: אַ געזונט קערנדל — „פרייהייט״, אויג. 17, 1924.

ב. פענסטער: פון „יונג־קוזניע״ ביז „סיגנאַל״ — „סיגנאַל״, פעב. 1936.

ר. קאַהיר [בער גרין]: דער וועג פון אַ פּראָלעטאַרישן דיכטער — „מאָרגן־פרייהייט״, יוני 13, 1932.

י. ראַבין: „פּראָלעטפען״ — „עמעס״ (מאָסקווע), יוני 28, 1935.

י. א. ראָנטש: דאָס בוך פון חודש — „ניילעבן״, יאַנ. 1943.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — צווייטער באַנד, ווילנע 1927, זז. 864—865.

ע. שמערקאָוויטש: אַזוי זעט אויס די סאָוועטישע יידישע יוגנט — „פאָלקס־שטימע״ (בוענאָס־איירעס), יוני 27, 1943.

י. (אַלעקסאַנדער) פּאָמעראַנץ איז איינער פון די וויניקע רעוואָלוציאָנערער יידישע פּאָעטן, וואָס זיינען באַאיינפלוסט פון דער וואַלט־וויטמאַן־טראַדיציע. י. פּאָמעראַנץ באַהאַנדלט אונדזערע פּראָלעטאַרישע לעבנס־דערשיינונגען מיט וויטמאַנישער וועמענץ. ער ווייסט דעם באַדייט פון פּאָעטישן רעטשיטאַטיוו. זיין אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט צום אינדוסטריעלן אַפּאַראַט, צו דער פיזישער אַרבעט, צום ווידערשפּרוך צווישן מענטשנס ווערט און מענטשנס פּלאַץ אין דער סאָציאַלער סטרוקטור. אין די קירצערע לידער האָט ער אָפט אַ געוויסע ווייכקייט, וואָס איז אָנגעהויכט מיט פאָלקס־מאָטיוו. מער ווי פיל אַנדערע פון דער פּראָליט־גרופּע איז י. פּאָמעראַנץ פייאיק אַריינצוקוקן אין לעבעדיקע מענטשן און אַרויסשיילן פון זייער אינדיווידועלער פאַרשיידנאַרטיקייט דעם סאָציאַל־וויכטיקן תמצית.

(מ. אָלגין: די יונגע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע — „האַמער”, דעצעמבער 1930).

מיין טאַטע — דער מעשנגיסער

1

אַ מעשנגיסער איז מיין טאַטע,
כ׳בין אַ קינד פון גרויסער שטאָט.
ס׳איז פרעמד מיין בלוט די וועלט פון זאַטע —
ס׳האָט קאַמף באַגלייט מיין יעדן טראָט.

עס האָט אַ צאַרטע, בלאַסע מאַמע
געבוירן מיך אין אַ וואַרשטאַט,
וואו ס׳האָט באַגריסט מיך אַ דינאַמאָ,
פון גיסעריי דער קוילן־טשאַד.

דער ערשטער קלאַנג צו מיר געקומען
פון אונדזער גרויסן שלייפשטיין־ראָד;
דאָס ערשטע ליד האָב איך פאַרנומען
פון אַ מאַשין־קאַראַהאָד.

פאַרוויגט האָט מיך דער רויש פון גאַסן,
די האַמער־קלעפּ אין מעש און שטאָל;
די הודזשענדיקע לעדער־פּאַסן
דערציילט מיר מעשות פון „אַמאָל” . . .

2

און אַנשטאָט פּייעס — שטאָל־געשטעלן:
מיט זיי איז פול מיין קינדער־וועלט;
געווען פון דלאָטעס, זעגן, דרעלן,
מיין שפּיל־פאַרמעג צונויפגעשטעלט.

האָב מיט שרויבנסטאַקעס זיך געחברט,
מאָדעלן פאַרביקע האָט מיך פאַרווירט.
און לייכטער מעש, ווי שטאָל פאַרזשאַווערט,
האָב איך געשייערט און פאָלירט.

געזען נאָר אַרבעטסזאַמע בינען
אין די טראַנסמיסיעס איינגעשטעפּט:
פון טאָקער, פרייזער, דריל־מאַשינען
מיין קינדהייט־פרייד האָב איך געשעפּט.

אין פורעמען געליבט זיך איבן,
און אויסגיסן זיך שפּילעריי.
און מער פון אַלץ איז מיר פאַרבליבן
זכרונות פון דער גיסעריי:

טשוהון־באַראַמטע זאַמדן־פורעמס,
ווי די סאָלדאַטן, ריי נאָך ריי:
די הורדעס מעש, די קוילן־טורעמס,
קופּער, צינק און צין און בליי.

מיט צלמלעך די פונקען שיסן
אין גרויסן האָרן, קנאַל נאָך קנאַל —
געגאָפּט צו זען מיין טאַטן גיסן
דאָס פייערדיק־צעגליט מעטאַל:

אָט שווינגט די הויב־מאַשין דעם טיגל,
דער טאַטע רעגולירט די קייט —
מיר דוכט: ער האָט באַקומען פליגל,
ער האָט באַזיגט די שרעק פון טויט.

דעם טיגל שליסן גרויסע רובגען
אין שטאַרקע אייזן־לאַפּעס איין;
זיי רייסן זיך אין לייב אַריין.
פון הייסן מעש די פלאַמען־צונגען

די גיסעריי איז העליש־ליכטיק,
פאַרגלאַנצט מיט גרינעם ערפורכטיק־צער:
ס׳וואָלקנט רויך זיך ערנסט, וויכנויק,
ווי הייליק ווייַרויך ביים אַלטאַר.

ס׳דוכט דער טאַטע איז אַ פּריסטער,
ער ריכט דאָ איצט אַ מעסע אָפּ:
שטרענג־פאַרזיכטיק אין פורעם גיזונו ער
צעשמאָלצן מעש, טראָפּ נאָך טראָפּ.

און ס׳איז געשען — ער אָטעמט פּייער —
ס׳האָט איינגעגעבן זיך דער גוס:
און קראַן, געבוירענער אין פייער,
שמייכלט, שיקט פון זאַמד אַ גרוס.

3

כ׳געדענק אויך גוט די שפּעטע שעה —
דער טאַטע אַרבעט ביים וואַרשטאַט:
ער פּרוּווט צו מיר מיט פרייד פאַרטרויען
דעם פּלאַן פון זייגער־אַווטאָמאַט.

פאַרפאָלגט דער גייסט אים פון דערווינדן,
ער פּאַטענטירט אַ וואַסער־קראַן;
זיין אימפּעט טוט גאָרניט פאַרשווינדן:
ער שרייבט מיר פון אַ נייעם פּלאַן. —

ער קלאָגט זיך נאָר: די שטאָט איז אָרעם,
און אַרבעט איז ניטאָ קיין סך.
ס׳באַפאַלן זאָרגן אים, ווי ווערים,
און זויגן אויס דעם זאַפט פון מאַרך.

אויב מיר באַשערט געווען צו שפינזן
מיין טאַטנס פאָדים דאָ אין לאַנד:
ביי שענדעליערס, שטאָל־מאַשינען
געהאַמערט לייכטער האָט מיין האַנט.

אין קאַלטן לאָמפּן־גוף און טויטן
אַריינגעצויגן נערוון־דראָט:

א. פאַמעראַנץ

עלעקטרע־שטראָם זאָל אים באַגלייטן
און אויפלויכטן זיין יעדן טראָט.

געמעשט, געקופּערט און געזילבערט
די לאָמפּן־טיילן טאָג ווי נאַכט;
געפיילט, געצירקלט און געעגבערט —
פאַר מענטשן ליכטיקייט געבראַכט.

4

און ליב איז מיר דער רעש פון אייזן,
פון מעש און שטאָל דער יום־טוב־קלאַנג;
דאָס לאַווע־אומרואיקע ברויזן
פון ריטמיש־בראַוו מאַשין־געזאַנג.

און כאָטש איך האָב געמוזט פאַרבייטן
דעם האַמער אויף אַ פּען און טינט —
בענקט הייס מיין בלוט נאָך יענע צייטן,
ווען ס'האָט מעטאַל מיין ליד געשפּינט . . .

שיקאַגע

(פראַגמענט)

שי—קאַ—גאָ — — — —
שטאָט פון טויזנט ווינטן . . .
דאָרפסיונג צווישן אַמעריקאַנער
שטעט.
דער מעכטיקער „קאָלאָס" פון
דער „גאָלדענער וועסט".
פאָרמלאָז,
ווי אַ וואַלקן.
דאָך שטאַנדהאַפטיק,
ווי אַ פעלדז.
ברוטאַל, געוואַגט און
שמוציק — — — —
בעל־הגופיש, ברייטפּלייציק,
רחבותדיק, גרויסצוגיק,
גנבהיש־צעלאָזן,
ברייט־אָפן —
פרעירי פאַרוואַנדלט אין שטאָט.
אַ קינד פון די מיסיסיפּי פּליינען,
ווי דער אינדיאַנער,
ווי דער בופלאָקס —
וויברירט מיט זאַפט
פון שוואַרצן פעטן גרונט —
גרעסטע ברויט־שפּייכלער,
גרעסטע יאַטקע פון דער וועלט.
סירענען־געפייף,
מאָטאָר־געקלאַפּ,
אויטאָמאָביל־געבלאָז,
חזירים־געכאָרכל,
דזשעז־געפּויק,
רעוואָלווער־געקנאַל —
טיילן פון דער סימפאָניע —
שי—קאַ—גאָ.

פערצנטע גאַס

(פראַגמענט)

פערצנטע גאַס —
„ווייסער וועג” פון דאַון־טאַון,
ניו־יאָרק.
גאַס פון הויכבאַנען, פלאַכבאַנען, טיפבאַנען,
פון רעדער־געבראַזג, מאַשינען־געקנאַל.
גאַס פון וואָדעוויל, קינאָ, בורלעסק,
פון ביליאַרד — טאַנץ — מוזיק — אַקאַדעמיעס.
גאַס פון שוי־פענצטער, ציטער־שילדן, וויטרינעס,
פון פאַרביקע לאָמפן און לעמפלעך.
גאַס פון טאַנגאָ—ווענעציאַנישע—זנות־גאָרטנס און אונטערוועלט־
בלומען,
פון טיי — טשאַפ סואי — בורלעסק — הייזער און הייזלעך . . .
גאַס פון מעבלירטע צימערן, וואַנץ־האָטעלן, אויטאָמאַטן,
שפּאַגעטי — כשר־רעסטאָראַנען, דעליקאַטעסן, האַמבורגער —
פראַנקפורטער סטאָרס און סטענדס.
גאַס פון ביליקע בגדים, זאָקן, שיך און בענדלעך,
פון פושקאַרט־מציאות, נאָדל־דערפינדונגען, איינפּעניקע סורפּריזן,
פון איינסענטיקן וואָדעוויל און גראָשענע פּאָרציעס ליידנשאַפט.
גאַס פון מואוויס, דזשעז־אָרקעסטערס, שיס־גאַלערייעס,
פּאַריזער קאַרטלעך און סענסאַציע —
פערצנטע גאַס.

ב. אַלקוויט

ליטעראַרישער נאָמען פון אליעזר בלום. זון פון שלום ב.; געב. דעם 7טן דעצעמבער, 1896, אין כעלם, פוילן. געלערנט אין חדר. צו צוועלף יאָר, נאָך דעם טויט פון טאַטע־מאַמע, אַוועק קיין לובלין, פון דאָרט קיין וואַרשע, נאָכדעם קיין ווין. 1914 געקומען קיין אַמעריקע און געלערנט אין איראָן און מאַנהעטן פּרעפּעריטאָרי סקולס. 1920 דעביוטירט אין „אין זיך”. זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט אין: פעדער, פרייע אַרבעטער שטימע, אונדזער בוך, קינדער־זשורנאַל, קערן, קולטור (שיקאַגע), טאָג, מאָרגן־זשורנאַל, האַמער, יידיש, אויפקום, די פּרעסע (בוענאָס־אײרעס), ייד. קעמפער, צוקונפט, מיט לידער, דערציילונגען און קריטישע עסייען. זינט 1926 מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל”. רעדאַקטירט: „אינזיך” (1934־1938) אַלע דריי מאָנאַטן. אין דער ראַטירענדיקער רעדאַקציע פון א., יעקב גלאַטשטיין, י. א. ווייסמאַן און א. לעיעלעס. אין בוכפאָרם: „וועגן צוויי און אַנדערע”, פאַרלאַג „אינזיך”, 1931, 80 זייטן; איבערגעזעצט אויף יידיש אַרטור שניצלערס „קאַסאַנאָוואַס אַהיימקער”.

א. אפשטיין: „מקרוב ומרחוק” — ניו־יארק, תש״ד.

א. גלאנץ: די נייסטע יידישע ליטעראטור אין אמעריקע” — „טאג”, נאוו. 23, 1924. (זע: א. לעיעלעס).

ז. וויינפּער: ב. אלקוויט — „יידישע שריפטשטעלער". פארלאג „אויפקום", ניו־יארק, 1933.

דר. ל. זשיטניצקי: ב. אלקוויטס „וועגן צוויי און אנדערע" — „פּרעסע" (בוענאס־איירעס), אפּריל 29, 1931.

פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", פעב. 22, 1931.

א. לעיעלעס: אלקוויטס בוך לידער — „אויפקום", אפּריל־מאי, 1931 (זע: א. גלאנץ).

אננא מארגאלין: דאס יידישע ליד אין אמעריקע (אנטאלאגיע) — ניו־יארק, 1923.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל", נאוו. 18, 1943.

י. י. סיגאל: וועגן צוויי און אנדערע — „קענעדער אדלער" (מאנטרעאל), יוני 28, 1931.

חיים קרול: ב. אלקוויט — „פרייע ארבעטער שטימע", אויג. 15, 1941.

S. J. Imber: Modern Yiddish Poetry. An Antology. New-York, 1927, pp. 4-6.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

ב. אַלקוויט . . . איז ניט פון די פּראָדוקטיווע און דאָס איז זיין הויפּט מעלה. ערשט אין זיין בוך זעט זיך אָן דידאָזיקע מעלה. מען זעט, אַז זיין ליד איז אויסגעטראָגן און אויסגעשלאָגן (אויסגעשמידט) געוואָרן מיט גרויס מיושבדיקייט און אחריות. שורהס שטאַרקע, וואָס איטלעך איינע לעבט אין זכות פון איר אייגענעם ווערט. — זיינע לידער מאַכן אויף מיר דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געהאַלטן געוואָרן פאַרשפּאַרט ערגעץ אין אַ תפיסהדיקער פינצטערניש. לידער וואָס זיינען אָפּגעקומען זייער צעניאָריקע שטראָף און זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ קיל געקאַרגט ליכט אין זייערע לייבער און נשמות.

עפּעס בכבודיקס — רעדט אַראָפּ פון זיין קליינעם פערז, אַ ריינקייט, וואָס שטעלט אים אַוועק צווישן די פּאָר געציילטע דיכטער ביי וועמען דאָס וואָרט איז נאָך אַלץ אַן אויסדרוק פון דעם ווייניקסטן און אָפּגעציילטן. ער קאָן נאָך אַרויסרעדן דאָס וואָרט הייליק אַמאָל אין אַ זעלטענער רגע און דער שמייכל אַפילו אויף דער ליפּ פונעם ציניקער וועט פאַרלירן די שאַרפקייט און זיך באַהאַלטן. — דאָס בילד איז אַנדערש, די פּאָעטישע אָפּווענדונג, מעטאַפאָר, אימאַזש פאַרטיפט. אין־זיכיק, אָבער דער הויפּט טאָן און גרונט־טאָן איז — תהילים.

(י. י. סיגאַל: „וועגן צוויי און אַנדערע" — „קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, יוני 28, 1931).

ב. אַלקווית

פון ים

1

אויף דער ליפּ פון ים זיינען דאָ שדים און רוחות און ים־רויבער.
די חלומות פון הערלעכע שטעט און ווייטע גאָלדענע לענדער
רעדן אַראָפּ פון דער ליפּ פון ים.
נאָר דער ים אַליין איז אַ גרינע, וויסטע, שטורעמדיקע איינזאַמקייט,
וואָס וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד.

ים־רויבער, שדים און רוחות —
טרייע קנעכט פון דער הערלעכקייט,
ערגעץ קלינגט איר שטאָלץ מיט קייטן —
האָט ווער נאָך געזען אַ לאַנד אַזוי איינזאַם ווי דער ים?

אויף דער ליפּ פון ים ציטערט טויט געװוג
פאַר אַלעמען פון אונדז.
פרייהייט ברומט די ליפּ פון ים.

2

דיין לעבן איז ווייט
און טיף אין די בעפעלן שטייט די זון ווי אַ ספינקס פון דיין
גאָלדענעם שוויגן.
עס וויגט מיך אין חלום דער שוים אויף די איינזאַמע זאַמדיקע ברעגן.
איך בין אַליין. קראַנק פון ליבשאַפט בין איך און אָרעם ווי אַ בעטלער.
נאָר די מורא פאַרן טויט הענגט אַזוי קיניגלעך־רייך אויף מיינע
אַקסלען.

קיל איך דעם איינזאַמען זאַמדיקן ברעג:
שטילע כוואַליעס, וואַשט אָפּ דעם טרויער פון מיינע געדאַנקען.

אין שטילקייט

טויט שלאָפט אין שטאָט.
שטילקייט פליסט פון שטיין צו שטיין.
שוואַרצע כוואַליעס טרויער
שלאָגן אויף די ברעגן פון דער וועלט.

אין די נאַכטיקע גאַסן,
דורך אַלע מיינע טעג און ביכער,

בין איך אַ שוואַרצער היעראָגליף אין דער בלויער נאַכט.
איך טראַכט פון טויט
און לייען די שילדן אויף די קראָמען.

האַלבע נאַכט רוט מיין קאָפּ אויף אַ ווייסן שטיין
און הערט די שוואַרצע כוואַליעס טרויער,
וואָס שלאָגן אויף די ברעגן פון דער וועלט.

מיט שבעה־טריט שלייכט דאָס לעבן אַרום מיר.

נ אַ כ ט

קומט אַ וואָגן אָן פון ווייט,
כאַפּט די שטילקייט און
אַנטלויפט.
כאַפּט דאָס ראָד אַ בענדל אויף
פון נאַסן ברוק,
און דער רעדער־קלאַפּ
יאָגט דעם וואָגן נאָך.
לויפנדיק
כאַפּט דער רעדער־בראַזג
פאַר די אויערן מיך
און שלעפּט מיך מיט
ווי דאָס בענדל איינעם ראָד.

לויפן מיר, לויפן
אַלע מיט אַ ליאַרעם
אין דער נאַכט.

צו מיינע ברידער

לויט מיינע האָר און אויבערשטער ליפּ
קום איך פון אַן אַנדער ראַסע —
(פון וועמען האָב איך דאָס געהערט?)
אַזוי שרייב איך דאָס צו מיינע ברידער.

פון יענער זייט ים
האָב איך צוויי אָרימע ברידער —
דער מיט דער פייערדיקער באָרד
און דעם געשטעל פון אַ מויער,
פאַרט אום מיט אַ וועגעלע פוטער
פון שטעטל צו שטעטל.
דער איינגערער איז בלאָנד און
האַנדלט מיט פלאַקס.
צו זיי און דער שורה בערגלעך
וואָס שלאָפן ווי גרינע קי

ב. אַלקוויט

אויף אַ פעלד קעגן דער כעלימער לבנה,
שרייב איך מיט אַן אָפּגעפרעמדטער האַנט:
איך אייער געטרייער ברודער:
ס'איז אַ לאַנגע ווייסע ווינטער נאַכט.
שאָטנס פוןביימער ליגן ווי
געפרוירענע הירשן אויפן שניי.
דער פראָסט צינדט בלויע פייער-בלימלעך
וואָס שמעקן מיט ווייטער קינדהייט.
נאָר מיין האַרץ איז אַ וויסטע כימערע
(צי פאַרשטייט איר וואָס דאָס מיינט!)

טונקל אומבאַגרייפלעך איז מיין וואַנדערן.
אין דעם בבל פון שפּראַכן
און פון איין געדאַנק צום אַנדערן
בין איך אָפּט אַ טיפע פינצטערע הייל,
וואו כ'הער צומאָל דאָס ברומען פון אַ חיה —
לויט מיינע האָר און אויבערשטער ליפּ
קום איך פון אַן אַנדער ראַסע —
(וואָס וועט איר זאָגן דערצו?)
איך אייער געקרייזלטער ברודער.

אַ פּ ר י ל

איז וואָס, מיין פריינט, בעז און קאַרשנצווייט.
אַ פּאַפּוגיי אין אַן אָפן פענצטער
זאָגט אָן די קינדער אויף מאָלבערי סטריט:
פּרי לינג. פרי לינג.
און אַזוי אומגעריכט,
אין דער ביטערקייט פון פריע פרילינג טעג,
ווייסטו וואָס האָסט געוואָלט דעם גאַנצן ווינטער וויסן.
פון יעדער ליבשאַפט מאָנט דאָס לעבן אויף
אַ פאַרגעסענעם ירושה חוב.
מאָנט און קנעט ווי ליים ווי ברויט ווי קיט
אונדזער בליענדיקן ווילן.
איז וואָס, מיין פריינט, איז בויטיק?
ניו-יאָרק, אַפּריל, ביינצן זעקס און דרייסיק און דו אַ ייד

(ווי אָריענטאַליש קויטיק עס זיינען שוין
די קינדער אויף ריווינגטאָן און מאַלבערי סטריט)
יאָס און ניינס פאַרפלאָכטן ווי פינגער אין פאַרצווייפלונג
און ווידער קלעטערסטו צום טויטן אייפל טורעם.
איך האָב היינט געזען אַ מענטש
וואָס איז אַליין געווען אַ שלאַכטפעלד פון יסורים
און איצט — קארשנצוויט און בעז,
דאָס געזאַנג פון באַרג־שטראָמען
איבער אַלע זיינע זייטן.
די ליכטיקייט פון פרילינג הענגט אויף אַ טראַפּעז.
און דער פּאָפּוגיי שרייט:
פרי לינג. פרי לינג.

אַנדזשעלינאַ

יאָר איין יאָר אויס
האָט אַ שטיק מיידלישע סיציליע
געזוניקט אונטער אַ שטויביקער שויב.
אירע פלינקע נערוועזע פינגער
האָבן געפלאָנטערט זיידענע פעדים
און געשלייפט זיידענע קנעפּלעכער
אין מענערישע וועסטן.

דאָ פלעגט זי זיצן און זינגען
נישט מיט בענקשאַפט
צו איר קינדיש גרינער סיציליאַנער ערד
נאָר שעמעוודיק פאַרליבט אין זיך אַריינגעהערט
די פרעכע וויצן
פון די שניידער יונגען.

נאָר אַז אין אַ שיינעם פאַרנאַכט
האָט די שטויביקע שויב איר געבראַכט
איר פּנים וואָס האָט שוין געהאַט
אַ וויינענדיקע ענלעכקייט
צו איר מאַמען אין סיציליע,
האָט זי אָנגעשריבן אַ קוויטל
און אַריינגעלייגט אין איינעם
פון די מענערישע וועסטן:

איך בין אַ גוטע פאַרדינערן
און אויך נישט קיין שלעכטע באַלעבאָסטע
איך בין פאַרעלטערט. אָבער נאָך נישט גראָ.
אויב דו ווילסט מיך נעמען
געפין מיך דאָ און דאָ.

דריי מאָל קבצן

1

איך קום פון שטאָט.
איך בין דער חלום פון שטיין.
דערפאַר בין איך אַזוי דין און גרוי,
און כ'האָב קיין שטימע נישט.
דערפאַר וויל איך מיט מיין געוויין
אויפן מאַרק נישט גיין
כאָטש כ'בין אַ קבצן אין זיבן פאָלעס.

2

שטילער פון שטיל־וואַסער
בין איך.
דאָס געלעכטער פון מיינע חברים
פאַלט ווי גוטער טוי אויף מיינע ברעמען.

אויף האַרטע פרעכע וועגן
הער איך פיס־טריט קלינגען.
מיין איינציקער באַגער
איז אַ שוויגנדיק פרעגן:
ווֹעמעס פוס וועט מיך צעטרעטן?

3

ווען מען וואָלט אונדז שוין געגעבן
דאָס שטיקל ערד,
וואָס מען וועט דאָך סוף־כל־סוף
אונדז מוזן געבן —
מיר וואָלטן זיך דערוויל פאַרפלאַנצט אַ גאָרטן.

און צי דאַרף דען אַ מענטש,
ווי איך און ווי דו,
מער ווי אַן אייגענעם גאָרטן?

שפּעטער וועלן קילע שאָטנס
פון צוויי שווערע שטיינער
פאַלן אויף דער ערד,
אויף דעם הפקרדיקן גאָרטן
פון אונדזערע שטילע ביינער.

לאָרעליי

אַ מאָכיק אויער הערט מיך ווען איך שוויג,
אַ פּנים ווי אַ שוואָם זאַפּט איין די בלויקייט פון דער נאַכט
און וואָנצעס, ווייס ווי ערשט געטונקט אין ביר־שוים:
איך, זאָגט ער, איך
האָב נישט אין מיין נאָז קיין ראַסן־פליי.
זיצט ער אויף מיין שוועל, דער אַלטער דייטש
און זינגט די לאָרעליי.

הער פרידריך רעקסיק איז מיין נייער שכן,
זיין פריינטשאַפט איז ווי אין מיין זאַלץ
די פייכטקייט פון דער נאַכט.
ס'איז אָוונטברויט.
איך לייען אַ יידיש ליד פון מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד:
„מאַכטיקער גאָט, ווי אַ קראַנקע פרוי זיינען מיר געוואָרן",
נאָר מיין שכן — פאַרוואָס גיס איך אים נישט אָפּ
מיט ביאַליקס צער און צאָרן?
ער שווערט ביי זיינע זיבנציק יאָרע
און ער קנייפּט מיר אויס די לאָרעליי
— אויף זיין גיטאַרע
ער האָט נישט אין זיין נאָז קיין ראַסן־פליי.

דומהייטן, צי האָב איך נישט געהערט דאָס אַלטע שפּיל,
„נאַטאַן דער ווייזע"? און ער דערמאָנט אויך מענדלזאָן,
זיין מיטזומערנאַכט מוזיק —
נאָר מענדלזאָן דעם משכילס הויקער
ליגט אויף מיינע פּלייצעס
ווען ער גייט אַוועק.
און וויפיל מאָל איך זאָל נאָכדעם נישט בייטן מיינע הויטן,
הער איך נישט אויף צו הערן ווי ער זינגט:
איך ווייס נישט וואָס זאָל עס באַדויטן.

אַננאַ מאַרגאָלין

ליטעראַרישער נאָמען פון ראָזע לעבענסבוים. טאָכטער פון מנחם ל.; געב. דעם 21טן יאַנואַר 1887, אין בריסק דליטאָ, רוסלאַנד. דער פאָטער, אַ משכיל־אײראָפּייער און חובבי־ציון, האָט איר געגעבן אַ גרינטלעכע רוסישע און העברעאישע דערציאונג. שפּעטער געלערנט אין דער אָדעסער גימנאַזיע. צווישן 1906־1909 געלעבט אין ניו־יאָרק. געווען סעקרעטאַרן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. געדרוקט דערציילונגען אונטערן פּסעוודאָנים חוה גראָס. געווען סעקרעטאַרן פון „פרייע אַרבעטער שטימע". צווישן 1909־1914 געלעבט אין פּאַריז, וואַרשע, ארץ־ישראל. זינט 1914 אין ניו־יאָרק. שטענדיקע מיטאַרבעטערן פון „טאָג". 1920 אָנגעהויבן שרייבן און דרוקן לידער. זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט אין: נייע וועלט, אינזיך, צוקונפט, דאָס נייע לעבן, ליטעראַרישע בלעטער, יידיש, א. אַנד. אין בוכפאָרם: „דאָס יידישע ליד אין אַמעריקע" (אַנטאָלאָגיע), 1923, 32 זייטן; „לידער", 1929, 143 זייטן.

ר. אייזלאַנד: אננא מארגאלין — „פרייע ארבעטער שטימע", יוני 14, 1929 (אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער", ווארשע, ד.י.).

מ. באסין: אמעריקאנער יידישע פאעזיע. אנטאלאגיע (ניו־יארק, 1940), זז. 253—266.

ש. ניגער: די לידער פון אננא מארגאלין — „טאג", אפריל 21, 1929.
ל. פאגעלמאן: „לידער" פון אננא מארגאלין — „צוקונפט", יולי 1929.
ע. קארמאן: יידישע דיכטערינס, אנטאלאגיע. — פארלאג ל. מ. שטיין, שי־קאגע (1928), זז. 212—218.
מלך ראוויטש: אננא מארגאלין — „פאלקסצייטונג" (ווארשע) 1929.
זלמן רייזען: לעקסיקאן פון דער יידישער ליטעראטור — צווייטער באנד, ווילנע, 1927. זז. 209—210.
S. J. Imber: Modern Yiddish Poetry. An Anthology. New York 1927, pp. 202-208.
Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

. . . שוין לאַנג, ווי ס'האָט צו מיר קיינער ניט גערעדט אַזוי אויף דעם דעמערדיקן לשון פון לידער. לאַנג שוין האָבן ניט געשוועבט צו מיר — דורך דעם וואואַל פון ווערטער — אַזעלכע גוססדיק מענטשלעכע, צאַנקענדיקע, אין „שמערצלעכן ליכט" פאַרקוקטע אויגן. אַזוי פיל, קיין עין־הרע, קעלבערנע אויגענעס גלאָצן פון פערזענע פאַרהענגלעך אַפיר — מיט אַמאָל אויגן אַנדערע, אויגן, ווי שוואַרצע שוואַנען, וואָס שווימען צו זונאונטערגאַנג.

לאַנג ניט פאַרנומען אַזעלכע טענער, אַפּיקורסיש־רעלי־גיעזע, ווי דאָ אין די נאַכלעסיגע, נאָנשאַלענט־מידע. האַלב־צו־זיך גערעדטע ווערלעצנישע לידער. דאָ שטוינט אַ האַרץ און דערקענט. דורך די בלעטער גייט פאַרשלייערט, גייט דורך דע־מערונג, גייט מיט וידוי — אַ שיקזאַל פון אַ מענטשן.

(אהרן צייטלין: „צאַנקענדיקע אויגן", אַננאַ מאַרגאָלין — לידער, ניו־יאָרק 1929 — „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1929).

אין גאַסן

דאָ אַ וואָרט מיט שרעק און דאָ פּול מיט חרטה.
דאָ האָב איך געוויינט און דאָ אין צער גערוט.
האָסט אַלע גאַסן דאָך פאַרוואַנדלט אין גאַלגאָטע.
אין אַלע גאַסן רינט מיין בלוט.

דאָ האָב איך געוויינט. עס האָבן דומפּף די מויערן
געברומט דעם גזר־דין אויף שוואַכע און פאַרלוירענע.
און ס'האָבן נאָכגעקוקט פיל דאַמען און פיל הערן,
ווי ס'גייט אַ פרוי דורך דעמערונג אין טרערן.

געוועזן געבעט, און צאָרן געוועזן, חרטה.

און איצט שרייט אויף די לעצטע שרעקנפולע נאָטע
פון לעבן, זינקענדיק אין שטויב.
און דאָך, אַ גאָט, אַ פייניקער, איך גלויב:
איך וועל מיט פינגער גוססע נאָך אָנרירן אַ שטערן
און אַן אומענדלעך טיף, אומענדלעך צערטלעך וואָרט דערהערן.

מיין שטאָם רעדט

מיין שטאָם:
מענער אין אַטלעס און סאַמעט,
פנימער לאַנג און בלייכזיידן,
פאַרחלשטע גלוטיקע ליפּן.
די דינע הענט צערטלען פאַרגעלטע פאָליאַנטן.
זיי ריידן אין טיפער נאַכט מיט גאָט.

און סוחרים פון לייפּסק און פון דאַנסק.
בלאַנקע מאַנקעטן. איידעלער סיגאַרן־רויך.
גמרא־וויצן. דייטשע העפלעכקייטן.
דער בליק איז קלוג און מאַט,
קלוג און איבערזאַט.
דאַן־זשואַנען, הענדלער און זוכער פון גאָט.

אַ שיכור,
אַ פּאָר משומדים אין קיעוו.

מיין שטאָם:
פרויען ווי געצן באַצירט מיט בריליאַנטן,
פאַרטונקלט רויט פון טערקישע טיכער,
שווערע פאַלדן פון סאַטין־דע־ליאָן.

אָבער דאָס לייב איז אַ וויינענדיקע ווערבע,
אָבער ווי טרוקענע בלומען די פינגער אין שויס,
און אין די וועלקע פאַרשלייערטע אויגן
טויטע לוסט.

און גראַנד־דאַמען אין ציץ און אין לייוונט,
ברייטביייניק און שטאַרק, און באַוועגלעך,
מיט פאַראַכטלעכן לייכטן געלעכטער,
מיט רואיקע רייד און אומהיימלעכן שוויגן.

פאַרנאַכט ביים פענצטער פון אָרימען הויז
וואַקסן זיי ווי סטאַטועס אויס.
און עס צוקט דורך די דעמערענדע אויגן
גרויזאַמע לוסט.

און אַ פּאָר,
מיט וועלכע איך שעם זיך.

זיי אַלע, מיין שטאַם,
בלוט פון מיין בלוט
און פלאַם פון מיין פלאַם,
טויט און לעבעדיק אויסגעמישט,
טרויעריק, גראָטעסק און גרויס
טראַמפּלען דורך מיר ווי דורך אַ טונקל הויז.
טראַמפּלען מיט תפילות און קללות און קלאָג,
טרייסלען מיין האַרץ ווי אַ קופּערנעם גלאָק,
עס וואַרפט זיך מיין צונג,
איך דערקען ניט מיין קול —
מיין שטאַם רעדט.

שלאַנקע שיפן

שלאַנקע שיפן דרימלען אויפן געשוואָלן־גרינעם וואַסער,
שוואַרצע שאָטנס שלאָפן אויפן קאַלטן האַרץ פון וואַסער.
אַלע ווינטן זיינען שטיל.
כמאַרעס רוקן זיך געשפּענסטיק אין דער נאַכט דער שטומער.
בלייך און רואיק וואַרט די ערד אויף בליץ און דונער.
איך וועל זיין שטיל.

ב ר י ס ק

1

די אַלטע שטאָט, אַ שטאָט אי קליין אי גרוי,
איז טויט אַצינד ווי אָטהען און ווי טראָי.
נאָר ליבנדיק, פאַרצערט, מיט ווייכן אָטעם
כישוף איך פון זיך אַרויס אַמאָל איר שאָטן:
די גאַסן אין פאַמעלעכדיקן גאַנג אָן ווילן,
די שרעקיקע און אייביק פלוצלינגע אַפּרילן,

די רעגנס פול מיט זון, די פעסטונג דראָענד־שטום,
די מידע פליגל פון צוויי אַלטע מילן.
די דעמבעס וואַנדערן אַרויס פון קיסר־סאָד,
דער רודער צוקט איבערן טייך, דער רודער שאָרכט: „אַ שאָד, אַ שאָד"
און ס'גענעצן די ליידיקע בולוואַרן,
מעכטיק שטראָמט דער טיי פון בלישטשענדיקע סאַמאָוואַרן,
איבער בענטש־ליכט, תחינות, אייניקלעך —
אין אַן אָרגיע די שליפּלעך פון די באָבעס,
און דינע ליפּן שעפּטשען אַלץ די נעמען פון די אבות.
אויף טישן פינגער אין די בערד און אויפגעמישטער ש"ס
און ס'פלעכט דער ניגון זיך מיט אַ סטודענטס אַ באַס.
אין גערטלעך — זונבלומען, רעזעדע, מאָן,
בלאָנדע צעפּ, קאָקאַרדעס, פּושקין און נאַדסאָן.
און אין רויטער דעמערונג, מיט רייד אַלץ נעפּלדיקער, שטילער,
ווי נאָך אַן אומזיכטבאַרן פידל־שפּילער
ציען פּאָרלעך זיך אין פעלד.
און איבער אַלץ אַזוי פיל פרילינגדיקער טרויער, שימער,
דער ריח פון בעז.

2

יונגע פרויען בייגאַכט אויף די שוועלן
רעדן פּאַרטיפּט און סטאַטעטשנע
וועגן די מענער אין דייטשלאַנד,
וועגן ניט־גוטע,
וועגן ציגיינער.
לויטער קליינע קלעאָפּאַטרעס,
פּופּצניעריקע פריילינס,
מיט הענטשקעס און פּאַראַסאָלן
שווימען צירלעך איבער אַלייען,
ציען אַרויף און אַראָפּ דעם וואַל,
הערן שטרענג ווערטער, וואָס קושן,
און „אונאָסי מאָיו דושו
ווי טו טשודנויו דאַל . . . "

בלענדענדע בייטאָגן.
אַלע קרעמער דרעמלען.

אַלע גייער דרעמלען.

אַמאָל ווי אַ שטורעם
טראָגט זיך אַ צדיק
מיט שטראָפנדע ברעמען.
די גאַסן נייגן זיך.
די בחורים
האַלטן דעם אָטעם איין.

אין הינטערגרונט סאָלדאַטן, אָפיצערן
מאַכן קאַליע
די אידישע לאַנדשאַפט.

אויפן האַרבאַטן שאָסיי
ווי אַ סאָבוויי דונערט
אַן איינזאַמער איזוואָשטשיק.

אָ, ווייכע זאַמדן פון מיין שטאָט.
דעמבעס און טיי־רויזן.
ווי דער ריח פון פריש ברויט
איז יעדן פרימאָרגן
אין אַלע גאַסן
און שטיבער
דיין „גוט־מאָרגן!"

ראובן לודוויג

אַ שווערער טאָג צווישן קברים.
דער הימל איז בלייערן, דער הימל איז גרוי.
איך וועל גיין אין גאַס און אפשר טרעפן
לודוויגן מיט זיין שיינער פרוי.
ער וועט טראָגן דעם מאַנטל איבערן אָרעם,
מיר וועלן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאָפּאָלן,
און ער וועט פרעגן לאַשטשענדיק, איינפאַך אַזוי:
„איז וואָס־זשע מאַכט איר, מאַרגאָלין?"

מיט רייד פאַרנאַכטיקע שטילע
דערמאָנען מיר אים,

אַננאַ מאַרגאָלין

מיט רייד ווי אַ טרער, ווי אַ תפילה,
ווי דער אָנריר פון ליבע פינגער
און דינע,
פאַרנאַכטיקע, שטילע . . .

ער איז געווען לירישער ציגיינער, אַ מענטש פון דרום,
שטורעמדיק, שטאָלץ און ריטערלעך־גוט.
ער פלעגט טראָגן דעם מאַנטל איבערן אָרעם,
מיט ברייטע ראַנדן דעם הוט.
מיר פלעגן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאָפּאָלן . . .

און זיין קול, האַסטיק און ברייט,
האָט געמישט אומגעניט ווי אין אַ טיגל
רויטע ערד, וואָלקנס, פאַרלאָשענע פרייד,
די מיסיסיפּי, און שבטים, און טאָלן.
ער איז ניט געווען קיין ציטערדיקע פלייט,
ניט קיין מלאך מיט איידעלע פליגל,
ניט קיין איינער פון די אָבליאַקירטע סימבאָלן.

ער איז געווען אַ מענטש אַ פּשוטער, הייס און באַטריבט,
און אַזאַ האָבן מיר אים געליבט.

און געדענקען וועלן מיר די שוואַרצהויטיקע שלעגער,
די באַרגיקע ליפּן פון נעגער,
דייזי מעקלעלאַן, די אומפּרוכטבאַרע מוטער,
אפשר דאָס אַלץ, אפשר ניט מער.
ווייל לודוויג, דער צו יונג מידער,
איז שענער געווען פאַר זיינע לידער.

מיר וועלן גיין צווישן לידער, ווי צווישן טאָפּאָלן.
ער וועט פרעגן לאַשטשענדיק, איינפאַך אַזוי:
„איז וואָס־זשע מאַכט איר מאַרגאָלין?"

קלמן הייזלער

זון פון יצחק ה.; געב. 11טן מערץ, 1899 (א' דראש חודש ניסן, תרנ"ט), אין קאָמאַרנאָ, גאַליציע. געלערנט אין חדר און אין אַ פּוילי־שער פאָלקסשול. אָנגעהויבן שרייבן 1918, ווען געוואוינט אין פּראָג. 1920 דעביוטירט אין וואָכנבלאַט „אונדזער שטימע" (לעמבערג). 1921 געקומען קיין אַמעריקע. זיך באַטייליקט אין: די צייט, דער אַמעריקאַנער, שוועלן (לאָדז), דאָס וואָרט, די פּרעסע (בוענאָס־איי־רעס), דער פּיאָנער, אונדזער ווינקל (נוואַרק), יונג־קוזניע, פרייע אַר־בעטער שטימע, גערעכטיגקייט, פרייהייט, די צוקונפט, נייע יום־טוב בלעטער, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, צושטייער (לעמבערג), ליטעראַ־רישע בלעטער (וואַרשע), אויפגאַנג (מאַרמאַראָש־סיגעט), דער טאָג, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, דער יידישער ארבעטער, דער יידישער קעמפער, דער קאַמף (טאָראָנטאָ), יידיש, אינזיך, יידישע וועלט (פי־לאַדעלפיע), דער וועג (מעקסיקע), די פּאָסט (קראָקע). אין בוכפאָרם: „מענטשן" (מיט אַ פאָרוואָרט פון יעקב גלאַטשטיין), אַרויסגעגעבן דורך דער גרופּע „אייגענע", 1927, 47 זייטן; „קומאַרנער פאַרשווי־נען", פאַרלאַג „גאַליציע", 1930, 80 זייטן; „געשעענישן און גע־שטאַלטן" [דריי דראַמאַטישע פּאָעמעס], פאַרלאַג „פאַרבאַנד־רינג",

1938, 208 זייטן. — איז באַשעפטיקט אַלס אַפּרעיטער (צונויפשטעפּער) פון פרויען־קליידער.

ש. איזבאַן: קלמן הייזלער — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", סעפּט. 15, 1938.
ישראל אשענדארף: קלמן הייזלערס מענטשן—„צושטייער" (לעמבערג), 1929.
גרשם באַדער: קלמן הייזלערס פאַרשאַלטענע ברונע — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מאַי 24, 1940.
יעקב באָטאָשאַנסקי: עפּעס וועגן גאַליציאַנער שלום־עליכם קלמן הייזלער — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), יאַנ. 7, 1931.
יעקב באָטאָשאַנסקי: דער גאַליציאַנער "שלום־עליכם, וואָס האָט ניט זיין פּאָרם און זאָגט דאָך צו — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), פעב. 4, 1931.
יעקב באָטאָשאַנסקי: קאַפּע ראַיאַל — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 5, 1940.
נחום באָמזע: שטעטל־מאָטיוון ביי יידיש־גאַליציישע דיכטער — „אויפגאַנג" (מאַרמאַראָש—סיגעיט), 1935. (אויך געדרוקט אין דער לעמבערגער פּוילישער צייטונג „כווילאַ", יולי 16, 1933).
בע—שע [בער שנאַפּער]: קומאַרנער פאַרשוינען — „צושטייער" (לעמבערג), 1931.
ב. צ. גאָלדבערג: שאָטן און קלאַנג — „פרייע ארבעטער שטימע", סעפּט. 1927.
יעקב גלאַניץ: קלמן הייזלערס עמכניקעס — „דער וועג" (מעקסיקאָ), 1937.
פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 19, 1928.
פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", דעצ. 28, 1930.
ש. ד. זינגער: וועגן דער דראַמע 'וואו דער ליובע' — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), אויג. 22, 1937.
ש. טענענבוים: דאָס טראַגישע יינגל אויפן רויטן האָריזאָנט — „יידישער קוריער" (שיקאַגאָ), סעפּט. 25, 1938.
ש. טענענבוים: דער שניידער־געזעלן — „יידישער קוריער" (שיקאַגאָ), מערץ 3, 1940.
ב. לאַפּין: באַמערקונגען — „דער אויפקום", סעפּט. 1938.
ה. לייוויק: טאַגבוך נאָטיצן — „פרייהייט", מערץ 26, 1928.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", יולי 27, 1938.
ל. מלאך: קינסטלערישע שאַפּ־עכאָס — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), 1925.
משה נאַדיר: טינט און פעדער — „פרייהייט", יוני 4, 1928.
משה נאַדיר: טינט און פעדער — „פרייהייט", יולי 16, 1928.
משה נאַדיר: טינט און פעדער — „פרייהייט", מערץ 26, 1928.
משה נאַדיר: טינט און פעדער — „פרייהייט", יולי 1, 1929.
ש. ניגער: דערינערונגס־ליריק — „די צוקונפט", פעברואַר, 1931.
י. י. סיגאַל: אַלט־נייע מענטשן — „קענעדער אַדלער" (מאָנטרעאַל), אָקט. 21, 1928.

י. י. סיגאַל: די וועלט פון שטעטל — „קאַנאַדער אַדלער" (מאָנטרעאַל), אָקט. 11, 1931.

יואל ענטין: אַ נייער באַלאַדן־דיכטער — „יידישער קעמפער", סעפּט. 23, 1938.

שכנא עפּשטיין: מענטשן פון קלמן הייזלער — „פרייהייט", יאַנ. 1, 1927.

א. פרומקין: געשעענישן און געשטאַלטן — „גערעכטיגקייט", אויג. 1938.

ר. קאַהיר: אַ קומאַרנער פּאַרשוין — „פרייהייט", אָקט. 13, 1930.

יעקב קירשענבוים: ליטעראַרישע נאָטיצן — „שיקאַגע" (שיקאַגע), 1933.

חיים קרול: ניו־יאָרקער נאָטיצן — „פרייע אַרבעטער שטימע", 1928.

מלך ראַוויטש: מענטשן — „ביכער־וועלט" (וואַרשע), 1928.

י. ראַפּאַפּאָרט: פּאַרשוינען, ניט געשטאַלטן — „פרייע אַרבעטער שטימע", נאָוו. 18, 1938.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער", 1939.

משה שטאַרקמאַן: יונג־גאַליציע אין אַמעריקע — „טאָגבלאַט" (לעמבערג), סעפּט. 27, 1924.

P. Slomowitz: The Poet to the Religion of Labor — Detroit *Jewish Herald*, July 13, 1927.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

A. Chasin: Author treats Life of Shops in Poetry Sketches — *Justice*, July 15, 1938.

P. Slomowitz: Kalman Heesler's Poems *Kumarner Parshoinen* — Detroit *Jewish Chronicle*, October 2, 1932.

P. Slomowitz: A Yiddish Classic — Detroit *Jewish Herald* — September 23, 1938.

קלמן הייזלער איז געקומען אַ פּאַרטיקער טאַלאַנט. ער איז אָריגינעל, ער האָט דער יידישער פּאָעזיע שיר אַ שפּאָגל ניי וואָרט געבראַכט. אין זיין שפּראַך, וואָס גייט נאַטירלעך מיט זיין סטיל, ליגט אַן אָנזאָג פון זיין באַזונדערן טאַלאַנט. קלמן הייזלערס שפּראַך־סטיל איז דאָס פאָלקלעך־פאָלקסטימלעכסטע פון אָלע אונדזערע פּראָזע־שרייבער אָדער פּערז־קינסטלער. עס איז די שפּראַך פון מזרח־גאַליציש שטעטל מיט אַלע אירע חן־גריבלעך און פּינטעלעך, מיט אַלע אירע ריחות און זאַפטן, מיט אירע העברעאישע איינשרויפונגען אָבער נאָך מער מיט אירע סלאַווישע צעפּלאָשעטקייטן. קלמן הייזלער איז ניט ליריש, העכסטנס אַנטפּלעקט ער זיין ליריזם, זיין איביקייט, מיט אַ קומער־פינקל פון אַן אויג, מיט אַ רחמנות־שמוצערל מיט דער צונג . . . ניט נאָר דאָס גאַליצישע שטעטל געפינט זיך אין הייזלערס ערשטע צוויי ביכלעך, אויך אַ צאָל ניו־יאָרקער געשטאַלטן און סצענעס. און אויך דאָ בליקט הייזלער אויף זיי

אַראָפּ מיט אַ לעבעדיקער מינע און לאָזט זיי רײדן זייער שפּראַך — דורך זייער סביבה.

קלמן הייזלער איז דער מחיה־המתים פון דער באַלאַדע. מיט זיין פאָלק־שפּראַך און מאַניר, מיט זיין ניט לירישער דראַמאַטישקייט, מיט די אין לעבנס־געשיכטן איינגעפּאַסטע פּאַרטרעטן, מיט וואַרעם־באַהויכטע, אין סביבה זיך איינוועבנדיקע געשטאַלטן, מיטן רחמנות־פינקל פון דער האַלב־לאַכנדיקער טרער, דערצו נאָך מיט זיין אַרטיסטישער קנאַפּ־וואָרטיקייט, מיט דער פיינער מאָס באַהערשונג גיט ער אונדז די מאָדערנע יידישע באַלאַדע.

(יואל ענטין: אַ נייער באַלאַדן־דיכטער — „יידישער קעמפער", סעפּט. 23, 1938).

מיינע טרערן

מיינע טרערן זאָלן גיין פאַר גאָט
און אין וועג — גליוועדיקע ווערן.
מיינע טרערן זאָלן דאָרט, פאַר גאָט,
גלאַנצן ווי די ווייטע שטערן.

כ'האָב זיך היינט — אויסגעוויינט
און דערפילט די גרינקייט פונעם מאָרגן;
אַ לויב צו אים וואָס האָט באַשאַפן —
אַ וועלט מיט טרערן און זאָרגן.

מיינע טרערן זאָלן גיין פאַר גאָט
און ווי ליכטיקע טייכן בלישטשען.
מיינע טרערן זאָלן דאָרט, פאַר גאָט,
בעטן און ווי די פייגעלעך פּישטשען.

מאַמע־לשון

אין די רייד פון דעם טאַטן,
אין דעם לשון פון דער מאַמען —
קאָן מען לייכט דערקענען
פון וואַנען מיר שטאַמען.

אין דעם קלאַנג פון יעדן וואָרט,
אין דעם זאָג פון יעדן שפּרוך,
קאָן מען אונדזער לעבן
לייענען ווי פון אַ בוך.

אין לענדער אויסגעוואַנדערט,
זייערע וועגן אויסגעמאָסטן,
האָבן מוטערס געלערנט רייד
ביי יעדן פאָלק דעם פּראָסטן.

די טאַטעס האָבן אונדז דערציילט
פון דעם שטאַם פון דעם אַלטן,
ס'זאָל ניט קוואַרען דער בוים—
מאַמעס לשון אויפצוהאַלטן.

מיטגעטרויערט פעלקערס טרויער,
מיטגעפרייט יעדנס פרייד;
האָט מען אונדז דערנאָך געצאָלט
מיט געברוינטע לייד.

איז געוואָרן דאָס מאַמע־לשון
הייליק אַזוי און טייער;
לשון וואָס איז מיטגעגאַנגען
אי אין וואַסער, אי אין פייער.

האָבן יידישע ווערטער געוויינט,
געגאַנגען צום הימל מיט געשריי,
און איז געוואָרן אונדזער יידיש
די שפּראַך פון אונדזער וויי.

אַז מ׳רעדט ביי אונז פון פרייד?
הייסט דאָס שוין:—חי געלעבט!...
איז אַזוי יעדער אות
מיט אומעט דורכגעוועבט.

הער די רייד פון דעם טאַטן,
הער דאָס לשון פון דער מאַמען,
ווייסטו זיך דערוויסן —
פון וואַנען מיר שטאַמען . . .

מאָריס ראָזענפעלד

מאָריס ראָזענפעלד, דער אַרבעטער פּאָעט,
איז געזעסן טעג פון פרי ביז שפּעט
אין גרויע שעפּער, איבער מאַשין געבויגן.
שטעפּט דער מענטש מיט פאַרחלומטע אויגן,
מיט אַלעמען גלייך, פון מאָרגן ביז נאַכט,
זיצט ער אין שאַפּ, זיצט ער און טראַכט:
איז דאָס די וועלט, איז דאָס דאָס לעבן,
וואָס איז באַשערט, וואָס איז אונדז געגעבן?

אַ מענטש אַרבעט און סע רינט דער שווייס,
דער אָטעם איז וואַרעם, דער אָטעם איז הייס.
אַ מענטש יאָגט זיך און טרייבט די מאַשין:
ווייסט ער דעם טייטש, ווייסט ער דעם זין?
פאַרוואָס איז הפקר, ווי אַ רויז אין פעלד,
דער בלייכער, געבויגענער אַרבעטער־העלד?

אין די מידע, שלאָפלאָזע ניו־יאָרקער נעכט,
גורט זיך דער דיכטער אָן צום געפעכט.
בויט ער אויס פון ווערטער אַ לידער־טורעם,
וואָס זאָל וועקן די קנעכט, אָנזאָגן שטורעם.
קאַנאָנען־ווערטער, אין שורות צעשטעלט,
רופן, מאָנען אַ בעסערע וועלט.

הייגט, אויף אַלע מאָל, ווי מיט יאָרן צוריק,

קלאַפּט אַ דיכטערס וואָרט, ווי דעם זייגערס טיק.
קלאַפּט יעדע רגע, יעדע מינוט, יעדע שעה:
ווייל דער דיכטער לעבט, דער דיכטער איז דאָ.

משה לייב האַלפּערן

משה לייב, משה לייב.
צוויי מאָל רוף איך דיין נאָמען;
אפשר וועסטו זיך באַווייזן?
אפשר וועסטו פון ערגעץ קומען?

און אויב דו ביזסט געשטאָרבן,
ווער אַנדערש אויף דיין אָרט
וועט קומען צוגיין און זאָגן
אונדז אַ משה־לייביש וואָרט?

די לבנה שווימט אין הימל —
זי גייט גאָט ברוך־הוא צו לויבן.
זי בעט, זי פרעגט: — וואו
האָסטו אַהינגעטאָן משה לייבן?

שיינט טרויעריק אַראָפּ די זון
אויף אַן עלנט און ליידיק הויז: —
איך גיי, איך זוך אַ פּאָעט,
ווי משה לייב די גרויס.

אין גאַס, דיין ייִנגל, דיין יתום
פרעגט ביי אַ יעדן גייער:
ווער האָט געזען אַ טאַטן,
האָט נישט עמיצער־ווער?

חזר איך: משה לייב, משה לייב.
צוויי מאָל דיין נאָמען.
אפשר וועסטו זיך באַווייזן?
אפשר וועסטו פון ערגעץ קומען?

⁂

פינף יאָר זינט משה לייב איז אַוועק,
— דערמאָנט שוין נישט קיינער זיין נאָמען.
ער איז דאָך אויף עפּעס אַ שיפל אַרויף,
וואָס איז פון דעם ברעג זיך אָפּגעשווימען.

אַ שיפל וואָס שווימט און וואַנדער אַרום
און האָט נישט קיין היים און קיין אָרט.
אַ שיף וואָס פירט זיבע שיפער אַרום, —
אַנקערט קיין מאָל ניט קיין איינציקן פּאָרט.

אפשר, ווייל מיר ידן זיינען אַ פאָלק,
וואָס מע טרייבט און יאָגט יעדע שעה;
טאָ ווער האָט דאָס צייט צו באַווייזן
די סאַמע טייערסטע, וואָס זיינען נישטאָ.

אפילו אַ דיכטער, אַזאַ קרוין פונעם קאָפּ —
דער ווינט רייסט אויס און טראָגט אַוועק.

ווער קאָן נאָכלויפן דעם בייזן ווינט —
ווען אַרום איז יאָמער, אַרום איז שרעק?

קאָן איך אַ רגע זיך נישט פאַרגעסן.
קלינגט משה לייב מיר אין די אויערן.
וויין מיין האַרץ אַ טרויער געוויין
אויף דער קרוין, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

⁂

איך בעט אייך, גוטע מענטשן,
פאַרגעסט נישט משה־לייבן.
— געווען אַ גרויסער דיכטער;
איר מעגט מיר הייליק גלייבן...

דאָס איז געווען דער פרינץ
אין אויסגעפרעסטע הויזן.
מיט אַ צוויקער אויף דער נאָז—
אין לאַץ—איינגעשטעקטע רויזן.

אי האָט ער געזונגען לידער,
שורות גאָר אַן אַנטיק!
האָבן זיי אַ ברי געטאָן,
ווי פון אַ בייטש דער צוויק.

איך זאָג אייך ליבע יידן:
משה־לייב איז נישט טויט!
הערט, זיינע לידער אָטעמען
און בלענדן צאַרנדיק רויט...

הערשל הגבור (העשל גרינשפאַן)

אַ ייִנגל איז אונדזער גיבור —
בלייך און אַ קלאַפּעדיק האַרץ.
איז דאָס לעבן אים ביטער;
די וועלט—איין שטיק שוואַרץ.

טאַטע־מאַמע האָט דאָס ייִנגל,
וואָגלען זיי אין דער פרעמד;
באַליידיקט און דערשלאָגן, —
אין איין קלייד, איין העמד.

דאָס העמד איז שוין קויטיק,
דאָס קלייד געוואָרן צעריסן;
דאָס לייב צעקיילט, צעביילט—
צום טויט שוין פאַרשמיסן...

הערשל איז יונג אין יאָרן,
אָבער איז נישט קיין נאַר;
ס'איז דאָך עמיצער שולדיק
אין זיין טאַטע־מאַמעס צער...

האָט דער גיבור פון ישראל
גענומען העלדיש נקמה;
דורך בליי און דורך שטאָל —
דאָס איז אונדזער נחמה...

אין קייטן — אונטער גראַטעס
זיצט דער גיבור פון ישראל;
ר'איז געזונטער פון אייזן.
ער איז שטאַרקער פון שטאָל...

קלמן הייזלער

ביטערע בריוו

קומען טרויעריקע בריוו
טעג—נעכט—נאָכאַנאַנד,
פון דאָרט, פון דער היים,
וואו ס'איז געווען מיין לאַנד.

קומען בריוו טרויעריקע,
אין שוואַרצע קלאַמערן,
און פון שטיל פּאַפּיר
הערט מען בויט האַמערן.

דערציילן טרויער־בריוו:
— וואָגלט אום מיין שטאַם,
זקנים און זויג־קינדער —
געאַנקערט אינמיטן ים.

קומען בריוו טרויעריקע,
דערציילן מיט שרעק —
וועגן וואַנדערנדיקע,
פאַרלאָזן אין וועג.

אַזוינע ביטערע בריוו
טוען אָפּ דעם שלאָף.
טרויער־טרויעריקע —
אָן אַ שיעור, אָן אַ סוף...

יאָסל קאָהן

זון פון לייזער הערש ק.; געב. דעם 21טן דעצ. (ג׳ חנוכה), 1897, אין קריניק, גראָדנער גובערניע, ווייס־רוס־לאַנד. געלערנט אין חדר און אין אַ רוסישער פּאָלקסשול. 1911 געקומען קיין אַמעריקע. געענדיקט נוארקער פּאַבליק סקול, געגאַנגען אין הײַ־סקול. 1920 דעביוטירט מיט אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע אַרטיקלען אין „אינדוס־טריעלע אַרבעטער שטימע" (שיקאַגע), יידישער אָרגאַן פון „אַי־דאַ־בעליו־דאַבעליו". 1931—1933 געוואוינט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. זיך באַטייליקט אין: צייט, גרויסער קונדס, יונג־קוזניע, פעדער, יידישע שטימע (נוארק), פרייהייט, האַמער, פונקען, אונדזער בוך, טאָג, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, צוקונפט, ביאַליסטאָקער שטימע, פרייע אַרבעטער שטימע, פאָרווערטס, עמעס (מאָסקווע), פּראָליט (כאַרקאָוו), שטערן (מינסק), עפּאָכע, קאַמף (טאָראָנטאָ), ספּאַרטאַק, סיגנאַל, יוניאָן סקווער, אויפקום. רעדאַקטירט: רעביט־אַרבעטער (נוארק, 1920), נוארקער אָפּטיילונג פון די צייט (1921—1922), אונדזער ווינקל (אינאיינעם מיט מ. נאַקס, נוארק, 1925) און אַרבעטער־הילף (1943). אין בוכ־פאָרם: „שטאָט", פאַרלאַג „יונג־קוזניע", 1926, 203 ז.; „אויף יענער

יאָסל קאָהן

זייט ים", פאַרלאַג „עמעס", מאָסקווע, 1932, 64 ז.; קרומע וועגן", „פאַרלאַג יידיש לעבן", 1936, 126 ז.

מ. אַלגין: אַ ענטפער אונדזערע פראָלעטאַרישע שרייבער — „פרייהייט", דעצ. 1, 1928.

אברהם ביק: רעליגיעז־פּאַעטישע זוכענישן — „יידישער קוריער (שיקאַגאָ), יאַנ. 1, 1939.

ה. גאָלד: דער וועג צו ניו־יאָרק — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מאַי 1, 1936.

אבא גאָרדין. 'קרומע וועגן' פון יאָסל קאָהן — „יידישער קעמפער", יוני 12, 1936.

אליעזר גרינבערג: יאָסל קאָהנס לידער וועגן שטאָט און וועגן זיך — „אויפּ־קום", אַפּריל־מאַי, 1937. זז. 18—21.

ש. דייקסל: אויף אונדזערע פראָלעטאַריש־ליטעראַרישע וועגן — „פרייהייט", מערץ 30, 1930.

ז. וויינפּער: יאָסל קאָהנס שטאָט — „אויפקום", מערץ 1927.

נחום וויסמאַן: הלויה, מיין ברודער מענטש — „ספּאַרטאַק", אָקט. 1925.

מ. ווינאָגראַד: פרעמד און אייגן — „אונדזער בוך", יאַנ.־פעב. 1927.

משה כץ: צייט פאַרלאָזן די קרומע וועגן — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 2, 1936.

ל. כאַנוקאָוו: קרומע וועגן — „סיגנאַל", אָקט. 1936.

א. לעיעלעס: ליד פון חודש — „אינזיך", יוני 1936.

י. ל. מאַלאַמוט: יאָסל קאָהן — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), דעצ. 5, 1937.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", יוני 24, 1936.

מ. מראַטשני: צענזור און מיינונג־פרייהייט — „פרייע אַרבעטער שטימע", נאָוו. 25, 1938.

ק. מרמר: צווישן ביכער און זשורנאַלן — „פרייהייט", יאַנ. 2, 1927.

משה נאַדיר: פעך און ביקס — „פרייהייט", פעב. 22, 1930.

משה נאַדיר: פעך און ביקס — „פרייהייט", מערץ 24, 1930.

א. ניסענזאָן: קרעדאָ — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", יולי 3, 1936.

שכנא עפּשטיין: פּרעטענזיעס — „פרייהייט", מערץ 24, 1927.

[א.] י. פּאָמעראַנץ: אַ באַנקעט פון פּראָלעטאַריער פאַר זייערן אַ דיכטער — „יונג־קוזניע", יוני 1925.

א. פּאָמעראַנץ: פּראָלעטפּען — קיעוו, 1935.

מאַקס פּערלאָוו: פאַר אַשרקען דעם יאָט איז דער ערדקויל צו קליין — „פרייהייט", מערץ 24, 1926.

מאַקס פּערלאָוו: פּראָלעטאַרישע פּרעטענזיעס און אינטעליגענטישע איבער־בלייבעכץ — „פרייהייט", סעפּט. 17, 1928.

א. פּרינץ [בער גרין]: ענין פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור — „פרייהייט", מערץ 31, 1930.

איציק פעפער: יידישע ליטעראַטור אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער — כאַרקאָוו־קיעוו, 1933. 208 ז.

ש. ראַבינאָוויטש: דער דיכטער פון דער אַמעריקאַנער גאַס — „נוארקער יידישע שטימע", אָקט. 22, 1926.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער", 1927.

. . . עס איז דינער צער אָנשטאָט ווילד געיאָמער, איינ־געהאַלטענע געצאַמטע בילדלעכקייט. און דער עיקר — אַ סך פון דעם, וואָס כאַפּט אָן ווערטער, וואָס לאָזט זיך מיט ווער־טער ניט כאַפּן. אויב דאָס ליד גופא האָט אים ניט געהאָלפן צום נצחון, האָט עס געמוזט זיין דער רעזולטאַט פון אַ סך נצחונות, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין ראַנגלעריי מיט זיך — און אפשר טאַקע מיט דער הילף פון לידער. נישטער איך און געפין אַ צאָל לידער, שפּורן פון לידער וואָס פאַרצייכענען נייע דער־פאַרונגען און פאַרזיגלען נצחונות — לידער, שורות, סטראָפן, וואָס זאַמלען גוטע, ליכטיקע געפילן . . .

(ב. ריווקין: „קרומע וועגן", „צוקונפט", נאָוו. 1936).

. . . און יאָסל קאָהן האָט אונדז ניט בלויז געפירט דורך קרומע וועגן פון מענטשנס צער. ניט בלויז פילן מיר אין זיינע פערזן וואָגזין פון יחיד וואָס גליט אויפן גרונט פון „קרומע וועגן", נאָר אַ זוכעניש, אַ שלאָגן זיך צו אַ רעאַלן וועלט־באַ־נעם.

(א. ביק: רעליגיעז־פּאָעטישע זוכענישן — „יידישער קו־ריער", שיקאַגע, יאַנואַר 1, 1939).

נאַכט־געוויין

פון וואָס קען יאָסל קלערן פיר פאַרטאָג;
אַז נישט אַלץ קען מען דאָך וועגן אויף אַ וואָג,
און זיכער נישט פון דער צייט וואָס איז אַוועק,
איז פון וואָס־זשע קלערט יאָסל: געוויס נישט פון שרעק?

געוויס נישט פון שרעק, מיינע טייערע לייט,
און אויך נישט פון אַזאַ־און־אַזאַ גאָלדענער צייט.
זאָל מען זאָגן: אַז דאָס איז פון באַליידיקונג אַמאָל?
דאָס פאַרלאַכט שוין יאָסל לאַנג מיט זיין לייבישן קול!

איז וואָס־זשע פאַרט טראַכט יאָסל אין אַזאַ צייט,
ווען עס שלאָפן שוין געוויס אַלע פיינע לייט:
פון גאָלדענעם טרויער וואָס וויינט אין זיין בלוט,
צי פון זיין הינטיש־לעבן וואָס איז נישט באַרוט?

נאַכט טרויעריקע: וואָס־זשע פאַרט
קען עס יאָסל טראַכטן אין זיין מויזן־אָרט;
וואָס האָט שוין ניט איין חלום זיינעם פאַרצוקט,
ווען ער האָט צו זון גאָלדענער, מיט בענקשאַפט זיך געבוקט?

פון פעלדער גערויס, וואָס זיינען באַקליידט
מיט רחבותדיקער גרינער פרייד,
און זאָגן אָן מיט גרייטן פייערדיקן קול
פון אַן אייביקן זומער וואָס וועט זיין אַמאָל.

איז דאָס פון אייביקן זומער וואָס יאָסל טראַכט;
אויף וועמען מידע דורות האָבן מיט האָפענונג געוואַרט?
געוויס האָט יאָסל מיט דעם ניט צו טאָן,
און נישט האָפענונג פון דורות גייט אים אָן.

ס׳איז דער צער פון זיין ברודער, וואָס זשאַווער אים עסט
דערפאַר וואָס ביי אים זיינען די הויזן נישט געפּרעסט,
און דאָס וואָס ער האָט פאַר לייטן אים פאַרשעמט,
מיט זיינע אומגעלומפּערטע־צעמאַזאָליעטע הענט!

אָ, מיינע טייערע, ס׳איז דעם ברודערס קלאָג,
וואָס באַאומרואיקט יאָסלען פיר פאַרטאָג,
און האָט פאַר אים אַזאַ גרויסן באַטייט,
וואָס ער האָט זיין ברודער נעבעך פאַרשעמט פאַר אַלע נאָבעלע לייט!

איך קום צו דיר

מאַמע, איך קום צו דיר אויסגעליידיקט און אַ מידער.
יאָרן האָט מיר גענומען, איידער איך בין צו דיר געקומען.
עס זיינען איבעריק און שווער אויף מיר אַפילו מיינע לידער,
וואָס האָבן מיך פון דיר אַוועקגענומען.

דער געיעג, וואָס האָט גערייצט מיך און געטריבן,
איז איצטער אויסגעלאָשן און באַרוט:
פון אַלץ און אַלעמען איז מיר נאָר געבליבן
די טיפע נאָנטקייט פון אייגן בלוט.

דו ביסט פרוי — דו ביסט מיין מאַמע!
דיין מאַן — צו אים די נאָנטקייט, ווי צו אַ טאַטן.
איך־ער־אַלע טוען מיר פון דיר שטאַמען.
נאָר מיך וועסטו קיינמאָל ניט פאַרראַטן.

איך קום צו דיר, אָפּגענאַרט און פאַרראַטן,
אויסגעטאָן פון תאווה און פון שווערע זינד.

אַזוי צאַרט פרעגסטו מיר: צי עס וועט מיר ניט פאַרשאַטן
די מידקייט וואָס באַלאַסטיקט מיך אַצינד?

דו נעמסט מיך אויף. דו ווילסט מיך ניט שטראָפן, —
נאָר אַ טרער האָב איך אין דיין אויג דערזען.
דו וויגסט מיך איין מיט מעשות אויף צו שלאָפן
און איך דערפיל זיך — ווי איך וואָלט אַ קינד געווען.

אַ קינד — איצט, אין מיין צוויי־און־פערציקסטן יאָר!
דו מאָנסט ביי מיר ניט, נאָר אַ גרייטע ווילסטו געבן.
מיט שטילער פרייד גלעטסטו מיינע האָר
און עס טוט דיר ווי פאַר מיין אָפגענאַרטן לעבן.

דו קוועלסט נאָך אָן פון אַלץ, וואָס איך טו זאָגן,
לויכטיקסט אויף אין פרייד, ווען עס צעצינדן זיך מיינע אויגן.
אָט פיל איך, ווי דו וואָלסט אַרויס זיך שלאָגן
מיט די אַלע, וואָס האָבן מיך באַשפּיגן.

איך האָב ביז איצט עס אַלץ ניט באַנומען.
מיט תאווה האָב איך געריצט מיין גוף דעם זאַטן.
אויסגעטאָן פון אַלץ, נאָר מיט פרייד בין איך צו דיר געקומען
געבענטשט זאָלסטו זיין — דו וועסט מיך ניט פאַרראַטן!

אין שפעטער שעה

1

עס איז אומעטיק, די שעה איז שפּעט.
איך בין אַריינגעוועבט אין פחד פון נאַכט.
אין איינזאַמקייט האָב איך צו זיך גערעדט —
פון זאַכן, וואָס איך האָב דורכן טאָג פאַרטראַכט.

פון מיין שווערן גורל, וואָס האָט מיין לעבן באַלאַדט
מיט דער בייזער קללה פון אַ וויסטן שקלאַף;
פון דעם גרויסן וואונדער וואָס מיר רופן גאָט
און די טיפע סודות פון זיין באַשאַף;
פון דער שאַרפער אומרו, וואָס מיר טראָגן —
צו דעם אומבאַוואוסטן ערגעץ, וואו דער אָנהויב פאַרגייט;
פון דעם קלאָג, וואָס מיר טוען קלאָגן
צו דער קאַלטער שטומקייט וואָס מיר רופן טויט.

2

אויף מיינע פּלייצעס האָב איך מיין אָרון געטראָגן.
ער איז שוין אינמיטן שטוב אַוועקגעשטעלט.
אַ ליידיקער איז אַוועק דער טויטן־וואָגן —
מיך באַוויינען אויף מיין שטיקל פעלד.

מיין שטיקל פעלד איז אומעטיק און פאַרלאָזן, —
שוין יאָרן אַז אין בענקעניש עס וואַרט,
עס האָט זיך שוין באַצירט מיט ווילדע גראָזן,
נאָר מיך האָט מען נאָך אַלץ צום פעלד ניט געבראַכט.

איך דריי זיך נאָך אַרום מיט מיין וויסטן לעבן
און זוך נאָך אַלץ אין ערגעץ דערגיין.
נאַכט אַ הונגעריקע טוט אין פּחד מיך פאַרוועבן.
איך בלייב אינמיטן שטוב מיט מיין אָרון אַליין.

3

שווערער לעבן מיינס, אין צער פאַרגאַנגען,
וואָס האָב איך געהאַט, וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט?
איך ליג אַליין אַ פאַרפייניקטער — געפאַנגען
ביים עקל פון פאַלשן וואָרט.

איך האָב געפירט אַזויפיל שלאַכטן
האָב טויזנטמאָל געזיגט און פאַרלאָרן.
די שעה איז שפּעט. מיין איינזאַמקייט טוט טראַכטן
פון די שרעקן, וואָס זי האָט מיר געבאָרן.

פון די שרעקן, איך בין פון זיי איינער,
מן הסתם דאָס איז שוין אַזוי פון גאָט באַשערט:
מיטן אומעט פון האַרבסטיק־הוילעביימער
טראָג איך זיך, אַ פאַרשעמטער, דאָ אויף אונדזער ערד!

אַ געבעט

(גלות־מאָטיוון)

אין דער שטילקייט פון נאַכט
בעט איך צו דיר מיין גאָט,
מיין האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט וויי,
דעם צער פון דורות האָב איך צו דיר געבראַכט,

דעם צער פון יעדן טראָט
וואָס איז געבאָרן מיט זיי.

נעם אויף מיין תפילה
וואָס קומט פון מיינע טיפע־טיפענישן,
די תפילה וואָס מיין זיידע האָט מיר בירושה איבערגעלאָזן,
מיט ווערטער שטילע
וועל איך דיין צאָרן לעשן,
אין גרויס בטחון וועל איך זיך אויף דיר פאַרלאָזן.

ס'איז גרויס דיין וועלט
און וואונדערלעך איר געשטאַלט,
יעדער איינער געפינט אַ שטיקל ערד פאַר זיין געצעלט —
פאַר אונדז איז אַלץ פאַרשטעלט,
אַפילו דאָס ביסל ליכט וואָס דו באַהאַלטסט
פאַר אונדז אין דיין גרויסער וועלט.

:: :: ::

די נאַכט איז הייליק —
די נאַכט איז אין וואונדער איינגעהילט,
שטערן מיט שטערן שפּיגלען זיך איינער אין צווייטן אָפּ —
שטערן מיט שטערן האָבן זיך פאַרשפּילט,
עפן אויף טיר און טויערן פון דיינע הימלען
הער צו אונדזער צער — ס'איז בייז אונדזער חלק
וואָס דו האָסט אונדז איינגעטיילט
דאָ אויף דיין זינדיקער ערד.

עפן דיינע הימלען —
קוק אויף אונדז אַראָפּ!
דער שונא האָט זיין צאָרן ניט איינגעשטילט —
ער זאַמלט זיך אויף אונדז פון אַלע ווינקלען —
עס טוט זיין צאָרן און אויג ניט דרימלען,
איבער אונדזערע קינדער, איבער אונדזער קאָפּ,
הענגט אָנגעגרייצט זיין הונגעריקע שווערד.

גאָט, צי ווילסטו אונדז דען פאַרטיליקן?
ווער וועט בעטן צו דיר אין שטילקייט פון נאַכט?
ווער וועט טראָגן דיין וואָרט

פון פאָלק צו פאָלק?
דיין הויז וועט דאָך בלייבן פאַרשוועכט,
אויף יעדן וועט זיין איינגעקריצט
דער כוח פון שווערד;
דיין נאָמען — דיין אייגן נאָמען וועט פאַרגיין —
מיט אונדזער לעצטן געשריי דאָ אויף דער ערד.

:: :: ::

איך בעט צו דיר אין שטילקייט פון נאַכט,
ווי מיינע זיידעס האָבן געבעטן צו דיר אַמאָל;
דו ביסט דאָך גאָט, דו דאַרפסט זיין וואַך,
און דאַרף דיר זיין דער געבעט פון מיין קול.

און נאָנט דאַרף דיר זיין מיין יעדער טרער
וואָס דו האָסט פאַר מיר אין גלות באַשערט,
און וואַך און גרייט דאַרף זיין דיין געהער
דער שונא האָט אונדז שוין באַלד מיט רשעות פאַרצערט!

וואַן גאָג שרייבט זיין ברודער

(מיין ברודער מאירן)

דיין בריוו, ווי קוועליק וואַסער קלאָר,
איך שפיגל אין אים מיין צעשויבערט פנים.
איך טראָג זיך איבער אין חלום פון וואָר
און — אין חלום טו איך זיך דערקאָנען.

דיינע בריוו מונטערן דעם גלויבן צו זיך, —
איך ווער פון זיי מיט לויטערקייט באַהעלט.
מיט דיין ליבע אַרומגעוויקלט, האָב איך אויף אַ ציך
זיך גענומען מאָלן אַ פעט־צעאַקערט פעלד:

דאָס פעלד איז ברייט און ווייט און שמעקט מיט ברויט.
איך האָב זיך צוריק ווי אַ פויער דערפילט.
עס האָט געערוך פון גראָז און קאָרן אויף מיר געוויית
און די זון האָט אומרו מיינעם געשטילט.

איך האָב פאַרגעסן אַן שטאָט, אַן בייזע רייד,
אַן קרומע מענטשן, וואָס ווילן מיך פאַרצוקן.

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע, ווילדע פרייד
און אין שטילער תפילה האָב איך צו גאָט זיך געטאָן בוקן.

נאַכט איז צוגעפאַלן. איך בין צוריק אין שטאָט אַוועק,
די שטאָט, וואָס איז מיט זאַרגלאָזיקייט און פוץ באַרימט, —
נאָר די נאַכט האָט זיך צעלייגט אויף מיר מיט שרעק
און עס האָט — אין בייזער — געוואָלט מיך איינשלינגען דער ווינט.

איך האָב געטראַכט פון לעבן מיינעם, וואָס גייט אין עלנט אויס,
פון מיין געפאַנגשאַפט אין מויל פון לוסט.
ווען איך שטאַרב, וואָלט איך אַ טויטער געלעגן דאָ אין הויז
און קיינער — אין שטאָט וואָלט פון דעם ניט געוואוסט.

אַ שטאָט אַזאַ — מיט מיליאָנען מענטשן. און איך אַליין —
אין אומעט און אין עלנט. מן הסתם, איז אַזוי באַשערט,
אַז עס זאָלן מענטשן מיך ניט פאַרשטיין,
ביז מיין לעצטער אָטעם וועט פאַרשווינדן פון דער ערד.

איך בענק צוריק צום פעלד, צו דער ווייטקייט און רו,
צום פויער, וואָס פאַרבינדט די זאַנגען אין גאַרבן.
און, אויב עס איז באַשערט, וואָלט איך געוואָלט אין רו —
אויפן ברייטן פעלד זיך לייגן און שטאַרבן.

מיין זיידנס רייד

א

מיין קינד, לאָמיך דיך אָננעמען ביים האַנט,
ביסט מיד, פאַרפייניקט און קראַנק;
ס׳איז דיין האַרץ פון האַס פאַרסמט,
אַ בייזער צאָרן וואוינט אין דיין געדאַנק.

נעם, קום מיט מיר, גיי נאָך מיין טראָט —
אַ ייד האָט ניט פאַרוואָס זיך יאָגן אין געלאַף.
אין יעדן ריר, אין יעדן אָטעם לעבט דאָך אונדזער גאָט,
און אין פרימאָרגן — דער וואונדער פון זיין באַשאַף.

וואַש איין דיין פּנים אין פרימאָרגן־טוי
און מאַך אַ ברכה אויף זאַלץ מיט ברויט.

מיין זון, די שנאה איז אַן עסק פאַר אַ גוי,
די שנאה איז אַ הונט אָפּגעבונדן פון קייט.

דיין אָרט איז ניט אין דעם ווילדן יאַריד
און ניט קיין בייז דאַרף באַרירן דיין מויל;
אַ ייד דאַרף קענען לעבן ווי אַ ייד
און דאַרף שטאַרבן מיט שמע ישראל.

ב

מיין זיידנס אויגן ליכטיקן אין דער נאַכט.
אין שטילער חכמה איז פאַרטיפט זיין וואָרט.
איך האָב צו אים אַלע מיינע קינדער געבראַכט,
און יעדערער פאַרנעמט ביים זיידנס טיש זיין אָרט.

דער זיידע האָט זיי אַלעמען דערקענט,
כאָטש וועלטן גאַנצע האָבן זיי אָפּגעטיילט.
מיט פרייד האָבן אויפגעשיינט די ווענט,
ווען עס האָט דער זיידע אונדז אַ מעשה פאַרציילט.

אַ מעשה ניט פון העלדישע לעגיאָנען,
וואָס נעמען איין די וועלט מיטן שאַרף פון שווערד;
אַ מעשה, וואו עס זיינען ניט געווען זיגערישע פאָנען,
וואָס האָבן זיך מיט שטאָלץ פאַרפעסטיקט אויף דער ערד.

דעם זיידנס קול צינדט אָן מיט בטחון
און פירט אונדז וויט אַוועק פון דער בייזער וועלט.
עס ווערן פון מינוטן אָנגעקליבן וואָכן,
און פון וואָכן ווערן דורות אויפגעשטעלט.

און פאַר די דורות איז געוואָרן אָנגעשריבן
יעדן איינעמס לעבן דאָ אויף דער ערד.
אונדז האָט גאָט פאַר זיך אויסגעקליבן,
און זיי האָט ער געגעבן דעם צאָרן פון שווערד.

קאָנען זיי אונדז ביז איצט ניט פאַרגעבן,
פאַרוואָס גאָט האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט
דעם גרויסן סוד פון אייביקן לעבן,
וואָס קען ניט ווערן אָפּגעמעקט.

ג

פון דער קרומקייט קום איך איצט אַ גלייכער.
איך בין שוין פריי פון פרעמדע רייד.
צו וועלטס פנים ליגן אויפגעשניטענע יידישע בייכער
מיט מאַרך, מיט בלוט, מיט אינגעווייד.

איך וויל פון קיינעם איצט ניט מאָגען —
מיין וועג צו גאָט ליגט שוין גרייט.
מיט פרימאָרגן־טוי וואַש איך מיין פנים
און עס מיט ברכה מיין זאַלץ און ברויט.

אסתר שומיאַטשער

טאָכטער פון יהודה ש.; געב. אָקט. 1900 אין האָמעל, רוסלאַנד. 1911 געקומען קיין קאַלגערי, מערב־קאַנאַדע. צוערשט געשריבן לידער אויף ענגליש. אונטער דער השפעה פון איר מאַן, פרץ הירשביין, אָנגעהויבן שרייבן יידיש. 1920 דעביוטירט אין „אינזיך". איבאיינעם מיט הירשביין געמאַכט נסיעות איבער דער וועלט. זיך באַטייליקט אין: צוקונפט, ליטעראַרישע בלעטער, אַלבאַטראָס, וואָך, האַמער, יידישער קעמפער, יידישע קולטור. אין בוכפאָרם: „אין טאָל", קינדערשפּיל אין דריי בילדער, פאַרלאַג „יידיש", 1920, 62 זייטן; „פּאָסן ליכט", אַ קינדערוועלט אין פינף בילדער, פאַרלאַג בילדונגס־דעפּאַרטמענט אַרבעטער־רינג, 1925, 48 זייטן; „אין שעהן פון ליבשאַפט" (לידער און פּאָעמעס), ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע 1930, 277 זייטן; „אַלע טאָג" (לידער און פּאָעמעס), פאַרלאַג „ערד און הימל", 1939, 152 זייטן. — וואוינט איצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

יחזקאל א. מ. בראַנשטיין: אימפּרעסיעס פון א לייענער. — פארלאג מ. צעשינסקי (שיקאגע) 1941, זז. 113—117.

פרץ הירשביין [זאמלבוך] (צו זיין זעכציקסטן געבוירנטאג), רעדאקטירט פון ש. ניגער. ניו־יארק, 1941, 328 זייטן.

ב. ווינאגורא: לידער פון אסתר שומיאטשער — „די נייע פרעסע" (פאריז), 1939.

משה ווייסמאַן: פייערלעכער אוונט פאַר פרץ הירשביין און זיין פרוי—„פרייע ארבעטער שטימע", יולי 7, 1944.

ש. די זינגער: אין שעהן פון ליבשאַפט — „שיקאַגע", מאַי, 1931.

דר. ל. זשיטניצקי: אסתר שומיאַטשערס לידער און פאָעמען „אַלע טאָג" — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), אויג. 20, 1939.

משה כ״ץ: צוויי פאָעטעסעס — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 6, 1939.

דר. א. מוקדוני: שרייבער און ביכער — „מאָרגן־זשורנאַל", אויג. 13, 1939.

ירחמיאל פעלדמאַן: אסתר שומיאַטשער: „אין שעהן פון ליבשאַפט" — „דער אפריקאַנער" (יאָהאַניסבורג), נאָוו. 28, 1930.

ע. קאַרמאַן: יידישע דיכטערינס אַנטאָלאָגיע — פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שי־קאַגע (1928), זז. 225—230, 354.

מלך ראַוויטש: אַ גוטער גרוס אייך, אסתר שומיאַטשער — „פרייע ארבעטער שטימע", 1939.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — פערטער באַנד, ווילנע, 1929, זז. 556—559.

דערפילן אַן אמת־דורכגעלעבט וואַרעם וואָרט, אַ פשוטס קען מען — — — צווישן די בענקשאַפט־לידער, און אין די לידער וואו זי זינגט וועגן זיך, וועגן דער אייגענער אויסגעוואָרפנקייט אין דער פרעמד. — — — מיר הערן רייד וואָס געהערן צו אַ באַ־שטימטער איינגעוואָרצלטקייט. — — — די דאָזיקע עכטקייט קומט דוקא פון דעם „ערגעץ־נישט" וואו דער דיכטער איז אַלע־מאָל אין דער היים . . . נישט פון דער פאַרביי־שווימענדיקער וועלט, וואָס מען לאָזט הינטער זיך, נאָר פון דער וועלט וואָס ווערט געטראָגן אין האַרצן, אין זיך אַליין. — — — ווען זי דער־מאָנט זיך אָן דער אייגענער אויסגעוואָרפנקייט אין דער פרעמד, דערפילט מען אויף אַ גאַנץ עכטן, אייגנאַרטיקן אופן, ווי עס זינגט די פרוי אין איר. די פרוי אין די פרעמדע וואַרעמע לענדער, וואו וואַך איז דאָס יונגע האַרץ אין די נעכט און דאָס בלוט רעדט דורך די אָדערן. אַ לייכטער פלאַטערדיקער רייץ פאַרגנבעט זיך צווישן די שורות. עס געלינגט איר דאַן, דורך דער אייגענער פערזענלעכער איבערלעבעניש צו געבן אונדז באמת עפּעס עק־זאָטישס און פרעמדס.

(ש. ד. זינגער: אסתר שומיאַטשערס לידער „אין שעהן פון ליבשאַפט" — „שיקאַגע", מאַי, 1931)

גאָט

איך גיי דעם הימל אַנטקעגן
און ריר אָן דיין עלנט, גאָט.
דיין לייב איז אין וואונדן געלעגן,
און געוואָרט אויפן עשאַפאָט;

דאָס לייב צעפליקט און פאַרשמיסן
פון אַ צערייצטן קנוט.
דאָס לעבן ליגט צעריסן,
און עס קלאָגט דאָס בלוט.

אסתר שומיאַטשער

דער הימל קוקט אַרונטער,
די שטערן אויף זייער אָרט.
און יעדער שטערן באַזונדער
שרייט אַראָפּ זיין הייליק וואָרט.

איך פאַל מיט מיין פּנים צו
אויף עלנט פון דער ערד.
עס קלאָגט אויך גאָט ברוך הוא,
מיין יעדער אבר הערט.

עס ציט זיך ווייט מיין שאָטן,
איך וואַקס ביז די שטערן אויס.
די ערד איז פאַר מיר פאַרבאָטן,
און די ווייסט איז לאַנג און גרויס.

אָ, וואָס זאָל איך נאָך זאָגן,
און ביי וועמען זוכן טרייסט?
די מאַמע, וואָס האַלט אין טראָגן —
איר בויך זאָל זיין געטרייסט!

אַנטקעגן ווינט

איך שטיי ביינאַכט אַנטקעגן ווינט
מיט מיין קראַנקן געשריי.
אָ, נעם מיך אַוועק געשווינט,
און ווי גראָז פאַרזיי!

דער ווינט צעוויגט מיין קאָפּ
און מיין לייב און לעבן.
די לבנה קוקט אַראָפּ,
ווי מיין שאָטן וויגט זיך דערנעבן.

איך נעם זיך צו און וואַקס אַרויס
ביז דער שטילקייט פון די שטערן;
עס פרייט זיך מיט מיר גאָטס הויז,
און אויך די שטיינער הערן.

עס פאַלט אַן עפּל אַראָפּ אין גראָז
מיט רויטער, פולער באַק.
עס פרייט זיך דאָס גראָז,
וואָס דער עפּל שמעקט געשמאַק.

געגאַנגען איז היינט אַ רעגן,
דאָס פעלד איז אָנגעטרונקען זאַט.
דער ווינט טראָגט דעם הימל אַנטקעגן
דאָס גרין פון בלאַט.

די שטערן קוקן אַרונטער —
אַלץ גייט צו שלאָף, צו רו.

גוט איז גאָטס וואונדער,
איך מאַך אויך די אויגן צו.

חלום פון ערד

אין וואַסער־שאָטן,
צווישן ביימער פריי,
האָט זיך געבאָדן
אַ יונגער מאַי.

מיט גראָז אין די אויגן,
געוואַשן און קלאָר,
האָט זון אים געצויגן
ביי די בלאָנדע האָר.

מיט וואַסער־ריח
און זון אין די ציין
גרינט זיין כוח
אין וואָרצל און שטיין.

אויף דער לבנה,
איבער דער בריק,
אין גאָלדענעם שאָטן
שווימט דאָס גליק.

מיט חלום פון ערד
אין אינגעווייד,
דורך רעגנבויגן
רעדט די פרייד.

זון אין די אויגן,
גאָלד אין די האָר —
דער זומער פאַרפלויגן
ווי יאָר נאָך יאָר.

ליגט זומער צעטראָטן
אין מאָכיקע צעפּ,
און ס'ווײנט זיין שאָטן
אויף רויטע קעפּ.

פון זון און גאָלד
אַ האַרבסטיקע שטריק;
אין זיינע אויגן
וויינט דאָס גליק.

אויף דער לבנה,
איבער דער בריק,
אָן אַ העמד אויפן לייב
פאַרגייט דאָס גליק.

אברהם משה דילאָן

ג׳ חשון, תרצ״ה,
אויף אַ ניו־יאָרקער שפּיטאָל־בעט
געשטאָרבן איז אַ יידישער פּאָעט.

אַ יידישער פּאָעט
האָט געפירט זיינע לידער אויף אַ שטריק
פערציק יאָר דורך אַ מדבר.
יעדער יידישער אות, ווי אַ זעמדעלע גליק,
האָט זיין שטיינערן עלנט פאַרוויגט

אסתר שומיאַטשער

אין זיין באָרוועסער יידישער שפּראַך,
ווי אַ ניגון פון בעטהאָווענס אַ ליד,
און רייד פון געטלעכן באַך.

שטויב איז געווען אויף זיינע הענט,
ווען ער האָט געשפּאַנט מיט זיין ליד
דורך ניו־יאָרקער הויכשטאָטיקע ווענט.
דאָס ערשטע וואָרט פון אַ ליד
האָט זיין בלוט
ביזן סאַמע הימל געברענט.

ער איז געלעגן ביי די טירן פון פילהאַרמאָניק,
ווי אַ שיכור ביים שענק.
און ווי טעגלעך וואַסער און ברויט,
געטרונקען דעם עלנט
פון בעטהאָווען, טשאַיקאָווסקי און בראַהמס.

(האָב נישט פאַראיבל אויף מיר, אברהם משה,
איך וועל פאַר דיר זיך מודה זיין:
איך האָב זיך אָפּט געשעמט פאַר דיין אומגעלומפּערטן גוף,
פאַר דיין אויסגעפליקטן צאָן
סאַמע אויבן־אָן,
און פאַר דיין לאַכן ווילד און הויך
ביי מיין זייט
אין דער אָפּערע.

האָסט געליבט אַלע פרויען
און פּוטשיניס געזאַנג,
און זיך געשפּילט
מיט דיין אייגענעם אונטערגאַנג).
דער מקונן ירמיהו
איז פאַר אים געווען צו שטרענג.
און פון עמוסן,
דעם פאַסטעך־פּאָעט,
האָט ער אָפּגעשפּעט.
מוסר־פּאָעטן האָט ער פיינט געהאַט,
ער האָט אַרומגעטראָגן דעם הונגער פון וואָרט,

וויִ די אַפּאָסטאָלן
יעזוסעס רייד,
און איז געשטאָרבן עלנט,
אָן פרייד.

אָ, דו פאַרצווייפלטער איוב־פּאָעט!
דיין בלוט הער איך קלאָגן
ביז דער הויך פון די שטערן,
פאַר דער מרה שחורה פון דיין האַרצן,
פאַר דיין היימלאָזן שטאַרבן,
און פון דיין טרויעריקן נישט ווערן.

צו אַ יידישן פליער

פלי, מיין אָדלערל,
פלי מיט די שטערן.
מיין האַרץ אין דיינע פליגל נעם מיט.
דאָס גערויש פון דיינע פליגל זאָל גאָט דערהערן,
און דאָס געשריי פון דיינע יונגע טריט.

עס איז היינט קריג.
איך בין אַ מאַמע מיט ליבע און אַ סך טרערן.
עס איז היינט קריג.
גריס די וואָלקן —
דיין איצטיקע וויג.

די אומרו פון די שטערן
דיין צוקאָפּנס.
דיין לעבן — אַ פונק אין געטלעכן גאַנג.
אָ, ווי קאָן עס גאָר זיין פון דיין לעבן זאָל גאָרנישט ווערן,
און פאַרשטומט זאָל ווערן אין דיר מיין געזאַנג?!

איך בין מודה:
איך האַס מלחמה.
און מיין ליבע איז גרעסער
פון דער שטאַרקסטער זינד.
אָ, מיין קינד,

אסתר שומיאַטשער

דאָס לעבן איז אַ שאַרפער מעסער,
און די שנאה איז שרעקלעך בלינד.

איך שיק דיך, מיין אָדלער, אין די שאַרפסטע געפאַרן,
וואָס דאָס לעבן ווערט אָן די מענטשלעכע ווערט.
וואָס איז דאָ צו ריידן און וועמען צו נאַרן —
ביטער איז דער טוי אויף היינטיקער ערד.

פלי, מיין אָדלערל,
איך וואַרט אויף דיין קומען.
דעם זיבעטן הימל זע נישט פאַרפעל.
דאָס פאַרגאָסן בלוט פון באַליידיקטע אידן
וועט ניט שטומען.
דאָס געשריי פון אונדזערע געפייניקטע
אַ מצבה אין די אייביקע הימלען שטעל.

דיינע פליגל —
פליגל פון שלום
און מענטשלעכער פאַרגעבונג.
דיינע פליגל — דאָס געשריי פון אַלע געטאָ־ווענט.
נעם מיט אין די הימלען די לאַטע די געלע,
דעם אומזין וויז פאַר די ווייטסטע שטערן,
און זאָג ווי דאָס לעבן איז אויף דער ערד געשענדט.

פלי, מיין אָדלערל, ברענג דעם ליכטיקן מאָרגן.
דער היינט איז אַ פאַרבלוטיקטע זינד.
אין דיינע פליגל — דאָס האַרץ אַ קרבן
פון יעדער מאַמען, וואָס האָט אַ קינד.

1943.

נחמיה קליין

זון פון שמואל ק.; געב. אָקט. 1892, אין זשידיק, אַמאַליקע קאָוונער גובערניע. ביז בר־מצווה געלערנט אין חדרים. צו צוועלף יאָר אָנגעהויבן שרייבן לידער אויף העברעאיש. 1906 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונטשול און געענדיקט דעם יידישן לערער סעמינאַר. 1920 דעביוטירט אין „אינזיך". אַרום צען יאָר אינגאַנצן ניט געשריבן. זינט 1932 זיך באַטייליקט אין: צוקונפט, יידישער קעמפער, אויפקום, ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, קינדער־זשורנאַל, יידישע שריפטן, גערעכטיקייט, פרייע אַרבעטער שטימע, מאָרגן־זשורנאַל, טאָג. זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשיידענע ענגלישע פובליקאַציעס, אויך אין אַלפרעד קרעימבאָרגס ענגלישן זשורנאַל „סעווענטין ענד וואַן". איז אַ צושניידער פון פרויען־קליידער.

דאָס בין איך . . .

דער וואָס קוקט שטום אויף פאַרמאַכטע טירן,
דער וואָס שאַרפט דעם אויער נאָך אַ וואַרעם וואָרט
און זיינע פיס טוען אים ערגעץ ניט דערפירן —
דאָס בין איך . . .

נחמיה קליין

דער וואָס טאַפּט די ווענט מיט בלינדע פינגער,
און געפינט אויף האַרטן שטיין זיין בעט,
וועמענס קול איז געוויין אין כאָר פון זינגער
און זיינע טעג קרעכצן ווי פאַרזשאַווערטע רינגען —
דאָס בין איך . . .

דער ווייסער סקעלעט פונעם שוואַרצן אַביסיניער,
דאָס קאַלטע קינד אונטער חורבות פון מאַדריד,
דער פאַלענדער רוס און זיין ברודער דער פינער
און דעד דייטש וואָס זינקט פאַר זיין בלוטיקן פירער —
אויך דאָס בין איך . . .

איך — ייד

(בעריש ווײַנשטיינען)

אייגן זיינען מיר די וועגן פון יעדן ים און קאָנטינענט,
האָב דורכגעקרייצט און בין געקרייציקט איבער גאָר דער וועלט.
וואו איך קום זעץ איך פעסט אין גרונט מיין פונדאַמענט,
אויפן שפּיץ וואולקאַן שטייט תמיד מיין געצעלט.

וואו איז דער ווינקל וואָס איז ניט געווען מיין היים?
און מיין הויז — אויף וועלכן אָרט איז איר זיכערער געשטיי?
מיינע טריט זיינען געפורעמט אין מדבר ווי אין ליים,
אין יעדן לאַנד קריך איך מיין נאָמען טיף — אין שניי . . .

אין די אָדערן פון אַלע פעלקער פליסט מיין בלוט,
אין מיין געביין האַלטן הונדערט ראַסן קריג;
שטייג איך זיי אַריבער הונדערטפאַך אין מוט —
די עלפאַנטן וואָס ציטערן פאַר מיר — די פליג . . .

זיי, וואָס זיינען אין מיר, האָבן מיך נישט ליב,
איך גיי צו זיי מיט געבעט — אַוועק פון זיך אַליין . . .
זאָגן זיי מיר שלום מיט אַ קרומער ליפּ,
טיילן מיר זייער בעט . . . מיין קישן ווערט אַ שטיין.

צו משה לייב האַלפּערן

היינעס אייניקל מיטן צעברויזטן געמיט;
די גאַל פון לעבן פאַרפּלייצט דיין ליד,
אַ שווערד דיין שורה, דיין וואָרט אַ שניט.

אין דיינע פערזן הילכט אָפּ דיין שווערער טראָט;
האָסט געגנישטערט די וויסטע ווינקלען פון שטאָט,
מיט עלנט געבלאָנדזשעט אויף גאָטס באַראָט.

ס'האָט זיך פאַרלאָשן דיין לעבן אין רעכטן גלי,
ביסט אַוועק צו יונג אָבער נישט צו פרי
פון אַ דור וואָס ליגט צעבלוטיקט אויף די קני.

לייען איך די לידער פון דיין לעבנלאַנגער לייד
הער איך פון דער טיף מיין ברודערס בלוט עס שרייט —
אי שונא אי חבר האָבן פאַרקירצט דיין צייט.

און איך הער עס וואָיעט אַ וואָלף אין די נעכט,
קלאָגט אויפן מענטש וואָס צום מענטש איז שלעכט,
און שילט גאָט — דעם טייוולס קנעכט.

ד ע כ ע ר

דערהויבן, געבויגן,
אַלעמען פאַרדעקן;
זיך אַליין
צו אַלץ אַנטפּלעקן.

ציען פויגלען
צפון — דרום,
שפּרייטן איבער דעכער
שלייערס יאָרן.

אין סלאָמס דעכער —
הויקערס, לאַטעס;
לופטערן לעכער
געוואַשענע שמאַטעס.

דאָ און דאָרטן
אַ דאַך, אַ גאָרטן,
דזשעז דורך קוסטן,
בעז אויף ברוסטן.

ווען־ניט־ווען
אַ דאַך אַ ריז,
אַ פרעכן וואָלקן
אין פּיאַטע אַ ביס.

וואו־ניט־וואו
אַ שטאָלצער טורעם,
לאַכט אין פּנים
אַ באַרימער אַ שטורעם.

מיינסטנס בויגן רוקנס
צו היץ און פרעסט,
אַבי רויכערן די ליולקע
דריי מאָל אַ מעת־לעת.

אַנטאָניאָ צו קלעאָפּאַטראַ

היינט ביינאַכט בין איך שיכור
פון דיינע פאַרפיומען, קלעאָפּאַטראַ.

דיין יעדער שלייער איז אַ צווייג פון בשמים.
איך בין דער אוראַגאַן פון מדבר
וואָס רייסט אויס צווייג נאָך צווייג.

שטיל פליסט זיך איצט דער נילוס.
ס׳דרימלען פּיראַמידן אין פאַרחלומטע הימלען.
ספינקסן שלאָפן מיט אָפענע אויגן.
די געבליטן אין מיר קאָכן ווי אַ מאַלשטראָם,
פון דיינע שוואַרצע פלאַמען פלאַצט מיין הויט.

איך בין דער פייער פון מערב
געקומען צעשמעלצן דיין גאָלד אין מיין טיגל.
דער פאַקל פון רוים בלייבט שטעקן ביים נילוס.
איך פלאַקער פון דיר, אַזש דיין טייך זיך טרינקט
געצונדן פון דיינע זילבערנע בליצן־בליקן.

מיין שטאָלענער פּאַנצער פאַנצער ווערט וואַקס אויף דיין האַרצן,
מיינע אייזערנע פינגער ווערן סאַמעט אויף דיין האַלדז.
מיין קול באַפוילט צען טויזנט טויטן,
וואָס צעציטערט די קניען פון פעלקער־גיבורים
אין דיינע רויזן־אויגן — אַ קינדס געבעט.

זאָל די נאַכט זיך ציען און ציען!
זאָל ווערן פאַרזונקען דער ניכטערער פרימאָרגן!
זוניקע שטראַלן זיינען רוימישע שפּיזן
און איך לאָז רוים אויף דיינע ליפּן שמעלצן.
דיינע ברוסטן וועלן מיין קאָפּ אייביק ניט שיצן . . .

ריווערסייד דרייוו

אויף יענער זייט — בראשית פּיראַמידן,
אויף דיין זייט — בערג געשמידט פון מענטשן־שמידן,
און דער רואיקער האַדסאָן פליסט זיך אינמיטן.

דיינע מויערן וואַליען זיך — גלאָז און ציגל,
טורעמען זיך, טאָלן זיך, בויגן זיך און וויגן,
גרוי און געל און ברוין אין בלויען שפּיגל.

כוואַליע נאָך כוואַליע פעלדזן־גיגאַנטן,
געטאַקטע ראַנדן, געהאַקטע קאַנטן
אויפן פאַל און פלוס פון ניו־יאָרקער האָריזאָנטן.

און ווי פעלדזיק דו פילסט זיך אין זוניקן האַפן!
און הערסט ניט דאָס ברומען פון די הונעגריקע שקלאַפן,
און זעסט ניט ווי די הענט וואָס האָבן דיך געשאַפן . . .

צייט-ליד

יאָרן אומגעציילטע, דורות צעקלעמטע
דריקן דעם מענטשן מיט שטאָלענע צוואַנגען . . .
איך זינג ווי עס זינגט אַ טייך אין פרילינג
ווען שטאָל פון ווינטער ווערט צעגאַנגען . . .

געשפאָלטן האָבן זיך איצט די שוואַרצע וואָלקנס,
פאַרפלייצן די וועלט מיט רויטן רעגן . . .
איך מאָל ווי עס קומען פון פעלד די בהמות
אויף זוניגע וועגן, די מעקלער אַנטקעגן . . .

דאָס מויל וואָס עפנט זיך מיט פרייד צו זינגען
מוז זיך פאַרקרימען, פאַרגיין אין געוויין . . .
איך קלינג אויס דעם נס, דעם וואונדער פון שאַפן,
די זכיה פון שטיין מיט גאָט אַליין . . .

ווי קענסטו שפאַנען דאָס וואָרט צום ליגן?
די וואונד איז אָפן און ווערט אַלץ גרעסער . . .
אויפן שייטער שטאַרבן העלדן מיט שירה,
זייער וואָרט איז טרייסט, און העלפט פאַרגעסן . . .

ל. פיינבערג

יהודה אריה לייב, זון פון מנחם נחמן שמואל פ.; געב. דעם 6טן פעב. 1897 (י"ז אדר א', תרנ"ז) אין קדימה, פאָדאָליער גובערניע, רוסלאַנד. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַוועקגעפאָרן מיט די עלטערן קיין אדעס, וואו געענדיקט די איגליצקי גימנאַזיע. ביז 1917 געלערנט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט, דערנאָך אַרייַנגעטראָטן אַלס פריוואָליקער אין דער רויטער אַרמיי. באַטייליקט זיך אין די שלאַכטן פון בירגער־קריג. פאַרוואונדעט געוואָרן און געפאַנגען פון דעניקינס באַנדעס אין 1920. אַנטלאָפן פון „פּלען" קיין טערקיי. אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט אַלס מאַטראָז, באַזוכט ארץ־ישראל, אינדיע, מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר און פיל אייראָפעאישע לענדער. האָט אָנגעהויבן שרייבן רוסיש אין 1912. געדרוקט דאָס ערשטע ביכל רוסישע לידער „טרי אַווטאָרא" (צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע יונגע דיכטער) אין 1914 (פאַרלאַג שערמאַן, אָדעס). שפּעטער זיך געדרוקט אין מאָסקווער און פּעטראָגראַדער רוסישע זשורנאַלן: „ניוואָ", „זשורנאַל זשורנאַלאָוו", „זשיזן" און אין מאַקסים גאָרקיס „ליעטאָפּיס" אונטערן רוסישן פּסעוודאָנים לעאָניד

גרעבניאָוו. אַנדערע פּסעוודאָנימען: לעאָניד אַמאַראַנט, אַלטער עגאָ. אין 1918 באַקומען די ערשטע פּרעמיע אויפן קאָנקורס פון 100 יונגע מאָדערנע רוסישע דיכטער פאַר אַ ליד מיטן נאָמען „דושאַ רו־סיאי״ (די נשמה פון רוסלאַנד). אין 1922 אַרויסגעגעבן אַ בוך רו־סישע לידער „נאַ פּאָפּערטי דאָראָג״ (אויפן שוועל פון די וועגן) לעאָ־ניד גרעבניאָוו, בערלין, פאַרלאַג „מאָסקווע״. געקומען קיין אַמערי־קע אין 1921. (פ. איז אין 1912 געווען אין אַמעריקע אויף אַ באַ־זוך ביי זיין פאָטער. ער האָט דאָ פאַרבראַכט אַ פּאָר חדשים, געאַרבעט אין שעפּער און זיך צוריקגעקערט קיין רוסלאַנד פאָרזעצן זיין ביל־דונג). דאָס ערשטע ליד אין יידיש אָפּגעדרוקט 1921 אין „פרייע אַר־בעטער שטימע״. זיך באַטייליקט אין: פרייע אַרבעטער שטימע, פּע־דער, קונדס, פרייהייט, מאָרגן־פרייהייט, האַמער, וואָך, מאָרגן־זשור־נאַל, אַמעריקאַנער, פּאָרווערטס, די פּרעסע (בועלאָס־איירעס), די נייע פּרעסע (פּאַריז), ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע), צוקונפט.

געווען מיט־רעדאַקטאָר פון די קאָמוניסטישע זשורנאַלן „פונ־קען״, „סיגנאַל״. איצט מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל „עפּאָכע״ (אי־ניינעם מיט י. א. וויסמאַן). יידישע פּסעוודאָנימען: ל. סענדערס, ל. גאָרין, פּ. גאָרני. אין בוכפאָרם: ערב־שטורעם, 1926, 64 זייטן; גרויס־שטאָט, פאַרלאַג „פרייהייט״, 1928, 96 זייטן; ליכט און ברויט, 128 זייטן, פאַרלאַג „כאַווײרים״, 1931, 128 זייטן; דוד בלאַנק (ראָמאַן אין פערזן, ערשטער טייל פון אַ טרילאָגיע), פאַרלאַג „סיגנאַל״ ביים פּראָלעטפּען, 1934, 160 זייטן; חבר־לעבן, 1938, ניו־יאָרק, 128 זייטן, פאַרלאַג „פריינט״, 128 זייטן; אין קיינעמס לאַנד (פּאָעמע), 1940, 48 זייטן; די יורשים פון דער ערד, 1941, 96 זייטן. זיינע איבערזעצונגען פון ק. ד. מערעזשקאָווסקיס „פּעטער דער גרויסער״, מאַקסים גאָרקיס „יעגאָר בוליטשעוו״ און „דאָסטיגאַיעוו״ אויפגע־פירט אין יידישן קונסט־טעאַטער און אַרטעף. שטענדיקער מיטאַר־בעטער פון „טאָג״.

אפרים אויערבאך: צו ל. פיינבערג — „אויפקום״, מאי 1928.

וויליאם אייבראַמס: גלגולים פון אַ אינטעליגענט — „פונקען״, יוני 1934.

מ. אלגין: ל. פיינבערגס לידער — „האַמער״, דעצ. 1928.

מ. אלגין: דער איצטיקער צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע — „מאָרגן־פרייהייט״, יולי 18, 1937.

מ. אלגין: ב׳זינג אַ ליד דעם קעמפערישן מענטש — „מאָרגן־פרייהייט״, יאַנואַר 16, 1938.

ל. פיינבערג

מ. אלגין: יידישע פאעטן פון לינקל פליגל — „מארגן־פרייהייט", יאנואר 22, 1938.

א. אלפערין: אן אינטערעסאנטער דיסקוסיע־אוונט צווישן יידישע און העב־רעאישע שרייבער — „טאג", דעצ. 31, 1943.

אשר (ז. טיגעל): לידער פון ל. פיינבערג — „דער פארבאנד", סעפט. 1927.

דוד אפאלאוו: ל. פיינבערג — דער מייסטער פון פאעטישע פארמען — „שי־קאגער קוריער", פעב. 15, 1942.

יעקב באטאשאנסקי: ווער ס'זאגט קדיש און ווער עס הענגט אויף יולדת־בריוולעך — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), יולי 1927.

יעקב באטאשאנסקי: די יידישע ליטעראטור אין 1928 — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), יאנואר 1, 1929.

יעקב באטאשאנסקי: די טראגעדיע פון אן אינטעליגענטן־פאר — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), יולי, 4, 1934.

ה. בלאשטיין: די ווידוי פון אן אויסגעלייזטן — „נייוועלט" (בוענאס־איירעס), יולי 1927.

ב. צ. גאלדבערג: ל. פיינבערג — „פרייע ארבעטער שטימע", אפריל 2 און 9, 1926.

ב. צ. גאלדבערג: אין גאנג פון טאג — „דער טאג", יאנואר 23, 1938.

יאנקעלע גיאבלעס (יעקב באטאשאנסקי): צוריק מיט א האלב יאר — „פרעסע" (בוענאס־איירעס), פעב. 25, 1940.

יעקב גלאטשטיין: דער דיכטער פון פארמעסט — „יידישער קעמפער", יאנואר 30, 1942.

מעם דאלעד (מאטעס דייטש): דוד בלאנק פון ל. פיינבערג — „בריקן" (שיקאגע), סעפ. 1934.

כ. דונעין: איינער פון אונדזערע — „מארגן־פרייהייט", פעב. 2, 1931.

ז. וויינפער: ל. פיינבערג — „אויפקום", יאנואר־פעברואר, 1938.

י. א. ווייסמאן: וועגן ל. פיינבערגס דוד בלאנק — „אינזיך", יוני 1934.

פ. וויערניק: אונדזער פילשפראכיקע ליטעראטור — „מארגן־זשורנאל", נאוו. 12, 1928.

א. טאבאטשניק: וועגן ל. פיינבערגס פאעמע דרייסיק יאר — „וועקער", אקט. 8, 1927.

ש. טענענבוים: גרויסער פארמעסט — „שיקאגער קוריער", אפריל 12, 1942.

א. ט. (א. טאבאטשניק): נאטיצן — „פיילן", יוני 1928.

משה כיז: גלגולים פון א יידישן אינטעליגענט — „מארגן־פרייהייט", יוני 10; יוני 17, 1934.

ל. כאנוקאוו: א דיכטער פון בונטארישןווארט — „האמער", יוני 1938.

ב. לאפין: אלע חודש — „אויפקום", יולי 1927.

לעבעדיקער: א פלי און א כאפ — „קונדס", יאנ. 1923.

א. לעיעלעס: אימפרעסיעס און עקספרעסיעס — „אינזיך", מאי 1928.

דר. א. מוקדקוני: ליכט און ברויט — „מארגן־זשורנאל", יולי 23, 1931.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל", יוני 27, 1934.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל", מערץ 30, 1938.

דר. א. מוקדוני — ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, יאַנ. 7, 1942.
נ. ב. מינקאָוו: ערב שטורעם פון ל. פיינבערג — „אונדזער בוך“, מערץ־אַפּריל, 1926.
מ. מלמד: גרויסשטאָט, לידער פון ל. פיינבערג — „יידישע וועלט“, יוני 10, 1928, פילאַדעלפיע.
יעקב מעסטל: ל. פיינבערגס בוך ערב שטורעם — „פעדער“, האַרבסט 1926.
ק. מרמר: אין די חודש־זשורנאַלן — „פרייהייט“, אַפּריל 5, 1924.
ק. מרמר: ל. פיינבערגס ערב שטורעם — „פרייהייט“, יוני 27, 1926.
ק. מרמר: ל. פיינבערגס ניי לידער־בוך — „פרייהייט“, מאַי 21, 1928.
משה נאַדיר: ל. פיינבערגס ליד „בעני דער פּרעסער“ — „מאָרגן־פרייהייט“, יאַנואַר 13, 1935.
ש. ניגער: פון אַ לעזער׳ס און שרייבער׳ס נאָטיץ־בוך — „טאָג“, מאַי 23, 1926.
ש. ניגער: ל. פיינבערג: ערב שטורעם — „צוקונפט“, אויג. 1926.
ש. ניגער: דאָס געפלינגלטע וואָרט — „טאָג“, מערץ 10, 1929.
ש. ניגער: פון צונזער ביז האַלפּערין — „טאָג“, סעפּט. 1933.
ש. ניגער: פּושקין און זיינע יידישע איבערזעצער — „טאָג“, פעב. 21, 1937.
ש. ניגער: געלייענטס און געשריבנס — „טאָג“, מאַי 15, 1938.
ש. ניגער: הונדערט און צוואַנציק סאָנעטן — „טאָג“, נאָוו. 22, 1941.
ש. ניגער: מאָדערנער פּיוט — „טאָג“, מערץ 16, 1941.
ש. ניגער: מענטש און חיה — „טאָג“, נאָוו. 29, 1941.
דר. ש. סיימאָן: גרויס־שטאָט פון ל. פיינבערג — „אויפקום“, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1928.
ב. סמאָליאַר: ערב שטורעם פון ל. פיינבערג — „יידישער קוריער“ שיקאַגאָ, מאַי 1926.
ב. סמאָליאַר: ל. פיינבערגס גרויס־שטאָט — „קענעדער אָדלער“ (מאָנטרעאַל) יאַנואַר 27, 1929.
י. עלבאַן (שלום שטערן): ל. פיינבערג — „קאַמף“ (טאָראָנטאָ), אַפּריל 10, 1936.
י. עלבאַן (שלום שטערן): לאָמיר לייענען — „קאַמף“ (טאָראָנטאָ), נאָוו. 25, 1938.
גרשון פּאָמעראַנץ: אַ חורבה — „פרייע אַרבעטער שטימע“, דעצ. 1934.
פּאַמפּאַדור (לעבעדיקער): דרייסיק יאָר פון ל. פיינבערג — „קונדס“, יוני 10, 1927.
מ. פּאַגעל: ליכט און ברויט פון ל. פיינבערג — „יידישער זשורנאַל“ (טאָראָנטאָ), אַפּריל 17, 1932.
איציק פעפער: די יידישע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער — מאָסקווע, 1933.
ע. קאַרמאַן: וועגן ל. פיינבערגס אַרטיקלען איבער די „יונגע“ — „פרייע אַרבעטער שטימע“, מאַי 16, 1930.
י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אַנטאָלאָגיע. 1943.
ש. ראָזענפעלד: אַ גליקלעכע צייט — „טאָג“, אָקט. 26, 1939.
י. ראַלניק: וועגן דעם ענין ׳יונגע׳ — „וואָך“, מערץ 28, 1930.
אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער“ 1940.

ל. פיינבערג

אבוהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער 1941.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער" 1942.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — ווילנע 1928 זז. 57—60.

דר. יעקב שאַצקי: וועגן פיינבערגס לידער — „פרייע ארבעטער שטימע", מאַי 18, 1928.

ב. שאַכאַט (א. אויערבאַך): איציק פעפער פעפערט היציק — „מאָרגן־זשורנאַל", אויג. 16, 1933.

משה שטאַרקמאַן: ביכער און מענטשן — „טאָג", מערץ 2, 1940.

משה שטאַרקמאַן: ביכער און מענטשן — „טאָג", יוני 9, 1941.

שלום שטערן: ליכטיק, זינגעוודיק ליד — „קאַמף" (טאָראָנטאָ), אפריל 8, 1938.

שלום שטערן: ל. פיינבערג — „קאַמף" (טאָראָנטאָ), פעב. 11, 1938.

יחיאל שרייבמאַן: ל. פיינבערגס לידער — „ליטעראַרישע בלעטער", נומ. 48, 1938.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

ל. פיינבערג איז געקומען פון דער משפחה רוסישע אימאַזשיניסטן. ער האָט מיטגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע אַ זעלטענע מייסטערשאַפט פון פאָרמע. ס'מעג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל: דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש שוין אַלס דערוואַקסענער מענטש, האָט פאַר אים לייכט געמאַכט צו פורעמען די שפּראַך מיט אַ זיכערער, אָפט געוואַגטער האַנט: די טראַדיציע האָט אים נישט געבונדן. ער איז עד־היום געבליבן איינער פון די בעסטע שמידער פון יידיש.

(מ. אַלגין: „ל. פיינבערגס לידער" — „האַמער", דעצ. 1928).

ל. פיינבערג איז איינער פון די באַדייטונגספולע פירנדיקע פּאָעטן, דער ערשטער און כמעט איינציקער שאַפער פונעם ראָמאַן אין פערזן אויפן לינקן פראָנט אין אַמעריקע און איינער פון די וויניקע, וואָס האָבן לעצטנס דאָ אין אַמעריקע געווידמעט אַ גרויסן טייל פון זייער שעפערישער אַרבעט דער פאַרקערפּערונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ל. פיינבערג איז אַ מייסטער פון דער יידישער שפּראַך און פון דער פערז־מוזיק. זעלטן ווער אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע אין אַמעריקע האָט מער אויפגעטאָן אין פרט פון דיכטשפּראַך, דער עיקר אין פרט פון שאַפן נייע גראַמען.

(מ. אַלגין: „דער אציטיקער צושטאַנד פון דער איצטיקער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע", „מאָרגן־פרייהייט", יולי 18, 1937).

ביים שרייבטיש

כ׳האָב ליב אַזוי נאָך טעג פון שווערער מי
און לאַנגן וואַנדער איבער ראָגן
אין שטילן חדר ביזן בלויען פרי
ביינאַכט ביים שרייבטיש זיך פאַרטאָגן.

די שטילקייט בליט אויף אויסגעקאַלכטע ווענט,
אויף שראַנקען, טראָגעדיק מיט ביכער.
אויף ברוינעם טיש מיין ווייסער בליך־לאָמפּ ברענט,
מיין פּען איז רירעוודיק און זיכער.

די שעהן ברענען טריפיק — קנויט נאָך קנויט —
די שטילקייט שאַלט, ווי בינען זשומען.
געבענטשט זאָל זיין דאָס שטיקל קעז מיט ברויט
אין שפּעטער שעה, ווי האָניק אויף מיין גומען.

עס רוישט פאַרביי אַ הילכעדיקע באַן —
און ס׳שטראָמט די פרייד אין מידע גלידער:
פון לענינס קלוגן שמייכל אויף דער וואַנט,
פון פּושקינס זינגעוודיקע לידער.

איך הער דאָס אָטעמען פון ווייב און קינד
אויף יענער זייט פון אָפּגעצאַמטן ווענטל —
און ס׳לעשט זיך שעה נאָך שעה, ווי ליכט אין ווינט,
און יעדע רגע שפּאַלט זיך אין אַ צענטל.

אין יענער שעה פון פאַרכטיקן באַגין,
ווען ס׳הענגט דאָס האַרץ אויף קרייץ פון שטערן,
ווערט קלאָרער מיר דעם לעבנס קלוגער זין,
דער סוד פון יערנדיקן ווערן.

מיין מידן גוף איז מער ניט שווער דער יאָך,
די לאַסט פון פּראַצע און פון וואַנדער.
עס פּראַלן־אויף זיך פענצטער אין צעפּאָך,
און ווענט צעשפּאַרן זיך פאַנאַנדער.

און איך דערהער: דעם שטילן שטערנגאַנג
און בלויע ברוזימער פון מילכוועג,

און זייער אייביק־יונג און זילבערן געזאַנג
אין האַרצן קלינגט בראשיתדיק און הילכיק.

און איך דערזע: די ברידער פון מיין קלאַס
אין טויט־געפּעכט מיט האַר און מיט באַצווינגער.
גייט־אויף אין מיר דאָס ליד פון קאַמף און האַס —
ווי קאָן איך דעמאָלט אַ נ ד ע ר ש זינגען?

און כ'זינג אַ ליד דעם קעמפּערישן מענטש,
אַ ליד פון מוט צו אויפגעוואַכטע ברידער.
אָ, זיי געבענטשט מיר, דריי מאָל זיי געבענטשט,
דו — שפּעטע שעה ביים שרייבטיש איבער לידער!

די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע

(באַלאַדע)

געווען אַ נאָכמיטאָג אין אייר,
תש"ג לבריאת העולם,
ווען ס'זיינען געגאַנגען אויף תליות
די יידן אין קיניגרייך פּוילן.

געלעגן מיט אָפענע שטיבער,
געפּאַלמעסט די וואַרשעווער געטאָ.
(אַזוי איז אין פּנקס פאַרשריבן
אויף געלע פאַרבלוטיקטע בלעטער).

געשמעקט האָט מיט רויך און מיט פּגירה,
מיט בלוט און מיט בעז און מיט קאַרשן.
געשפּאַנט האָבן דריי גרענאַדירן,
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע.

רב עוזר — דער רב און בן־תורה,
יחיאל — דער גאָלדענער שטריקער,
און שייקע — דער סורר ומורה,
דער הפקרער וואוילינג פון דזשיקע.

אין גרויען פאַרטאָגיקן טונקל
האָט אויפשטאַנד זיך לאַנג אויסגעלאָשן —
און ס'האָבן די פליענדע פונקען
צעטראָטן די שטיוול פון רשע.

אויף גאַסן, אין הויפן, אין גריבער
אַ דור איז פאַרגאַנגען אין שחיטה —
בלויז זיי זיינען איבערגעבליבן:
פון אומקום די לעצטע דריי־ריטער.

איצט שפּאַנען די לעצטע דריי אירע,
אַנטרונען פון מלאך־המות;
אין האַרצן — אַ שנאה צום קירע,
אין מח — צעמישטע מחשבות.

די זון קלינגט אין פרילינגשע גלעקער,
פלייצט גינגאָלד אויף חרובע היימען,
און שפּילט זיך מיט קינדערשן לעקל
אויף פּנים, פאַרשטאַרטן אין אימה.

ס'איז פרילינג, ס'איז זון און ס'איז שחיטה.
(אַזוינס ניט געזען האָסטו, ביאַליק!)
און ס'שפּאַנען די לעצטע דריי ריטער,
מיט הערצער פון אומקום פאַרגאַליקט.

זיי שפּאַנען אַרויף אויף דער גענשע
און קוקן מיט אויגן פאַרשטאַרטע:
ניטאָ מער, ניטאָ מער קיין מענטשן —
בלויז מתים, ווי פּענקעס פאַרדאַרטע.

עס ליגן די נאַלעווקעס חרוב,
צעריסן אין פינצטערע שטיקער.
און ווייטער — איר אָרעמער קרוב:
דער פריילעכער דלות פון דזשיקע.

פון איין עק — העט וויט ביזן צווייטן,
אין שטילשווייג פון אומקום און גרוילן,
ליגט שטום, מאַיעסטעטיש — אַ טויטע
די ג ע ט אָ — איין ווסטער בית־עולם.

פאַרשטומט אַלע שטאָטישע רוישן,
קיין הילך ניט, קיין סקריפּ מיט קיין טויער.
ס'איז שטיל, ווי פאַר מעשה בראשית,
ווען גייסט האָט געשוועבט איבער תהו.

און אַלץ קוקט זיי אויס דאָ אויף ס'חידוש:
די הייזער צעפליקט און צעשאָסן.
ערשט נעכטן האָט וואַרשעווער יידיש,
ווי ווייַן — פון אַ שפּונט, דאָ געפלאָסן.

ערשט נעכטן האָט ס'לעבן פולסירט דאָ —
און היינט — אַזאַ וויסטע שוואַרץ־חגא.
זיי שווייגן מיט אויגן פאַרווירטע
אין שפּאַן איבער גאַסן און ראָגן.

אַ פאָלק איז פאַרצוקט און פאַרטיליקט
אין נעגל פון בלוטיקן שפּאַרבער —
איז וואָס איז שוין, וואָס איז דער חילוק
צו בלייבן דאָ לעבן, צי שטאַרבן?

און שייקע — דער וואוילינג פון דזשיקע,
דער הפקרער מומר להכעיס,
דער ערשטער ברעכט־איבער די שתיקה,
מיט קלאָג און מיט זידל — אַ פּחד:

— „זיי האָבן מיין טאַטן דעם פרומען
אויף פּיקעס גענומען — די כלבים.
און איך בין געשטאַנען אַ שטומער,
געוואַרט אויפן מלאך המות.

— „געכאַפּט האָב איך פלוצים אַ דישל —
און פלינק, ווי אַ פייל פון אַ בויגן,
האָב איך די גזלנים נאַדרישעט —
אַ ווינט זיי, די הינט, אין די אויגן!

איצט שפּאַן איך, פון לעבן פאַרמאַטערט,
פון בלוט און פון אומגליק פאַרשיכורט.
אַ, גאָט פון מיין ערלעכן טאַטן,
וואָס האָסטו צעטאָן מיט מיין דזשיקע?"

און ס׳קלאָגט זיך יחיאל דער שטריקער:
— „זיי האָבן מיין וואַרשטאַט צעפּלינדערט,
און נאָכדעם צעריסן אין שטיקער
מיט באָמבעס מיין ווייב מיט די קינדער.

— „די עופהלעך מיינע, ווי טויבן . . .
און תּמר, מיין ליכטיקע תּמר . . .
וואו ביסטו דאָרט, פּאָטער פון אויבן?״ —
פאַרגייט זיך יחיאל אין אַ יאָמער:

— „וואו ביסטו דאָרט, וועגער און מעסטער,
וואו ביסטו, דו — מערדער און שינדער
פון שטילע געשענדעטע שוועסטער,
פון שטומע געקוילעטע קינדער? . . . .״

הערט עוזר דעם יאָמער יחיאלס,
ווי שייקעלע שילט זיך און דרשנט —
און ס׳שפּאַנען אין שאָטן פון תּליות
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע.

⁘ ⁘ ⁘

און פּלוצים ביים ראָג פון אַ געסל
בלייבט שטיין די אַנטרונענע עדה.
זיי זעען: אַ שילד „בית־הכּנסת״
הענגט איבער אַ חורבן בוידעם.

זיי שפּאַנען אַריבער די שוועל נאָר
און קוקן מיט שטוין און מיט גאַפן:
אַ פּגר — אַ נאַצישער זעלנער
ליגט שטום ביי דער אָפענער שאַפע.

ביים זייט ליגט דער שמש רב אהרן:
דער קאָפּ אויף די טרעפּ פון באַלעמער,
מיט ווייסלען פאַרלאָפענע שטאַרן
צוויי אויגן — געשאָכטענע לעמער.

די ווענט פון דער שול אויפגעריסן,
פאַרוויסט און צעטראָטן דער עמוד.

ל. פיינבערג

און אויבן — אַן איפשריפט אַ מיאוסע,
מיט הענט אויפגעשריבן מיט טמא.

עס האָבן די נאַצישע כלבים
פאַרהאַנגען מיט סוואַסטיקע־צלם
די הייליקע אותיות י ה ו ה —
אוןביידע צעלעכערט מיט קוילן.

די מעשענע לייכטער, ווי שיפלעך,
געזונקען נאָך שווערע געפעכטן —
און ס׳טריפט נאָך חלב און טריפלט,
ווי בלוט, אויפן עמוד פאַרשוועכטן.

דער ארון צעפראַלט און צעבראָכן,
צעלאָמט די גילדערנע מנורה.
און איבער די טרעפלעך — צעשטאָכן
יריעות פון אַ ספר־תורה.

און ס׳צינדט, ווי אַ בליץ, זיך שגעון
אין עוזרס צעפיבערטע אויגן.
און שטיל אין האַלב־טונקל אין גרויען
האָט ער צו די טרעפ זיך געבויגן.

ער נעמט אין די הענט אין די צאַרטע
יריעות, פון שונא פאַרשוועכטע,
און טוליעט צו ברוסט צו פאַרדאַרטער,
ווי ליבע, געשענדעטע טעכטער:

— „וואָס גייען מיר אָן טאַטע־מאַמע
און קינדער, פון באָמבעס צעפיצלט,
און ברידער, צעפליישט אונטער האַמער,
און שוועסטער, געשענדט פון די היצלס?

— „עס האָט שוין ניט איינמאָל ישראל
געליטן פון שחיטות און בראָכן,
נאָר אייביק געווען אונדזער גואל
איז מאַכטיקע האַנט פון כביכול.

— „און איצט איז ניטאָ מער קיין רעטער.
מיין גאָט איז, מיין גאָט איז געשטאָרבן:
אין שלאַכט פון דער וואַרשעווער געטאָ
געפאַלן דער לעצטער שוין קרבן.

עס האָט אים דער פינצטערער שונא
אין וואַרשע, אין קרוינשטאָט פון פוילן,
אין רינשטאָק פון שמוציקער בוינע,
דעם גאָט פון ישראל געקוילעט.

— „ניט וויינען, ניט שילטן, ניט טאַדלען,
נאָר ברענגען צו קבורה אים — שטומע,
און זאָגן דעם לעצטן י ת ג ד ל
נאָך גאָט, וואָס'ט געפעלשט אין זיין אומה.“ —

:: :: ::

און ס'שפּאַנען מיט גענשע אַרונטער
די לעצטע דריי יידן פון וואַרשע.
עס שמעקט מיט צעראָיעטע גרונטן,
מיט בלוט און מיט בעז און מיט קאַרשן.

אַ שטאָלצער גייט עוזר אַפריער
און טראָגט אין די הענט, ווי דעם גורל,
די שטומע, פאַרשוועכטע יריעות
פון לעצטער פאַרבליבענער תורה.

נאָך אים גייען: שייקע פון דזשיקע,
יחיאל — די צוויי נושא־כלים.
זיי שפּאַנען אַריבער דעם בריקל
צום וואַרשעווער אַלטן בית־עולם.

זיי גראָבן אַ קבר ביים גדר
און לייגן אַריין די יריעות.
און ס'לעשט זיך אויף פינצטערער עדה
אין בלוטיקן זשאַווער די שקיעה.

:: :: ::

און ס'שפּאַנען די שארית־הפליטה,

געהילטע אין חושך פון אָוונט,
צוריק אין דער שטאָט פון די טויטע,
וואו ס'שמעקט שוין מיט ווינטלעך מאַיאָווע.

און ס'פאַלן פון ליפּן רב עוזרס
די ווערטער באַפעלעריש־שטילע:
— „מע דאַרף נאָך היינט אָוונט, רבותי,
די לעצטע שליחות דערפילן".

רב עוזר שטעלט־אָפּ זיך אַ בלייכער
און ווייזט אויף אַ זאַק צווישן ברעטער:
— „קיין שריד ופליט, קיין זכר
טאָר ניט בלייבן פון פינצטערער געטאָ".

עס מישן זיך שוואַרצלען מיט ווייסלען
און ס'פלאַמען רעיונות צעמישטע:
— „אַן אויג פאַר אַן אויג — מדאורייתא,
איז תמות נפשנו עם פלישתים!" —

זיי הייבן דעם זאַק אויף דעם שווערן
און שליידערן אים, ווי אַ פאַקל.
אַ קנאַל — און עס קראַכן די סקווערן
פון געטאָ אין פלאַם און אין פלאַקער.

פאַרטאָג — אין צערינצלטן בלוי־שיין
זיי ליגן — צעפליקטע דריי פאָנען.
פאַראויס לויכט דער עמוד־האש זיי,
אַהינטער — דער עמוד־הענן.

אָ, לערן מיך האַסן דעם שונא!

(פראַגמענט)

איך טראָג אין זיך ימען פון רחמים,
און פול איז מיין האַרץ מיט בענטש:
צו אָרעמע, שטומע און שוואַכע,
צו חיה, צו ערד און צו מענטש.

איך טראָג אין מיין אומעטיק לעבן
צומאָל אַזאַ ליכטיקע פרייד,
אַז פול ווערט מיין האַרץ מיט פאַרגעבונג,
און קושן מיין פריינט בין איך גרייט.

נאָר פול איז מיט רשעות און שנאה
דאָס ליסטיקע האַרץ פון מיין פיינט,
וואָס לויערט אויף מיר פון באַגינען
און גנבעט אין חושך מיין שיין.

אָ, גאָט פון מיין שטאַם, שפוך חמתך,
דיין צאָרן גיס אויס — און צעשטער
דאָס ליסטיקע האַרץ פון די רוצחים,
וואָס שענדן דיין ליכטיקע ערד.

הער־אויס מיין צעוויטיקטע תפילה
אין די פינצטערע סוואַסטיקע־נעכט:
דערשלאָג און פאַרלענד און פאַרטיליק
די שפרייטער פון מאָרד און פאַרברעך!

זאָל טרעפן דיין האַנט זיי אין שייער,
אין שטאָט און אין דאָרף און אין פעלד,
דורך שטורעם און שוועבל און פייער,
דורך היצן און שנייען און קעלט.

איך בעט נישט פאַר זיך קיין לוינען,...
איך וויל נישט קיין טובות סתם.
אָ, לערן מיך האַסן דעם שונא,
ווי ליב איך האָב דיך און מיין שטאַם!

און ווען ס'אומריינע בלוט וועט רינען
פון נבזהדיק־טויטן געץ,
אָ, רייניק מיך, גאָט, פון מיין שנאה,
ווי גערייניקט האָסט מרים פון קרעץ!

הערשל מילער

צבי הירש, זון פון אברהם מ.; געב. מאַי 1899, אין דראַבנין, פּלאָצקער גובערניע, פּוילן. ביז צען יאָר געלערנט אין חדר און דערנאָך אין אַ פאָלקסשול. 1913 געקומען קיין אַמעריקע. 1921 דעביוטירט אין „זאַנגען" אונטערן נאָמען ה. מאַלער. זיך באַטייליקט אין: אַמעריקאַנער, פעדער, באַגינען, צוזאַמען, יונג־קוזניע, ליים און ציגל, האַמער, פרייע אַרבעטער שטימע, קינדער־זשורנאַל, ליד (לאָס־אַנדזשעלעס), מאָרגן־פרייהייט, טאָג, אונדזער שטימע, ביאַליסטאָקער לעבן. אַרבעט ביים שניידער־פאַך.

דורות...

איך טראָג מיט זיך דעם טרויער פון ווייטע דורות,
שרפות פון ספרי־תורות.
איך שטיי געבויגן ביי דעם טאָל פון טויט,
הער ס'געוויין פון ביינער, די ערד פון בלוט איז רויט.

ס'האָט מיין מאַמע מיר געגעבן דאָס ליכט פון דער וועלט —
איצט ליגן אירע גלידער אין געוויין פון פעלד,
איך הער איר קול, איך הער איר זיפץ, איר וויי,

דאָס שרייען ווייטע דורות אין איר שטומען געשריי.

קום, האַק אויס אַ שטיין;
קריץ אויס ס׳געוויין אין אַלע דורות אַריין! . . .

אַן גאָטס ברכה

אַן גאָטס ברכה גייט אַן אַציינד די וועלט,
דורכגעזאַפּט מיט בלוט איז די ערד.
צעפוילט ליגט דאָס בלי אויפן חרובן פעלד
ס׳גייט אום דער קראַנקער מענטש נישט דערנערט.

די וועלט איז קראַנק, גאָט אַליין איז מיט וואונדן,
דערווייטערסטו זיך פון גאָט, ווערט גאָט נעענטער צו דיר צוגעבונדן.
ביסטו אין סכנה, בעטסט רחמים מיט אויסגעשטרעקטע הענט
טוט גאָט פון דיר זיך אָפּ, ווערט אַלץ פאַרלענדט.

אַלץ גייט אויס אין האָפן, גלויבן
נישטאָ ווער ס׳זאָל זאָגן ס׳לעצטע וואָרט.
ס׳האָט קיינער זיך נאָך נישט דערהויבן
אַ טרייסט אונדז ברענגען מיט אַ וואָרט.

ל י כ ט

ליכט, וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע פאַרב דו פאַרמאָגסט.
נאָך אַ חושכדיקע נאַכט לויכסטו אויף אין פאַרטאָג.
אין ליכט זע איך קאָלירן פון בלוי און פון רויט;
אין ליכט איז שענער דאָס לעבן, איז שענער דער טויט.

אַפילו די צווייגן וואָס הענגען אַראָפּ צו דער ערד,
ווערן אין ליכט מיט פאַרבן גענערט,
דערפאַר אָ, גאָט, וויל איך לעבן אין ליכט,
אויך שטאַרבן אין אויפגאַנג אומגעריכט.

אַרבעטסלאָזע

צעוואונדעטע לייבער, פון פראָסטיקע נעכט,
שלעפּן זיך מיט הונגער, גרייט צו זיין קנעכט;

גליטשיקע גאַסן, פֿאַרדעמערט אין שיין —
פֿאַרוויקלען אין שמאַטעס פֿאַרשטיקטן געוויין.

אָרעמע מענטשן, אָן קליידער, אָן ברויט,
פּרירן אין דרויסן, צעפּרעסן פון נויט.
די וועלט אויפגעבויט פון זומפּיקע גריבער
און איצט איז נישטאָ פאַר זיי מער קיין שטיבער.

די זון איז אין דאָרף, די זון איז אין שטאָט,
אָרעמקייט דרייט זיך אַרום ווי אַ ראָד.
ס׳וועט נאָך מסתמא אַ בלי טאָן אין פעלד,
און ביט איינער פון זיי וועט נאָך בענטשן די וועלט.

אינעם חלום פון דער וועלט

אינעם חלום פון דער וועלט
וויל איך מער ניט וואַגלען,
און ניט טרינקען מער דעם סם
פון פיין פאַרפולטע לאַגלען.

ווען אויף וועגן ציען זיך
מידע — קאַראַוואַנען,
איינזאַם לאָז איך ווידער מיך
אויף גרוי־פאַרשטויבטע לאַנען.

אויף קבר אבות

כ׳גיי איצט ריידן צו מיין מאַמען,
כ׳וויים זי וועט נישט ענטפערן אַ וואָרט,
מיין טאַטע איז אויך מיט איר צוזאַמען,
מיר רופן עס — דאָס הייליק אָרט.

ס׳וואַקסןביימער, ס׳וואַקסן גראָזן
אַ שטיינערנער פּלויט אַרום זיי,
יעדער דאָ האָט עמיצן געלאָזן,
נאָר איך זע בלויז קברים צוויי.

אויסגיסן וויל איך מיינע טרערן
אָנגעזאַפּט אין דעם לאַנגן דאָ,
אפשר וועט מיר לייכטער ווערן
אין אַ וועלט פון גאָרנישטאָ.

קדיש

איך האָב קיין קדיש נישט געזאָגט
איז מיין טאַטע מיר צו חלום געקומען,
אַליין דעם קדיש מיט מיר וואָרט ביי וואָרט געזאָגט.
אַז מיין מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף
האָבן טרערן נאַס געמאַכט איר אויסגעצערט געזיכט,
מיר אָנגעזאָגט,
כ׳זאָל איבערפרי
געבן אַ פונט ליכט אין שול אַריין.
זי האָט געהערט ווי כ׳האָב קדיש געזאָגט פון שלאָף.

אַ תפילה

גאָט — שטאַרק די הענט פון יידן
מיט שטאָלץ צו טראָגן אונדזער וויי,
לאָז אונדזער בלוט מיט כח זיך צעזידן
לאָז אונדזער וואָרט פאַרוואַנדלט ווערן אין בליי.

נישט אַ זאַק אויף לייב אַצינדערט טראָגן
נישט באַשיטן אונדזער קאָפּ מיט אַש,
מענטש גייט־אָפּ אין בלוט, וועלט פון צער און ווייטיק,
שטאַרק זיך אין דיין איבערבראָך.

ס׳וויינט די וועלט אויף גרויל פון יידן —
שטאַרק, אָ, גאָט, אונדזערע הענט,
דורות־לאַנג בויען מיר און שמידן,
דורות וויינען אונטער פאַלנדיקע ווענט.

שמאָל דער וועג, טיף דער צער און צאָרן
אומגיין אין גלות אין דער וועלט,
יעדער טראָט אַ בלוטיקער דאָרן
לעשט דאָס ליכט וואָס האָט זיך קוים צעהעלט.

ווינטן צופּן אויס דאָס לייב פון מענטשן,
פיס טרעטן אויס מיט בלוט דעם שווערן גאַנג.
פאַרוואָגלט זיינען אַפילו די וואָס בענקען
נאָך רו פון אונטערגאַנג.

מלכה לי

ליטעראַרישער נאָמען פון מלכה לעאָפּאָלד. געב. 4טן יולי, 1904, אין מאַנאַסטריטש, גאַליציע. אַלס קינד אָנגעהויבן פֿאַרפֿאַסן לידער. געלערנט אין אַ פּוילישער פֿאָלקסשול. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין אונגאַרן, דערנאָך אין ווין. 1918 צוריקגעקומען קיין מאַנאַסטריטש, און אין די טעג פון בירגער־קריג געשריבן אַ סך לידער אויף דייטש. 1921 געקומען קיין אַמעריקע. 1922 זיך דערנענטערט צו דער גרופּע „פּעדער״ און אין דעם זשורנאַל איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן א. קאַרלינס אַ יידישע איבערזעצונג פון אירס אַ דייטש ליד. גלייך איבערגעגאַנגען אויף יידיש און זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט אין: ניי־יידיש, פּעדער, פרייע אַרבעטער שטימע, יידישע שטימע (מעקסיקע), וואָך, יידיש, צוקונפט, יידישע קולטור, סיגנאַל, קינדער־זשורנאַל אויפקום, האַמער, קליינוואַרג, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, יידישע קולטור. איז די פרוי פונעם דיכטער אהרן ראַפּאַפּאָרט. אין בוכפאָרם: „לידער״, אַרויסגעגעבן פון קולטור־געזעלשאַפט צווייג איינס, ניו־יאָרק, 1932, 160 זייטן; „געזאַנגען״, קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג פון „אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן״, 1940, 160 זייטן.

שוין לאַנג איז די נאַטור אין אונדזער פּאָעזיע ניט אַזוי נאַטירלעך פאַרמענטשלעכט געווען, שוין לאַנג האָט זיך ד'ער מענטש ביי אונדז ניט געריסן אַזוי צו דער נאַטור־וועלט, ניט געווען אַזוי נאָענט צו איר, ניט אויסגעדריקט אַזאַ טיפן און אויפריכטיקן וואונטש צו זיין צו איר נעענטער . . . נאַטור און נאַטור־קרעפטן, ליבע, ליידנשאַפט, מוטערשאַפט, געזאַנגען, געוויין — מיר קערן זיך אום אין מלכה ליס לידער צו אָט־די אַלטע, צו אָט־די אייביקע מאָטיוון, מיר געניסן זייער ניט־פאַר־גייענדיקע פרישקייט.

ש. ניגער: „לידער", „צוקונפט", אָקטאָבער, 1932).

שוין לאַנג, ווי אַ לידער־בוך האָט צו מיר ניט גערעדט מיט אַזאַ אָפענער שפּראַך ווי דאָס ניי לידער־בוך פון מלכה לי. אַלע חושים טובלען זיך אָפּ אין אים ווי דער גוף אין קאַלט פרישן וואַסער, ווייל מלכה לי איז אַ שוימענדיקער קוועלנדיקער טאַלאַנט, און איר ליד — אַ פאָנטאַן מיט ליכט, אַ קוואַל מיט געפיל, וואָס שלאָגט פון האַרץ ווי פון אַ באַרג אַרויס.

(יעקב גאָטליב: די דיכטערן, מלכה לי, אַ מערקווירדיקער טאַלאַנט — „די צייט", קאָוונע, סעפט. 20, 1933).

מ. אלגין: דער צושטאנד פון אונדזער רעוואלוציאנערער ליטעראטור אין אמעריקע — „מארגן־פרייהייט", יוני 6, 1937.

יחזקאל א. מ. בראנשטיין: אימפּרעסיעס פון א לייענער — פארלאג צעשינסקי, שיקאגע, 1941, זז. 107—109. זע אויך: יאמב: פון אייגן הויז — „ליד" (לאס־אנדזשעלעס), אפּריל, 1933.

י. ר. ברינמאן: לידער פון מלכה לי — „ליטעראַרישע בלעטער" (ווארשע), נום. 43, 1933.

ב. צ. גאלדבערג: אין ליטערארישן ווינקל — „פרייע ארבעטער שטימע", יאנ. 8, 1926.

ז. וויינפּער: מלכה לי — „יידישע קולטור", פעב.־מערץ, 1941.

משה כיץ: מלכה לי׳ס נייער בוך „געזאנגען" — „מארגן־פרייהייט", דעצ. 22, 1940.

משה נאדיר: פון נעכטן ביז מארגן — „פרייהייט", אפּריל 8, 1926.

ש. ניגער: „לידער" — „די צוקונפט", סעפּט. 1932.

מענדל נייגרעשל, אליעזר שינדלער: קליינע אנטאלאגיע פון דער יידישער ליריק אין גאליציע — ווין, 1936, ז. 24; 46.

י. י. סיגאל: מלכה לי — „קענעדער אדלער" (מאנטרעאל), יוני 11, 1943.

י. י. סיגאל: נייע לידער־זאמלונגען — „קענעדער אדלער (מאנטרעאל), יאנ־ 23, 1933.

ע. קארמאן: יידישע דיכטערינס. אנטאלאגיע. פארלאג ל. מ. שטיין, שיקאגע, 1928, זז. 247—254.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אנטאלאגיע. 1943.

מ ל כ ה   ל י

מלך ראוויטש: יידישע דיכטעריננס — „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), אָקט. 19, 1928.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

מיין יחוס־בריוו

געווידמעט די קדושים פון וואַרשעווער געטאָ

מיין יחוס־בריוו קייטלט זיך דורך דורות.
איך וועל אָנהויבן, מיין קינד, פונעם שורש.
ווער איז געווען מיין עלטער־עלטער־זיידע?
אברהם, וואָס האָט געפירט יצחקן צו דער עקדה.
מיינע עלטער־מאַמעס שרה, רבקה, רחל, לאה.
רחל האָט געהאַט ביי יעקב אָבינו די דעה . . .
זי האָט ביים קוואַל געפיטערט שאָף און רינדער;
און געקלאָגט אויף אירע ניט־געבוירענע קינדער.
און יעקב האָט געדינט פאַר רחלען צוויי מאָל זיבן.
לאה, ווי אַ ווייב, האָט געליטן און געשוויגן . . .
און עמוס איז געווען מיין שטרענגער פעטער,
מיט אַ שטעקן געיאָגט די טריט פון די פאַררעטער.
און רות האָט זיך אין אַ לבנה־נאַכט פאַרלוירן,
אין געזאַנג געוואָרן איבערגעבוירן . . .

מיין קינד, די ליכטיקסטע געשטאַלט פון אַלע
איז געווען די שטאָלצע מאַמע חנה.
זי האָט די זין געהייליקט אין איר גלויבן,
פונעם טויט זיך העכער אויפגעהויבן;
און איוב האָט אין גרויל פון זיינע וואונדן
אין רייד צו גאָט דעם הימל אָנגעצונדן.
און משה אויפן באַרג אין זיין גלות־שליחות
האָט אויסגעברענט דורך בליץ און דונער זיינע לוחות.
און שמשון אין זיין גבורה, דניאל מיט די לייבן —
אין דיין בלוט עס פליסט דער כח פון זייביידן . . .
און דבורה די נביאה, אין קאַמף פאַר אירע ברידער,
מרים מיט די פייקלעך און די יובל־לידער,
דער בעל־שם־טוב אין התפעלות דורך טרערן
האָט געזונגען חסידיש צו די שטערן . . .

מיין יחוס־בריוו, ווי אַ קייט אין רינגען,
אייביק וועט מיין פאָלק זייערע מעשים זינגען . . .
שפינאָזאַ אין אַ נייעם ליכט האָט וועלט באַנומען,
צום אור־פלאַם דורך זיין לערע צוגעקומען;
קאַרל מאַרקס האָט אין ציפערן פאַרבאָרגן
אויסגעשמידט דעם חלום פונעם נייעם מאָרגן;
הייבריך היינע האָט אין דינסטן ציטער
אונדזער פאָלק באַזונגען אין די לידער;
שלום־עליכם, ווי פון אַ קוואַליקן ברונעם,
דאָס יידיש־לשון באַחנט ווי זיבן זונען . . .
קאָנסטו ציילן, קינד מיינס, אָט די שטערן?
מיין יחוס־בריוו גרייכט ביז אַלע ספערן.
און ווען, מיין קינד, וועסט גרעסער ווערן,
זאָלן דיינע מעשים אויך צו זיי געהערן! . . .

:: : ::

צו מיין יחוס־בריוו אַ ניי בלאַט איז צוגעקומען.
עס האָט די צייט נאָך ניט אויסגעשמידט דעם נאָמען . . .
עס איז אויפגעשטאַנען דער צווייטער המן,
פאַר מיין דורותדיקן יחוס ער דאַרשט נקמה . . .
מיין קינד, געדענק אין וואַרשע אָט די ייִדן,
וואָס זייגען אין די געטאָ־ווענט פאַרבליבן . . .
זיי האָבן ניט באַהאַלטן זיך ווי די מאַראַנען —
אין קאַמף געפאַלן אין די געטאָ־פלאַמען . . .
אויף קדוש־השם געשטאָרבן צוזאַמען, —
פונעם אור־שטאַם אָט די העלדן שטאַמען . . .

:: : ::

מיין שטאַם איז גרויס און אייביק אין אַלע צייטן,
מיין יחוס־בריוו קייטלט זיך דורך אייביקייטן.
איך וויל מיין יחוס־בריוו דיר איבערגעבן,
האַלט הייליק די בלעטער דורך דיין גאַנצן לעבן . . .

מלכה לי

שכנים

איך וואוין צווישן שכנים אַ סך,
טיר לעבן טיר, און דאַך לעבן דאַך.

שכנים פון לינק, און שכנים פון רעכט,
שכנים צעטיילט ווי טעג און ווי נעכט . . .

אין טירן אַ סך וואוינט די נויט,
דורך שוויס פון הענט עסט מען דאָס ברויט . . .

און פענצטער זיינען אַ סך דאָ פאַראַן,
יעדער פענצטער פאַר זיך — אַ ים . . .

פענצטער מיט בלומען און קינדערשע קעפּ,
פענצטער פאַרשטעלט מיט לייטערס אויף טרעפּ . . .

און פענצטער ווי גאָלדענע טאַצן מיט ליכט,
וואָס פינקלען מיט זון אין יעדן געזיכט.

און פענצטער באַפינגערט מיט קינדערשע הענט . . .
און פענצטער פאַרמויערט ווי קברים אין ווענט.

און פענצטער מיט זון פון פרי ביז ביינאַכט,
און פענצטער וואָס שפּיגלען בייטאָג אָפּ די נאַכט.

אַ סך פון די שכנים זיינען מיר פרעמד;
מיר קאָנען זיך געבן דורך פענצטער די הענט . . .

פראַגמענטן פון „געזאַנג רות"

שטילערהייט איז רות געקומען,
בועזס געלעגער ביים שייער פאַרנומען . . .

איר לייב מיט פולקייט, ווי זאַנג פאַרן שניט,
מיט צייטיקן גערשטן איר אָטעם צעבליט . . .

אירע ציין — שמעקנדיקע מאַנדלען אויסגעשיילט,
מיט נעגל־וואַסער ראָזע שטיינדלעך געפיילט . . .

בועז האָט לויכטנדיק צום שייער געגנעט —
איבער זיין קאָפּ לבנה צעהעלט . . .

מיט געזונטע און ערדישע טריט,
מיט שלאָף און מיט וויין אין יעדן גליד . . .

הימל האָט מיט אָפענע אויגן געדרימלט —
רות דורכזיכטיק מיט שטערן צעבלימלט . . .

די גאַרבן, ווי געבונדענע מיידלעך פאַרקלעמט,
מיט זילבערנע האָר פון לבנה צעקעמט . . .

רות מיט נאַכט און לבנה אין העמד
האָט צופוסנס זיין געלעגער געזענט . . .

שאַקאַלן האָבן אין שטילקייט געקלאָגט
און די שטילקייט האָט אַזוי געזאָגט:

לייז מיך אויס, בועז!
טויט האָט פליגל אויסגעשפרייט,
מיך פון מאַן צעשיידט . . .

לייז אויס געשטאָרבענעם
פון מיין זאָמען,
שטעל אויף זיין נאָמען . . .

מיין לייב איז מיט מאַן
פאַרקניפּט אין אַ קייט —
טויט האָט אונדז צעשיידט . . .

מיין לייב איז חורבן —
אָטעמט אַלע ווינטן
בין מיט טויט פאַרבונדן . . .
לייז אויס מיין שטאַם,
וואָס האָט פון אייגענער ערד
זיך אָפּגעקערט . . .

לייז אויס, בועז!
מיינע אויגן דורכגעווייקט
מיט נאַכט
מיד, מיין גוף ווי פון אַ שלאַכט...
געגאַנגען אי זרות אַזוי מיד,
אין די טריט פאַרפלאָנטערט אַ ליד...

צו וועמען איז רות איצט אַ ווייב?
פוןביידן צעשיידט איר לייב . . .

צו וועמען געהערן די הענט?
זשאַר פון נאַכט אין זיי ברענט . . .

צו וועמען געהערן די פיס?
געשאָנקען צו אַ נאַכטיקן ריז . . .

זיין דער ווינט — אָן אַ פנים
קרייזן זיך דורך ווינקלען פיר.
זיין די פרוכטבאַרקייט, דער זאָמען,
זיין אייביקייט — דורך איין באַריר . . .

זיין דער רויש פון נאַכט אין וועלדער,
זיין דער אורשפרונג — זיין דער שטאַם.
זיין דער בליץ אויף שוואַרצע פעלדער;
זיין דער שייטער — זיין דער פלאַם!

זיין דער האָניק — דער גיפט פון בינען,
זיין דער שוואונג — און אָן אַ זין.
ווי אַ שטראַל פאַרלירן זיך — געפינען
און מער ניט וויסן ווער איך בין . . .

זאָל דורך אויגן מיינע זון אויפגיין.
זיין דער וואָלקן צעשפּילט אין רויט —
און אינעם אויסגעשריי פון פאַרגיין
זיין דער קוש פון טויט . . .

אָ ק ס ן

אויפן מאַרק האָבן סוחרים אָנגעטריבן אָקסן
מיט הערנער — אַ וואַלד פון געשרייען,
ווי די בערג, קאָפּ אויף קאָפּ איבערגעוואָקסן,
העלדזער ווילן זיך פון חלפים באַפרייען . . .

הבאָן אָקסן מיט געבריל שטאָט געוועקט:
אַ געיאָמער האָט דעם מאַרגן פאַרפלייצט . . .
האָבן אָקסן אויף דער ערד זיך אויסגעשטרעקט,
אין דער לופטן האָבן חלפים זיך געקרייצט . . .

אין דרויסן אַ געפילדער, אַ געבריל —
אָקסן האָבן איינגעביסן זיך אין אָקסן,
מיט די פיס פאַראויס אין אַ רויטן שפּיל,
ציין אין פעלן — אָקס מיט אָקס פאַרוואָקסן . . .

די זון — אַ רויטע טוך צעפּאַכט;
אָקסן מיט רויטע צינגער אין געלויף.
די זון איבער קלויסטער־דעכער פאַכט און פאַכט,
שפּרינגען אָקסן מיט הערנער צעצונדענע אַרויף . . .

קויפט פּאַפּיראָסן!

פּאַפּיראָסן! פּאַפּיראָסן!
קלינגט מיין שטים דורך גאַסן,
מיט אויגן נעבלדיק פאַרצויגן.
קויפט! קויפט! קויפט!

יאָגן פוקסן זיך — קאַזאַקן,
און פּאַדקאָוועס, ווי די קאַסעס,
שניידן קלאַנגען אַזוי ווי זאַנגען;
קויפט! קויפט! פּאַפּיראָסן!

טאַנצט קאָזאַק מיט פערד אין ראָד,
שפרינג איך צו אין קאַראַהאָד —
גלעט די פעל מיט פחד שטילן,
ווי איך גלעט מיין זיידנס תפילין —
מיינע אויגן בעטן — בעטן:
קויפט! קויפט! ציגאַרעטן . . .

קוקט קאָזאַק מיט לייבן אויגן,
בריט מיין קערפער ווי מיט שפיזן,
שאַרפט מיט מעסערס דורך מיין לייב;
דורך מיין צוגעדעקטן קלייד
שלינגט ער, שלינגט ער נאַקעטערהייט . . .
שיילט אַרונטער מיט דער הויט
גלידער פלאַמען רויט—רויט—רויט—
מענטשן, גאַסן, קאַראַהאָד,
און איך נאַקעט אין אַ ראָד . . .

און די אויגן בעטן — בעטן —
קויפט, קויפט, ציגאַרעטן!
פראַלט קאָזאַק געלעכטער אויס,
אַזוי ווי וועש מען פראַלט פון טייך אַרויס.
כאַ—כאַ—כאַ—
כאַ—כאַ—כאַ—
טי שטשע מאַלענקאַ!
טי שטשע מאַלענקאַ!

מ. נאַקס

אַמעריקאַניזירטער נאָמען פון מרדכי אהרן קנאָך. זון פון אשר אַנשל נ.; געב. דעם 29טן דעצ., 1899, אין בערוועצאָקווע, לעבן האָמעל, ווייסרוסלאַנד. קינדהייט געוואוינט אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון טשערניגאָווער גובערניע (אוקראַינע), שפּעטער אין ראָגאַטשעוו, מאָהילעווער גובערניע. געלערנט אין חדרים מתוקנים און צוויי זמנים אין דער ראָגאַטשעווער ישיבה. פּריוואַט געלערנט וועלט־לעכע לימודים. 1913 געקומען קיין אַמעריקע, און געוואוינט אין ניו־הייווען, קאָנ., וואו אין די אָוונטן געלערנט אין האַי־סקול און ביי פּריוואַטע לערער. וואוינט אין נוואַרק, נ. דזש. 1922 דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין „פרייהייט”. זיך באַטייליקט אין: יידישע שטימע (נוואַרק), די צוקונפט, ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע), דער טאָג, יידישער קעמפער, אויפקום, יידיש, פרייע אַרבעטער שטימע. 1925 אַרויסגעגעבן און רעדאַקטירט די ליטעראַרישע זאַמלהעפטן „אונדזער ווינקל”, נוואַרק.

ניט איינמאָל באַוויין איך

ניט איינמאָל באַוויין איך, אָ פאָלק מיין, דיין גורל,
צו ווערן געררודפט, געמאַטערט אָן סוף . . .
דאָס האַרץ איז צעריסן, עס פלאַמיקט אין ווייטיק,
און ס'פייניקט מיין זעל פון אייגענער שטראָף.

נאָר שטאָלץ זיי, מיין פאָלק, אין דיין טרויער געהייבן,
געפורעמט האָסט אין זיך דעם צלם פון גאָט;
און ליבע געטראָגן פאַר אַלע בן־אָדמס,
ווען אַנדערע האָבן אַזוי ערדיש געשפּאָט.

אין שעהן פון צווייפל, פון יאוש און חשבון,
פאַרשעם ניט דיין אָפּבילד אין היכל פון גאָט:
דאָרט ליכטיקט ווי תמיד דער ליכט־זייל פון אמת
און ליבע געבענטשט מיט הייליקן טראָט.

אין די לידער מיינע

אין די לידער מיינע —
אומעטיקע פריירים,
איינזאַם שלענגלט זיך אַ זאַמדיק שליאַך.
און אַ ניגון פון אַן אויסגעבויגן בוימל
הייבט זיך וויגנדיק פאַרטראַכט.
ס'ציען טעג דאָרט וואָלקנדיק פאַרבענקטע,
קיל און טרויעריק פאַלט צו די נאַכט.
אין באַגינען, ביי די זוימען בלויע,
ברענט שטיל־פלאַמיק אויף אַ פאַס.

סוף־זומער

דער זומער איז פאַרביי —
נאָר ערגעץ וויגט זיך נאָך אַ ניט־דערזונגען ניגון.
עס פלאַטערט וועלקנדיק אַ בלאַט
איינגעהאָרבעט אין זיין עלנט.
און אין דער לופטן זיפט זיך דינער הויך פון אומעט.
אויף קילע טרעפּן פון דעם האַרבסט
ליגן הויפנווייז צעשאָטן
יונגע, אָפּגעשטאָרבענע בליטן . . .

מ. נאַקס

האַרבסט

האַרבסט. אַ דינער אומעט ציט זיך אויף די גאַסן
שווייגנדיק אין לעצטן אויסהויך פאַר דעם טויט.
און אַ ניגון הייבט זיך, טראָגט זיך פון דערווייטנס,
און אַ ווינטל שטיל צעווײנט זיך און פאַרווייט.

בלעטער פאַלן. פאַרוואונדעטע אוזאָרן
לעשן מיד זיך אויף דעם שטויביקן אַספאַלט . . .
פון דער הויך די זון וואַרפט קאַלטע, רייפע שטראַלן,
און באַלייט מיט גלייכגילט יעדן בלאַט וואָס פאַלט.

אין האַרבסטיקן טאָג

די זון איז היינט אַן אומעטיקע אויפגעגאַנגען,
דורך דינעם נעפּל קיל באַלויכטן גאַסן, פאַרק און שטאָט.
דער ווינט האָט רייסנדיק געוואָרפן בלעטער פון די צווייגן
און פייגל האָבן אומרואיק געהייבן זיך פון אָרט צו אָרט.

עס האָט מיך טרויער אַ ניט־דאַאיקער געפאַנגען,
ווי דעמעד שטילקייט וואָלט געטונקלט סודיק אין געמיט;
און וועלטן זיינען אין פאַרנאַכטן אייביקע פאַרגאַנגען,
ווי ערגעץ וואָלט פאַרקלונגען וואו דאָס לעצטע לעבנס־ליד.

איך זע דיך גאָט . . .

איך זע דיך גאָט אין שטילן רויש פון בלעטער
אין העלן וואָלקנדל וואָס ציט זיך ערגעץ וואו;
אין ברום פון ים, אין ווירבלווינט און וויכער,
אין דינסטן הויך פון זוניק־אויסגעשטראַלטער רו.

איך זע דיך גאָט אין לאָנקע, פעלד און קווייטן,
אין יעדן פאַלד און זוים פון כוואַליעדיקן רוים;
אין באַרג און טאָל און זריעהדיקע בייטן,
אין יעדן נאַקעטן און אויסגעהוילטן בוים.

איך זע דיך גאָט אין שמייכל פון דעם מאָרגן,
אין בלויען תהום פון נאַכט פאַרטרויערט און צעזייט;
אין צוק פון וויי, אין צאַרטן טריף פון לעבן,
אין אַלץ וואָס קומט, און לייכט, און צאַנקט אין קלעם פון טויט.

בוך פיר: 1924–1926

אבא שטאָלצענבערג

מאיר שטיקער

בער גרין

כאַסיע קופּערמאַן

מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

י. א. ווייסמאַן

י. ל. טעלער

מאיר סעגאַל

אבא שטאָלצענבערג



אברהם אבאָ, זון פון בעריש ש.; געב. דעם 1טן אָקטאָבער, 1905 אין גליניאַני, לעמבערגער קרייז, מזרח־גאַליציע. געלערנט צוערשט אין חדר און דערנאָך אין דער באַראָן הירש שול, שפּעטער אין דער טאָרנער גימנאַזיע. 1923 געקומען קיין אַמעריקע. 1924 דעביוטירט אין „יונג־קוזניע”. זיך באַטייליקט אין: אינדזל, צוקונפט, יידישע קולטור. אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „פּיילן” (דריי נומערן, 1928־1929) אינאיינעם מיט א. טאַבאַטשניק, מאיר שטיקער און ח. נ. פישערמאַן. געשטאָרבן דעם 28טן פעברואַר, 1941. אין בוכפאָרם: „לידער”, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו־יאָרק (1941), 144 זייטן. (דערשינען אין לעצטן טאָג פון זיין לעבן).

ל. באיאן: „המשך”—זאמלבוך 3 — „די שטימע (מעקסיקא), מאי 30, 1943.

מ. באסין: אמעריקאנער יידישע פאעזיע. אנטאלאגיע (ניו־יארק, 1940), זז. 581—592.

נ. י. גאטליב: א וויכטיקער ליטעראַרישער זאמלבוד — „קענעדער אדלער” (מאנטרעאל), דעצ. 22, 1940.

יעקב גלאנץ: דער פּאעט פון נעפלדיקן לאנד — „דער וועג” (מעקסיקא), מערץ 22, 1941.

אבא שטאָלצענבערג

ז. וויינפער: אבא שטאָלצענבערג — „יידישע קולטור“, מאַי־יוני, 1941.

בעריש ווײַנשטיין: מײַן חבר, דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער אבא שטאָל־צענבערג — „פרייע ארבעטער שטימע“, מערץ 31, 1941.

ש. טענענבוים: לידער ווי פרעסקאָס — „יידישער קוריער“ (שיקאַגע), נאָוו. 23, 1941.

ש. טענענבוים: אבא שטאָלצענבערג — „יידישער קוריער“ (שיקאַגע), מערץ 12, 1941 (אויך אין „יידישע וועלט“ (פילאַדעלפיע), מערץ 16, 1941.

ש. טענענבוים: די פּאָעזיע פון דריטן ב. „המשך“ — „יידישער קוריער“ (שיקאַגע), מערץ 22, 1942.

ש. טענענבוים: אין געזעלשאַפט פון דיכטער — „יידישער קוריער“ (שי־קאַגע), אָקט. 18, 1942.

פ. טשערנער: אויפן פרישן קבר פון אבא שטאָלצענבערג — „מאָרגן־פרייהייט“, מערץ 9, 1941.

יצחק ליבמאַן: אבא שטאָלצענבערג — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, מערץ 7, 1941.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל“, אַפּריל 15, 1942.

ג. מנחם [מ. ג. גלעזן]: „המשך“ — „הדואר“, ז׳ אייר, תשר"ב (אַפּריל 14, 1942).

משה נאַדיר: די קענאַן סטריט ליטעראַטור־גרופּע — „טינט און פּעדער“ (די נייסטע ווערק — אַרויסגעגעבן פון אידביורא, 1936), זז. 59—64.

ש. ניגער: נייע דערציילונגען, נייע לידער — „טאָג“, אַפּריל 11, 1942.

ש. ניגער: אבא שטאָלצענבערג — „טאָג“, מאַי 3, 1941.

א. פּאָמעראַנץ: אבא שטאָלצענבערג און די שוואַרצע מוזיקאַנטן — „מאָרגן־פרייהייט“, מערץ 30, 1941.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אַנטאָלאָגיע. 1943.

י. קירשענבוים: גליניאַנע — מאָרגן־זשורנאַל“, מאַי 17, 1943.

ב. ריווקין: אבא שטאָלצענבערג, דער טעם־זוכער און באַטעמטער — „פרייע ארבעטער שטימע“, מאַי 23, 1941.

ב. ריווקין: וועגן אבא שטאָלצענבערג — „יידישער קעמפער“, אָקט. 24, 1941.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער“, 1942.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — פערטער באַנד — ווילנע 1929, זז. 571—572.

שלום שטערן: א טרער אויפן פרישן קבר פון אבא שטאָלצענבערג — „קאַ־נאַדער וואָכנבלאַט“, מערץ 13, 1941.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

מיט ניט קיין אויסגעברענטן, מיט ניט קיין אויסגעלאָ־נעם פייער איז שטאָלצענבערג אַוועק פון זיינע לידער, פון זיין לעבן. מיר וויסן ניט ווי שטאַרק וואָלט זיך זיין פייער צעפלאַ־קערט, ווען ער זאָל לעבן לענגער. עס איז אָבער קיין שום ספק

ניטאָ, אַז ער האָט פאַרמאָגט זיין אייגענעם פייער, זיין אייגן ליכט, — „ניט געבאָרגט, ניט געגנבעט ביי קיינעם", און דאָס איז דאָך דער עיקר. — — — פאָלקס־פרימיטיוו און קונסט־ראַפינירטקייט — אויף אָט־די צוויי וואָגשאָלן וויגט זיך שטאָל־צענבערגס פּאָעזיע. אַמאָל וועגט איבער די פאָלקס־ירושה, און אַמאָל די אייגנאַרטיקייט פונעם איך־דיכטער. ווער ווייס — ווען דאָס ליד פון זיין לעבן וואָלט ניט איבערגעריסן געוואָרן אַזוי פרי — ווער ווייס, אפשר וואָלט ער געקומען צו אַ גלייכגע־וויכט? ער איז געשטאָרבן איידער ער האָט עס דערגרייכט. האָט ער זיך געוואָקלט צווישן די ריסן פון זיין אינדיווידועלן איך און דער גאַנצקייט פון זיין פאָלקס־ירושה — געוואָקלט זיך צווישן די דיסהאַרמאָניש־אורבאַניסטישע איינדרוקן פון זיינע זיבעצן נוי־יאָרקער יאָרן און די האַרמאָנישע נאַטור־איינדרוקן פון זיינע ערשטע זיבעצן יאָר אין גאַליציע.

(ש. ניגער: אבאַ שטאָלצענבערג — „טאָג", מאַי 3, 1941).

פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן

גערדיכטער נעפל, צעגיי פאַר מיינע אויגן,
גרויסער ים, דו רוק זיך אָפּ.
שטעט און לענדער, שווינדט, ווערט הינטער מיר פאַרפלויגן,
שווינדלדיקע צייט, שטעל זיך אָפּ.

שטעל זיך אָפּ און רוק צוריק דעם ווייזער.
און פאַרהאַלט זיך אויף אַ פריטיק אינדערפרי.
שוואַלבן האָבן אויפגעזוכט די נעסטן אויף די הייזער,
דער בוזשיק האָט זיין היים דערקענט אין פלי.

די בלאָטע טריקנט פון שמעקעדיקן ווינט,
דער שולטייך און דער מילטייך האָבן אויסגעגאָסן.
דורך שמאָלע ריוועס בלאָטיק וואַסער רינט,
ביי וועגן האָבן בלינדע בלומען אויפגעשאָסן.

אין ליקן שפּילט די זון, דאָס טייג אין מולטערס יערט,
פלייש ליגט אויסגעזאַלצן אויף די טרייגלעך.
פון שלייפראָד שפּריצן פונקען, דער אַלטער גערטנער שערט
פון פערשקע ביימלעך אָפּ די טויטע צווייגלעך.

לאַזשע שלעפּט זיך לאַנג שוין פון דער פרעמד,
שיך אויף אַקסל, בלייכער פון אַ שיין.

ער שווענקט די פיס אין פּאָסע, לויזט דאָס העמד,
לייגט זיך נאַזנדיק אין גראָז און דרימלט איין.

פּאָר זיינע אויגן שטייען פעלדער שויטן,
מיט וויינפּערלעך די קאָרטשעס אָפּגעשיט,
בעז און יאַסמין הענגען איבער פּלויטן,
פון אַקאַציעס נאָגט ער שטרענגלעך צוויט.

פון דאַנען וועט אים גאָרנישט מער פאַרטרייבן.
נישט קיין שלאַכט און נישט קיין הונגער, נישט קיין אונטערגאַנג.
ווען פייגל וועלן ציען — וועט ער בלייבן
און חלומען פון מאַלינעס אין פּאָליש אויף דער באַנק.

פון דאַנען האָט מיין מזל מיך פאַרטריבן
איידער ס'איז נאָך אויפגעגאַנגען, וואָס איך האָב פאַרזייט;
וואָס ס'איז אויפגעגאַנגען האָט אַן אַנדערער געקליבן,
די ווערבע האָט די ריטער אויפן וואַסער אויסגעשפּרייט.

חלום כנען

20טער פעברואַר 1909

ווי אַזוי קען מען קומען אין לאַנד כנען? —
אין חלום איז לייכט אַהין צו קומען.
נישט קיין שרעק פאַרן טערק, נישט קיין שיף, נישט קיין באַן —
אַ שישקע פון אַ ברויט און אַן עפּל גענומען,

אַריבערגעלאָפן דעם גאָרטן, אַריבערגעשפּאַנט אַ פעלד,
אַריבערגעקראָכן אַ פּלויט, אַריבערגעקלעטערט אַ מויער,
כ'שטעל אויף דעם קאָלנער פון רעקל, פון ירדן ציט אַ קעלט,
כ'זעץ זיך אַביסל אַנידער אויף אַ בערגל זאַמד ביי אַ טויער.

ס'פאָרן דורך ישמעאלים און ציען מיר אָפּ דאָס קאַשקעטל.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי און פאַל אַריין אין אַ קעלער.
פלעשער מיט סאָרפּ אויף דער ערד, יוסף אויף אַ הילצערן בעטל,
צוויי שלאַנגען שפּילן אויף צימבל, אויפן דיל אַ בעטלער אַ געלער.

ווי אין חלום שווינדלט דער קעלער, צוויי זעגן שטייען און זעגן,
אין מדבר, נישט ווייט פון בית אל, איבער אַ קופּע מיט שטיינער.

אין דרויסן זיצט מוטער רחל — זי זעט מיך און גייט מיר אַקעגן,
ס׳בלענדט אויף איר קאָפּ די פאַטשיילע, ס׳בלאַנקט דער פאַרטוך
דער ריינער.

זי קאַכט אָפּ הירזש מיט האָניק, זי גיט מיר מעד צו טרינקען,
זי בענטשט מיך פאַרן אַוועקגיין און גיט מיר אויף קאַרשן צו קויפן.
ס׳לאָזט זיך אַ שאַרפער האָגל, די שיך אין ליים אַריין זינקען,
ווער ווייסט צי כ׳וועל מיטן לעבן פון דאַנען קענען אַנטלויפן.

ווי שאָטנס גייען מרגלים מיט הענגלעך טרויבן אויף שטאַנגען.
מיין האַרץ בויערט דורך אַ געבריל, די האָר שטעלן אויף זיך קאַפּויער.
ס׳לאַכט מיר אין פנים אַ לייב, — ער מעסט מיטן קאָפּ צו דערלאַנגען...
איך דרימל מיט אָפענע אויגן אויף אַ בערגל זאַמד ביי אַ טויער.

ס׳פליען פייגל אַהיים, ס׳הויבט זיך אָן שוין דער זומער.
איך לאָז זיך לויפן נאָך זיי, זיי ווייזן דעם וועג מיר פון אויבן.
אין שטאָט, נעבן באָקל זיצט שוין דער בעטלער דער קרומער,
ס׳פלאַטערן טויבן אויף דעכער, די זון האָט פאַרגאָסן די שויבן.

אָ ק ס ן

אָקסן אויף יאַרידים מיט גרעזנעדיקע טריט —
די לעצטע נאַכט אין שטאַל געווען, די לעצטע נאַכט אין קאַרעטע
געטרונקען.
אַ באָרוויסער שטייט אָנגעגרייט דער טרייבער.

ווער וועט אייך קויפן, אָקסן? ווער אָנטאָן יאָך־שטאַנגען,
ווער פירן צו שחיטה? ווער שטעלן שוואַרצע חופּות —
אייך, צו וועלכע מ׳האָט קיינמאָל ניט געפירט אייערע שוועסטער.

מיט צעגליטע זיגלען צייכנט מען אייך, אָקסן,
איר זאָלט ניט פאַרלירן זיך אויף גריבערדיקע וועגן —
דער טרייבער דאַרף אָפּגעבן אייער צאָל!

און אַז מ׳קלעפּט אָן קוויטלעך און איר רירט זיך פונעם אָרט —
ריטשען ניט די, וועלכע מ׳צילעט אַרויף אויף האָקע,
און די וועמענס זייטן טרעגערס אין יאַטקע טראָגן.

ווייל יתומים זענט איר און אויפגעכאָוועט אין פרעמדע שטאַלן —
און אייער רעווען אויף די מיסטן האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען.

אָקסן, מיט שוואַרצע קעפּ און מיט אויגן פול צער —
קיין שניי איז איבער אייך נישט געפאַלן מיט ווייסן פאַרדעק,
און קיין קאַלינע נישט רויט געוואָרן.
וואוהין זענט איר אַוועק?

איך זאָל זיין דער טרייבער, וואָלט איך געגאַנגען מיט אייך
פון דאָרף צו דאָרף און פון שטאָט צו שטאָט,
און גערעוועט מיט אייך אינאיינעם ביינאַכט:
טויט קומט, טויט! —
פאַרוואָס־זשע אונדז פאַר דער צייט?

ערשטער מאַי 1908

דער פעטער אין אַ קאַפּעלוש פון דער פוילישער היסטאָריע,
האַלב פּלוש, האַלב טוך, מיט שפּיצן און מיט קראַפּן.
די מומע מיט אַ פנימל ווי אַ פּלעקל פראַנקס ציקאָריע,
לאָזן זיך אין שטאָט אַריין אַביסל תענוג כאַפּן.

זיי קערן אום זיך, פּרוּווון, צי די טיר איז גוט פאַרשלאָסן
און גייען אָפּ פון זייער הויז מיט אַ געמיט אַ שווערן.
כ׳געדענק נישט, צי כ׳האָב די וואָזאַנעס היינט באַגאָסן,
דער קאַלענדאַר שרייבט, אַז היינט וועט כמאַרנע ווערן.

וואָס דאַרף מען גיין — מ׳קען זיך זעצן אויף אַ באַנק און הערן
דעם אונגאַרישן טראָמבאַטש בלאָזן אין טרומייטער.
קוק, צי ד׳האָסט דאָס טייסטערל, איך הער נישט אויף צו קלערן,
אַז דורכן בוידעם קען מען זיך דערבייוען מיט אַ לייטער.

לאָמיר גיין אין צירקוס — כ׳וויל זען קאָמעדיאַנטן,
שמיגוסן און מוצקין און די דראָטנטענצער.
כ׳וויל זען לייבן, טיגריסן, קעמלען און העלפאַנטן,
דעם שוואַרצן מעסער־וואַרפער אין פּאָפּעלאָטן ועסטל־שפּענצער.

קום בעסער אין פּאַנאָפּטיקום, כ׳וויל דורך שפּאַקטיוון קוקן,
אפשר וועל איך זיך דערזען אין באַסניע צווישן די אולאַנער.

איך האָב אַמאָל געלערנט צו אונדזער קייזער זיך צו בוקן,
די ליידאַקעס, די באָסניאַקעס, די האַלבע מאַכמעדאַנער.

פאַרליר זיך בישט אין שטופּעניש, — ס'קומען אָן די צעכן,
פאַראויס אין גלאַנציקע צעלינדערס גייען קומענקערערס,
פּייערלעשער שפּילן מוזיק, בלעכערס לישען אין די בלעכן.
מיט רויטע פאָנען שפּאַנען די גאַלערס און די שערערס.

זייגערמאַכערס טראָגן שילדן, פּיאַקערניקעס זינגען,
דראַגונער פליען, ס'ווערט אַזש פינצטער פאַר די אויגן,
אַ כמאַרע האָט זיך אָפּגעריסן, טויזנט גלעקער קלינגען,
געלויבט איז גאָט, וואָס די פאַראַדע האָט שוין אָפּגעצויגן.

וואָס האָבן מיר געהאַט פון אומגיין און פון קוקן,
מ'האָט אונדז געשטופּט, מ'האָט אונדז פאַרשטעלט, די פיס געטרעטן.
אַז כ'נעם אַראָפּ די שלייקעס, גלייך איך אויס דעם רוקן.
אַ מענטש דאַרף גאָט פאַר רו און שטילקייט בעטן.

צוקער אָפּ אַ גלעזל וואַסער, נעם אַביסל קאָניאַק אויף די ליפּן,
פאַרלעש דעם לאָמפּ און לאָמיר שלאָפן גיין.
פון שטייפן מידער האָב איך בישט קיין גאַנצע ריפּן.
אין אַ גלעזל וואַסער שווימען צוויי געביסן ציין.

אַ בריוו צו דער מאַמען

8טער פעברואַר 1908

פאַרוואָס האָסטו פאַרשיקט מיך אין דער פרעמד
און געהייסן ביי דיין ברודער וואוינען?
איך שלאָף אויף דר'ערד און קויטיק איז מיין העמד,
און פאַרן גוטן עסן זאָל אים גאָט באַלוינען.
באָך ערגער פון אַ שטיפקינד בין איך אין זיין שטוב,
זאָלסט הערן ווי ער רופט מיך מיט די ערגסטע נעמען,
אַז כ'עפן אויף די טיר, עפנט זיך אַ גרוב.
וואָס דערלאָזטו, אַז מ'זאָל אַזוי דיין קינד פאַרשעמען?
און בישט נאָר ער איז שלעכט, זיין ווייב איז ווי אַ שלאַנג,
מיאוס ווי אַ סאָווע און ווי אַ בוזשיק לאַנג,
גויאישע רציחה ליגט אין אירע אויגן,

איר מויל, ווי אַ האַרמאָניק, באַלד שמאָל, באַלד אויסגעצויגן.
און נישט נאָר זי איז שלעכט, די גאַנצע שטאָט איז סדום,
הייזער־יידן טרייבט מען דאָ מיט שטעקנס.
פון שפייעכץ קאַרגט מען דאָ אַ דורשטיקן דעם שוים,
אַ הונגעריקן גיסט מען אָפּ מיט פולע בעקנס.
פאַרוואָס האָסטו פאַרשיקט מיך אין דער פרעמד,
געהייסן גיין אין שול, כ'זאָל נישט קיין פלאַץ־יונג ווערן.
שקצימלעך און יינגלעך, די פאַרכלעך צוגעקעמט
און היצעלס־פּראָפעסאָרן, ס'פּאַסט זיי אָפּטריטס קערן.
אָנצוקוקן זייערע מאָרדעס, איינצוזאַפּן זייערע רייד
און שטיין אויף זייער רוף ווי אַ זעלנער אויסגעצויגן.
נאָכצוזאָגן וואָס אין זייערע ביכלעך שטייט
און אויסצושטיין דעם אָנבליק פונעם יויזל מיט די שליעפּע אויגן.

צום שולטייך גייט אַ מיידל פּראַלען גרעט

צום שולטייך גייט אַ מיידל פּראַלען גרעט.
די שטיפמאַמע איז שלעכט, די שטיפמאַמע איז שלעכט.
זי פּאַטשט די העמדער אויפן גליטשיקן ברעט,
די שטיפמאַמע איז שלעכט, די שטיפמאַמע איז שלעכט.

זי שווענקט די ציכן און זי דרייט זיי אויס,
דאָס וואַסער רייסט, דאָס וואַסער רייסט,
און רייסט אַ ציך איר פון דער האַנט אַרויס.
דאָס וואַסער רייסט, דאָס וואַסער רייסט.

זי שטייט אין אַנגסטן און זי ברעכט די הענט,
אוי, ס'איז איר נאַס, אוי, ס'איז איר קאַלט.
ס'טראָגט די ציך זיך אויפן הויכן וואַסער
און איז שוין נאָך דער בריק, און איז שוין ביי דעם וואַלד.

מיט וואַסער תּירוץ וועט זי גיין אַהיים,
די ציך איז ווייט, די ציך איז ווייט.
זי וואַרפט דאָס גרעט אַנידער ביי דער טיר
און גייט דינען צו פרעמדע לייט.

רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך

רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך
ער זאָל וואַכן איבער מיין טאָכטער טאָג און נאַכט.

אַזויפיל שרעקן לויערן פאַרנאַכט,
פון אַלע ווינקלען לויערן שלעכטע זאַכן.
זאָל דיין מלאך איבער מיין טאָכטער שטיין
ווי אַ געטרייער היטער זאָל ער זי באַוואַכן.

רבונו של עולם, שיק אַ גוטן מלאך
ער זאָל וואַכן איבער מיין וויב טאָג און נאַכט,
זי זאָל קיינמאָל טרויעריק נישט זיין פאַרנאַכט.
שרעטעלעך זאָלן העלפן אַלץ אין קיך,
און זי זאָל זיין גוט און פרום, און זי זאָל ליבן דיך
ווי בראַנציע די צדיקות. — זאָל איר האַרץ זיין ריין,
זי זאָל פועלן ביי דיר מיט אירע רייד,
און זאָלסט זיך צוהערן צו איר געוויין.

און איבער מיר וואַך דו אַליין,
איך זאָל קענען מענטשן אין די אויגן קוקן,
איך זאָל קענען זיכער אויף די גאַסן גיין.
ווייל אַז דו נעמט אַראָפּ דיין אויג פון מיר,
ווער איך נישטיק ווי שטויב, און ווי אַ מילבל קליין.

דער טויט פון שטרויענעם ריטער

פון קאַשטנביימער פאַלן בלעטער,
און קאַלינעס זיינען רויט ווי בלוט.
ס'גייט דאָס גנעדיקע פריילין מיט איר מאַן שפּאַצירן,
און זיכער איר האַנט אין זיין אָרעם רוט.

ס'טרוקנט די בלאָטע און ס'נעמט אַ פראָסט,
דער ווינט האָט די גאַסן אויסגעקערט.
דער שטרויענער ריטער קומט צוריק,
צו שטאַרבן אויף דער אייגענער ערד.

ווערטער דורך טרערן און לאַנגע נעכט,
גאָט, גיב נישט קיין וואַסער און גיב נישט קיין ברויט.
נאָר לאָז מיר איבער מיינע אויגן,
נאָך איינמאָל צו זען זי פאַרן טויט.

ער גייט ווי אין אַ שווערן חלום,
און האַלט דעם קאָפּ זיך צו מיט די הענט.
די אויגן זיינע מיט בלוט פאַרלאָפן
און זיינע ליפּן פאַרברענט.

ער הערט איר קול ווי דורך אַ נעפּל,
און האָט אין גאַנג זי אָנגערירט.
שטערן צינדן זיך אים אין די אויגן.
דאָס בלוט אין די אָדערן פרירט.

ס'טליען אין קלויז די יאָרצייט לאָמפּן,
געלעכטערס הילכן אויפן שפּאַציר.
אויף אַ האַרטער באַנק ליגט דער שטרויענער ריטער,
מיטן פּנים צו דער וואַנט, מיט די פיס צו דער טיר.

צום ערשטן מנין קומען יידן
און נעצן די הענט אין נאַסן גראָז.
צום פערטן מנין קומען יידן
און לייגן צוויי פעדערן צו צו זיין נאָז.

דאָס גנעדיקע פריילין טוט אָן אַ שאַל,
די אויגן פון טרערן ווערן גרויס.
זי גייט נאָכן קאַסטן אַזוי צעבראָכן,
ווי אַן אַלטע יידענע זעט זי אויס.

זי שטעלט זיך אַנידער ביים אָפענעם גרוב:
„קיין פאַרענטפערונג וועל איך נישט האָבן."
זי שטרעקט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג:
„מיט אים זאָלט איר מיך באַגראָבן."

פון קאַשטנביימער פאַלן בלעטער
און קאַלינעס זיינען רויט ווי בלוט.
אונטער אַ בערגל פרישן ליים
דער שטרויענער ריטער רוט.

פון שטרויענעם ריטער איז אַ קופערט
מיט ביכער און בריוו געבליבן.
די ביכער האָבן די רוסן צעריסן,
פון די בריוו האָב איך לידער געשריבן.

מאיר שטיקער

זון פון אברהם ש.; געב. דעם 4טן אויגוסט 1905, אין בויבערקע, גאַליציע. ביזן אויס־ברוך פון דער ערש־טער וועלט־מלחמה גע־לערנט אין אַן עסטרייכיש־פּוילישער פֿאָלקסשול און אין חדר. גע־וואוינט אין ווין און דייטש־בעמען ביזן סוף קריג און דערנאָך צו־ריקגעפֿאָרן אַהיים. 1920 געקומען קיין אַמעריקע, וואו דער פֿאָטער האָט זיך געפֿונען זינט 1914. געלערנט אין פּאָבליק סקול און האַי־סקול. 1924 דעביוטירט אין „יונג־קוזניע" (צוזאַמען מיטן באָענטסטן חבר אַבאָ שטאָלצענבערג). זיך באַטייליקט אין אינדזל, שריפֿטן, די צוקונפֿט, פֿרייע אַרבעטער שטימע, יידישער קעמפּער, המשך, סטודיאָ א.א. אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „פּיילן" (דריי נומערן, 1928—1929) אײנײנעם מיט אַבאָ שטאָלצענבערג און אברהם טאַבאַטשניק. פֿאַר־עפֿנטלעכט איבערדיכטונגען פֿון דער דייטשער און פֿראַנצויזישער ליריק, און פֿון אַלטמעקסיקאַנער, כינעזישע, יאַפּאַנישע און עגיפּטישע הימנעס. אין בוכפֿאָרם: „לידער", פֿאַרלאַג אַמעריקע, 1945. 128 זייטן.

ל. באיאן: „המשך" — זאמלבוך 3 — „די שטימע" (מעקסיקא), מאי 30, 1942.
נ. י. גאטליב: א וויכטיקער ליטעראַרישער זאמלבוך — „קענעדער אדלער" (מאנטרעאל), דעצ. 22, 1940.

ש. טענענבוים: די פּאָעזיע פון דריטן ב. „המשך" — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מערץ 22, 1942.

ש. טענענבוים: פּראַגנסים זשאַם (מאיר שטיקערס ייד. איבערזעצונגען) — „די שטימע" (מעקסיקאָ), מערץ 27, 1943.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אפּריל 15, 1942.

ג. מנחם [מ. ג. גלען]: „המשך" — „הדואר", ז' אייר, תש"ב (אפּריל 24, 1942).

משה נאַדיר: די קענאָן סטריט ליטעראַטור גרופּע — „טינט און פּעדער" (די נייעסטע ווערק, ארויסגעגעבן פון אידביורא, 1936), ז. 59—64.

ש. ניגער: נייע דערציילונגען, נייע לידער — „טאָג" אפּריל 11, 1942.

מענדל נייגרעשל, אליעזר שינדלער: קליינע אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליריק אין גאַליציע . . . ווין 1936, ז. 41; 47.

די פיינקייט פון מאיר שטיקערס פאָלקס־טאָן . . . די דער־מאָנטע פערזן האָבן מיך פאַראינטערעסירט גאָר באַזונדער שטאַרק.

(ש. ניגער: ל. שאַפּיראָס „סטודיאָ" — „טאָג", סעפּט. 9, 1934).

מיין יחוס

אָ פידלער, נעמט די ווילדע פידלען סטראַיען!
אָ פייקלער, שלעפּ די פּויק אַרויס פון זאַק!
כ'בין ניט קיין לוי, איך בין ניט קיין כהן —
איך בין ווי אַלע ישראלים אַ פּראָסטאַק!

מיין טאַטנס טאַטע איז געוועזן אַ חיט,
מיין מאַמעס איז אַ קצב בן קצבים.
קלאַרנעטער, זאָג, וואָס האָסטו זיך פאַרטאַיעט?
פאַרהאָניע די נגידים ווי די כלבים!

ווי קעכינס, וועלכע ווייסן וואָס אַ גוטע קיך איז
און ווי דער אַלטער וואַסערטרעגער זיינע קאַנען,
אויסגעבונדן בין איך אין מיין יחוס —
העכער, העכער לישעט באַראַבאַנען!

כ'געדענק נאָך ווי עס איז אַ הונגעריקער
און אויסגעבויגן ווי אַ קאַרקנציער —
מיין אַלטער זיידע, זישא מרדכי שטיקער,
געשטאַנען פאַרן שטאָטישן גביר.

צעווייִנט זיך, פּלייטן, יאָמערלעכער כליפּעט!
נאָך וואָס, נאָך וועמען האָב איך איצט צו בענקען?
אָ, גראָבע טרובע,וואָס האָסטו זיך צעכריפּעט?
ס'איז ביטער, ביטער, ביטער דאָס געדענקען!

אויפן טויט פון אבאָ שטאָלצענבערג

אונטער דער טיר לויערט דער גזלן —
צו זיין ביקס איז צוגעשרויפט אַ שפּיז.
מיין חבר ליגט אין בעט און גוסס'ט
און אין דער גסיסה הערט ער: שיס!

זיין פּנים איז ברודיק ווי דאָס ליילעך,
זיין נאָז פאַרשפּיצט ווי אַ שאַרפע רוט.
די ליפּן וואָס זייַנען געווען זייַנע,
זייַנען ליפּן אָן אַ טראָפּן בלוט.

דער ווינטערווינט צעעפנט די פענסטער
און פאַרבלאָזט אויפן בעט אַ פּאָר זערנעס שניי.
מיין חבר עפנט אויף די אויגן
און די אויערן זייַנע הערן: גיי!

ער וואַרפט אַוועק דאָס ברודיקע ליילעך,
ער שטעלט אַראָפּ די פיס אויפן דיל,
ער שפּאַנט אַרויס דורכן אָפענעם פענסטער —
דער ווינט איז פּלוצים געבליבן שטיל.

ער טרעט אויפן שניי ווי אויף סטעזשקעס בלומען —
ווי אַ דערשאָסענער הונט איז דער ווינט איצט שטום —
נאָר אין זייַנע אויערן הערט ער זשומען
דעם גזלנס ווערטער: קער זיך אום!

ער זעט צום ערשטן מאָל דעם גזלן,
ער זעט די ביקס מיט דער גיפטיקער שפּיז.
ער זעט צום צווייטן מאָל דעם גזלן
און עס ברעכן זיך אונטער אים די פיס.

דער גזלן קומט נענטער, נענטער, נענטער —
מיין חבר מאַכט די אויגן צו.
אָ לאָז מיך קושן דיין פראָסטיק פּנים,
אָ לאָז מיך שטאַרבן אַזוי ווי דו.

מאיר שטיקער

באַלאַדע פון מיינע צוויי פעטערס

מיין פעטער שמעון איז געגאַנגען פאַרדריפּעט,
מיין פעטער וואָלף האָט געלעבט פון פּראָצענט.
שמעונס ווייב האָט געוויינט און געכליפּעט
און טאָג ווי נאַכט געבראָכן די הענט.

מיין פעטער שמעון האָט געהאַט צוויי טעכטער,
מיין פעטער וואָלף האָט געהאַט צוויי זין,
איז איינער פון צווייטן געוועזן שלעכטער
און יעדן ווינטער געפאָרן קיין ווין.

פון ווין האָבן זיי אַהיימגעבראַכט ווייבער,
מיט שמאָלע טאַליעס און בלאָנדע האָר.
שמעון איז געוואָרן אַ שמאַטע קלייבער
און וואָלף אַלץ רייכער פון יאָר צו יאָר.

שמעונס טעכטער ווערן עלטער און בלאַסער
און ייִנגער די בלאָנדע ווייבער פון ווין.
זיי טרינקען וויין מיט זעלצערוואַסער
און שלאָפן אין העמדער פון קרעפּ דע שין.

זיי פאָרן אין ברישקעס אין דערוואַכן
און שבת רייטן זיי אויף פערד.
שמעונס ווייב ווערט איינגעבראָכן,
שמעונס טעכטער ווערן פאַרצערט.

מיין פעטער וואָלף האָט די זאַטע יאָרן
געשעפּט ווי וואַסער מיט אַ גאָלדענער קוואָרט.
צו פערציק יאָר איז אַ וואָגן געפאָרן
און שמעונען געפירט אויפן הייליקן אָרט.

אין הקדש זיינען שמעונס טעכטער,
זייערע קעפּ זיינען ווייס ווי דער ווייסער שניי.
אָ גאָט, וואָס ביזטו אַזאַ שלעכטער
געווען צו שמעונען און צו זיי?

דער גאָלדענער זינגער

(פאַר בוניע צון)

נאַקעטע זריבעס; וואָרנדיקער קלויסטערשפּיץ.
באָדיקעס און ווילדגראָז טרויערן.
וואו זיינען אַלע שיינע מויערן,
דער שולדאַך, די טשאַטע טויבן
און די שאַרלאַכבלעטער פון די ווילדע טרויבן
ביי חיים נגיד׳ס בלישטשענדיקע שויבן?

וואו איז דער שולהויף און וואו איז הערש דער לאַנגער
און וואו אָ, וואו איז פראָים פּאָגלפאַנגער?
וואו די תכריכים וואָס זיין מוטער האָט גענייט
מיט אַ פּראָסטיקער נאָדל און מיט הייסע פינגער —
די אַלטע מוטער און איר זון דער זינגער?

וואו זיינען די יינגלעך מיט די פּאַפּירענע טשאַקעס און הילצערנע
זעבלעז,
מיט טשערעפּלעך, מיט גראַצערס און מיט קנעפּ?
וואו זיינען די יינגלעך מיטן געלן אויסשיט אויף די קעפּ,
די יעפּרייטערס, די צוגפירערס און די פעלדוועבלען?
וואו זיינען די אויסגעקעכלטע, — אין סאַמעטקראַגנדלעך,
אין היטלעך ווי מאַטראָסן, —
וואָס האָבן פאַרבאָרגענערהייט געכאַפּט אַ שלוק פון דאַמענפּאַפּיראָסן?
וואו איז פויטאַש מיטן גלעזערנעם אויג און אויסגעדרייטע שיך
און וואו אָ וואו איז פראָים פּאָגלפאַנגער מיט זיין פליך?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער
וואָס זיין שם האָט ווי אַ ווילד געוויקס זיך שיין צעבליט
אין קראָקע, אין פשעמיש, אין טאַרנאָפּאָל,
און מיטגעגאַנגען מיטן בעטלער אויפן יאַריד,
און מיטגעגאַנגען מיטן פאַסטוך אין טאָל?

וואו איז ער וואו, דער גאָלדענער זינגער,
וואָס האָט ווי בערל בראָדער אויסגעמאָסטן דאָרף און שטאָט,
געשטאָרבן פון הונגער, גענעכטיקט אין באָד
און גערופן די וועלט — „מיין גינגאָלדענער ראָד"?

וואו זיינען זיינע לידער — „מיינע האַרציקע זין״? —
וואָס מיידלעך פלעגן זינגען ביי דער זינגערמאַשין,
פרייטיק אויף די דילן ביים גביר
און שבת אויפן פּעקאַליק און ביים שפּאַציר?

* * *

אָ, פראַים פאַגלפאַנגער, גאָלדענער זינגער,
וועלכער בית־עולם באַהאַלט דיין געביין?
איך שרייב דאָס ליד מיט ציטריקע פינגער,
זאָל מען עס לעזן אָן שטילן געוויין.

בלוט און טרערן

(י. ל. טעלער׳ן)

אין אַזאַ אָוונט אָטעמט שווער דער ווינט,
שטערן שיילן זיך ווי בליטן.
די לבנה האָט אַן אומזעבאַרע האַנט אויף העלפט צעשניטן
און יונגע מיידלעך גייען אום אין בלוט און טרערן.
די מאַמעס וואַרטשען שטיל: — פאַרשאָלטן זאָל דער אָוונט ווערן,
מיר געדענקען אים נאָך גוט.
איצט וועלקט ער ווי אַ טונקלע בלום אין אונדזער בלוט.
איצט בליט די רויז אין אונדזער טאָכטערס בלוטנדיקער שויס.

די מיידלעך גייען אום אין בלוט און טרערן —
זיי וועלן אויך אַמאָל ווי מיר פאַרלאָשן ווערן.

באַלאַדע פון מיין באָבען אויף דער עלטער

(א)

מיין באָבע האָט איבערגעלאָזט דעם זיידע
ווען זי איז אַלט געווען זיבעציק יאָר
און אינמיטן מאַרק, בפני כל עם ועדה,
אומגעגאַנגען אין די אייגענע האָר.

דער זיידע האָט געוויינט און געקלאַפּט דעם שטערן
אין די גראָבע ווענט פון דער טשאַרטקעווער קלויז.
זי האָט חוזק געמאַכט פון זיינע טרערן
און אים איבערגעלאָזט אַן אייגן הויז.

די בערדיקע סוחרים אין די קלייטן
האָבן איר נאָכגעקוקט מיט שפּאָט און שפּאַס —
נאָר דאָס עלטסטע אייניקל האָט געוואָגט באַגלייטן
די שטאָלצע באָבע פון גאַס צו גאַס.

מיט אַ געהויבענעם קאָפּ און אַ ווירדיקער מינע
האָט זי געציילט די טריט אויפן טראָטואַר
און אַנטקעגנגעטראָגן שנאה דער שנאה
פון יעדן אָפּגעריסענעם נאַר.

אויפן געפּאָלדעוועטן האַלדז אַ שנור פאַרביקע קרעלן
און אַ האַלב טוץ רינגען אויף ביידע הענט —
ווי ביי אַ ייִנגער כלה וואָס וויל געפעלן
האָט איר אַלטער שטערן געבליט און געבלענדט
ווען זי האָט אײַנגעמאָנט ביי געוועלבן און שטעלן
איר וועכנטלעכע צוויי פּראָצענט.

דער שגץ פון דאָרף און דאָס ייִנגל פון חדר,
דער אָרימאַן, דער שלעפּער און דער גביר,
דער דיין, דער הקדש־ייִד און דער בעדער
האָבן געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויף איר.

זי האָט פאַרשיקט אין דער ווייט אירע זין און טעכטער
און איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין.
אויס מורא זי זאָל ניט ווערן לייטיש געלעכטער
איז זי אײַנגעשרומפּן ווי אַ וואָרצל כריין.

נאָר אין איין אויפדערנאַכט האָט זי פאַרבונדן
אַ קלומיק מיט אַ דינעם שטריק —
און אזוי אָרום פון שטאָט פאַרשוואונדן
און קיינמאָל ניט געקומען צוריק.

(ב)

פון אַ בריוו וואָס זי האָט מיט יאָרן שפּעטער
געשריבן צום דיין, איר געשוועסטערקינד:
— „מיינע טעג פליען ווי פאַרוויאַנעטע בלעטער,
געיאָגט פון אַ שאַרפן, שפּעט האַרבסטיקן ווינט.

ווייט פון דער היים קלויב איך זיך שטאַרבן —
מיינע יאָר אויף דער גרעניץ פון אַכטן טוץ.
זאָלן די אַרימעלייט פונעם הקדש אַרבן
מיין איבערגעבליבן האָב און גוטס.

דער שוואַרצער חנה׳ן: די פאַרצערעוועטע זאָקן.
לאה־העניטשעס: די פאַרלאַטעטע שיך,
און אַלע וואָס האָבן זיך פאַר מיר געשראָקן:
די צעטשערפּעטע טעפּ און טעלער פון קיך.

נאָר די לעפל־גאָפּל וואָס זיינען פאַרזשאַווערט
פון ליגן אין שופלאָד אומבאַרירט:
דיין ווייב וואָס האָט זיך מיט מיר געחברט
און מיידלוויייז מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט.

אויך מיין שטערנטיכל, אַלט ווי דאָס גלות,
דעם האַרטן מיידלשן גאָרסעט,
דעם פּעלץ מיט די אויסגעקראָכענע פּאָלעס,
די טוכלע ציכן פונעם איבערבעט.

אויך דאָס שייטל וואָס האָט געגערט מיין צאָרן,
און דעם עלטסטן עדות פון מיין צער:
דאָס קלייד אין וועלכן כ׳בין אַ כלה געוואָרן
און געשטאַנען פאַר דער שטאָט ווי אַ נאַקעטער נאַר.

אויך דעם סידור, דעם טייטשחומש און די תחינה —
אויב עס איז נאָך עפּעס פאַרבליבן פון זיי —
שענק איך איר אָן קנאה־שנאה,
און מיט אַ געוויסן ריין ווי שניי.

און דיינע צוויי פאַרזויערטע שוועסטער:
די פעדערן פון מיין ווינטער הוט.
זאָל גאָט מיך שטראָפן אויב איך לעסטער
און לאָך פון מיין אייגן פלייש און בלוט.

אויך לאָז איך איבער פאַר זיי ביידן
אַ פאַרקלאַפּטן קופערט מיט אונטערוועש.
איך וועל צוגרייטן שטולן פאַר זיי אין גן־עדן
מיט פוסבענקלעך פון געשייערטן מעש.

איצט פיבער איך אויף מיין געלעגער,
עס ווערט מיר קאַלט, עס ווערט מיר הייס.
וואָס וועל איך לאָזן דעם וואַסערטרעגער?
איך וועל אים שענקען קאַנען פון מיין פראָסטיקן שוויס.

זאָל ער זיי צעטראָגן אין אַלע שטיבער
און אָנפילן די פעסער ביז צום ראַנד —
זאָל ווי אַן אונטערגאַנג זיך שפּרייטן מיין פיבער
איבער דער לענג פון שטאָט, איבער דער ברייט פון לאַנד.״

בער גרין

ליטעראַרישער נאָמען פון איציק גרינבערג, זון פון אברהם ג.; געב. דעם 18טן אַפּריל 1901 (ט׳ו ניסן תרס״א) אין יאַרוגע, יאַמפּאָלער ראַיאָן, וויניצער געגנט, אוקראַינע. געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע העברעאישע און רוסישע לערערס, דערנאָך אין דער מאָהילעוו־פּאָדאָלסקער קאָמערץ שול. 1923 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. 1929 געענדיקט דעם ברוקלינער קאַלעדזש פאַר יוריספּרודענץ. ייִנגלוויז געדרוקט לידער אין „הפּרחים״. 1924 דעביוטירט אויף יידיש אין „פּעדער״. זיך באַטייליקט אין: פרייהייט, אויפקום, ניילעבן, יוגנט, פונק, נייערד (בועָנאָס־איירעס), יידישע קולטור, היים און דערציאונג. האָט רעדאַקטירט „ק אַ מ ף״ (וואָכנשריפט, טאָראָנטאָ); איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון: יונג־קוזניע, יוניאָן סקווער, ס י ג נ אַ ל, און פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „האַמער״. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־פרייהייט״. אין בוכפאָרם: „בלומען אונטערן שניי״, פאַרלאַג „סיגנאַל״ מיט דער מיטהילף פון דאון טאון איקאָר, 1939, 110 זייטן; „נפתלי באָטווין״ (צו זיין 10טן יאָרצייט), פאַרלאַג יידישע ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, 1935, 48 זייטן.

אנאנים: פייערלעכער אוונט דורכגעפירט לכבוד דער דערשיינונג פון בער גרינס בוך לידער — „מארגן־פרייהייט", אפריל 25, 1939.

וויליאם אייבראמס: א פארדינטע פייערונג פאר א פיינעם דיכטער — „מארגן־פרייהייט", אפריל 30, 1939.

מ. אלגין: די יונגע יידישע רעוואלוציאנערע דיכטונג אין אמעריקע — „האמער", דעצ. 1930.

מ. אלגין: דער איצטיקער צושטאנד פון דער רעוואלוציאנערער יידישער ליטעראטור אין אמעריקע — „מארגן־פרייהייט", מאי 16, 1937.

[מ. אלגין]: אלגינס לעצטע רעדע וועגן ליטעראטור — „מארגן־פרייהייט", דעצ. 3, 1939.

י. ב. ביילין: אנטאלאגיע „די היינטצייטיקע פראלעטארישע ליטעראטור אין אמעריקע" — „סיגנאל", דעצ. 1933.

משה כיז: בער גרינס „בלומעז אונטער שניי" — „מארגן־פרייהייט", אפריל 23, 1939.

ל. כאנוקאוו: בער גרינס ערשטע לידער־זאמלונג — „האמער", יולי 1939.

א. פאמעראנץ: „פראלעטפען". זז. 49—50; 230—231.

בער גרין . . . איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אינעם פּראָלעטאַרישן גייסט אין אַמעריקע. אַלס אַזעלכער האָט ער געהאָלפן אויסשמידן די נייע יידישע שפּראַך אַלס אינסטרומענט פון רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע. אין זיין שפּראַך און סטיל איז פאַראַן אַן אָפענער פּראָטעסט קעגן דער אַלטער „פּאָעטישקייט" פון די סימבאָליסטן און „יונגע" בכלל. זיין שפּראַך איז דירעקט, קלאָר, קרעפטיק. זיינע אימאַזשן זיינען מערסטנס גענומען פון דער גרויסשטאָט. די טעמאַטיק איז רייך: אויסערגעוויינלעכע מאָמענטן פון קלאַסן־קאָנפליקטן, ווי סטרייקס, הונגער־מאַרשן, קאַמף קעגן אַרבעטלאָזיקייט, האָט ער אויך געשאַפן אַ גרויסע צאָל פּאָעמען וועגן קריג און וועגן העלדן פון רעוואָלוציע. איז געווען איינער פון די ערשטע אַריינצוברענגען אין דער יידישער פּאָעזיע די טעמעס וועגן אינדיאַנער, מעקסיקאַנער, נעגערס, ציגיינער. האָט אויך איבערגעדיכטעט אויף יידיש אַ סך לידער פון אַנדערע פעלקער. האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע סעריע לידער וועגן נעגערלעבן אין האַרלעם.

בער גרינס לידער האָבן אַ ברייטקייט, אַ פול־קלאַנגיקייט און אַ באַזונדערע עכטקייט. זיי דערנענטערן זיך צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם און צו פּראָלעטאַרישער פּשטות.

(מ. אַלגין: דער איצטיקער צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, „מאָרגן־פרייהייט", מאַי 16, 1937).

בער גרין

טאַטע

טאַטע מײַנער — בלויז אַ סימבאָל.
װען מײַן שטערן איז אױפֿגעגאַנגען —
האָט זיך דײַן שטערן פֿאַרלאָשן.
אויף אַלע װענט געזוכט דײַן בילד,
אויף אַלע ביכער־טאָװלען — דײַן האַנטשריפֿט,
אין מײַנע אויגן אין בלוט געזוכט — דיך.
האָב איך העגט און פּיס געבלעטערט און געקומען —
צו דײַן מצבֿה.
ליכטיק־אומעטיק האָבן װאַרעמע אותיות
„אַברהם"
געװײנט אויף אַ שטײן.

גראָז און דערנער האָבן געשפּראָצט פֿון טויטע לעבנס,
געשטראַלט און געאָבלט.
אַרום — מצבֿות, לעבנס, חלומות, אײביקײט.
צװישן קבֿרים, מתים און קלײנע פֿאַרשניטענע קינדער
האָסטו אומרויִק גערוט און געצערט.
געצערט אויף אײגענעם לעבן און — אויף קינדער.
מיט טרערן האָב איך געװאַשן דעם נאָמען —
אַברהם —
און געפֿאַלן אין אָנמאַכט פֿאַר מײַן שטאַם,
פֿאַר מײַן סוף.

טאַטע!
דײַן פּנים
האָב איך קײנמאָל ניט געזען.
איך זע אָבער דײַן צער אין
מײַנע אויגן,
איך פֿיל דײַנע װײטיקן אין
מײַן בלוט.
אָ, טאַטע —
װען װעלן אויגן מײַנע אױפֿשטראַלן
פֿאַרן ליכט פֿון דײַן פּנים?

מ אַ מ ע

מײנע הענט געשטרעקט,
שטילקײט געגראַבלט מיט געװײן—
ביזט אין שטוב ניט געװען.

כ׳שטרעק מײנע הענט צו דיר.
כ׳„װײן אַרויף צו דיר —
איז אמת, ביזט אויף דער
װעלט נישטאָ?

אַן אָפּגעריסן בלעטל פון דײן צװײַג,
װײן איך אויף געשטאָרבענעם צװײג.
צװײג
האָט געבליט און געגרינט —
װי איך,
צװײג
האָט בלעטלעך געחלומט,
צװײג
האָט חלומות געלעבט, —
צװײג
איז אָפּגעבראָכן פון בוים,
בלעטלעך — יתומים
אויף ערד צעשפּרײט.
ערגעץ אויף דער װעלט
צװישן דאָרן און בוים —
אַ שטײן.
אונטער שטײן —
אַ האַרץ.
מײן מאַמעס האַרץ.
אַרום — טויטס פּאַלאַץ.
אין געפּענגעניש בײ טויט —
מײן מאַמע.
יעדע נאַכט
גײט־אויף דורך שטײן
אַ װײסער, שטילער געבעט:
פאַר קינדער פאַריתומטע,
און אַ שטומע קלאָג:
פאַר טעג ניט־אויסגעלעבטע.

געפאַלן אַ מענטש בײ דער אַרבעט

די װאַרעמקײט פון פינגער
ציטערן נאָך אויף שויבן
און פירט־אַרײן די זון אין שטוב
װי אַ ליכטיק גלויבן.

אין פרעמדע פענצטער געצונדן זונען
און פרישע טעג;
איצט ליגט ער הענט צעשפּרײט
אינמיטן װעג;
ס׳לעשט די זון זיך אין זײנע אויגן
מיט לעצטן רויט,
און ס׳גײט־אויף װי שקיעה אויף שויבן
אַ בלינדער טויט.

קוליען זיך יונגע יאָרן אין רויטע פאַרבן.
די זאַפטן פון לעבן צעגאָסן אויף שטיין —
טריפן פענצטער אַראָפּ
מיט ליכט און געוויין.

ליגט אויף שטיינער אַ לעבן פאַרלאָשן.
אַן אַרבעטער געווען. פרעמדע פענצטער געוואַשן.
ליכטיקייט פון הענט
אויף אויסגעפוצטע שויבן
וואַרעמט נאָך און בלענדט.

בלוטיקער מאָנטיק

(צו אַ נעגער־ברודער)

דיין בליק האָב איך היינט באַגעגנט,
און אין האַרצן האָט מיר געטאָן אַ שניט:
כ'האָב דערזען אַ שוואַרצן געשענדעטן ייד
אויף בלוט־געהייליקטע וואָגל־וועגן.

דיין בליק האָט שאַרף געשטראָפט: ד ע ט ר אָ י ט ,
און איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר מיין ווייסער הויט.

ווי אַ פלאַמיקע קויל געגליט האָט דיין בליק און געפרעגט:
בין איך אין מיין אייגן לאַנד אינדערפרעמד,
צי איז דער בלוטיקער מאָנטיק בלויז אַ שוואַרצער פלעק
אויף אַ פרישן העמד, אויף אַ פרישן העמד?

אַ פלעק, אַ פלעק אויף אַ פרישן העמד;
איך האָב אויף דיר געקוקט און האָב זיך פאַרשעמט.

געמאָלן האָט דיין יתומדיקער בליק:
אַ מאַגנאָליע־בוים, אַ שטייפן שטריק.
פאַרשעמט אויף דיין אַקסל האָט זיך מיין ווייסע האַנט —
פאַר שאַנד פון דעטראָיט, פאַר צער פון אונדזער לאַנד.

רויטע רובינען אויף אַספאַלט פון דעטראָיט,
פינקלען וועט איר אויף אונדזער פאָן אין שלאַכט קעגן טויט!

דער געשריי פון בלוט

איבער שטורמישע שטראָמען פון ים
רופט צו מיר מיין שטאַם.
עס שרייט צו מיר דאָס בלוט פון מיינע ברידער,
עס שרייט זייער בלוט פון דער ערד.
עס שרייען קדושים, עס רופן צעהאַקטע גלידער,
עס יאָמערן אַשיקע גופים, עס קלאָגן פאַרסמאַליעטע בערד.

דאָס בלוט — עס ברויזט און קאָכט און זידט
און גליט אין מיין יעדן גליד.

דורכן בלוט זיי שרייען,
די קדושים, די פאַרפייניקטע,
מי באש ומי במים.

איך הער דעם רוף
פון מיין זיידנס גוף:
„בלוט פאַר בלוט און טויט פאַר טויט!"

„נקמה פאַר דיינע שוועסטער!" —
רופן די פאַרבלוטיקטע כוואַליעס פונעם דניעסטער.

שונאס בלוט מוז ווי טייכן שטראָמען
און אָפּוואַשן זיינע פוסטריט פון לאַנד.
הייליק איז נקמה
און געבענטשט איז די האַנט,
וואָס צאָלט.

געבענטשט זיי, בליצנדיק שטאָל
פון שאַרפער, פלאַמיקער שווערד,
וואָס שליידערט נאַצי־קאָפּ אין שטויב פון דער ערד.

איך דאַנק דעם טאַנקיסט,
וואָס צעשטויבט נאַצי־ביינער אונטער שטאָלענע פיס.
און דיר אַ דאַנק,
דו טאַנק.
צי קאָן נאָך זיין אַ שענער געזאַנג,
ווי דיין מעכטיקער, טויטלעכער גאַנג?

בער גרין

דאָס בלוט ניט רוט
אַפּילו איין מינוט.
דאָס בלוט וועט שרייען
ביז אָפּגעמעקט וועט ווערן נאַצי־חיה.

האַרץ מיינס, „בלוט פאַר בלוט" איז איצט דיין פאָן,
לעבן מיינס, קעגן שונאַ שיס זיך אויף ווי די קויל פון אַ קאַנאָן!

הער, אַ וועלט, דערהער,
דאָס געשריי פון בלוט,
דעם קרעכץ פון ערד!

רעגן

די זאַנגען־ליפּלעך זיינען טרוקן פון דאַרשט,
און די ערד איז צעלייגט אַ פאַרשמאַכטע,
ווי אַ שוואַנגערדיקע יונגע מאַמע.
דיינע אויגן — ווי תפילות — גליען צו די וואָלקנס.
דיינע הענט — ווי וואַנדערער אין מדבר —
שטרעקן זיך צום ערשטן טראָפּן.
שוין — ס'טראָפּנט. ברכה טראָפּנט.

ס'ליד פון זריעה־צייט

מיר זייען, מיר זייען, מיר זייען:
אונדזער ברויט. אונדזער זון. אונדזער זומער.
מיר זייען־פאַרזייען דעם היינט: ס'ברויט פון לעבן.
מיר באַהעפטן זיך מיט ערד.

מי — אונדזער מי, זאָמען — אונדזערע זאָמען, באַפרוכפּערט די ערד!
מי — אונדזער מי, אויפגעריכט וועסטו ווערן: אויפשיינען
דורך גריבע כוואַליעדיקע ברויטן אויף פעלד,
דורך געזעטיקטע אַרבעטער־ברידער אין שטאָט און דאָרף.

מיר זייען. מיר זייען. מיר זייען:
אונדזער גוייך. אונדזער לבנה. אונדזער ווינטער.
מיר זייען־פאַרזייען דעם מאָרגן: ווייך פון לעבן.
מיר באַהעפטן זיך מיט זון.

שטעטל מיינסביים דניעסטער

איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געוויינט,
שטעטעלע, מיין שטעטעלע, מיין ליבע היים;
טייער איז מיר דיין יעדער שטיין,
טייער יעדעס שטיבעלע פון ליים.

איך האָב קריעה געריסן אויף מיין הויט,
מיט ביטערע טרערן געוויינט;
ניין, דו ביזט ניט טויט,
לייב מיינס, ביין פון מיין געביין.

ניין, איך גלויב ניט — עס לעבט דיין עדה,
שטעטעלע מיינס, היים פון מיין טאַטע און זיידע;
איר לעבט, איר לעבט, ברידער מיינע, שוועסטער,
אין שטעטעלע מיינעם ביים דניעסטער.

טויט? גיכער וועלן מיינע אויערן טויבן
איידער איך וועל דאָס גלויבן.
ניין, דו ביזט ניט פאַרשוואונדן,
אויף אייביק, וויג מיינע, בין איך מיט דיר פאַרבונדן.

שטעטעלע מיינס פנים פון מיין פנים,
ווי איז מיר פאַר דיין יעדן געסל.
פאַר יעדן טראָפּן בלוט וועלן מיר מאָנען,
דיינע קדושים וועלן מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

כאַסיע קופּערמאַן

טאָכטער פון אפרים ק.; געב. דעם 2טן פעב. 1907 אין ניו־יאָרק. געלערנט אין אַ תלמוד תורה, דערנאָך אין די נאַציאָנאַל־ ראַדיקאַלע און אַרבעטער רינג שולן, מיטלשול און לערער־קורסן. געענדיקט האַנטער־קאַלעדזש אין 1927. 1928 געקראָגן דעם מאַגיסטער־טיטל פון קאָלאָמביאַ־אוניווערזיטעט. 1933 געקראָגן פון דעם זעלביקן אוני־ווערזיטעט דעם טיטל דאָקטאָר־פילאָסאָפיע פאַר איר דעסערטאַציע, אַן עסטעטישן אַנאַליז פון מאַלאַרמעס פּאָעזיע. 1924 דעביוטירט אין „פרייע אַרבעטער שטימע". זיך באַטייליקט אין 1925, 1926, אונדזער בוך, אינ־זיך, באַדן, קערן. געדרוקט לידער, דערציילונגען און עסייען אין ענגליש. אין בוכפאָרם: „יאַגד", פאַרלאַג „זון", 1929, 78 ז.;
The Aesthetics of Stephane Melarme. The Koffein Press, 1933, 301 pp.
איז די פרוי פון נ. ב. מינקאָוו.

מ. ל. ה. [משה לייב האַלפּערן] : „יאגד" — „וואָד", אָקט. 18, 1929.

י. א. ווייסמאַן: פאַרצייכענונגען — „אינזיך", אויג. 1934.

ק. מרמר: צווישן שרייבער און ביכער — „פרייהייט", נאָוו. 4, 1928.

ע. קאַרמאַן: יידישע דיכטערינס אַנטאָלאָגיע. פאַרלאַג ל. מ. שטיין, שיקאַגע, 1928, זז. 276—278; 352.

זלמן רייזען: לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור — דריטער באַנד. ווילנע, 1929, ז. 611.

דעמערונג

בלוי־שאַרפע ברעגן פון שטאָלענע גאַסן
זינגען פון צערטלעכקייט.
בלוי־שאַרפע ברעגן —
זיי וויסן פון בענקשאַפט, פון אומעט אין זילבערנע טעג.

פאַרנאַכט —
עס קומען טויטע וואָלקנס צו אַ בלויען ברעג.
עס קומען נעפּלען, הינטער־וואָלקנס, פון אַ ווייטן וועג.

פאַרנאַכט —
לבנה־שיין —
אין הימל בלישטשעט טוי אויף שטאָל
און אַלץ טראָגט קילן שיין פון שטיל געוויין,
פון אומגליק.

פאַרנאַכט —
איך שטיי ביים בלויען ברעג פון גאַס
און וואַרט —
אויף דיר,
אויף אַלץ — און אַלץ איז שטאָל.

שפורן

אָ, וואַנזין פון טויטע דעלוזיעס,
דאָס קלאָגן נאָך זאַמדיקע טריט,
נאָך דעם סאַמעט פון גאַר־לעצטע בליקן,
וואָס האָבן מיין שווייגן גערירט!

כ׳האָב פאַרלאָשן די ווילדסטע אימאָציעס,
דערמאָנט זיך אָן שרעקלעכסטן טרייסט,
מיט מורא געגאַרט צו פאַרגעסן
נערוועזע און ביטערע רייד.

ווי ליגנס, וואָס האָבן געציטערט,
אויף ליפּן אין ועספּער־עקסטאַז,
די פּלוצימע שאַרפקייט פון אָנזאָג
איז פיינלעך און אמת און מילד.

כאַסיע קופּערמאַן

הימנען

ווי אַ גרויזאַמער שליח,
פּלוצים אַנטפּלעקט,
אין נאַקעטסטער שבועה,
אין מאָרגן־שטערן רויט —

פלאַטערט דורך תהומען
אין לאַנגזאַמער שטילקייט
אַ נאַכטפויגלס קלאַג־ליד —

וואַכט אויף אין מיר
דיין געפּייניקטער צוזאַג,
צום וויפלטסטן מאָל?

שוועב איך פון פעלדזן
דורך זינקענדע הימנען
צום שרעקלעכן טאָל.

גרויזאַמע הויכן

מאַרמאָרנע פעלדזן אין טרוימען,
איר געדולדיקע שטאַמען,
איר מעכטיקע הויכן,
דער סערף זאָל פאַרשניידן די נאַקעטע זילבן פון פּלוצימדיק ליד.

מייעסטעטישע לענדן, —
ווייסע פעלדזן וואָס קניען פאַר מיר
אין דער שרעקלעכסטער שעה ווען פרייד ווערט געוויין!
אַ גליקלעכער אָנזאָג,
וואָס ווייסטו פון טאָטן,
פון פרעמדסטע געפילן,
ווען גאָלדענער שיין
אויף די מעכטיקע שטאַמען
איז פּליסיקע זון
און
פאַרראַט?

פּיעראָ — נ. ב. מ.

דער וועג פון די פּייער־קאַמעטן,
וואָס רייסט זיך פון הימל־געוועלב,
שלייפט דורך די שטאָלענע וואָלקנס
און פאַלט ביי דעם ציכטיקן סוף.

דערהויבן אין שחיטה פון שפּורן,
אין נזירשאַפט וואַכט איצט אַ האַרף

און שמייכלט פון זיכערע שאַנסן,
וואָס וועקן־אויף שנאה צום נאַר.

ווען שפּערלינגען פאַלן צו טויען
ביים פוס פון געטעמפּלטן באַרג,
בענקען פאַרגליווערטע אויגן
נאָך אַן איינזאַמען וועג־ווייזערס רוף.

שטאָלענע
שעהען געווידמעט
צום טאָג וואָס פאַרראָט יעדעס ליד,
פאַרצווייפלונג צעפּעדימט אין אומעט,
און אומעט —
דער רייטער
צום
זיג.

קראַנק

דער שאָטן מיט גאָלדענע אויגן ליגט שטייף;
די תפילות פאַרלעשן זיך, איינציקוויז, שטיל,
ביי די ראַמען פון מויל וואָס איז בלוי־פאַרצעליי.

דער וועכטער וואָס שטייט ביי דער זייט פון זיין האַר,
בענטשט די רו און דעם דעמער וואָס שוועבן פאַרביי.

דאָס בעט, אָט דער גרויער אַלטאַר,
שטייט אַליין אין דעם טעמפּל, דעם ברייטן, דעם וויסטן,
און וויגט זיך מיט נאַכטפאַל — ווי ריזיקע פליגלען
וואָס גוסן,
צאַפּלען.

דער קראַנקער איז בעפל — געקליבן פון ווייט־ווייטסטע ווינקלען,
אַ שאָטן־געשטאַלט פון אַ מענטשן
וואָס שטאַרבט.

און די אויגן — אָ, גאָלדענער פייער,
וואָס ציטערט,

כאַסיע קופּערמאַן

וואָס גליט
דורך די נעגל פון הייליקן וועכטער!

און געוועלטיקט אַ חלום אין אים,
ווערט ער שטיין.
עס דרינגט דורך אים דורך
דער פרעמדער, דער ריזיקער שאָטן.

די תפלות פאַרלעשן זיך איינציקווייז, שטיל,
ביי די ראַמען פון מויל וואָס איז בלוי־פאָרצעליי.

מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

זון פון הירשע דוד ק.; געב. דעם צווייטן טאָג פסח, 1906, אין סווענציאַן, ליטע. געלערנט אין חדר און 3 יאָר אין אַ דייטשער פאָלקסשול. 1920 געקומען קיין אַמעריקע. געענדיקט פּאַבליק סקול, האַי־סקול און דעם פּרע־מעדיצין קורס פון קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט. 1925 דעביוטירט אין „ספּאַרטאַק". זיך באַטייליקט אין מאָרגן־פרייהייט, סיגנאַל, האַמער, יידישע קולטור און אין אַ ריי אַנדערע אויסגאַבעס פון דער לינקער באַוועגונג. רעדאַקטירט חודש־זשורנאַל „מיר" (אינאיינעם מיט וויליאַם אייבראַמס און יעקב סטאָדאָלסקי). אין בוכפאָרם: „דריי שוועסטער", 1932, 60 ז.; „דער מענטש אין טאָגן", 1935, פּאַרלאַג „סיגנאַל" ביים פּראָלעטפּען, 141 זייטן; „ברענענדיק שטעטל", פּאַרלאַג „סיגנאַל", 1938. בוך 1: 96 ז.; בוך צוויי: 96 זייטן; „ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע", 1939, 63 זייטן; „צו דער־ציילן אין פריידן" און „ברענענדיק שטעטל" (בוך דריי), 1941, 128 זייטן. — איז אַ לערער אין די שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטער אָרדן.

וויליאם אייבראמס: א דיכטער איז וועג — „סיגנאל", מערץ־מאי, 1935.

וויליאם אייבראמס: פון בלוטיקן יאמער־טאל — „האמער", פעב. 1938.

וויליאם אייבראמס: מעינקע קאץ און די פאלעמיק וועגן פראלעטארישער ליטעראטור — „מארגן־פרייהייט", סעפט. 18, 1938.

מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

וויליאַם אייבראַמס: דער קאָלירפולער מעינקע קאַץ — „יידישע קולטור", מאַי 1942.

ר. אייזלאַנד: פּאָעטן, קריטיקער — „טאָג", יוני 26, 1938.

מ. אלגין: אַ בונט לידער פון אַ יונגן פּאָעט — „מאָרגן־פרייהייט", מערץ 10, 1930.

מ. אלגין: די פּאָעזיע פון קרעציקע קעץ — „מאָרגן־פרייהייט", יוני 13, 1932.

מ. אלגין: חבר מעינקע קאַצס פּאָעמע — „מאָרגן־פרייהייט", יולי 6, 1935.

מ. אלגין: כאַראַקטעריסטיקן פון שריפטשטעלער — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 18, 1937.

מ. אלגין: דער היינטיקער יום־טוב פון חבר מעינקע קאַץ — „מאָרגן־פריי־הייט", אַפּריל 24, 1938.

מ. אלגין: מעינקע קאַץ אין זיין נייסטער תּקופה — „מאָרגן־פרייהייט", מאַי 8, 1938.

מ. אלגין: צו דער דיסקוסיע — „מאָרגן־פרייהייט", אָקט. 23, 1938.

יעקב באָטאָשאַנסקי: צווישן ביכער און מחברים — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), אַפּריל 15, 1932.

י. באַשעווויס: מעינקע קאַץ: „ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאַינע" — „צוקונפט", מערץ 1940.

י. ב. ביילין: „צו דערציילן אין פריידן" — „מאָרגן־פרייהייט", אַפּריל 6, 1941.

מאַרטין בירנבוים: אַ פּאַסקוויל אויף דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 21, 1938.

י. ר. ברינמאַן: אויפן וועג צום אויסגעהאַמערטן פּראָלעטאַרישן ליד — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), נאָוו. 24, 1935.

הערמאַן גאָלד: „דריי שוועסטער" — „וואַכנבלאַט", אַפּריל 29, מאַי 6, 1932.

ב. צ. גאָלדבערג: אין גאַנג פון טאָג — „טאָג", אַפּריל 29, 1932.

ב. צ. גאָלדבערג: אין גאַנג פון טאָג — „טאָג", יאַנ. 23, 1938.

יעקב גלאַנץ: מעינקע קאַצס „ברענענדיק שטעטל" — „דער וועג" (מעקסיקאָ), 1938

אליעזר גרינבערג: מעינקע קאַץ ביים ראַנד פון טאָגן — „האַמער", אָקט.־דעצ., 1936.

ב. צ. העריטאַן: „דער מענטש אין טאָגן" — „שפּיגל" (בוענאָס־איירעס), יוני 14, 1935.

י. א. ווייסמאַן: פּאָעזיע אין אַ דולהויז — „אינזיך", מאַי 1938.

דר. ל. זשיטניצקי: דער דיכטער מעינקע קאַץ — דער מענטש אין טאָגן — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מאַי 15, 1935.

דר. ל. זשיטניצקי: דער דיכטער מעינקע קאַץ, זיין באָבע מאַינע און דאָס שטעטעלע מיכאַלישעק — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), יאַנ. 17, 1940.

דר. ל. זשיטניצקי: מעינקע קאַצס „צו דערציילן אין פריידן" — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), דעצ. 24, 1941.

א. באַטאַטשניק: „דריי שוועסטער" — „בריקן" (שיקאַגע), 1932.

ש. טענענבוים: מעינקע קאַץ — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), יאַנ. 19, 1938.

פ. טעפער: א לייענער האט דאס ווארט — „מארגן־פרייהייט“, אקט. 2, 1938.
ל. יורמאן: אן אנפאל, ניט קיין דיסקוסיע — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 11, 1938.
אלעף כץ: „דריי שוועסטער“ פון מעינקע קאץ — „קענעדער אדלער“ (מאנטרעאל), יוני 7, 1932.
משה כץ: א וועלט ברענט אנדערש — „מארגן־פרייהייט“, דעצ. 26, 1937.
משה כץ: עפעס איז פויל אין דענמארק—„מארגן־פרייהייט“, אויג. 28, 1938.
יצחק ליבמאן: אן ענטפער אלגינען — „ניו־יארקער וואכנבלאט“, יוני 25, 1932.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל“, נאוו. 20, 1935.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל“, פעב. 11, 1938.
יעקב פילאווסקי: מעינקע קאץ פון די „דריי שוועסטער“ ביז „דער מענטש אין טאנן“ — „יידישע פרעסע“ (סאנטיאגא), כ׳ סיון, תרצ״ח; כ״ז סיון, תרצ״ח.
אהרן פעלדמאן: „דריי שעוועסטער“ — „צוזאמען“, 1933.
ש. קאראקושאנסקי: עס טאגט ניט — „יידישע פאלקסצייטונג“, מאי 31, 1935.
ש. קאראקושאנסקי: „ברענענדיק שטעטל“ — „יידישע פאלקס־צייטונג“ (ריא־דע זשאנעירא), פעב. 11, 1938.
אהרן קורץ: א שאס וואס טרעפט דעם שיסער — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 4, 1938.
חיים קרול: מעינקע קאץ — „פרייע ארבעטער שטימע“, סעפט. 4, 1936.
מלך ראוויטש: א פאעמע וועגן דריי שוועסטער — „וואכנשריפט פאר ליטעראטור“ (ווארשע), מערץ 31, 1933.
אברהם רייזען. ליטערארישע רעוויו — „פעדער“, 1936.
איציק שווארץ: מעינקע קאצס לידער — „טשערנאוויצער בלעטער“, יולי 12, 1935.
זלמן שניאורסאן [ל. כאנוקאוו]: דער דיכטער מעינקע קאץ — „יידישע קולטור“, מאי־יוני, 1941.
א דיסקוסיע וואס דארף אריינטראגן מער ליכט — „מארגן־פרייהייט“, סעפט. 3, 1938.
Books Abroad: University of Oklahoma Press, Norman, Oklahoma, 1935.

M. Olgin: Heroes of Poetry in Flesh—

ענגלישע אָפּט. „מאָרגן־פרייהייט“, אָקט. 2, 1938.

מעינקע קאַץ איז איינער פון די אימאַזשן־רייכסטע דיכטער אויפן לינקן פראָנט — און אפשר ניט נאָר אויפן לינקן פראָנט. מעינקע קאַץ איז דער אימאַזשן דיכטער „פאַר עקסעלאַנס“. ער קען אַנדערש ניט זען ווי דורך אימאַזש. ער קען אַנדערש ניט אויפפאַסן די וועלט ווי דורך אימאַזש.

מעינקע קאַץ איז אָבער ניט נאָר אַ זעער, נאָר אויך אַ פילער. זיינע זעאונגען זיינען אַלעמאָל געווען עמאָציאָנעל באַפאַרבט. די עמאָציעס זיינען אָפּט געווען ביזאַר, פרעמד, ניט גענוג איבערצייגנדיק פאַרן זייטיקן, אָבער דעם דיכטער האָבן זיי גענוג געפּלאָגט. מיטן איבערגאַנג צו סאָציאַל־געזונטן שטאָף

ווערן די עמאָציעס אויך געזינטער, נאָרמאַלער — און אָנ־שטעקנדיקער. זייער קראַפט ווערט דורך דעם פאַרגרעסערט. מעינקע קאַץ איז אין דעם זין אַ ליריקער אַפילו אין די עפּישע ווערק: עס גייט נאָך נאָך זיינע שורות, עס אַקאָמפּאַנירט זיי, עס דרינגט זיי דורך אַ רייך עמאָציע־לעבן, אַ וואַרעמקייט פון שטראָמענדיקן בלוט, אַ פּאַראינטערעסירטקייט, וואָס איז ניט אָפיציעל, נאָר פּערזענלעך, טיף און ערלעך־פּערזענלעך. מעינקע קאַץ איז איינער פון די אויפריכטיקסטע יידישע דיכטער. מעינקע קאַץ, אַליין אַן אויסגעשפּראָכענע, פּאָעטישע אינדיווידואַליטעט, ווייסט ווי צו אינדיווידואַליזירן זיינע פּערזאָנען. ער שאפט לעבעדיקע מענטשן אין זיינע גרעסערע פּאָעמעס.

(מ. אָלגין: דער איצטיקער צושטאַנד פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, „מאָרגן־פרייהייט", אויגוסט 8, 1937).

ביים ראַנד

מיר האָבן דורות אַזוי פאַרמשפּט —
גייען זיי דורך גליטשיקע גרונטן,
און פאַלן מיט תּליות און מיט קרויינען
אין פייערן פון בונטן.

דעם עבֿר ווי דורך אַן אומטשפּיגל —
פאַרשאַרט
מאַזאַליעטע האַנט — אַ לעבעדיק רידל.

אַ פולע ערד מיט ברוינעם קאָרן
וואַקסט
דורך קראַמף פון צעוואונדעטע יאָרן.

אַ קללה דער איינזאַמקייט

פאַרלאָשן זיי אַ, איינזאַמקייט,
סיי אין גרויען צימערל, סיי אויף ברייטע, זוניקע וועגן.
איך האָב דורך לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט,
מיט דיר אַ, איינזאַמקייט,
ווי מיט אַ העסלעכער מכשפה פאַרשלאָסן זיך אַליין
און האָב פאַר עלנט זיך אַליין באַוויינט.

איך האָב געזוכט דעם זין פון פרייד אין אומרו פון וואַנדער,

און האָב באַגעגנט בלאָנדזשענדיק אַן אויסגעלאַכטן גאָט.
איך האָב געזוכט אַ שאָטן פון אַ טרוים,
דורך די ציגנישע פייערן פון דער נאַכטיקער שטאָט,
איז דער פאַרדעכטיקטער חושך פון מרה־שחורה געקומען מיר אַנטקעגן.

אַצינד גיב איך אייך אָפּ אַלע מאַניענדיקע ליכטער פון די שטאָלענע
הויכן,
פאַר אַ ליכטיק וואָרט וואָס קען דאָס טריבע האַרץ צעשנייען.
אַצינד גיב איך אייך אָפּ אַלע חנען פון בלום און בוים און קוואַל,
פאַר אַ נאָענטן בליק פון אַ לאַנג־געגאַרטן פריינט.
איך האָב געהערט אַ געזאַנג פון אַלע דורות אין איין דערוואַרטער
מינוט, —
אַצינד גיב איך אייך אָפּ — בעטהאָווענס געטליכע סימפאָניעס,
פאַר דער גוטער בשורה וואָס עס ברענגט אַ גליקליך,
איבעררעאַשנדיק קול.

שטאָט און פראָסט

.1

שטאָלן גליען ווי קוזניעס אין די הויכן,
דער ווינט אין פייער ווי אַ בלאָז־זאַק בלענדט —
טורעמס קענען זייער סוף ניט גרייכן,
די זון בויט באַריקאַדן — בליצן־ווענט.

די שטאָט זינגט אַ מעשה פון אַמאָל:
אויף בראָדוויי זיינען הירשן געשפּרונגען;
אָ, שטאָט, דיין האַרץ איז ראָד, דיין מאַרך איז שטאָל
דיין שטאַם איז בלוט פון מויערער־יונגען.

כ׳וועל דיין גרויס אין קליינע לידער ראַמען,
און דיין הויך מיט הייסע פערזן מעסטן,
דער טאָג ברענט אויס אין פראָסטיקע פלאַמען;
קוימענס ווערן פאַר די שטערן — נעסטן.

און הימלאָזע נאַכט פון שטיין און טרויער,
קריצט איר אומגליק אויס אויף דיינע בויער.

.2

אַ העלער מדבר — די ענדלאָזע שטאָט.
די מויערן — שטאָלענע מיראַזשן;
עס זייען דעם עלנט הימלאָזע טריט,
קליידער אויף לייבער — צעפליקטע באַנדאַזשן.

און הענט וואָס זייַנען: זונען און שטערן,
דאָס ליד פון שטעט און זינגענדיקן קאָרן,
ליגן שטייף צו שטיינער צוגעפראָרן,
מיט בלוט און אָדערן אין מיסט צו קערן.

די שטאָט מיט ריזן־אברים שלאָגט.
בוים, מענטש און שטיין — אַ ברענענדיק געפלעכט;
מיט טויט — מיט בייטשן פון שטאָל, דער ווינט יאָגט,
מענטשן גייען מיט דעם פראָסט אַ טאַנץ.

די קעץ צום טאַקט אַזוי עלנט קלאָגן;
דורך נאַכט און פראָסט הימלאָזע טאָגן.

אַ וויג ליד אַזאַ

(אין דער וואַרשעווער געטאָ)

איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
ס׳האָט דער תליון דיין טאַטן — אייביקן חושך אויסדערווילט
און צוגענומען האָט ער דעם לעצטן שטראַל פון דיין וויג,
איז דאָ געבליבן נאָר דער שאָטן פון שבעה און פון קריעה.
איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

באַלעווקי — דיין וויסטע גאַס דערציילט:
דער תליון האָט דעם פרילינג פון די קייטן אויסגעפליקט,
און געבליבן איז יעדער זינגענדיקער בוים — אַ שטומע תליה.
דער תליון האָט מיט ווערגנדיקע הענט די זון אַליין דערשטיקט
און געבליבן איז דאָ אַ פראָסטיקער קבר — די גאַנצע ערד:
איי־לע־ליו־לע יינגעלע מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

דער תליון איז אַ זאַטע קראָ וואָס קראַקעט: זיג!
און געבליבן איז זיין קראַ־קראַ דאָס איינציקע ליד:
— קראַ־קראַ, איך בין שיין!
איך בין שיין קראַ־קראַ!
שיין איז דאָס בלאָנד פון אַ וואונד צעגליט,
שיין קען נאָר די רויז אויף אַ קבר בליען.

— קראַ־קראַ, איך בין געזונט!
איך בין געזונט קראַ־קראַ!
געזונט איז נאָר אַלץ וואָס דער טויט האָט געהיילט.
געזונט קען דער וואָרים צום הרג זיך ציען.
קראַ־קראַ איך בין געזונט,
איך בין געזונט קראַ־קראַ.

— קראַ־קראַ איך בין גערעכט: קראַ־קראַ.
מיין שווערד איז פון גערעכטיקייט אַליין גערעכטער:
גערעכט איז אַ לעצטע שעה אין אַ טויטן־צעל.
גערעכט איז אין צעצוויטן פעלד — די דאָרנדיקע תליה,
גערעכט איז די קללה וואָס פאָלגט מיין אַלמעכטיקן באַפעל
און די קויל וואָס רייסט דאָס האַרץ אויף איז פון אַלעמען גערעכטער.

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
דיין ביינערדיקער שאָרך צעשאַרט אַ שאָטנדיקע מורא
און מורא האָב איך אַפילו פאַר אַ פראָסטן גאַסן־בוים,
ס׳זאָל חלילה באַלד אַ סטראַשידלע אַ הוילע ביט ווערן;
און מורא האָב איך אַפילו אויסצוקלערן דיר אַ טרוים,
ס׳זאָל חלילה ניט דערהערן — אַ האָרכנדיקער שטיין
און ווערן קען אַ מסור אַפילו אַן אויגיקער שטערן.

איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.
איבער דיר אַ קראַנץ מלאכימלעך שוועבן,
און בעטן דיך גוט זיין,
און בעטן דיך ש—אַ זיין:
ש־ש־ש ש־ש ש — — — —
ס׳זאָל חלילה ניט דערמאָנען דיין געוויין,

אַז ערגעץ לעשט זיך נאָך אַ בלאָנדזשענדיק פונק לעבן:
איי־לע־ליו־לע יתומל מיין,
ליולינקע ליו־ליו.

ע ל צ י ק

דיינע טעג פאַרשניטענע זע איך שיינען:
אויף באַדימענטע פינגער, אויף פאַלאַצנוועגט.
דיינע וואונדן פינקלען נאָך אין זייערע ווייגען,
דיין בלוט אין זייער זונפאַרגאַנג נאָך ברענט.

אין פרילינג זע איך דיין גוף אין גראָז זיך באַיטן.
דו דערמאָנסט אָן נעכט וואָס זילבערן קופּעס קנאַכן,
ווען אַ קראָ ווי אַ טויטנפאָן — אין צעשאָסענע ווייטן
האָט אויף הרוגים־בערג — אירע פליגל צעבראָכן.

איך זע דעם שטערנוועג, ווי מיט קעפּ צעצונדענע גיין.
אַ דולער, אין שיין פון קאַנאָנען,
קרימט נאָך פון האַלב־געקוילעטע דאָס געוויין.

מיט דיין טויט, ווי מיט לאַווע אַ שטיק,
גיי איך צום טאַקט פון בראַנדיקן היינט:
בונטן! מאַרשן — ענדלאָזע מענטשן־שטריק,
ווערגן דעם יאַרטויזנטן־פיינט!

דאָס ריזעלע

(פראַגמענט)

„דאָ ליגט די גוטע באָבע מאַינע —
עליה־השלום, עליה־השלום.
אין יעדן ווינטעלע, זאָל זי דודס האַרף ווערן.
אליהו־הנביא, זאָל איר קומען צו חלום.
אירע מצוהס, ניט צו ציילן, ווי די שטערן.
בחינם האָט זי אין דלותדיקן שולהויף,
געהיילט דעם פּיפּעץ פון יעדן קראַנקן עוף.
בחינם האָט זי פון שחרית ביז שפּעט,
פאַר דעם הקדש — געוואַשן גרעט

און פאַר די ליידיקע טאָרבעס, די עין־הרעס אָפּגעשפּראָכן.
מיט אונדזערע זונפאַרגאַנגען פלעגט זי טרויערן.
מיט אונדזערע באַגינענס פלעגט זי האָפן.
דורך בייטש און דורך יאָמער,
האָט זי געשלעפּט אונדזער גאַליקן איבערוואָכן.
מיט איר לעצטן אָטעם,
האָט זי געהויכט דעם פראָסט פון אונדזערע שויבן.
אָי, ניט בחינם זאָל זי אַהין־אַהין אַרויף,
זיין פאַר אונדז אַ בעטערן דאָרט אויבן־אויבן
און דער וואָס לעבט אייביק־אייביק, —
אויב ניט פון גן־עדן, די פאָדערשטע טויערן,
זאָל כאָטש אַ הינטער־טיר, האַלטן פאַר איר אָפן־אָפן".

מיין געסל

מיין געסל איז אַלט און בלינד.
ווי צווישן פעלדזן — ווייסע גראָז,
וואַקסן קופּעס קינדער.
מיט בעטלער און מיט רויבער רוישן בלאָטע ראָגן —
ווייניק פרעגן פאַרוואָס
ס'זיינען דאָ שוואַרץ די ליכטיקסטע פאַרטאָגן.

אין ברודנע כאַלופּעס
בלאַנקט די נויט אויף וואַכע מעסער;
בלודנע ברואים פראַווען חופּות
אין חורבות און אין פוילע פעסער.

לאַנגע נעכט גייען אויס —
מיט מעשיות פון שטאָט־גזלנים,
און קאַלט און גרוי קוקט אַרויס
פון יעדער שויב — אַ פאַרלאָשן פּנים.

מיין געסל איז אַלט און בלינד,
און טעג קאָרטשען זיך אין שטענדיקן קראַמף,
נאָר ווי אויף אַ פּליט שפּילט דער ווינט,
פון זון — און פון די העלסטע קאַמפן.

מעינקע באַדאַנעס־קאַץ

פרילינג

פרילינג גייט דורך קעלערס און דורך גרויע הייזער,
דורך האַיפעלעך ערד פון דאַרע וואַזאַנעס;
און וויקלט אויף דאָס האַרץ פון ווערימל און קוויט,
און קושט מיט ווינטעלעך אויס די טוכלע ווענט.

מיט געלקייט פון האַרבסט איז דער פרילינג דאָ געקומען,
אויף פאַליצעס
גאַלדיקט זיך דער שטויב אין אומעטיק געפּעס,
און ס׳בליט דער שימל אויס אין גרינע בלומען.
אַ הונגעריקער מעת־לעת איז פון אַ זאַטן יאָר גרעסער.

פאַרביי פענצטער
זינגען וואילע „כאַיקעס" מיט שטעטלדיקע צעפ —
פון שטעטעלעך צערונענע אין אַן אַלטן בין־השמשות,
און מישן בידנעם לעבן אויף יעדן בלאַט:
„צי דען בין איך פון אַ שטיין געבאָרן,
צי האָט מיך קיין מאַמע געהאַט?"

אַ געמאָלענער ווינט אויף מיין קאַלענדאַר
צעוואַרפט דעם ים אין געזאַנג פון כוואַליעס —
לעם בלויע פייגל און לעם באָענטן הימל
פּלאַצט דער באַגינען ווי אַ קנאָספ —
דאָ איז דער טאָג פאַרצויגן ווי מיט בעלמעס,
עס שיילן זיך מאַזאָליעס פון אַרבעטלאָזע הענט,
און שטיינער באַגן מיט היימלאָזן צער.

די פויקן־טענצער און די שמאַטע־קלייבער,
באַיטן אַ פרילינגדיקע שעה אויף אַ האַלבן סענט.
אויף אומרואיקע געלעגערס — שוואַנגערן ווייבער
מיט בייעם מענטש ווי מיט זונאויפגאַנג.

י. א. ווייסמאַן



זון פון יוסף וו.; געב. דעם 1טן מאַי, 1904, אין זשורין, פּאָדאָלער גובערניע, אוקראַינע. נאָך 1913, ווען דער פּאָטער איז אַוועקגע־פאָרן קיין אַמעריקע, זיך דערצויגן ביים זיידן פון מוטערס צד אין מיאַסטקאָווקע, וואו געלערנט אין אַלע חדרים און געענדיקט דעם בית ספר עממי. אַ סך געלייענט רוסישע און העברעאישע ליטעראַטור. 1921 געקומען קיין אַמעריקע, און נאָך עטלעכע יאָר וואוינען ביים פּאָטער אין סקרענטאָן, פּאַ., זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. געוואָרן טע־טיק אין דער יוגנט באַוועגונג פון דער לינקער „יאָנג וואָירקערס ליג". 1926 דעביוטירט אין „קאַמף" (קאַנאַדע) מיט אַן איבערזעצונג פון סערגעי יעסענינס אַ ליד. זיך באַטייליקט אין אינזיך, קערן א.א. 1934־1939 רעדאַקטירט „אינזיך", אַלע דריי חדשים, אין אַ ראָ־טירנדיקער רעדאַקציע פון וו., ב. אַלקוויט, יעקב גלאַטשטיין און א. לעיעלעס. זינט 1943 רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „עפּאָכע" (אי־ניינעם מיט ל. פיינבערג). אין בוכפאָרם: „יונג גראָז", 1928, 239 זז; „פּאַראַלעלן", פאַרלאַג אינזיך־קערן, 1931, 62 זייטן. פסעוודאָנימען: יאַנק ווייסמאַן, אברהם ברענצאַן, אליהו זשורין, יאָוון.

ב. א—ט (אַלקוויט): רעפלעקסיעס — „אינזיך", פעב. 1926.
ב. א—ט (אַלקוויט): סיק טראַנזיט — „אינזיך", יאַנ. 1935.
ר. אייזלאַנד: פּאָעטן, קריטיקער — „טאָג", יוני 26, 1938.
א. אַלמי: די מורא פאַרן אייגענעם שאָטן — „עפּאָכע", נאָוו.־דעצ. 1943.
א. אפשטיין: מקרוב ומרחוק. — „אוהל", תש"ד, עמ' 208־216.
פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מארגן־זשורנאַל", 1929.

איטשע ליבמאַן: בריוו צום שפּעקולאַטיוון לעזער — „אונדזער בוך", זז. 89־92, יאַנואַר 1929.
א. ל—ם (לעיעלעס): פרייהייט פון מיינונג, אין אַ גאַווינע — „אינזיך", נאָוו. 1937.
ק. מרמר: דריי לידער־זאַמלונגען — „פרייהייט", יאַנ. 7, 1929.
ש. ניגער. געלייענט און געשריבן — „טאָג", סעפּט. 5, 1943.
מ. קאַסאָוער: פון צייט צו צייט — „טאָג", מערץ 1943.
ל. קוסמאַן: ליכט און שאָטן — „מאָרגן־זשורנאַל", דעצ. 23, 1943.
אליהו שולמאַן: די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע. פאַרלאַג „אונדזער עפּאָכע", ניו־יאָרק, 1942, ז. 12.

. . . „יונג גראָז" איז אַ פּאָעטיש טאָג־בוך. כמעט יעדער פון די 238 פערזן דריקט אויס אַ באַזונדער שטימונג . . . ווייס־מאַנס ליד איז . . . דער אייביקער געזאַנג איבער ליבע, לוסט, געענס, פרייד, אומעט . . .
(ק. מרמר: דריי לידער זאַמלונגען — „פרייהייט", יאַנ. 7, 1929).

קום צוריק

קום צוריק צו מיר, מיט אַלע גלידער,
קום צוריק, ניט מיט אומעט, ניט קיין מידער.

שמעקט זיס דיין יוגנט, דיין ניט־צעעפנטער צעבלי,
דער גאַנצער האָקנפּאַק פון דיין יוגנטפרי.

האָב לאַנג געטראַכט, אַז מ'עט זיך דאַרפן שיידן,
געטראַכט פון אַנדערע, אָבער ניט פון אונדז ביידן.

ביסט געווען די זיסע סיבה פאַר אַלע פּיינען,
יעדער פּיין אַ נייער טעם, דער טעם פון אַלטע ווייַנען.

געזעסן צוואַנציק יאָר אין רוישיקע ניו־יאָרקן,
כדי צו קענען, קינד, אין דיין אויער וואָרקן.

אַצינד גייסטו זיך רעכענען מיט די יאַפּאַנער,
איבער דיין קאָפּ — די פאָן, דער שטערנדיקער באַנער.

דער אַלטער חשבון וואָס וויל ניט ווערן אויסגערעכנט,
די פאָן וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעווערכנעט.

ווער ווייסטו, אפשר וועסטו איצט שרייבן דעם סך־הכל,
ווען די דורות וועלן ניט קענען טאָן אַ וואַקל.

די פּרואוון וואָס כ'האָב געמאַכט ווען אין דיינע יאָרן,
מיט דער ביקס אין האַנט און מיט די אַלטע שפּאָרן,

גייען שדימדיק אַרום איבער די בלעטער פון די דורות,
לאַכן מיט יאַשטשערקעס פון די אַלטנייע תורות.

נאָר צי דו וועסט אַ טאָלק אין אַזיע דערגרייכן,
ברענג אַהיים, מיין זון, מיין יינגלס גוף אַ ווייכן.

פון פימצנהאָלץ

איך מאַך דיר אַ קבר פון פימצנהאָלץ, —
(פון פימצנהאָלץ! פון פימצנהאָלץ!)
עס זאָל דיר זיין טרוקן דער ווינטער;
עס זאָל דיר זיין שטילער דער טויט.

איך מאַך דיר אַ מיטה פון זיידנס,
(זיבן שאַלעכלעך זיידנס!)
שטעל דיר צו פיר פּעסטע פּאָר הענט, —
עס וועט דיר זיין היימלעך דער וועג.

דאָ איז דיר סיי ווי ניט פריילעך,
(לאָמיר אַלע פריילעך זיין, פריילעך זיין!)
פון די ווינקלען סטראַשען די העק,
און סוף כל סוף וועט איינע דאָך וואַגן.

איך שטעל דאָרט אַ בוים איבער דיר,
(דיביימער וועלן בליען, די בלעטער וועלן פאַלן),
וואָס וועט בליען אַ יאָרהונדערט און מער —
די קאָרניעס וועלן דערגיין צו דיר.

דיין האַנט וועט שטופן דאָס גרינוואַרג
(אויפן גרינעם גראָז, אויפן הויכן באַרג),
אַרויף איבער דער ליכטיקער וועלט, —
דו וועסט זיך ניט פילן ליינזאַם.

דאָ גייט אַלץ סיי ווי מיטן קאָפּ אַראָפּ —
(מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיטן קאָפּ אַראָפּ),

י. א. ווייסמאַן

ווי לאַנג איז דען פון היינט ביז מאָרגן?
וואָס געשעט דען צווישן היינט און מאָרגן?

צעזאַר איז טויט

דאָס פאָלק איז צעזאַר. יאָ, דאָס פאָלק איז צעזאַר.
נאָר בעסער איז טויט ווייל צעזאַר איז טויט.
צומערשטן מאָל איז דאָס דומע פאָלק דער האַר, —
אייגענע די הענט און אין די אויגן בלויט
די פרייד פון זיין פריי. נאָר די ליפּן — דאַר,
און אויף די פּנימער הענגט די בויט
פון וואָרט, ווי ביי אַ שטומען, ווי ביי אַ נאַר.
זיי קומען אָן די דומע לעסטערער, אין קויט

געקליידט. ווער פון זיי איז ניט דער קלוגסטער באַרד,
און אין וועמענס אויגן פלאַקערט ניט דער אומגלויב
צום אַלטן גאָט? די מינדסטע פינגער זיינען צעזאַרס מאַכט.
— ווער פון זיי איז ניט געוואַגטער פון ריטערלעכן רוים?
און פּיין? אַפילו דאַנטעס פיינענדיקע בלעטער ווערן שטויב.
נאָך בעסער איז טויט, ווייל נאָך נעראָן, און נאָך דער נאַכט
ווען רוים האָט אויסגעברענט, איז טויט אַיעדער טרוים.

דיין גרין אויג

וואַרטסט אויף מיר שוין לאַנג, באַהאַלטן אין די גראָזן
ווי אַ שלאַנג. ציסט דעם קערפּער דין איבערן וועג
וואו איך וועל אַדורכגיין באַלד. ביים מינדסטן רעג
פון בלוט לויפן אום די בליקן ווי פאַרכטיקע האָזן,
און איך בין שוין גרייט דאָס וואַרעמע ערטל איבערלאָזן
און קיל אויסשטרעקן זיך לעבן גיפטיקן ברעג
פון דיין צונג. מיין גאַנצער דאַאיקער פאַרמעג
איז, אַ קלאָרשויביקע היים און אַ מיידל מיט קרויזן.

איך האָב אַ הונט וואָס היט ניטגעבעטענע טריט,
אַ שטאַרקן פערד וואָס טראָגט מיך איבער טאָלן,
און אין האַלבער עלטער זיינען באַקוועם די יאָרן,
ווי גוטע פריינט וואָס קומען אָן מיט גרינגע שריט.

איך וואָלט ליבערשט דאָ זיין, נאָר עס איז פאַרפאַלן, —
איך מערק שוין דיין גרין אויג אונטערן שאָטן פון אַ דאָרן.

אויפן טויט פון אבא שטאָלצענבערג

איך האָב דיך געזען דעם ערשטן פון מיין יונגן דור,
וואָס האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך דאָס ביסל ליבע,
משטיינס געזאָגט די דאַרע ליבע פון אונדזער לאַר,
וואָס צעגייט דורכן רויך פון מיין אַלטער ציבע.

עס איז געווען אַ מעסטל ליבשאַפט פאַר די ברידער
פאַרפאַקט ביי דיר ערגעץ אין די פאַכוועס,
נאָר די לייט וואָס האָבן מיטגעשאַפן דיינע לידער
האָבן איינגעשרומפן דיין ליריש־שטילע רחבות.

איך האָב געזען אַנהייב, מיטוועג און דיין סוף,
און מיר איז די שאָד נאָך גרעסער ווי דיין חברס,
דו ביסט נישטאָ נאָר ער גייט דיר נאָך אין שלאָף
און איך באַדויער וואָס ניט געבליבן איז עפּעס בראַווערס.

די נאַכט וואָס האָט זיך בליציק אָנגערוקט אויף דיר
האָט היפּשלעך צוגעטונקלט אויך מיינע אויגן,
דער ערשטער פון מיין דור מיט וועמען די לעצטע טיר
האָט אויף מיר אַ פּראַל געטאָן דעם טויט פון בויגן.

איך האָב געזען ווי אין דיינע סאַמע לעצטע טעג
האָט דיך געמאַטערט דער געבאָט פון די רויטע סקווערן,
נאָר ביי דיר אין מויל האָט ער געדרינזשעט ווי אַ זעג
און דיין נאַאיווקייט האָט גערירט ביז טרערן.

איצט ווען איך לייען „כ'האָב אַן עקל פאַר די שפּראַכן",
דערמאָן איך זיך די פאַלשע תורה פון דיינע לערער,
נאָר ווען איך דערזע „גאָט, איך וויל פאַרשטיין די שפּראַך פון זאַכן"
פאַרדריסט מיך שטאַרק אויף די צעשטערער.

ווייטער מיט „פון אַ שטאַרבנדיקן ווען די באַקן ציגל ווערן"
ווילסטו דערכאַפּן די לעצטע שטיקנדיקע ווייען,
דאָס גאָלדן וואָרט „פון אַ פאַרשעמטן לאָז פאַרשטיין די האַלבע טרערן"
וועט גיין און גיין און קערנדלעך פאַרזייען.

איך ווייס האָסט פּיינט געהאַט מיט אמת און מיט אָנשטעל, —
איך בין מסתם אויך געווען איינער פון די ווייטע,
נאָר אויב אַזוי האָב איך דערכאַפּט דעם פרעמדן אָנקנעל,
וואָס מיר איז פון דיר געבליבן איז ווייט פון דיינע לייטן.

שלאָף, שלאָף שטיל מיין שונא־חבר, מיין געפּייניקטער,
איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן דיינע שפּיזלדיקע בליקן,
געבליבן אויף אַ ווײַלע דאָ נאָר ניט צווישן דיינע פּייניטער,
מיינע פּיינטשאַפּטן האָב איך אַראָפּגעוואָרפן פון די בריקן.

ניט שעקספּיר, ניט דוזע

(אַ בריוו צו משה נאַדירן)

אַצינדערט דין איך דער מוזע —
אַליין גאָר פון אַן אַנדערן שטאַם!
עלטערן — ניט שעקספּיר, ניט דוזע,
דער ערשטער וואָס ברעכט די צאַם.

דער שטאַם געכאָוועט אין וועלדער
האָט געבליט און געווינטערט לאַנג,
און ווער פון וועמען איז עלטער
צו וויסן איז אייער פאַרלאַנג?

מאַמע — אַ יידישע טאָכטער,
דער טאַטע — אַ פּשוטער ייד,
איך אַליין — אַ ייד אַ פאַרקאָכטער
מיט פּשוטער בייגונג צום ליד.

דאָס לשון ברענט מיר די ליפּן,
לינדער — ווען איך פּטר עס אָפּ!
פּטור, הייבט ווידער אָן צופּן,
און די בלוטן גייען גאַלאָפּ.

איך ווייס נישט די נאָבעלע פּאָזע
וואָס מאַכט פון אַ מענטש אַ פּאָעט, —
סיידן די פּשוטע פּראָזע,

אַז אַ דיכטער איז נישט קיין ברעט.
ביי וועמען האָב איך זיך געלערנט?
וואָס האָט מיך געבראַכט דערצו?
אַ חבר האָט אַמאָל דערצערנט
און מיר נישט געגעבן קיין רו.

אויף אַ ראָג אין בערלין

אויף אַ ראָג אין בערלין ליגט אַ קאָפּ פון אַ יידן,
אַן אויג איז נאָך אָפן ווי דאָס איינאויג ביים בלינדן.

עס רעדט ניט דאָס אויג, נאָר עס מאָנט פאַר די וואונדן,
וואָס דער גוף האָט געליטן פון די בלוטיקע בונדן.

דער גוף איז שוין איצט אויף גאָטס פּאָרכטיקע וועגן,
אים איז שוין אַלצאיינס וואָס עס טרעפט אים אַנטקעגן.

נאָר דער קאָפּ ליגט דאָ מיט זיין שרעקפולן אויג,
און דער פּחד רוט אויף דעם דייטש ווי אַ סטויג.

דער ראָג איז דער איינציקער אינמיטן בערלין,
וואָס ניט אַ קינד, ניט אַ רינד וועט וואָגן אַהין.

דייטשישע צינגער וועבן שרעק פאַר זיך אויס,
— דעם וואָס וועט צוגיין וועט די נשמה אַרויס.

דער דייטשינקער גייסט וואָס איז אַלעמענס ליבלינג,
וואָס איז ביי די פעלקער געווען ווי אַ שטיבלינג,

שרעקט זיך אַצינד אין סאַמע מיט פון בערלין
פאַר אַן אויג אין אַ קאָפּ מיט אַ יידישן קין.

איסע איז אַ יינגל

איסע איז אַ יינגל, אַ מזיק,
וואָס איז אין בית לחם געכאַוועט,
די גבורה פלאַמט פון אים ראַזיק,
ווייל דאָרט איז געבוירן אויך דוד.

דער טאַטע ביי יידן אַ העקער, —
ווער איז די מלאכה מקנא?

י. א. ווייסמאַן

דער זון אָבער איז שוין דער וועקער,
וואָס גייט ווי אַ גלאָק מיט זיין מאָנען.

דאָס אייזל וואָס ער האָט דערבליק,
ווען ער האָט געעפנט די אויגן,
איז געבליבן זיין חבר אין קריג,
זיך פאַר רוים ניט געבויגן.

רוים איז די בלוטיקע מאַכט,
די קירך יום־טובט דעם צעזאַר,—
צעצונדן האָט איסע די שלאַכט,
דאָס פאָלק דערשפירט דעם דערלייזער.

פאָלק — לאַנג שוין דער רואיקער קנעכט,
וואָס שטעלט אָן דעם שונא די באַק,
נאָר פלוצים דערזען דאָס לעכט,
רעכט איז שוין אַלץ — אַפילו די האַק!

נאָר קיינער זעט ניט פאַרראַט,
כאָטש דאָס מעסער אין יעדערנס אויג,
לאַנג, צו לאַנג געדויערט דאָס ראָט,
צעזאַר איז קלוג און פלינק איז זיין בויג.

נאָר איידער איסעס בליק דערוואַכט
איז אַלץ שוין קאַפּוט, פאַרזיגלט;
דאָס פאָלק חלומט די לעצטע נאַכט,
דעם טרוים האָט צעזאַר צעריגלט.

ניט איינמאָל האָט פאָלק געפּריוווט
איסעס חלום דערהויבן פון טאָל, —
נאָר צעזאַר שיקט אים די שריפט,
וואָס יוחנן האָט פאַרפאַסט אַמאָל.

יוחנן, זון פון דער זעלביקער קירך,
האָט פון איסען אַרויסגעפורעמט:
פאָלק טאָר ניט געבן קיין פירך,
קעגן צלם און צעזאַרן — געאָרעמט.

די איסעס פון דודס בית לחם,
כאָטש שוין אַצינד געוואָרנט,
כאַפּן נישט די העק, נאָר ס'פיצל לחם,
כדי צעזאַר זאָל ניט ווערן צעצאָרנט.

יהודה לייב טעלער

זון פון שלום ט.; געב. דעם 5טן מאַי, 1912, אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע. 1921 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין בית ספר לאומי, הרצליה, בית מדרש למורים פון ישיבת רבנו יצחק אלחנן, סיטי קאַלעדזש און קאָלאָמביא אוניווערסיטעט. 1926 דעביוטירט אין „דאָס יידישע ליכט". זיך באַטייליקט אין: אַמעריקאַנער, יידישער קעמפער, צוקונפט, צושטייער, עפּאָכע, אינזיך, פרייע אַרבעטער שטימע, וועג (מעקסיקאָ), קאָנגרעס וויקלי, ניו־פּאַלעסטיין, דזשואיש פראָנטיר. וואָך, דזשוירנעל־אַמעריקען, ניו קאָרענטס. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־זשורנאַל". 1931 רעדאַקטירט „ליים און ציגל". 1937 באַזוכט פוילן און אין 1938־9 — פוילן, דייטשלאַנד (אומלעגאַל), ארץ־ישראל. שעף־רעדאַקטאָר פון יידיש־ענגלישן פרעסע־סינדיקאַט „אינדעפּענדענט דזשואיש פרעס סירוויס", רעדאַקטאָר פון פאַלקאָר נייס־אַגענטור. אין בוכפאָרם: „סימבאָלן", פאַרלאַג בידערמאַן, 1930, 32 זייטן; „מיניאַטורן", 1934, 49 זייטן; „לידער פון דער צייט", 1940, 112 זייטן.

אפרים אויערבאך: אויף דער וואגשאל — „מארגן־זשורנאל", דעצ. 11, 1940.
יחזקאל א. מ. בראנשטיין: אימפּרעסיעס פון א לייענער. פארלאג מ. צעשינסקי (שיקאגע), 1941, זז. 132—139.

יהודה לייב טעלער

נ. י. גאטליב: „לידער פון דער צייט“ — „קענעדער אדלער“ (מאנטרעאל), דעצ. 6, 1940.

א. גלאנץ: הערט זיך איין — „טאג“, דעצ. 11, 1940.

יעקב גלאנץ: לידער פון דער צייט — „וועג“ (מעקסיקא), יאנ. 28, 1941.

ש. טענענבוים: סור־רעאליסטישער פאעט — „יידישער קוריער“ (שיקאגע), מערץ 30, 1941.

ש. יודסאן: לידער „פון דער צייט“ — „מארגן־זשורנאל“, דעצ. 9, 1940.

אלף כץ: שפוד חמתך — „יידישע פאלקסצייטונג“ (ריא דע זשאנעירא), פעב. 11, 1941.

י. מ. לעווינסאן: „לידער פון דער צייט“ — „דאס יידישע פאלק“, מערץ 7, 1941.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאל“, 1941.

ש. ניגער: עם קומען אמעריקאנער דערצויגענע יידישע שרייבער — „טאג“, יוני 3, 1934.

ש. ניגער: לידער פון דער צייט — „טאג“, מערץ 9, 1941.

ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאג“, דעצ. 19, 1943.

מענדל נייגרעשל, אליעזר שינדלער: קליינע אנטאלאגיע פון דער יידישער ליריק אין גאליציע — ווין, 1936. ז. 23; 46.

שאול ספיר: גלענצענדער דיכטער מיט א גלענצענדער צוקונפט — „אמעריקאנער“, דעצ. 20, 1940.

עדיטאריעלע נאטיצן — „וואר“, דעצ. 13, 1929.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אנטאלאגיע. 1943.

מלך ראוויטש: מיין לעקסיקאן — „וועג“ (מעקסיקא), יאנ. 25, 1941.

ש. ל. שניידערמאן: א פאעט פון אונדזער צייט — „פרעסע“ (בוענאס איירעס), יאנ. 1, 1942.

י. ל. טעלער — — — — האט מיט דער פולער האנט אויסגענוצט די אלע דערגרייכונגען פון אונדזער פאעזיע. ער האט זיך, אזוי צו זאגן, אויסגעטאן פון אלע שאבלאנען, און אויסגעמיטן זיך צו באנוצן מיטן געמאסטענעם פערז, און אינגאנצן פארראטן דעם צום וויפלטן מאל זיך באנייענדיקן גראם אין זיין דיכטונג . . .

טעלערס שפראך עמפינדלעכקייט איז באמת איבערראשנדיק און אטעמט מיט דער שעפערישער וויכקייט, סובטילער און בויגעוודיקער צארטקייט פון אן איידעלן אינסטרומענט.

(יחזקאל א. מ. בראנשטיין: „אימפרעסיעס פון א לייענער“, פארלאג צעשינסקי, שיקאגע (1941). זז. 132־139).

עדיפוס קאמפלעקס

דאס זיינען די טעג פון הארבסט
ווען יעדער גליד נאגט צוריק צום שטאם.

דאָס יינגל ציט צו דער מיטליאָריקער —
זיין געליבטע און זיין אַם.
זי גייט אונטער מענערשן בלעטער־געפלעכט,
אַ פייערלעך גרייטן צום לעצטן עקסטאַז
אין איר
און אין אַלץ.
די בריסטן גלוסטן צו דער שענדנדיקער
זשמעניע,
די היפטן פאַלן אונטער דער וואַרעמער
קי׳עשער זעט.
זי איז אייביק. רחב און פוטיפרס ווייב.
דער וועג צו מאַמע און פון מאַמע
איז דורך איר.
זי איז אין שאָרך פון גאַנג,
אין קלאַפּ פון טיר.
זיין בלוט איז גרייט מיט נעצן און מיט שאַרפן.

פאַרוואַנדשאַפט

קלאָר איז מיר בלויז דער שפּעטער האַרבסט,
וואַרעמע זון אויף אַ קלויסטער שפּיץ
און קולות פון אַ ווייטער גאַס.
קעגן שקיעה האָט דער מוח זיך צעצונדן
מיט וואַרעמע פאַרבן,
זוכט אַן אָנבינד מיט דער שעה,
מיט אַן אַלטן געשען.
די צונג,
די פינגער־שפּיצן
האָבן שוין אַמאָל אַזוינס
געפילט,
באַנומען.

דער אָפּהילך פון מיין מיידלס אָפּצאָסן
און די שיין אויף איר באַק
קניפּן באַך מער.
די אומרואיקע קלאָען פון פערד און
די פּאָרע פון צוויי באָענטע פעלן.

יהודה לייב טעלער

די שטאָט גרוילט מיט געשרייען פון וואַלד.
ווער בענקט עס אין מיר נאָכן
בהמהשן צבור אין שטאַל,
נאָך טויאיקע לאָנקעס און קאַלטער לבנה?

צווישן רויטן־גרינעם ליכט
זיינען מיר צעשאָטענע
ליאַרעמדיקע שאָף,
און אויטאָס שפּירן אונדזער שרעק
ווי שאַקאַלן.

ווינטער

טעג פון ווילדן
בלענד און פראָסט.
יעדע שיין — אַ
וויזער, יעדער שאָטן
איז אַ יעגער.
רעדער וואַקלען,
אויטאָס זיינען שכור.

שניי גייט־אויף
אין ווייסע שריפות, און זון
איז בראַנד איבער די דעכער.

גאַסן טונקלען אין רויך
און אין יעדן גאַנג
איז פּאַניק.

היסטעריע פון ליכט
און זעט, באָרוועס
און הונגער.

דאָס האַרץ—אַן אָפּגעפרעמדטע
האַנט,
פאַרצייכנט:
פרייד, יסורים,
וואַנזין.

שטאָט־נאַכט

הייזער, ביימער רינען־אויס.
שטאָט איז פאַרשריגן
מיט נאַכט און מיט שניי.
ליכט לויפט מיט אַלע
טונקעלע טונעלן,
שילדן פלאַקערן
ווי לעבעדיקע פייגל.

אין וואַרעמען זכרון פון דער נאַכט,
וואַכן מיט עלעקטרישער שריפט
רפואות פאַר די מאָגעלעך
פון קינדער.

אויטאָס שאָרכן ווי סאַמעט
און זיידנס.
פיבערדיקע לייבער
קלעפּן צו לייוונט
און פאַרבן.

ס'פאָרן זיך טראַמווייען,
קעצלעך און הינט.
בלענדנדיקע פויסטן,
פלאַקאַטן און פאָנען —
שגעון, געשלעכט
און לבנה.

צוואַנציק שורות צו אַ בוים

שמעקסט מיט שווייס, און רוישסט
מיט לעצטן בליאַסק אין צווייגן.
אַרום אונדז פייגלרייד. איך ציטער
מיט דער ליידנשאַפט פאַר פאָרן.
מיר זיינען פון איין שטאַם.
מיינע פינגער גראָבן זיך ווי וואָרצלען
צום קילן פינצטערן טיף.
אויף אונדז ביידן פלאַצט די קאָרע,
ס'שפּאַרט דער סאָק, און אויך דאָס בוך
אויף דר'ערד איז הייזעריק
און שרייט געפּענטעט פון די טאָוולען.
בוך און איך, פאַרוואָרצלטע ווי דו
אין שווידערגרויל, פאַרפּלאָנטערטע
מיט טייכן, ערד און היצן,
גלי־ווערים און נאַכטיקע גערוישן.
אַלע נעסטן זיינען וואַרעם מיט געפּליסטער.
די פייגל ציטערן און זיינען וואַך.
מיינע הענט גלייען אויף דיין דיך.
כ'זוך אין דיר דערקענטניש,
כ'שאַף צו דיר אַ לשון.

צו אַ נעגער-מיידל

די היפּטן שפּאַנען־אויס פון קלייד.
די בריסטן קראַקען פון בראַזיר.
ס'שלאָגט פון דיר מיט ריחות און מיט טיפן,
מיט שלמהס ווילדער באָרד,
מיט די ווייסע שפּיצן
פון דער מלכה שבאָ.

די נאַכט איז וואַקלדיק, בראָנפּענדיק.
דער קעלנער ווישט דאָס נאַסע פאָרצעליי.
דיינע אַקסלען צוקן מיט אַ ווילדן טאַקט,
מיט אַ הייזעריק געשריי.

איך גיי נאָך דיין גלוסטיקן וויג.
גרויל און פרייד האָבן באַפאַרבט און צעהיצט
דעם נעגער־פאַרנאַכט מיט
רויען געצנדינסט,
מיט הייסער אַנגסט.

איך גיי נאָך דיינע קליינע שפּאַסיקע טריט,
דיין רייפן ווייבערשן וויג.
דער אָוונט גליט.
דיין גאַנג אין גאַס איז נאַקעט
ווי בת־שבעס רייפע לענדן
אינעם הויכן גראָז.

וויפל טונקל וואַגעניש אין דיינע ווייסלען.

בורלעסק טעאַטער

אַנטראַקט. דאָס בורלעסק טעאַטער איז אַ
רוישיקער מאַרק מיט אייגענע זשעסטן
און אייגענער שפּראַך.

אַ פאַרשוין ווי אַ ביט־דערמעקטע בול
מיט אַ הייזעריק קול,
מיט אַ פּנים אָנגעשטופּלט
ווי אַ בינשטאָק,
קינדיקט אָן אַז פאַר צווי „בידס"
באַקומט מען ביי אים
אַ בילדער־קאָנווערט
וואָס וועט
(ער שווערט ביים קראַנק־לייביקן גאָט פון בורלעסק)
אויפשפּילן אויפן סאַמע עלנטסטן מאַנסבילשן בעט
דעם אַגאַ כאַנ׳ס אויסטערלישע האַרעם־נעכט
מיט זייער יעדן הונגער,
מיט זייער יעדער זעט.

דער פאַרהאַנג ווינטלט, רייצט. אויף יענער זייט
די מיידלעך ציען־אָן די לאַנגע זאָקן,

פֿאַסן־אָן די פּעכערס אויף די היפּטן,
די שיידלעך צו די בריסטן.
דער בלעדער קייט קערלעך
און שלאָגט־אָן אויף דער פּיאַנאָ
בראַווע מאַרשן.

יחזקאל

אין די אינגעווייידן ברענט גאָטס וואָרט.
אין 6־טן חודש און אין 6־טן יאָר.
ביי די ברעגעס פֿון כבר.
יידן שיקן שיפֿן אויף דער גרויסער וועלט.
פלאָגן זיך מיט כסף, שוה כסף,
דרימלען איבער שופלאָדן מיט געלט.

ציון איז אַ הענגל טרויבן,
יעקבס לייטער,
אַ פּאָר ווייסע טויבן —
אַ חלום פֿאַרן פּעבל.
אָבער יוסטע יידן
מיט באַלייבטע ווייבער
און מיט שווערן מעבל
וואָס גרעבצן ביי די פֿליישן
און די לאָגלען
פֿאַלט איין דאָס האַרץ
ביים טראַכטן,
גאָט זאָל גאָר
די שעה נישט דאַכטן,
פֿון אַ בייעם וואָגלען.

„שאוען זי, וויר כשרים זינד.
אבוואהל,
מאָזאאישעס גלאובן".
ניט קיין עברים, מאַרך און
באָרטן־יונגען,
שלעפּער, הייזער־גייער
וואָס קלעפּן צו דעם זעער.

(אַפילו די מיעשטשאַנעס טוען
פֿאַר אים
די קאַפּעליושן ציען,
די כלאָפּעס בוקן זיך
און רופֿן אים ראַבין.)

אָוונטיק. דער טייך איז חושך, שוים
און קול. יחזקאל איז אַליין אין טאָל.
די פינצטערניש פֿאַרטריפט ווי וואַקס
די אויערן פֿון דער איינגעשטילטער שטאָט,

יחזקאל וואַקלט אין די טריט,
טאַפּט דעם וועג
אין שטערן־טשאַד
און באַנייט
ווי יעדע נאַכט
דעם הייסן שטרייט
מיט בייזער זעאונג
און מיט טראָציק לייב.

די היץ
שלאָגט אין אים
פֿון קאָפּ ביז די פיס.

יהודה לייב טעלער

די נאַכט איז
לויטער מולד,
שאַרף און שפּיז.
פון אַלע פּאָרן
שלאָגט לאַווע,
דער קאָפּ טראַסקעט
פון מעשה מרכבה.

אפשר איז עס קנאה גאָר
פון נאַר,
צום האַר,
צום איינגעוואַרעמטן ביים כבר
מיט שטאַלן מיט די ספּריטסטנע פּעלן,
מיט ווייבער אויף צום קינדלען
און ווייבער אויף צו טראָגן קרעלן?

פרייכנדיקע גלוסט
הינטער פלויטן,
אין דער קוסט.

בויך גייט אויף בויך
ווי אַקער אויף ערד
ווי שווערד
קעגן שווערד
און פאַלק
קעגן פאַלק.
און דער נביא,
דער שקלאַף,
רייסט זיך
פון דער גלוסטונג
ווי פון אַ כאַמוט,
איז מורד
קעגן אייגענעם גוף,
און טאַמלט צוריק
צו היים, צו וויג,
צו דושנער נאַכט
אין מוטער־טראַכט,
צום דמיך חיי
פון דער ערשטער זי.

מאיר סעגאַל

זון פון יצחק אָשר ס.; געב. דעם 1טן דעצ., 1911, אין ראַדזין, פוילן. פרי געבליבן אַ יתום, און זיך אויפגעצ־האָדעוועט אין א בית־יתומים. געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ יידיש־העברעאיש־פוילי־שע פאָלקסשול. 1926 דעביוטירט אין „יוגנט־וועקער" (וואַרשע). 1927 געקומען מיט אַ גרופּע יתומים קיין דזשאַרדזשטאַון, קאַנאַדע. 1935 זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. זיך באַטייליקט אין: קינדער־זשור־נאַל, יידיש, צוקונפט, טאָג, ליטעראַרישע בלעטער, זאַמלביכער, המשך. אין בוכפאָרם: „נאָענטע ערד", פאַרלאַג „פריינט" 80 זייטן.

ש. איזבאַן: מאיר סעגאַלס „נאָענטע ערד" — „פּראָלעטאַרישער גערדאַנק", יאַנ. 15, 1941.

דוד אפּאַלאַוו: דער דיכטער פון געזעלשאַפטלעכן קומער — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), דעצ. 29, 1940.

יעקב באַטאַשאַנסקי: „המשך" (1), זאַמלבוך פון א גרופּע יונגע שריפטשטע־לער אין נאָרד־אַמעריקע — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), אויגוסט 9, 1939.

יעקב באַטאַשאַנסקי: טרויער און שרעק — „פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), נאָוו. 13, 1940.

י. באַשעווים: „המשך" זאַמלבוך (1) — „צוקונפט", יוני, 1939.

אברהם ביק: אַן אכסניא פאַר יונגע שרייבער — „יידישער קוריער" (שי־קאַגע), 1939.

מאיר סעגאַל

דר. שלמה ביקל: בטחון אין לעצטן תוך פון דער גנאד" — „יידישער קעמפער", יאנואר 28, 1944.

נ. י. גאטליב: „נאַענטע ערד" — „קענעדער אדלער" (מאנטרעאל), יאנ. 14, 1941.

א. גלאַנץ: הערט זיך איין — „טאָג", אָקט. 26, 1940.

י. ה.: מאיר סעגאַל — „שפיגל" (בוענאָס-איירעס), מערץ 27, 1941.

קלמן הייזלער: מאיר סעגאַלס צאַרטע ליריק — „פרייע ארבעטער שטימע", יאנ. 17, 1941.

דר. ל. זשיטניצקי: לידער פון יאוש און איינזאמקייט — „פרעסע" (בוענאָס-איירעס), פעב. 12, 1941.

ש. טענענבוים: מאיר סעגאַל — „יידישער קוריער" (שיקאגע), יולי 3, 1938.

ש. טענענבוים: אומהיימלעכקייט, שרעק און רעליגיאזיטעט — „יידישער קוריער (שיקאגע), נאוו. 10, 1940.

מרדכי יאפע: אַפּאַטאַשו-לייוויקס זאמלביכער — „דאס יידישע פאָלק" — אָקט. 28, 1938.

משה כץ: ניט קיין „המשך" נאר א טראט צוריק — „מארגן-פרייהייט", יולי 9, 1939.

א. ליס. מאיר סעגאַלס לידער — „נייוועלט" (תל-אביב), 1942.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן-זשורנאל", אַפּריל 26, 1939.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן-זשורנאל", יאנ. 1, 1941.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן-זשורנאל", יוני 15, 1938.

קלמן מרמר: פון ביכער-טיש — „האמער", מאי, 1939.

ק. מרמר: יידישע דיכטער דארפן קענען די געשיכטע פון יידישן פאָלק — „מארגן-פרייהייט", יאנ. 18, 1942.

ש. ניגער: נייע דערציילונגען און לידער — „טאָג", אויגוסט 28, 1938.

ש. ניגער: וועגן די לידער און דערציילונגען אין „המשך" (1) — „טאג", מאי 7, 1939.

ש. ניגער: פון א לעזערס און א שרייבערס נאָטיצבוך — „טאג", יוני 6, 1937.

ש. ניגער: מאיר סעגאַל — „טאג", דעצ. 29, 1940.

ש. ניגער: דער הייליקער טרויער פון אונדזערע לידער — „טאג", אויג. 8, 1943.

י. קיסין: צוויי נייע יידישע ביכער — „פארווערטס", יאנ. 12, 1941.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „פעדער", 1942.

1939.

משה שטארקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאג", נאוו. 16, 1940.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געריכט צו טרעפן אַזוי אָפט צווישן די בלויע טאָוולען פון זיין „נאָענטער ערד" אַזויגע אויסערגעוויינלעכע שורות . . . „גאָט, עס וויינט אַריין מיין טרויער אין דיר", דאָס וואָלט ניט יעדערער געקאָנט זאָגן. — דאָס איז אַזוי פשוט — און גאָרניט אַזוי פשוט. מאיר סעגאַל קאָן זאָגן, וואָס ער ווייס — און אַפילו וואָס ער ווייס ניט, און

דאָס איז דאָך דער וואונדער פון פּאָעזיע. מיר פאַרשטייען וואָס מיר לייענען ביי מאיר סעגאַלן אַפּילו ווען מיר פאַרשטייען ניט, און דאָס איז דאָך וואָס מיר זוכן ביי אַ פּאָעט.

דאָס, וואָס ביי אַן אַנדערן וואָלט עס געווען בלויז אַ סימן פון אומבאַהאָלפנקייט, איז ביי מאיר סעגאַלן פול מיט עפּעס אַ שטומער איבערצייגונגס־קראַפט, בפרט נאָך, אַז עס טרעפן זיך ביי אים פערזן, וואָס זיינען מייסטערהאַפט — אַ שטייגער: „יידן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, יידן וואָס שווייגן צו גאָט". מאיר סעגאַל איז איינער פון די יידן, וואָס שווייגן צו גאָט. איינער פון די ווינציקע ביי אונדז, וואָס אַז זיי דערמאָנען גאָטס נאָמען, דערמאָנען זיי עס ניט לשווא. איך האָב עס געפילט ווען איך האָב געבלעטערט זיינע לידער און געלייענט אַ סטראָפע דאָ און אַ סטראָפע דאָרטן. כ'בין נאָך זיכערער געוואָרן אין מיין איינדרוק, ווען איך האָב געזען, אַז ער האָט אויך גאַנצע לידער, וואָס זיינען שטיל־תפלהדיק, און אַז דאָס זיינען תפלות, וואָס ער זאָגט זיי צום ערשטן מאָל — מיט דער פרישקייט פון ערשטען מאָל.

(ש. ניגער: מאיר סעגאַל—„דער טאָג", דעצ. 29, 1940).

פון רויטן מויער

רויטע קופּערנע גלאָקן אין טונקעלן פאַרנאַכט —
מיין קינדהייט דורכגענעצט פון רעגן.
מיינע טריט צווישן קאַשטן־ביימער ברוינע
ציטערן נאָך נאַכטיק אויף די וועגן.

שטיל און טרויעריק טוליעט זיך דער ווינט צו זייערע קינדערישע
פּנימער,
זייערע פיס זיינען אָנגעשוואָלן פון גיין דורך שטיינער און רעגן:
נאַסע ווינטן ברענגען זיי ריחות פון ביימער און פרישע קברים,
און נעכט שרעקן זיי מיט פּחד פון ווייטע וועגן.

אין נעכט זעצן זיי זיך אויס אויף שטיינערנע טרעפּ,
שלאָפן איין מיט פאַרלייגטע קעפּלעך אויף טונקעלע מויערן:
ס'חלומט זיך זיי, זיי שפּילן זיך הינטער ווינטיקע שטעט
מיט גאָלדענעם זאַמד ביי בית־עולמדיקע טויערן.

אין רעגנדיקע נעכט ציטערן זיי אויף;
ווען נאַסע דעכער קלינגען מיט ווינט:

מאיר סעגאַל

ס׳לויפן גיך זייערע דינע בלוטן —
וואָס אין זייערע אָדערן וויינט אַזוי און רינט

ווען פון טונקעלע ראַנדן שיילן זיך באַגינענס,
גייען זיי אָפּ אויף שמאָלע וועגן צו פרעמדע מאַמעס.
דער ווינט האָט דורכגעטונקלט פלאַטערדיק די ערד
איבער לאַנגע, ברייטע פעלדער, הינטער רויטן מויער. —

:: : ::

הינטער שטאָט און הינטער וואַלד —
גרויסער רויטער מויער,
און הינטער מויער —
ווינט און טרויער וויינט.

אין דעם מויער אַ גרויסער ווייסער זאַל
מיט קינדערישע בעטן,
שלאָפן אַלע אויף וואַרעמע געלעגערס,
און אויף ליפּן זייערע, גאָט, אָ, וויפיל צער . . .

רעדן זיי פון שלאָף,
און איינער ציט די בלייכע הענטלעך אויס,
שטופּט זיי אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין
און וויינט —
„מאַמינקע, מאַ, פּאַפּינקע, פּאַ" —
און דער ווינט הינטערן פענצטער וויינט אויך . . .

:: : ::

קומען מאַמעס אין רעגנדיקע נעכט,
ברענגען ווייסע פרייד צוטראָגן,
און לעדנען מיט קינדער
נאָך זיך, און נאָך טאַטעס קדיש זאָגן.

וויינען יונגע מאַמעס, —
אַז לאַנג און בלאָטיק זיינען וועגן,
און לענגער נאָך — די רעגנדיקע נעכט,
און יעדע מאַמע וויגט איין איר קינד
מיט טרויער פונעם קאַלטן ווינט.

:: : ::

אָ, היים, מיין גוטע, גוטע היים,
צווישן דיינע וואַרעמע געלעגערס
האָט אויך אַמאָל מיין קינדער־גוף גערוט.
צווישן דיינע וואַרעמע געלעגערס
האָט אויך געוויינט אין מיר אַמאָל מיין בלוט.

:: : ::

נאָענט צום רויטן מויער —
וואַלדיקער גערויש
דורך בלעטער און דורך צווייגן. —
אָ, קינדערלעך אָרעמע —
דורך דינעם רעגן וויינט צום וואַלד
אייער יתומדיק שווייגן.

און דורך קליינע פענצטערלעך,
צום טונקעלן שליאַך
קוקן קינדער־אויגן.
אָ, קינדערלעך אָרעמע —
ס'האָט אָוונט פול מיט בענקשאַפט
דורך שמאָלן וועג,
ווי דורך אַ שטריק זיך דורכגעצויגן.

:: : ::

גייען קינדער צום קליינעם שטעטעלע,
גייען וואָלקנס מיט מיט זיי —
און פעלדער גייען וויינענדיק און נאַקעט.

קומען קינדער אָן צום שטעטעלע,
קומט אויך מיט זיי דער האַרבסט
און דער וויינענדיקער רעגן.

אָ, קינדערלעך, קינדערלעך
ביים קליינעם שטעטעלע, —
די גלעקער זינגען שוין
צום ברוינעם האַרבסט.

מאיר סעגאַל

:: : ::

געלאָפן איז דער וועג איינגעדאַרט און לאַנג,
און מיט זיך געטראָגן ערשטע ביסלעך שניי —
ווי ס'לויפט דער איינגעדאַרטער וואָלף פון וואַלד
און טראָגט מיט זיך זיין הונגעריק געשריי.

קלאַפט דער ווינט מיט קעלט
אין די טירן פונעם רויטן מויער, —
האָבן קינדער אַ ווייסן חלום דורך דער נאַכט געטראָגן,
און אים פאַרלוירן אויף פעלדער אין זילבערדיקן טרויער.

וואַלדיקער טרויער

.1

שאָטנס פוןביימער רוען אויף אָוונטיקער ערד.
נאַכט קומט אָן פון וועלדער, נאַכט פון טיפע וויטן.
טרויעריק לעבן מיינס צווישן שטערן און גליִענדיקע וועלדער —
וואָס שטומסטו איצט אַריין אין אייביק אַלטע ציטן.

אינעם פייכטן נעפּל דאָס שפּעטע גראָז, —
איבערן גראָז לויכטנדיקע פייער־פליגן.
אָ, טרויעריק לעבן מיינס צווישן וואַלד און ערד,
אייביקער טרויער אינעם נאַכטיקן וויגן.

פון ביימער ברעכן זיך שפּיצן צווייגן,
פאַלן מאָכיק אַראָפּ אינעם ווינט.
איך ליג אויך דאָ אָן איינגעדרייטער צווישן שטויבן,
אַ צעבראָכענער אין שפּעטער נאַכט אַצינד.

ווייסע קנאָספּן רינען אָפּ מיט רויטע בליטן,
מיין האַלדז אָן אָפענער אין וויסטן פעלד.
גוף מיינער, אויף דער ערד דער קאַלטער איינגעשניטן,
אין שטומקייט צו דער אייביק אַלטער וועלט.

די זומער־נאַכט איז פול מיט וואונדער,
און ווינט איז פול מיט שרעק.
אָ, וואַלד געטרייער, אין טיפן פלאָנטער
איך גיב זיך דיר איבגאַנצן דאָ אַוועק.

.2

אָט דאָ איז גוט אַזוי אין זיך אַריינצוזאַפּן
דעם ווייטיק פון באַשאַף, אין פורעמדיקן רוי,
צו זען ווי ס׳ברענען דורך די צווייגן אַלע שטערן
און אַז דער הימל איז באמת בלוי.

צו פילן פון באַשאַף דעם פורעמדיקן ווייטיק
און זען, ווי ס׳גייט אין פריקייט דער מאָרגן אויף.
עס ציען זיך, אָ, גאָט אין הימל,
מיינע הענט די דאָרע צו דיר אַרויף.

מיטן פריען ליכט זיך אויפצוהייבן
צו דינען גאָט — איך דיין קנעכט.
און ווער ס׳איז פון רויב פאַרצוקט געוואָרן,
איז אויבעט גאָט — דיין ווילן גערעכט.

צו דאַנקען פאַר אַלץ — פאַרן שטויב אויף קליידער,
פאַרן טרעטן אויפן גרינעם מאָך.
פאַר זיין אַ גאַנצע נאַכט איינגעטונקט אין יסורים,
און בעטנדיק פאַר נאָך.

ס׳איז דער מאָרגן שוין אין פולער טואונג,
ס׳טוט די מילב, די זיילן שטויב.
ס׳פאַלן אויך אַראָפּ די ליפּן מיינע צו דער ערד:
אַ דאַנק דיר, וואַלד געטרייער, אַ דאַנק דיר און אַ לויב.

.3

ס׳איז האַלבער טאָג. זון אויף וועגן.
וועגן פירן קרום און גלייך.
ס׳וואַרפט דער טאָג מיט קילע שאָטנס,
וואָס פאַלן צו צום ברעג פון טייך.

כ׳צעבינד די קליידער, וואַש זיך איין אין קלאָרן וואַסער.
דאָס ברויט איז זיס, זיסער נאָך די רו אין ווייטן וועג.
ס׳ציען אויך זיך פייכט די וואָרצלען פונעם וואַלד,
דורך האַלבן טאָג צום וואַסערדיקן ברעג.

וואַלד, גיב אַ ריס זיך מיט די וואָרצלען פונעם אָרט,
און מיט דיין גבורהדיקן גאַנג גיי פון דזשאַנגל אָפּ,
און אויף יעדן שלעכטן מענטש וואָס האָט פאַרגאָסן בלוט,
פאַלן זאָל דיין בוים אַ וויסטער אויף זיין קאָפּ.

און פאַר די געפּייניקטע, וואָס וויינען שטום אין צער,
נעם זיי צו זיך צו, דעק זיי אונטער דיינע בלעטער איין.
אַ, גיב אַוועק זיי פונעם טאָג די רו,
דאָס שטילע ליכט, די אָוונט־שיין.

האַרבסטיקע לעמער

פויערים אין שטרוי צינדן אויף פעלדער פייערן.
אַרום וועלדער ציט אַ ווינט: ס׳פאַלן בלעטער: ביימער ציטערן.
בהמות גייען פולע מיט אַראָפּגעלאָזטע העלדזער אין גראָזן,
און שלאָגן אָפּ ברוין, אין טרויעריקן ליכט, אין שפּעטן פיטערן.

פייערן ציען רויט, — נידערן אַראָפּ די גרויע הימלען, —
ס׳געלן בערג, עפּל רויטלען און פוילן
מיט שמאָלן וועג קומען ווייסע לעמער אָן —
הייבן אויף די קעפּ אינעם האַרבסט אַריין דעם הוילן.

וואָס וועט זיין אַז וועג און וואַלד וועט נאַכט פאַרמעקן?
אַז ס׳בלאָנדזשען אום די לעמער, — פאַסטעך איז ניטאָ.
הונגעריקע וועלף די לעמער טרעפן
און נעמען זיי פאַרצוקן אין דער אָוונט־שעה.

און אויך בהמות פאַלן.
דער ווינט פאַרלעשט די פייערן, און נעמט אַליין אויך שטומען:
פויערים אין נידעריקע הייזער שלאָפן,
און דעם פאַסטעך זעט מען אַלץ ניט קומען.

דעמאָלט נעמען קלאָגן הויך אין נאַכט אַריין די וועלף אַליין, —
עס זאָלן עפענען זיך טירן, עס זאָל דער פאַסטעך קומען;
זאָל דער ווינט אַרום די ווילדע וועלדער —
נאָך האַרבסטיקער און וויסטער זיך צעברומען.

די וועלף אין בלוט, אין צעריסנקייט צווישן שאָף,
זאַטע שלאָפן איין און ליגן.

אַ באָרוועסער דער פּאַסטעך קומט, און אין זיין פּלייט
יאָמערט אויף זיין ניגון.

וועקן נעמט דער ניגון די שמאָלע פענצטער,
און נעמט אויפגיין איבער גרויע כאַטעס. —
אָבער טיפער זינקען איין אין שלאָף די קינדער,
און טיפער נאָך אין שרעק — די טאַטעס.

⁘ ⁘ ⁘

דערזעט אין בלוט דער פּאַסטעך זיינע שאָף —
ער נעמט זיך וואַרפן אויף די וועלף, זיי וועקן:
גיט די נאַכט אַ צאַפּל זיך און נעמט אַוועקגיין,
און לאָזט איבער אַלץ און אַלעמען אין הוילע שרעקן.

קומט אָן אַ נאַסער און אַ געלער דער באַגינען,
אַ דינער רעגן, — רעדעלעך אַ סך.
אַלטע ביימער, רויטע בלעטער
וויינען מיטן גרויען שליאַך. — — —

אַ באָרוועסער דער פּאַסטעך לאָזט אַהינטער זיך אַוועק דאָס דאָרף,
דאָס בלוט, — די שאָף צעריסענע אויף פעלדער.
ער הענגט דעם טרויער זיינעם אויף — די ווייטע בענקשאַפט —
אויף אַלע ביימער פון באַגינענדיקע וועלדער.

אייביק וואָרט

גאָט, — דו איינער —
וואָס האָסט פון הוילער ליידיקייט אַ וועלט געמאַכט, —
איז דאָך אַ וועלט אַזאַ פאַרבליבן.
פון אַלץ וואָס וועט חרוב ווערן —
בלייבן וועלן דיינע טעג די אייביקע זיבן.

און פון דיינע טעג די זיבן
וועסטו צוריק אַ וועלט באַשאַפן.
דורך פינצטערניש אַ וועג געפונען.
דאָס ליכט פון דער וועלט איז פאַרחושכט —
און ס'קאָנען קיין ענטפערס ניט געבן די בלוטיקע זונען.

דאָך, ווען אָוונט־צייט קומט —
און ס'קומען די שטילע שטערן,
פרעג איך תפילהדיק ביי גאָט:
— און וואָס וועט זיין, אַז אויך די זיבן טעג וועלן חרוב ווערן?
נאָר ס'גיט נישט קיין ענטפער גאָט,
נישט מיר, און נישט מיין בלוטיקן דור.

באַשאַף

איך דריי אַראָפּ אין לאָמפּ דאָס נאַכטיק פייער,
בייג זיך טיף אַריין אין שטילער רו.
איך זע, ווי אַלץ געוואָרן וואָלט נאָר וואָס באַשאַפן
אין ציטער פון דער ערשטער שעה.

כ'נעם אַראָפּ פון זיך די קליידער, —
ווי ס'קאָן אַ מענטש נאָר זיין מיט זיך אַליין.
די שטערן קוקן טיף
דורך ווייטקייטן אין מיר אַריין.

אין אַזוינע שטילע, ציטערדיקע מינוטן —
גייט אויף דאָס האַרץ, ווי פון אַ נביא ריין.
איז גוט צוזאַמען מיט דער וועלט באַשאַפן ווערן —
אַ טייל אַן אייביקער אין איר צו זיין.

איצט רוט נאָך אויף מיין לייב גאָטס פייכטער אָטעם.
זיין האַנט אויף מיר. אַ רגע בלויז.
ס'קוקט די לבנה מיט וואונדער און פאַרגאַפונג
ווי דער לעצטער, דער באַשאַפענער זעט אויס.

בוך פינף: 1943-1927

בעריש וויינשטיין

זעליג דאָרפמאַן

מינא באָרדאָ-ריווקין

מ. א. סול

מאַרטין בירנבוים

שאול מאַלץ

כייקע אייבלסאָן

אַננאַ זאַרעצקי

נחום פאָזנער

ר. ז. ליליען

מ. שטיינגאַרט

ראָזע נעוואַדאָווסקאַ

ברכה קאָפשטיין

גבריאל פרייל

צבי שטאָק

רייזל לאַנדוי

דאָרע טייטלבוים

אברהם רעגעלסאָן

בעריש וויינשטיין

זון פון אליעזר יעקב הכהן וו.; געב. דעם 18 טן מערץ, 1905, אין ריישע־זשעשאָוו, גאַליציע. זיין יחוס ציט זיך פון „ברכת־יעקב". זיין עלטער־זיידע ר' שלמה שלאָסמאַן, אַ שאַרפער בעל־מקובל, איינער פון די „טרוימער פון געטאָ", איז שפּורלאָז פאַרשוואונדן. דער פאָטער אַ למדן, פון־דער סאַנזער גזע, האָט (צוליב מיליטערישע סיבות) געמוזט אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע, איבערלאָזנדיק דאָס ווייב מיט צוויי פּיצלעך קינדער. איז אויפגעכאָוועט געוואָרן ביי דער באָבע חנהלע אונטער דער השפּעה פון איר איידעם ר' זבולון, זון פון טאַרנער דיין ר' יידעלע אָרשיצער. געלערנט אין חדרים, אין פּוילישער פאָלקס־שול און אין דער דייטשער פאָלקס־שול, אין רייכנבערג, בעימען, וואו ער האָט געפּליכטעט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ מלחמה־קינד, האָט ער דורכגעמאַכט די פּאָגראָמען פון די „האַלערטשיקעס" אין פּוילן. 1923 אַוועק קיין ווין, וואו ער איז צוויי יאָר געווען אויסבאַהאַלטן פון דער וויגער־פּאָליציי פון וואַגנען עס איז אים, אַ דאַנק זיין קאָזינע מלכה (איצט זיין פרוי), געלונגען צו אַנטלויפן. 1925 געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט ענגליש אין אָוונט־שול און דערנאָך אין דעם יידישן לערער־סעמינאַר. אין 1927 דעביוטירט אין „צוזאַמען". זיך באַטייליקט אין: ליים און ציגל, צוקונפט, גלאָבוס (וואַרשע), לי־

בעריש וויינשטיין

טעראַרישע בלעטער (וואַרשע), אונדזער טאָג (ווילנע), יידיש, טאָג, יידישע קולטור, אָפּאַטאָשו־ליעוויק־זאַמלביכער. רעדאַקטירט: „המשך" (1939 — אײנײנעם מיט ב. דעמבלין און ל. טרייסטער, דערנאָך אײנ־אײנעם מיט ב. דעמבלין און משה שטאַרקמאַן). אין בוכפאָרם: „ברוכ־וואַרג", פאַרלאַג „חברים־קאָמיטעט", ניו־יאָרק, 1936, 96 זייטן. איז באַשעפטיקט אין פרעסע־אָפּטייל פון „האַיאַס".

ש. איזבאַן: דאָס טראַגישע לעבן פון לודוויג וואַן בעטהאָווען — „ביאַליס־טאָקער לעבן", אַפּריל, 1942.

א. אַלמי: קאַנאַדישע נאָטיצן — „פרייע אַרבעטער שטימע", סעפּט. 4, 1936.

לעאָניד אַפּאַלאָוו: דער פּאָעט פון דער צייט (רוסיש) — „רוסקי גאָלאָס", יולי 19, 1938.

יעקב באָטאָשאַנסקי: „ברוכוואַרג" — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 3, 1937.

יעקב באָטאָשאַנסקי: „המשך" 1, זאַמלבוך פון אַ גרופּע יונגע שריפטשטעלער אין נאָרד־אַמעריקע — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), אויגוסט 9, 1939.

יעקב באָטאָשאַנסקי: פאַראַן המשך. אין די זאַמלביכער „המשך" — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 24, 1940.

ל. באַיאַן: „המשך" נומער צוויי — „די שטימע" (מעקסיקאָ), מערץ 15, 1941.

ל. באַיאַן: „ברוכוואַרג" — „די שטימע" (מעקסיקאָ), מאַי 31, 1941.

ל. באַיאַן: „המשך"־זאַמלבוך 3 — „די שטימע" (מעקסיקאָ), מאַי 30, 1942.

י. באַשעווים: „המשך"־זאַמלבוך איינס — „צוקונפט", יוני, 1939.

אברהם ביק: דער חסידישער מאָטיוו אין דער מאָדערנער יידישע פּאָעזיע — „המשך", 2, 1940, זז. 57—59.

אברהם ביק: אַן אַכסניא פאַר יונגע יידישע שרייבער — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), אויגוסט 1938.

יעקב גאָטליב: וועגן בעריש וויינשטיינס „ברוכוואַרג" — „קאָוונער צייטונג", 1936.

נ. י. גאָטליב: אַ וויכטיקער ליטעראַרישער זאַמלבוך — „קענעדער אָדלער" (מאָנטרעאָל), דעצ. 22, 1940.

הערמאַן גאָלד: אַרום בעריש וויינשטיינס „ברוכוואַרג" — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", אַפּריל 15, 1936.

ס. גאָרדאָן: אין צייכן פון גבורה — „די פּיאָנערן פרוי", אַפּריל, 1944.

יעקב גלאַנץ: געפּרווירענער ליריזם — וועגן בעריש וויינשטיינס „ברוכוואַרג" — „דער וועג" (מעקסיקאָ), מאַי 21, 1938.

ב. גראָבאַרד: די זאַמלביכער — „שיקאַגע", מאַי־יוני, 1937.

אליעזר גרינבערג: וועגן „ברוכוואַרג" פון בעריש וויינשטיין — „סיגנאַל", יולי, 1936.

ח. גרענט: „ברוכוואַרג" פון בעריש וויינשטיין—„אייגנס", מערץ־אַפּריל, 1936.

משה דלוזשנאָווסקי: לודוויג וואַן בעטהאָווענס פּאָרטרעט אין וואָרט און אין שטיין — „פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 12, 1943.

א. זאראמב: וואס שרייבט מען — „שריפטן", נומער 1 (וואַרשע), יאנ.

אלי זינגער: די ליטעראַטור ביי דער שיסל — „יידישע וועלט" (פילאַדעלפיע), יאַנואַר 7, 1940.

אליהו זינגער: בעריש וויינשטיינס פּאָעמע „בעטהאָווען" — „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", יולי 1, 1942.

י. ל. טעלער: די יינגסטע שרייבער אין אמעריקע — „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), נומ. 22 (681), 1937.

ש. טענענבוים: די פּאָעזיע אין דריטן באַנד „המשך" — „יידישער קוריער" (שיקאַגאָ), מערץ 22, 1942.

דניאל טשארני: וואָס מיין שרייבטיש דערציילט — „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), דעצ. 26, 1936.

מרדכי יאפע: זאַמלביכער 3 — „הדואר", סעפּט. 9, 1938.

מרדכי יאפע: יידישע דיכטער — „דאָס יידישע פאָלק", אָקט. 1938.

ה. לייוויק: אינטערוויו — „די פּרעסע" (בוענאָס־איירעס), 1936. 1938.

דער לעבעדיקער: דעם אמת זאָגנדיק — „מאָרגן־זשורנאַל", מאַי 12, 1939.

א. לעיעלעס: וועגן בעריש וויינשטיינס „ברוקלין" — „אינזיך", פעב. 1936.

דר. ש. מארגאשעס: ניוס ענד וויוס — „דער טאָג", יאַנואַר 13, 1936.

דר. ש. מארגאשעס: יידן אין דער אמעריקאַנער ליטעראַטור — „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), סעפּט. 11, 1936.

פּכח מארקוס: דער שרייבער און זיין בוך — „מאָרגן־פרייהייט", מערץ 28, 1943.

דר. א. מוקדוני: אַ נייער דיכטער — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 11, 1936.

דר. א. מוקדוני: זאַמלביכער — „צוקונפט", יאַנואַר, 1937.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", יוני 15, 1938.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אַפּריל 26, 1939.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", נאָוו. 6, 1940.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אַפּריל 15, 1942.

ג. מנחם [מ. ג. גלען]: „המשך" — „הדואר", ז' אייר, תש"ב (אַפּריל 24, 1942).

קלמן מרמר: פון ביכערטיש — „האמער", מאי, 1939.

משה נאדיר: עמיץ קומט — „מאָרגן־פרייהייט", יאַנואַר 13, 1936.

משה נאדיר: „טינט און פעדער" — 1936.

ש. ניגער: עס קומען אמעריקאַנער דערצויגענע יידישע שרייבער — „דער טאָג", יוני 3, 1934.

ש. ניגער: פון אַ לעזערס און אַ שרייבערס נאָטיצבוך — „דער טאָג", יוני 17, 1934.

ש. ניגער: נייע לידער, לייכטע און שווערע — „דער טאָג", מערץ 15, 1936.

ש. ניגער: „זאַמלביכער" דריי, — „טאָג", אויגוסט 28, 1938.

ש. ניגער: געליינט און געשריבן — „טאָג", יולי, 1936.

ש. ניגער: לידער אין „זאַמלביכער" 3 — „דער טאָג", אויגוסט 28, 1938.

ש. ניגער: וועגן די לידער און די דערציילונגען אין „המשך" — „דער

בעריש ווײַנשטײַן

טאג", מאי 7, 1939.

ש. ניגער: „המשך" — „דער טאג", נאוו. 17, 1940.

ש. ניגער: נײַע דערציילונגען, נײַע לידער" — „דער טאג", אפריל 11, 1942.

מענדל נײַגרעשל: וואוהין גייט די יידישע ליטעראטור? — „יידישע פאלקס־צייטונג" (ריא־דע־זשאנעירא), יולי 14, 1939.

מ. עמסקי: „המשך" 1 — „פראלעטארישער געדאנק", אויגוסט 1, 1939.

גרשון פאמעראנץ: דאס יונגע יידישע ליד — „פרייע ארבעטער שטימע", נאוו. 27, 1936.

חיים פרוס: „אונטערוועגנס", נומ. 3, 1934.

פ. פיזבערג: בעריש ווײַנשטיינס „ברוכווארג" — „דער שפיגל" (בוענאס־איירעס), מאי 12, 1938.

י. קיסין: אן ערשט בוך פון א נײַעם פאעט — „פארווערטס", פעב. 9, 1936.

י. קיסין: וועגן בעריש ווײַנשטיינס פאעמע לודוויג וואן בעטהאווען — „המשך", 1942, זז. 82—86.

יעקב קירשענבוים: רײַשע, א גאליציש שטאט פון חסידות און אסימילא־

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אנטאלאגיע. 1943.

ציע — „מארגן־זשורנאל", יוני 7, 1943.

חיים קרול: בעריש ווײַנשטיין — „פרייע ארבעטער שטימע", דעצ. 26, 1941.

הלל ראגאף: לידער פון דער מלחמה — „פארווערטס", נאוו. 7, 1943.

שמואל ראזשאנסקי: בעריש ווײַנשטיין, א דערציילער אין פערזן — „יידישע צייטונג (בוענאס־איירעס), יוני 22, 1936.

יעקב ראדאק: וועגן קונסט און קינסטלער — „יידישע וועלט" (פילאדעלפיע), מאי 22, 1938.

מלך ראוויטש: זאמלביכער, באנד איינס — „פרייע ארבעטער שטימע", 1936.

שמואל ראזשאנסקי: בעריש ווײַנשטיין — „שיקאגער קוריער", אויגוסט (טשערנאוויץ), 1936.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער" 1937.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער" 1942.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער", 1943.

2, 1936.

זלמן רייזען: נײַע לידער — „אונדזער טאג" (ווילנע), אקט. 20, 1938.

משה שאליט: אמעריקאנער זאמלביכער — „ליטעראַרישע בלעטער" (ווארשע), נומ. 47 (654).

איציק שווארץ: זאמלביכער 1 — „טשערנאוויצער בלעטער", 1936.

איציק שווארץ: בעריש ווײַנשטיין „ברוכווארג" — טשערנאוויצער בלעטער

א. ל. שוסהיים: א ירושה פון דורות — „יידישע צייטונג" (בוענאס־איירעס), נאוו. 21, 1944.

משה שטארקמאן: וועגן ערשטן זאמלבוך „המשך" — יידישע קולטור", אוי־גוסט, 1939.

שלום שטערן: וועגן דיכטער בעריש ווײַנשטיין — „קאנאדער יידיש וואכנ־בלאט (מאנטרעאל), מאי, 1943.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

S. Niger: New Verse, Light and Otherwise. Yiddish, June 1936, N. Y.

New York Public Library: Weinstein, Berish. "Bruchwarg" A Selection of New Books, June 1938.

Dr. Aaron Rosmarin: "Bruchwarg"—Books in Brief, Jewish Spectator, January, 1939.

. . . ער איז ניי אין תוך, ער איז טיילווייז ניי טעמאַטיש, ער איז ניי אין זיין אַפּנקייט, ער איז ניי אין זיין פּשטות און אַפילו אין זיין אומגעהובלטקייט . . . די צייט פון רויע טאַלאַנ־טען, די צייטן ווען אַזעלכע ליטעראַרישע וואונדער ווי שלום אַש. א. מ. ווייסנבערג און אַנדערע פלעגן געשען אָפט, זיינען שוין פאַרביי . . . איז פאַר מיר בעריש ווײַנשטיין אַן אַנגענעמער חידוש, איז פאַר מיר בעריש ווײַנשטיין אַ ליטעראַרישע איבער־ראַשונג . . . בעריש ווײַנשטיין פאַרמאָגט אַן אויג פון אַ מאָלער, ער זעט בילדער, ער זעט קאָמפּאָזיציעס, ער זעט טויזנט זאַכן אין זייער באַהאַלטענעם אייגנאַרטיקן לעבן . . . עס איז דאָ קרעפטיקייט אין בעריש ווײַנשטיינס לידער, עס איז דאָ בעריש־קייט אין זיינע לידער, אָבער עס איז אויך דאָ צאַרטקייט, ליריש־קייט און האַרציק געמיט . . . בעריש ווײַנשטיין האָט ליב דעם עכטן יידישן מענטשן, אָבער ער האָט קיין טענות ניט צו די אַנדערע מענטשן אויף גאָטס וועלט . . . הכלל — בעריש ווײַנ־שטיין איז אַ נייער, אַן אַנדערשדיקער דיכטער.

(דר. א. מוקדוני: אַ נייער יידישער דיכטער — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 11, 1936).

אַז איר לייענט דורך אַ פערז ביי בעריש ווײַנשטיינען, איז ווי איר זאָלט האָבן דורכגעלייענט אַ גאַנצע פּאָעמע . . . ביי ווײַנשטיינען שלעפּט איר זיך באַרג אַרויף . . . בעריש ווײַנ־שטיין מאָנט נישט, טענהט נישט, פּראָטעסטירט נישט; ער באַ־שרייבט וואָס ער זעט, ווי ער זעט עס; ער מאָלט, ער קלעפּט שווערע גראָטעסקע פיגורן . . . בעריש ווײַנשטיינס לידער זיי־נען ניט קיין לידער פון קיין ריכטונג, ניט קיין כאָר־בילדער. ער זינגט סאָלאָ . . . ער זינגט? ניין. ווײַנשטיין זינגט זייער זעלטן. ער קנעט איין זיין ליריזם אין געשטאַלטן; ער שניצט אים פון האָלץ, קריצט אים אין שטיין ווי אַ סקולפּטאָר. פון ליריק ווערט ביי אים פּלאַסטיק . . . וויל בעריש ווײַנשטיין פון פלייש און בלוט מאַכן גיפּס, בראָנדז. ס'איז אַ שווערע קונסט; לאַנג, לאַנגזאַם רייפט זי . . . שטימונג ווערט אריינגע־גאָסן אין זאַכן. ווי אַ לעבעדיק ליריש געפיל רירט זיך האַלב־פאַרגליווערט אין פּלאַסטישער בילדלעכקייט. דאָס איז נישט

אַלעמאָל דעם יונגן דיכטערס מעטאָד. עס זײַנען דאָ בײַ אים לידער, וואו ער נוצט נישט די מאַלערישע אָדער סקולפּטאָרישע געצײַג, נאָר — די לירע . . . דער דיכטער זאָגט וואָס ער פילט. דאָס טרעפט זיך ניט אָפט בײַ אים. אָפטער זײַנען בײַ אים לי־דער, וואו ער האַלט־אײַן זײַנע געפילן. לידער, וואו ער, דער הײסער ליריקער, מאַכט דעם קאַלטן אָנשטעל פון אַ דערצײ־לער, פון אַ מאַלער, פון אַ סקולפּטאָר. לידער, וואו די שורות זײַנען אַזוי ווי מיט אַ כיוון לאַנג, כדי דער שרײַבער און דער לעזער זאָלן זיך צוגעוואוינען צו געלאסנקײט . . . ווײַנשטײן לערנט זיך זײַן געלאַסן — אין אַ וועלט פון אימפּעט, אין אַ וועלט פון אומרו און פּחד. אויך לערנט ער זיך זאָגן אין אַ האַלבער שורה, וואָס אַנדערע מאַכן דערפון אַ גאַנצע פּאָעמע... ער שטעלט זיך גרויסע, גאָר גרויסע צילן.

(ש. ניגער: נײַע לידער, לײַכטע און שווערע — „טאָג", מערץ 15, 1936).

באַנען

מלכהלען און ריוועלען געווידמעט

באַנען אויף ווײַטע בריקן איבער אָונטיקע שטרעקעס
ציִנדן זיך, ווי פענצטער בײַנאַכט אין גרויסע שטעט.
באַנען ציִען שטענדיק לעם גאַז־פּעסער, לעם שטויסן אָפּגעבוצטע
קלעצער.
ווירפל־שטײנער ליגן פּאָרזיכטיק צעשאָטן אונטער שינעס,
און האַלטן טרוקן די ערד פון אויל־רעדער.

גוים, וואָס קענען בײגן ס'געזיכט באָענט צו פײַער
און קענען ווײַזן אָפענע אויגן אין ווינטן, הײצן לאָקאָמאָטיוון.
זײערע פּנימער זײַנען האַרט און ברוין פון רויך און פלאַם
אָפּגעטראָגן פון רעגנס און הוילע קעלטן.
פאַר זײערע אויגן לאָקערן שטענדיקע פעלדער, סיגנאַלן און טעלעגראַפן.

ס'איז אומהײמלעך אין פאַרנאַכטיקע דערפער וואו ס'פאָרן דורך באַנען.
רײזנדע קוקן גרויס־שטעטיש פון די באַן־פענצטער.
פון שפּײַז־וואַגאָנען בלאַסקעט רויש פון געשיר.
און וואַרעמע העפלעכקײט פון קעלנערס צווישן עלעגאַנטע עלנבויגנס
וועקן בענקשאַפט בײַ באָרוועסע פּויערטעס, וואָס שטײען יונג
אויף פעלדער.
די קלײדער זײערע פאַרבן זיך שקיעהדיק, שפּיצן באַרירן הײס די קני.

אין אָוונט פון באַנשינעס וואַקסן אויס פאַר זיי שטעט,
ווייִנשענקען און האָריקע ליפּן פון זעלנער.

אַז שנעלציגער לייגן פאַרנאַכטיקן רויך אויף שטילן שטרוי פון
שפּעטע דעכער,
שטייען קינדער צעשטעלט פריש אויף לאָנקעס מיט לאַכעדיקע פּנימלעך,
און פּאַכען מיט שווייגנדיקע הענטלעך צו באַנען ביזן לעצטן רויש
אין דער ווייט.

ווינטער זיצן זיי אויף וואַרעמע פענצטער, אין הוילע העמדלעך
און שרייבן מיט די פינגער אויף פראָסטיקע שויבן.
פאַר די פענצטער ברעכן זיך שאַרף די יונגע, היימישע ביימער
אין קעלט,
און באַנען מיט שנייאיקע דעכער איבערטראָגן זיך צו ווייטע שטעט.

יונגען פון דער וואָליע

יונגען פון דער וואָליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט!
פייערדיקע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגן,
און מיט געזונטע קצבשע פּנימער, אַקסלען וואָס טראָגן געשאָכטענע
קעלבער.
פון טרייבן קעלבער האָבן זיי האַרטע הענט, פון שינדן נבלות
גלאַנצן זייערע קליידער
און שמעקן מיט שעכטהויז, מיט פרישן בלוט, מיט יאַטקע און רויע
פליישן.

אין אַ יום־טוב־טאָג האָבן זיי ליב צו פּוצן זיך אין זעלנערישע מונדירן,
קורטקעס מיט מעשענע קנעפּ, אויפגעשטעלט די הויכע קעלנער,
און לעדערנע דאַשקעס פאַררוקט אין אַ זייט אָפּעצירישׁ.
אין רייטהויזן, לאַקירטע שטיוול, מיט שטילעטן אין די כאָלעוועס,
שפּאַצירן זיי מיט כלות ריטמיש נאָכן קלאַנג פון זילבערנע שפּאָרנס.

מיילער האָבן זיי, ווי זייערע מאַמעס די פּזשעקופּקיס,
וואָס שליענטשען אָן אין קעלטן מיט אויבסט אין מאַרק
און קענען שילטן מיט בייזע קללות.
פון בלאָזן פייער־טעפּ האָבן זיי צעפּאַדערטע ליפּן;
פון קוישן, זעק און רעגנס פוילן אויף זיי די קליידער,
און נעגל האָבן זיי שאַרפע וואָס קענען מאַכן וואונדן.

יונגען פון דער וואַליע, פון טאַטעס מיט באַן־פּיאַקערס,
און פערד, וואָס לאָזן זיך אויסגעשפּאַנט אויף פרעמדע לאַנקעס פּאַשען.
פון זייערע רייד פּילט זיך בראָמפן מיט טרוקענעם ריח פון ביליקן טיטין;
און האָבן נישט קיין בושה צו קאָפּן די מאַמע, דעם טאַטן, די שוועסטער,
און צו וואויבען מיט ווייבער פון באַרדעל.
פון צופיל ווייבער גייען זיי אַרום מיט נאָכגעלאָזטע טריט,
און פון אויף־זיין לאַנגע נעכט טריפן זייערע אויגן.

אין פּוילישע ווינטער־נעכט בלאָנקען אום זייערע שוועסטער,
און האָבן ליב די ליבע לעם אַ גאַסן־טויער אונטערן פאַל פון שניי,
פון אַ הפקר־יונג, עפענען זיך זייערע בריסט נאָך זייגנדיקע קינדער,
און ווערן מאַמעס ביים טריבן שיין פון אַ גאַסן־לאָמפּ.

יונגען פון דער וואַליע, די שטאַרקסטע אין שטאָט:
פּייערדיקע, מיט גרויסע גזשיוועס איבער די אויגן,
און מיט געזונטע קצבישע פּנימער, אַקסלען וואָס טראָגן געשאָכטענע
קעלבער.
פון טרייבן קעלבלעך האָבן זיי האַרטע הענט, פון שינדן נבלות
גלאַנצן זייערע קליידער
און שמעקן מיט שעכטהויז, מיט פרישן בלוט, מיט יאַטקע
און רויע פליישן.

אויף דיין ערד, אַמעריקע

אויף דיין ערד איז מיר באַשערט צו זינגען דאָס געזאַנג פון דיין לאַנד.
כ'האָב אַזוי פיל מענטשן, אַזוי פיל שיפן אין דיינע ברייטע האַפנס געזען,
און ביי דיינע פעלקער פון לשונות זיך געלערנט צו זיין אין דער פרעמד,
און אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז כאָטש גאַליציע, אַז כאָטש רייסע
איז מיין היים,

איז מיין שטאָט ניו־יאָרק — מיינע גאַסן: דילענסי, רידזש און פּיט;
און היימישער נאָך ביזטו מיר פון יענעם טרויעריגן טאָג־אָן געוואָרן,
ווען כ'האָב אויף דיין ערד, אַמעריקע, געזען מיין טאַטע־מאַמע שטאַרבן.

היימישע טאַטע־מאַמעס — אייניקלעך פון אַמסטערדאַמער יידישע
וואָגלערס;
נאָך פון די אור־זיידעס אין דזשאָרדזש וואַשינגטאָנס גרויסע צייטן,

וואָס האָבן מיט שרעק איבער מבולדיקע וואַסערן זיך געלאָזט זעגלען
מיט בענטש־ליכט, מיט טליתים און תפילין, אַזש פון אַלטן האַלאַנד,
און געבראַכט פאַרן דאַרן ליַנקאָלן די חכמה פון „האָלי מאָזעס",
ער זאָל קאָנען מילדערן ס׳געוויין פון נעגערס אויף די באַוול־פעלדער.

אַזוי פיל טרויעריקע גאַסן זיַינען אויף דיין ערד, אַמעריקע, פאַראַן!
אין אַזאַ אומהיימלעכקייט גייען־אום יידן געבויגענע איבער שטיבער,
מיט פעקלעך־מסחר אויף שווערע, מידע אַקסלען אָנגעהאָנגען,
און האַנדלען מיט געוואַנטן, מיט גאָלד, ווי אין וואַרשע, ווי אין לאָדזש,
אויף די שפּראַכן פון ענגליש, פון שפּאַניש, פון איטאַליעניש.

אין דיינע פאַרנעפּלטע נעכט — אויף די גאַסן, אויף די סקווערן,
קאָן מען זען ווי עלנט עס קאָן זיין אַ מענטש אויף דיין ערד.
דיינע סוף־חודשדיקע לבנות גייען־אויף דינער און בלאַסער
און גיסן־אויס זייער אומעט אויף געזיכטער און האַריקע לייבער,
ווען דיין ערד, אַמעריקע, איז אין ווינט, איז אין בלויזן שניי.

טונקעלע זעגלען דיינע שיפן אויף דיינע אָוונטיקע, געבויגענע וואַסערן
דורך בלויע טיפן, ערגעץ אין שווערע וויַיטן — אַוועק.
אויף דיינע אָנגעוואָרפענע בריקן פון מאַנהעטן, ברוקלין, קווינס,
ציען געבונדענע רינדער מיט חלפדיקן ליכט אויף זיך,
און מאַכן נאָך גרויער ס׳ביסל עלנט פון דיין ערד, אַמעריקע.

שטאָטישע נעכט־רויכן שלאָגן האַרבסטיק פון קאַלטע דעכער.
דאָס גרוי פון די הימלען ווערט בלוי, ווי די שטאָט, ווי די שויבן.
לענג־אויס דיינע וואַסערן, אַמעריקע, ציען פלעמלדיק די שיפן
און וויגן זיך הויך אויף שוים, טרייסלען ס׳געהילץ פון די ברעגן.
ס׳האָפנדיקע ליכט איבער די סקלאַדן ווערט ווינטערדיק, גראָשנדיק,
און סמוטנע זיינען די וועכטערס איבער דיינע אויסלענדישע סחורות.

אָוונטיקע באָרטנס — אָנגעגאָסן ליכט, וואָס איז שיכור, וואָס איז טריב.
מאַטראָזן — ברוין־הויטיק, העל־הויטיק — שטייען אין די שענקען;
שטייען ביי די באַרס אין די לאַנגע נעכט, מיט אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ,
און רעדן צו די ביר־גלעזער מיט הייסע געזיכטער, צעגאָסענע מיילער.
זייערע הענט, פיס, זיינען האַרט און פלינק פון שטריק און פון אַנקערס,
און קאָנען קלעטערן אויף מאַסטן אינמיטן ים — אינמיטן דער וועלט.

אָ, אַלע זאַכן אויף דײַן ערד, אַמעריקע, ווערן ראָסטיק, געל,
אין נאָוועמבער.
ייִנגלישע פײַערן סמאַליען פון צעגאָגלטע קאַסטנס ברעטער און קאַנען.
אַזאַ בענקשאַפט קוקט אַרויס פון פּנימער, יידישע, נעגערישע,
אירלענדישע.
„איסט־סייד, וועסט־סייד" — אומעטום דיזעלבע נאַכט, דיזעלבע
פענצטער.
און אַז ס'שטאַרבט אַ מענטש אויף דײַן גרויסער ערד, אַמעריקע,
איז ווי מען וואָלט דאָ געשטאָרבן אין אַ סך לענדער, אָ, גאָט!

מאַטראָזן

מאַטראָזן האָבן אַ האַרץ, וואָס בענקט נאָך באַנען, מענטשן און שטעט;
זייערע אויגן האָבן אין זיך די ווילדקייט פון ים, ווײַטקייט פון לענדער.
פּאָר בענקשאַפט—הענגען איבער זייערע בעטן בילדער פון האַפן־שטעט,
פאָטאָגראַפיעס פון לאַכנדיקע מיידלעך וואָס זײַנען קלוגער פון
עלטערע שוועסטערס,
און די מאַטראָזן איז גרינג צו טראַכטן, אויפן געלעגער ווען ס'לייב
ווערט האַרט,
פון געבלומטע זאָקנבענדלעך אויף יונגע קני, וואָס שלאַנקען אומרואיק,
און פון פעסטע קאָרסעטן, וואָס מאַכן בריסטיק אַ מיידלס לייב.

ערגעץ אויפן ים, זילבערן זייערע פּנימער דער לבנה אַנטקעגן
אין אַ יום־טוב נאַכט;
אויסגעזעצט אויפן דעק אין ווייסע מאַרינאַרקעס, מיט די פיס ווי כינעזער
און מיט צעפלאַמטע ליפּן, איינער דעם אַנדערן אַרומגענומען ווי אַ פרוי.
ס'רייסן זיך פון זיי ניגונים דורך הייזעריקער לופט. דאָס געדעכעניש
צו אַ מאַמע,
וואָס גייט אַרום געבויגן מיט שווערע קוישן אויף ביידע אָרעמס,
האָזירן איבער פרעמדע האַפן־שטעט, די אויגן אויפגעהויבן צום הימל,
און זוכט ס'פּנים פון איר זון אין געהויבענעם רויך פון שיפן.

מאַמעס פון מאַטראָזן זײַנען שוואַכע, בידריקע, וואָס צערטלען די ערד
און האָבן אַ טבע צו געבן דער וועלט שטאַרקע זין, געזונטע טעכטער;
די מאַנסבילן זייערע — הויך און ברייט מיט האַריקע הענט,
שווערע, רויטע נעז, בייזע ברעמען און האַרטע, ווילדע בערד.

מאַטראַזן האָבן אַ האַרץ, וואָס בענקט נאָך מענטשן, באַנען און שטעט.
אין די שטעט שפּאַצירן זיי אויסגעפּוצט אין רונדע, ווייסע קעלנער,
בלאָע מונדירן און ברייטע, לאַנגע הויזן אויף קליינע פיס.
מיט דער ווילדקייט פון ים גלוסטן זיי צו מיידלעך מיט שעמעוודיקע
אויגן,
וואָס זיצן טיף אין שויס און ציטערן, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס.

הענט וואָס אַנקערן שיפן, ליגן שווער אויף אומרואיקע מיידלשע היפטן,
אויף הייסע אַקסלען און ענגע דעקאָלטן פון וואַרעמען, דורכזיכטיקן זייד;
ווילדע קושן נאָגן די וואָרצלען פון זייער בוזים, די פינגער פון די הענט,
און קילן דעם בלענד פון זייערע קני אין אָוונט־שאַרף פון יולי־בלעטער.
און ס'בלוטיקט די רייפקייט פון שיינע טעכטער אין אַ האַפן־שטאָט.

אַ שלאָף קינד

דר. מ. שעוועל'ן

דורך מיין פענצטער ציט חשונדיקע קעלט; ס'צעשיט זיך דער ווינט
איבערן דיל.
פונעם ווינט בלאָזט זיך ווילד ס'מסוכנדיקע ליכט איבער דער שטוב,
און רירט פון דער וואַנט דעם שטומען שאָטן פון דער וואַכעדיקער
שוועסטער.
פון שלאָפן בעט צעטראָגט זיך אימהדיקער שפּיטאָל־ריח פון לעצטע
מעדיצינען.
די אָרעמלעך פונעם קינד באַוועגן זיך לאַנגזאַם און דין אויפן אָפענעם
קישן;
ס'ציטערן די ליפּלעך פיבערדיק, און שלאָגן אויס מיט בלוילעך קאַלטן
שווייס.
פאַרלאָפענע טרערן פון דער מאַמען, בעמען נאָענט אַדורך די גסיסה
פון קינד.
שפּעטע נאַכט: כ'גיי אַרום אַ דרויסנדיקער מיט שטילע טריט
אויף פרישן שניי,
פאַרוואָקסן ס'געזיכט, און שטאָמל צו זיך אַ נומער פון אַ הויז,
אַ נאָמען פון אַ דאָקטער.

כ׳קער אום די ווײַטלעכע אויגן צו מײַנע שרעקנדיקע שויבן פון פראָסט
און הויב זיי באַריש צו דער נאַכט, ווי כ׳וואָלט וועלן רופן גאָט פון הימל.
וואָס פראַסטיקער די נאַכט — דאַרער, טונקעלער, גייט מיר נאָך
דער שאָטן,
מיט לאַנגע הענט אויסגעצויגן אין ווײַסער קעלט פון שפּעטע זאַווערוכעס.
פון נישט קענען ווײנען, שילטן, שרײַט פון מיר אויס אַ הויל קול
צו דער גאַס.

נאָענטע צווײַגן פאַר דער שטוב שפּאַרן די פענצטער מיט אַנגעקאָוועטן
אײַז,
און ס׳שפּינוועבן די ווענט, די יום־טוב קליידער פון דער מאַמען,
פונעם טאַטן.
ס׳שיילט זיך דער קאַלעך פונעם באַלקן; טירן עפענען זיך פּייכטלעך
שווער.
לעם קינד שטומט די מאַמע. ס׳שטייען אַפּטייק־פלעשער נעכטיקע
און אייערנעכטיקע.
ס׳שלאָגט דער זייגער מיט אַן אומגעדולדיק ציפערבלאַט אין דאָקטערס
הימלעכער האַנט.
און איבער דער שטוב שפּרייזט דער טאַטע, די ווײַסע־שוועסטער
און עמיץ פון דער משפחה.

נישטאָ מער דער טאַטע

דעם אָנדענק פון הרב ר׳ יצחק האַלבערשטאַם זצ״ל.

אָט איז דאָס חלפדיקע ליכט אויפן קאַלטן טאַטן.
דער אָטעם וואָס שלאָגט האַסטיק זײַן לעבן אַרויס,
מאַכט אים דאַרער, אויסגעצויגענער איטלעכע שעה,
ווי ער וואָלט אַן אויסגעהאַקטער מענטש געווען.
זײַנע הענט ווי פון האָלץ, ליים — צאַפּלען געשווינד
און וואַרפן אומרואיק זײַנע לאַנגע, געלע פינגער.
זײַן טרוקן קול רופט אַרויס די שכינה־הקדושה,
און זײַן געזיכט לויפט־אײַן טיפער און טויטער.

גוישע נאַכט און שפּיטאָלישע ווײַסקייט.
אַ פחד פון חצות ווייעט פון טאַטנס קאַמער
און פאַרצאַפּלט אין שרעק די נאַכט־פלעמלעך.

און קלאַפּט די גסיסה פון זיין לעבן אַרויס.
ער רעדט שטאַרבנדיק צום אָוונטיקן שבת,
אַז די באָבע חנהלע זאָל אויף אים מגין זיין,
אַ שטאָר ליכט פאַרשטאַרט דעם טאַטנס באָרד
און צום שומר רעדט ער אויף אַ פּשוטן יידיש:
אַז — „אַזוי גייט דאָס לעבן פון אַלע מענטשן".
ווייסע שוועסטער זוכן דעם טויט אין זיינע נעגל;
פאַרציען מיט אַ ליילעך דעם פאַרהאַרטעוועטן טאַטן.
דער טאַטע שטאַרבט גסיסהדיק און ביסלעכווייז
איבעם בלאָען פענצטער פון נאַכטיקן שפּיטאָל.

נישטאָ מער דער טאַטע, דער אַמאָליקער מתמיד.
הי, אינדערהיים, אין דער פאַרעלטערטער שטוב,
ליגט דער געבראַנגטער טאַטע צווישן לאַנגע ליכט;
צווישן פאַרכטיקן פייער פון פאַררויכערטן טרויער.
יידן פון זיין קלויז וואַשן אים תהילימדיק פרום;
שטעלן אים אויף די פיס, ווי אַ לעבעדיקן ייד
און באַגיסן אים קאַלט מיט פולע עמערס וואַסער.
דער טאַטע, ס'געזיכט געליימט אויפן אַקסל פאַרוואָרפן,
שטייט אַ נאַקעטער מת, ווי אַ געקרייציקטער ייד
און קוקט אַ פאַרגלייזטער אויף דער טהרה.

* * *

טאַטע!
עס טרויערט די שטוב נאָך דיינע יחוסדיקע שבתים,
נאָך דיין שטרענגן לערנען פון שווייגנדיקע ספרים
און נאָך דיין מגילה־לייענען — אויף צוריק — נאָכן טראָפּ.
יאָ, האָסט צום לעצטן מאָל דיין היימישן טלית צעוויקלט
און זיך איינגעהילט אין דער ברייטער, אַלטער עטרה —
צי אפשר גאָר איז דעמאָלט דאָס דיין וידוי געווען,
און שפּעטער . . . נאָך מעת־לעתן צוויי די אויגן פאַרמאַכט.

אַ ייד אַ מתמיד ביסטו פון דער וויטער היים אַוועק
מיט אַ פּעקל און עטלעכע היימישע, ירושה־ספרים

און אַזוי איבער גרענעצן און לענדער געגאַנגען.
דעם טלית־תּפֿילין האָסט דו אויף אַ באַן געלאָזט.
גרויסע שטעט האָבן דײַן גאָט נישט פֿאַרשוועכט,
נאָר מער נאָך פֿאַרעקשנט דײַן גלויבן — דעם ייִד.

אָ, טאַטע, ייִד פֿון אור־חסידישן שטאַם!
פֿון הייליקן זיידן ר׳ מאירל כּהן,
האָסט דײַן לומדות און הייסע חסידות,
פֿון דער סאַנדזער גזע אַהער געברענגט
און אַלע מעשׂות, מופֿתים בײַם טיש דערציילט, —
דערציילט ווי ס׳האָט משה פֿאַר אַ פֿויער זיך פֿאַרשטעלט
און זיך פֿאַרמאָסטן מיט שטאַרקסטן יון פֿון יאַריד;
און אַז ס׳פֿלעגט משה אין בייזע נעכט אַרום־פֿאָרן
אין ציגײַנער־דערפֿער ערגעץ אין טיפֿן אונגאַרן,
העלפֿן האַנדלען זײַן סוחרישן ברודער — שלמהן.

הי, אינדערהיים, אין דער פֿאַרעלטערטער שטוב,
קוקט די מאַמע פֿאַרוויינט אויפֿן טאַטנס מלבוש
און אויף די פֿאַרבליבענע ספֿרים אין שאַנק:
אויפֿן „עין־יעקב״ און אויף זײַנע חומשים,
אויף ירושה־ספֿרים פֿון ברייטע יחוסדיקע ייִדן.
די לײַכטער און דאָס — קאַרלסבאַדער — שבת־מעסער,
ווען מער נישט בלאַנקען פֿון זײַן שלום־עליכם,
וואָס ער פֿלעגט זאָגן הייס לויטן סאַנדזער נוסח
אין די ווינטערדיקע, וואַרעמע פֿרײַטיק־צו־נאַכטן.
טאַטע! עס טרויערט די שטוב נאָך דײַנע שבתים
און נאָכן שטרענגן לערנען פֿון דײַנע ספֿרים.

נישט איצט, אַמעריקע

נישט איצט, אַמעריקע, קען איך זינגען פֿון דײַן לאַנד!
פֿון די נעכט ווען די לבֿנה שפּאַרט דורך די נעפּלען,
פֿון דײַנע פֿעלקער און לשונות, שיפֿן און פּרייריס,
פֿון די ברייטע פֿישער־בעיס און אויסטער־בעיס
און פֿון דײַנע האָפֿנס מיט די פֿאַרבענקטע טעכטער —
נישט איצט, אַמעריקע, קען איך זינגען פֿון דײַן לאַנד!
איך בין אַ קינד פֿון טלית און פֿון תּפֿילין,

פון וואָכנדיקן אַטלאַס און פון שבתדיקן זייד.
מיין טאַטע האָט געהייסן יעקב, די מאַמע — חיהטשע
און ביידע האָבן דעם בראַנד פון שייטערס געאַרבט;
זייערע זיידעס, זייערע דורות — דאָס בין איך!

נישט איצט, אַמעריקע!
פריער קומען די קדושים פון די כנסת־ישראל,
די היימישע ערד פון דער ברענענדיקער שווערד.
אַנגעצונדן האָט מען מיין שטאָט און פאַרצערט.
ס'איז נישט אַזוי רומעניע, פוילן, צי בוקאָווינע,
ווי די טויטע יידן, וואָס פאַרגליווערן יענע ערד:
די ר' הערש־יעקבס און די ר' שלמה־לייבעלעס;
די טרעגער יונגען און די וואָליע יונגען.
ס'איז נישט אַזוי עסטרייך, אונגאַרן, צי אוקראַינע,
ווי די בתי־מדרשים, די פאַרשוועכטע ספרי־תורהס;
די מזרח־ווענט — דאָס אָרון־קודש, דאָס פּרוכת;
די בראַנזענע לייבן, וואָס שפּאַרן אויף די לוחות.

נישט איצט, אַמעריקע!
הויכע, פאַרצוימטע מויערן זיינען דאָרט געטאָס.
די אין דרויסן — „ריינע אַריער"
און די פון אינעווייניק — „יודן".
אַז מען ווערט פון הונגער ווילד, געשוואָלן;
די פּנימער ווערן שטומע, משוגענע יידן,
טרייבט מען זיי צו קריכן אויף די הענט.
מ'שפּילט זיך מיט מאַמעס, ווי מיט הינט.
מען שלאָגט די רוקנס, די יידישע לאַטעס,
ווי טרוקענער ליים — צעפּאַלן די טאַטעס.

נישט איצט, אַמעריקע!
מיינע פעטערס, די באָבעס, די מומעס, די זיידעס,
זיינען דורכן ונתנה תוקף צום טויט געגאַנגען.
מ'האָט טאַטעס און זין אין וועלדער אויסגעטאָן
און די זין געהייסן — זייערע טאַטעס שלאָגן,
און די טאַטעס געהייסן — די זין באַגראָבן.
מאַמעס האָבן די פּנימער, די אויגן פאַרשטעלט
נישט צו זען, ווי מען מאַכט טמא די טעכטער.
לעבעדיקע יידן האָט מען אין גריבער געוואָרפן;

דאָס זיינען געווען גאַנצע שטויסן, טויטע בערד.
פאַרשאָטענע שעפּעלעך אין מאַמעס איינגעזויגן,
האָבן נאָך אין די קברים די ערד געגראַבלט.
קדושים — איינער אינעם אַנדערן געקלאַמערט;
זייער רחמים, גאָט, איז נישט אויסצושרייען!

נישט איצט, אַמעריקע!
אויף קיין שום ערד, ווי אויף דער היימישער,
זיינען אַזויפיל קדושים נישט געגאַנגען שטאַרבן!
פאַרלאָזט — אָן יידן, אָן מזוזות, אָן ספרים,
שטייען דאָרט די שטעט — די שטיבער, די קלויז.
און ווי צו די ימען און ווי צו די לענדער,
וואָס וועלן פאַר אונדזער קללה ווערן פאַרשריבן!
נישט איצט, אַמעריקע, זינג איך פון דיין לאַנד —
מען האָט אָנגעצונדן מיין הייליקן זיידן,
איצט בענטשט ער — אינמיטן דער וועלט!
גאָט, אָן אים דאָרט — בין איך אויך דאָ נישטאָ.

מערץ, 1944.

נאָך טויזנט יאָר

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָטס אייביקער ערד,
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפּראַך און נישט דאָס ליד —
פאַרבלייבן לזכרון וועלן בלויז אונדזערע קדושים.
און פעלקער און דורות וועלן פון פאַרמעט־כתב לייענען,
אַז אויפגעשטאַנען, אין תרצ״ד, זיינען חיהשע מענטשן;
געהייסן האָבן זיי היטלער, הימלער, גערינג און געבלס —
און אָנגעצונדן די וועלט האָבן זיי מיט שווערד און שוועבל;
איבער אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער און אויף אַלע ימים.

אַזאַ איכהדיקע מגילה פון אונדזער גרויסן קידוש־השם:
אויף פוילנס ערד — האָבן זיי תליות און געטאָס געשטעלט;
אויף רומעניעס ערד — האָבן זיי יידן אויף שייטערס געוואָרפן;
אויף רוסלאַנדס ערד — אונדזערע מאַמעס און טעכטער געשענדט,
און אין דאַכאו — די טאַטעס און די זין פאַרברענט.

אַזוי האָט מען געשאָכטן יידן אין וואַרשע און אין ווין;
אין קיעוו, אין ווילנע — און אין דייטשן בערלין.
עס האָבן בתי־מדרשים מיט ספרי־תורות געברענט
און אין זייערע פלאַמען — אונדזער ירושה פאַרלענדט.
געוויינט האָבן קינדער פאַרלוירענע און געשוואָלענע;
מיט יידישע לאַטעס און שטאַרבנדיקע געזיכטער.
אויף קיינעמס ערד — אויף די וועגן פון דער וועלט,
און אויף שיפן אינמיטן ים — האָבן זיי גערופן גאָט!

פאַרשריבן וועט עס בלייבן נאָך טויזנט יאָר אַפילו,
אַז טרויעריקער פון ירמיהוס איכה איז אונדזער מגילה,
ווייל ווי קעלבער האָט מען יידן אויף שטריק צעהאַנגען;
אויסגעטאָנענע מאַמעס אויף תליות אַרויפגעצויגן
און זייערע קינדער — אָ, גאָט! — האָבן די קברים געגראָבן.

אָ, ס'איז נישט וואַרשע, נישט לאָדזש און נישט בראָד,
נאָר ס'געשאָכטענע בלוט פון אונדזערע היימישע יידן,
וואָס האָבן געהייסן אברהם, שלמה, משה צי זבולון.
אָ, ס'איז נישט אַמסטערדאַם, נישט פראַג און נישט בריןן,
נאָר אונדזערע כשרע טעכטער פון גאָט פון אברהם.
גאָט, דאָס שטומע געשריי זייערס נאָך רחמים צו דיר,
פאַרבליבן איז עס פאַרגלייזט אין זייערע טויטע אויגן.

נאָך טויזנט יאָר אויף גאָטס אייביקער ערד,
וועלן נישט בלייבן — נישט דו, נישט ער, נישט איך,
און אפשר נישט די שפּראַך און נישט דאָס ליד.
פאַרבלייבן וועט בלויז דער תנ״ך, די וועלט און גאָט,
און טרויעריקער פון אַלץ — אונדזער איצטיקע מגילה —
נאָך טויזנט יאָר אַפילו.

תש״ב

זעליג דאָרפמאַן

זון פון יעקב וואָלף ד.; געב. דעם 12טן אַפּריל, 1905, אין זאַראַמב, פּוילן. צו צען יאָר גע־מוזט אַרויס פון חדר, און שפּעטער געלערנט אַ יאָר אין דער אָסטראָווער ישיבה. 1921 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונט „האַי־סקול". 1927 דעביוטירט אין „גערעכטיג־קייט". זיך באַטייליקט אין: צוזאַמען, פרייהייט, האַמער, פרייע אַרבע־טער שטימע, אויפקום, צוקונפט, די פעדער, אונטערוועגנס, האַוואַנער לעבן. האָט רעדאַקטירט (אײנייגעם מיט העניך אַקערמאַן און משה שטאַרקמאַן) דאָס זאַמלהעפט „רעפלעקסן", אַפּריל 1932. יאַנואַר 1940 אָנגעהויבן אַרויסגעבן „פּעטיט", אַ קליין פיר־זייטיק זשור־נאַלעכל, וואָס אַליין אויסגעפּילט. אין בוכפאָרם: „זינג זינגער", פאַר־לאַג „אונטערוועגנס", 1938, 106 זייטן.

א. אינזיכניק [הערמאַן גאָלד]: צווישן שרייבער און ביכער — אונדזער פאָלק, מאַי 13, 1932.

ב. הערימאַן: זאַלבעדריי — „פרייע אַרבעטער שטימע", יוני 1932.

דר. נאַמלעבוד [א. י. דובעלמאַן]: דער פּאָעט פון קאָנטראַסטן — „האַוואַנער לעבן", סעפּט. 24, 1938.

ס. מ. קאַפּלאַן: אַ חשובער גאַסט אין האַוואַנאַ — „האַוואַנער לעבן", דעצ. 26, 1936.

י. קירשענבוים: זאַראַמבער לאַנדסלייט, אַ מוסטער פון אייניקייט — „מאָרגן־זשורנאַל“, מאַי 3, 1943.

אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער“, 1939.

משה שטאַרקמאַן: דע פּראָפונדיס — „רעפלעקסן“, אַפּריל 1932.

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „דער טאָג“, יולי 2, 1938.

אַ צאָל לידער אין דאַרפמאַנס זאַמלונג „זינג זינגער“ זיינען באַרוישנדיק מיט זייער שיינקייט, באַהערשנדיק מיט זייער טרויער (ווען ער זינגט פון דער אָרעמער היים אין די מלחמה־יאָרן) און מיט זייער פרייד ווען ער זינגט פון יוגנט.

(אברהם רייזען: ליטעראַרישע רעוויו — „די פעדער“, 1939).

. . . דעם דיכטערס טאַלאַנט האָט זיך גענערט פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע . . . אייגנאַרטיק און שעפעריש איז דאַרפמאַן אין די מלחמה־ און מאַמע־לידער . . . אין די דאַזיקע לידער ווייזט דער דיכטער פיינעם ליריזם . . . אַ טייל פון דאַרפמאַנס מאַמע־ און מלחמה־לידער האָבן דעם אַנהויך פון תנכישן סטיל.

(משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאָג“, יולי 2, 1938).

איך בין אַ פרעמדער

איך בין אַ פרעמדער בעטלער אין אַ פרעמד לאַנד.
וואָס קיינער ווייסט ניט פון זיין פאַרשאָלטן געביין.
וואָס האָט שוין טויזנטער מיילן אויסגעשפּאַנט,
און וועט נאָך אין זיין לעבן גיין און גיין.

און וואו ער קומט באַגעגנט אים אַ קעלט.
און דער הונגער טריקנט אין זיין לייב ביז ביין.
ער שטעלט אויס זיינע אויגן צום ליכט פון דער וועלט,
אָבער אַלע לאָזן אים אין זיין אומגליק שטיין.

איך בין אַ פרעמדער בעטלער אין אַ פרעמד לאַנד.
האָב ניט קיין פריינט און ניט קיין פרייד.
אַזאַ וויסטער פלאָנטער אין מיין פאַרשטאַנד,
איך שוועב ווי אַן אומרו צווישן לעבן און טויט.

ניט איינמאָל רעד איך צו זיך אַליין:
זעליג, וואָס דאַרפסטו אַזוינע טראַכטונגען טראַכטן?
און פּרוביר מיר געבן אַנדערש צו פאַרשטיין
און פיר מיט זיך אַן ביטערע שלאַכטן.

אָ, זע, ווי וואונדערבאַר ס'איז דאָס ליכט פון טאָג!
און זע, ווי וואונדערבאַר די זון פאַרגייט!
זאָל דער שטראָם פון ליכט דערטרינקען דיין קלאָג,
און זאָל אויפגיין דיין לעבן מיט אַ ליכטיקער פרייד.

דערנאָכדעם בלייב איך ווידער אין מיין איינזאַם ליגן.
די פינצטערע נאַכט דעקט צו מיין געביין.
איך לאָז דער שטילקייט פון דער נאַכט מיך פאַרוויגן,
און בלייב ליגן אין דער וועלט אַן עלנטער שטיין.

גרויסער אומעטיקער ים

גרויסער אומעטיקער ים,
די ערד בליט מיט אַזויפיל שיינקייטן,
און דו ביזט טרויעריק און וויסט.
אומזיסט שיינט אויף דיר די זון,
אומזיסט שפריצט אויף דיר דער רעגן.
גרויס איז דיין קאַמף דערהערט צו ווערן,
אין דער שטורעמדיקער וועלט.

גרויסער, אַלמעכטיקער ים,
איך שטיי לויטער פאַר דיר.
ווי לבנה ליכט, וואָס שטראַלט אויף דיר,
שטראַלט מיין בליק אויף דיר.
ווי די כוואַליעס, וואָס וויגן זיך אויף דיר,
וויגט זיך מיין האַרץ אויף דיר.
און ס'וויגט זיך דאָס האַרץ פון באַוואונדערער,
פון וויברירנדיקע זילבערייען,
פון שימערנדיקע רענדלעך ביי דיינע ברעגן,
פון נאַקעטע מיידלעך,
וואָס דיינע טראָפנס ווערן צו פערל
אויף זייערע לייבער.

ווי דער שטראָם, וואָס גיסט זיך אַריבערן וואַסערפאַל,
גיסטו זיך אַריבער מיין האַרץ.
דיין ריטם רוישט אין מיין בלוט.
און דיינע רייד זיינען די רייד וואָס איך פאַרנעם,
מיין גרויסער, אומעטיקער ים.

ווי די זון פאַרגייט

מיין האַרץ איז קראַנק און מיין אויג איז מיד.
דער פרילינג איז געקומען און אָפּגעבליט.
דער פרילינג איז געקומען און אָפּגעבליט,
און דערנער זיינען אויפגעגאַנגען פון ווייסן צוויט.

אונטער פאַרשלאָסענע ליפּן גליען רייד.
נאָר אין די אָדערן גליווערט דאָס בלוט,
זשאַווערט די פּען און ס׳שטאַרבט דאָס ליד.

אויסגעוואָרצלט פון אַלע ערדן.
דורכגעלויטערט פון אַלע שווערדן.
און דער גרינער האַס ווי אַ גרינער בויגן,
גרינט אַרויס פון אַלע אויגן.

צו וועמען זאָגן: גוט־מאָרגן?
און צו וועמען אויסשטרעקן אַ האַנט?
אַז אַ פריינטלעך וואָרט איז אומבאַקאַנט,
און דער וועג פון שקר איז פון מיר פאַרבאָרגן.

פאַרגיי ווי די זון אין אָוונט פאַרגייט.
אין פּורפּל שטילקייט, אין רויטע וואונדן.
און גיי אויף ווי די זון, אין מאָרגן־רויט,
אין העלע פלאַמען אָנגעצונדן.

די מאַמע

די מאַמע ליגט אין בעט אַ קראַנקע.
דער ברודער שיילט קאַרטאָפל.
איך, מיט נאַקעטע פיס אין פאַנטאָפל,
וואַרעם זיך ביים אויוון אין דער באַנקע.

אין שטוב איז שטיל. דער מאַמעס קרעכץ
רייסט אַמאָל די שטילקייט איבער.
דורכן פענצטער, מיט גרויען שרעק,
קוקט דער פראָסט צו מיר אַריבער.

⁂

קליידער טראָגן מיר פון געפאַרבטע זעק,

ז ע ל י ג ד אָ ר פ מ אַ ן

שיך מיט הילצערנע זוילן,
רונדע דייטשן מיט שאַרפע העק,
האַקן אַלע וועלדער אויס פון פוילן.

אין שטוב איז קאַלט,
נעמט מען גראָבע שטריק
און מען גייט אַוועק אין וואַלד,
מיט פולע בונטן צווייגן קומט מען צוריק.

*

מיר גייען איין פון טאָג צו טאָג,
און קיינער ווייסט ניט אונדזער בראָך.
און קיינער ווייסט ניט אונדזער קלאָג.

דער מאַמעס אויגן טרערן, טרערן:
קינדער וואָס וועט מיט אונדז זיין?
קינדער וואָס וועט פון אונדז ווערן?

מיר פאַרשטייען אירע רייד,
און מיר בלייבן אַזוי שטיל,
און מיר וויינען שטילערהייט.

די מאַמע וויינט שוין איצט ניט מער.
זי נעמט אונדז איין מיט גוטע רייד.
קושט אונדז אָפּ פון באַק אַ טרער.

און זי גלעט אונדז אַזוי צאַרט,
און זי גלעט אונדז אַזוי ליב:
גוטע קינדער, שטילע קינדער,
עס וועט אונדז נאָך אַמאָל זיין גוט.

*

אַלע זונען האָבן זיך שוין פאַרלאָשן.
אַ וואָרט פון טרייסט פון קיינעם ניט צו הערן.
שוואַרצע וואָלקנס פאַרציִען דעם הימל,
און טעג וויינען מיט ביטערע טרערן.

אין שטוב איז טונקל, מיר זיינען די שאָטנס,
וואָס קריכן אַרום אויפן דיל און אויף די ווענט.

דאָס לעצטע שטיקל ברויט האָט מען אויפגעגעסן,
דאָס לעצטע ביסל ליכט האָט אויסגעברענט.

מיר זיינען גוטע קינדער פון צער און פון נויט.
מיר מאַכן אונדזער ליבע מאַמען ניט צו שווער.
מיר גייען שלאָפן הונגעריקערהייט,
און שטיל, אויפן געלעגער, קאַפּעט אונדזערע אַ טרער . . .

⁂

אַז דער ליבער זומער קומט,
גייט די מאַמע פון בעט אַרויס;
פאַרשפּרייט אַ ליילעך אויפן גראָז,
און שפּאַרט זיך צו ניט ווייט פון הויז.

זי ליגט אין שאָטן פון אַ בוים —
אין שאָטן איז גוט אַזוי צו ליגן.
איר בלאַסער פּנים דרעמלט איין.
איך טרייב אַוועק די פליגן.

⁂

ליבע מאַמע, טייערע מאַמע,
וואָס האָסטו געטראַכט דעם לעצטן טאָג?
האָסטו געקוקט מיט די אויגן,
און גאָרנישט ניט געזאָגט —
אַ הייליקע ווייסקייט האָט זיך איבער דיר פאַרצויגן.

ליבע מאַמע, טייערע מאַמע,
וואָס האָסטו געטראַכט דעם לעצטן טאָג?
מיר האָבן גערעדט צו דיר מיט אַזויפיל טרערן,
דו האָסט געקוקט מיט די אויגן און גאָרניט ניט געזאָגט.

אין יאָמערדיקן טאָל

אין לאַנד פון שוואַרצע קליידער יאָמערן די אויגן.
טרוקענען די צווייגן, און די פייגל שווייגן.
אונטער שוואַרצע טיכער הענגען רונדע שפּיגלען.
אַלע גוטע קינדער שטאַרבן אין די וויגלען.

טריבע טעג קריכן שווער אַריבער.
די פענצטער קוקן שמאָל, פון יאָמערדיקן טאָל.
אין באַגינען קרייען ניט קיין הענער.
ווינטן וואָיען ווי וויינענדיקע מענער.

זעליג דאָרפמאַן

אין לאַנד פון שוואַרצע קליידער זיצן שטילע מאַמעס.
זיי קוקן, און זיי קוקן, מיט די שטילע בליקן.
עס עפנט זיך קיין טיר ניט, קיינער שפּאַנט אַריבער,
די אויסגעדרייטע שוועלן פון די גרויע שטיבער.

יונגע כלות טרוימען מיט בענקענדיקע אויגן.
ס'לייכטן די געזיכטער, ווי די בלאַסע ליכטער.
די הערצער קלאַפּן, קלאַפּן, ס'וואוינען דאָרטן קליפּעס.
שפּינען אין די ווינקלען וועבן ברייטע חפּות.

שאַרט זיך אָפּ דאָס ליכט, ציגדט מען קיין לאָמטערן.
שעפּטשען וואָס די ליפּן, מיט אַ שטילן כליפּן.
גאָט פאַרבעם די ריזה, דו קאָנסט די שטילסטע הערן.
דער גוף, ער ציט זיך אויס. די אויגן פאַרמאַכן די טרערן.

⁂

אַז היטלער קומט אין אונדזערע שטעטלעך,
אַנטלויפן די מתים פון די גריבער.
דער שונא, שיכור פון זיין זיג,
טרינקט לחיים צו די ברענענדיקע שטיבער.
ביי אַ פלויט, אויף אַ שטריק, יאָמערט אַ פאַרגעסענע ציג.

די אייביקע וואָגלער ציען אין וועג,
מיט האַק און פּאַק, מיט קינד און קייט.
געבויגן ווי מילטער, צעשויבערט די בערד,
שפּאַנען די וואָגלער ביז די לבנה פאַרגייט,
באַשירעמט דעם טראָט די נאַכטיקע ערד.

די עדה נענטערט אַ שטילן וואַלד.
צווישן די קלעצער קריכט דער דרויסן.
דאָס זשומען אויבן — וואָס קען עס זיין?
בוימער שטעלן אָפּ דאָס רוישן,
קינדער האַלטן די טרערן איין.

וואָס טוען יידן אין אַ וואַלד באַגינען?
מ'וואַשט די פינגער אין מאָרגנטוי,
כעלות השחר, גאָט צו דינען.
יעדער רגע שפּאַלט זיך אויף צוויי,
זאָל דער שונא דעם וואַלד כאָטש ניט געפינען.

צווישן די קלעצער, אין די טליתים,
מתימדיק זעען זיי אויס.
די אָקסלען פאַרגליווערט, בלויז אין באַוועג,
ליפּן און בערד וואָס קוקן אַרויס.
פאַרזונקען, ווי אין פאַרכטיקע טעג.

— עפן האַר, דיין פאָטערלעך האַרץ!
און פיר איבער אונדז דיין וואַכזאַם אויג.
שלאָג נישט מיט פייער און מיט דער שווערד.
דעם עונש פון אונדזערע זינד פאַרנויג,
און ברענג אונדז בשלום אויף דער רוסישער ערד.

זיי רעדן צו גאָט און ס'פלאַקערט דער וואַלד.
עס פלאַקערט אַ וואַלד מיט מענטשן!
ס'יאָמערן קולות, עס שטרעקן זיך הענט,
ווי כהנים שטרעקן צו בענטשן.
ס'יאָמערן קולות און דער וואַלד ברענט.

— — — — — — — — — — — — —

נאָר פּלוצים האָט אַזוינס געטראָפן,
ווי נישט דער שטייגער איז מיט אַלע סופן:
אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן,
און דער וואַלד האָט שוין מער נישט געברענט.
ר' אַבעלע דיין, מיט געוויין אין זיין קול,
האָט אָנגעהויבן שירה ווי אין חודש ניסן.
ספר־תורות האָבן געטאַנצט אין די הענט.

ווען דער אָוונט איז צוגעקומען נאָענט צום וואַלד,
איז די עדה שוין געשטאַנען אָנגעגורט.
איבער די וועגן מיט געוואַלד
האָבן פיס געוואָגלט — פון דער לבנה געפירט.
צום הימל האָבן נאָך קאַנאָנען געקנאַלט.

וואָגלען יידן אין דער נאַכט.
די קעלט שטעכט דאָס לייב ווי ציין.
גאָט, צי אויס — מאַך לאַנג די נאַכט —
זיי זאָלן ביזן באַגינען דערגיין.
די לבנה וואָס אײַלט זיך פון וואָלקן צו וואָלקן,
זי זאָל ביז דאַן נישט פאַרגיין.

זעליג דאָרפמאַן

אַ טאָג אַזאַ

לייכטע קליידער אין העלע קאָלירן.
גאַסן־פּוצער אין ווייסע מונדירן.
די שלאַנקע מיידלעך, מיט די שמאָלע טריט,
דער פּאַרק שטייט אויפגעגרינט און אָפּגעבליט.

אַ זון אַ לויטערע, באַגילט די שויבן
פון פאַבריק.
ווערן גאָלד די שטויבן,
גאָלד דער בליק.

אַ טאָג אַזאַ אין גאָלדענע פאַרבן,
אין אַזאַ טאָג גלוסט זיך קיינעם ניט צו שטאַרבן.

זיבעצן נעגערטעס

זיבעצן נעגערטעס פּרעסן און פּרעסן,
אַז ס'ע קומט אויפדערנאַכט,
איז ניטאָ וואָס צו עסן.

זיבעצן נעגערטעס, מיט גראָבע ליפּן,
זיבעצן נעגערטעס — זיבעצן טיפּן.

דער שווייס רינט פון די שוואַרצע באַקן.
זיבעצן נעגערטעס, ווי קאָזאַקן.

פּרעסן און פּרעסן מיט ליידיקע בייכער.
דער באָס ווערט פעטער, דער באָס ווערט רייכער.

פּרעסן און פּרעסן מיט ביטערן שווייס.
אַ באַקעטע דאַמע אויף זיין פעטן שויס.

זיבעצן נעגערטעס פּרעסן און פּרעסן.
אַז ס'ע קומט אויפדערנאַכט,
איז ניטאָ וואָס צו עסן.

נאַרישע זיבעצן נעגערטעס וואָס איר זענט,
מיט אייערע פּראָסטע געזונטע הענט.

מינא באָרדאָ־ריווקין

טאָכטער פון משה בורדאָ. געב. דעם 25 טן מאַי, 1897, אין פּטיטש, מינסקער גובערניע, ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין חדר אײנײנעם מיט ייִנגלעך און רוסיש אין אַ פאָלקסשול. 1913 געקומען קיין אַמעריקע. געענדיקט פּאַבליק סקול. 1927 דעביוטירט אין „קונדס" אונטערן נאָמען מינא ראַבינאָוויטש. זיך באַטייליקט אין: ייִדישע שטימע (נואַרק), קינדערוועלט, טאָג, גרינינקע ביימעלעך (ווילנע), חבר (ווילנע), פעדער, שיקאַגע, ליטעראַרישע בלעטער, פרייע אַרבעטער שטימע, ייִדישע וועלט (פילאַדעלפיע), ייִדישע קולטור, ייִדישער קעמפער, צוקונפט. איז די פרוי פון ב. ריווקין.

מארק טאַלעראַז: וואָס דערציילט אייך אייער חלום? — „טאָג", יוני 22, 1944.

מוטער רחל

מוטער רחל, נעם דעם געוויין פון דײַנע קינדער,
טראָג אים צו גאָט אין טרער פון דײַנע אויגן,
שטרעק אויס דײַנע באַשיצנדיקע הענט —
ווי ביים לעבן האָט דײַן געבעט צו גאָט זיך געצויגן.

מוטער רחל, הגר איז שרהס דינסט געווען,
געלאַכט האָט מען פון איר ביטערן צאַרן,
און דאָך איז איר געבעט אין מדבר
פון אייבערשטן דערהערט געוואָרן.

דערהער דעם געוויין פון דיינע קינדער,
ער רייסט זיך צו דיר דורך שטומע קאַלטע ווענט,
א מוטער איז דאָך קיינמאָל ניט טויט . . .
אָ, נעם אונדז אין דיינע באַשיצנדיקע הענט!

דו ביסט ניט די מוטער פון היינט —
דו ביסט מוטער רחל פון פארצייטן:
אַזאַ מוטער וועט טאָן אַלץ —
אירע קינדער פאַר גאָט צו פאַרבייטן.

מיין טאַטע

מיין טאַטע טראָגט צער אין זיינע אויגן —
דאָס געדענק איך זייט איך בין אַ קינד געווען.
איך האָב אין מיין טאַטנס אויגן
דעם עלנט פון דעם יידן געזען.

שבת נאָכמיטיק ווען מיין טאַטנס גוטע האַנט
האָט פינגער נאָך פינגער געטאָן אַ בראָך —
איצט נאָך הער איך אין דעם קלאַנג
דעם גאַנצן יידישן אָך!

איז מיין טאַטע מיר נאָך נעענטער געוואָרן —
איך בין דאָך פון אים גאָר ניט אַוועק!
זיין צער איז אויך מיינער געוואָרן —
מיט פרייד גיי איך איבער זיין וועג.

איך וועל אויף מיין טאַטנס וועג ניט פאַלן —
מיין וועג איז פון זיינע אויגן געהיט.
זיין צער איז ליבשאַפט אין מיינע גלידער,
זיינע קניטשן — רייפן מיין געמיט.

אַ חלום

מיין מאַמע האָט מיר אַ טאָרבע געבראַכט
און אויף אַ פּאָליצע אַוועקגעלייגט —
זאָל, מיין טאַכטער, אַ לאַבן ברויט ליגן,
מען זאָל ניט באַדאַרפן און באַהיט זיין פון נויט.

איך האָב די טאָרבע צעעפנט,
און געקוקט אויפן לאַבן ברויט —
האָט מיין מאַמעס פּנים אויף אים זיך געשפּיגלט —
אַ פּנים, וואָס איז אַריבער דרייסיק יאָר טויט.

אין קיינעמס לאַנד

די נאַכט פירט מיך צו אַ שטיבל צו,
וואָס ברענט מיט אַ געל פייערל אין קיינעמס לאַנד.
דאָס שטיבל פון אַ הבדלה־ליכט באַלויכטן —
לייגט אַ געלע לאַטע אויף געלן זאַמד.

אַ מענטש מיט אַ ווייסן קאָפּ
שטייט אין שטיבל באַרוועס אויפן דיל.
איך גיי אַלע נאַכט צו דעם שטיבל צו,
און וויין מיט אים מיט אין דער שטיל.

איך קוק דעם מענטשן מיט מיינע אויגן אָן,
מיינע אויערן הערן ניט קיין רייד —
ער האַלט פון מיר זיין בליק באַהאַלטן;
מענטש, ווער האָט פאַרצוקט דיין פרייד?

מיט דער האַנט זיינע אויגן צוגעדעקט,
און די הבדלה־ליכט טוט ער האַלטן,
ווי אַ תפילה פאַלט זיין הייסע טרער
פון אונטער זיין ברעם דעם קאַלטן.

איין נאַכט האָט ער זיינע אויגן אָפּגעדעקט,
ער האָט די הבדלה־ליכט מיר געגעבן האַלטן.
איך בין אין דעם שטיבל געבליבן שטיין,
און ער איז אַוועק צו דער וועלט מיט געוואַלטן.

מ ינ אַ ב אָ ר ד אָ ־ ר י ו ו ק י ן

מיט פאַרבונדענע אויגן

איך וואָלט זיך די אויגן פאַרבונדן,
און נית זען די מענטשלעכע שרעק.
וואָס מען זאָל טאָן, ווייס נית קיינער —
די געדאַנקען גייען ווי אויף טויבן־פיס אַוועק.

דער הימל האָט די שטערן שוין לאַנג אויסגעזויגן,
נאָר דער מענטש אין אַ ווינקל־אויג טראָגט נאָך ליכט.
שאָטנס טאַנצן דעם טויטן־טאַנץ,
וואַרפן בית־עולם־ליכט דעם מענטשן אין געזיכט.

איז וואָס איז פון דער וועלט געוואָרן?
אַ בית־עולם אונטער שיין פון לבנה?
ווערטער זיך קייקלען ווי אַ מעשענע פאן אויף טרעפ —
און דער מענטש אַלץ נעענטער צו דער גרויסער סכנה.

וויגט זיך דער הימל ווי אַ לאָמפ איבער אַ טיש;
גאָט מיט פאַרבונדענע אויגן זעט קיינעם;
וואוהין מען קוקט — אַ בלינדער שכן;
בלייבט מען אין דער פינצטער מיט גאָט אינאיינעם.

אַ געבעט

מיינע שוועסטער, לאָמיר ווי ירושלימס טעכטער
אָן חשק אָנטאָן אונדזערע שענסטע קליידער,
יום־טובדיקע אָפריכטן אונדזער געבעט צו גאָט,
ווי פאַרצייטן אויסגיסן אונדזער האַרץ פאַר אים.

און זאָגן: „אַ לויב צו דיר, גאָט.
דו האָסט באַוויזן שיינקייטן אויפן הימל,
וואָס האָבן ליכטיק געמאַכט אונדזערע אויגן —
באַוויז שיינקייטן אויך אויף דער ערד”.

און אָן מורא זאָלן מיר זען דעם אויפגאַנג פון פרימאָרגן.
און מיט זינגענדיקע ליפּצן רימען דיין נאָמען.
לאָמיר זאָגן די ווערטער ווי שולמית וואָלט געזאָגט:
„דו ביסט אונדזער שיצער, און דו ביסט מיט אונדז, גאָט”.

מ. א. סול

זון פון ישעיה ס.;געב. דעם 30טן יולי, 1908 (ב׳ אָב, תרס״ח) אין פּאָדהאַיצע, גאַליציע. געלערנט אין חדר און אין אַ פּוילישער עלעמענטאַר־שול. 1923 געקומען קיין אַמעריקע. 1927 געלערנט אין אָוונט האַי־סקול און געווען פּאָעזיע־רעדאַקטאָר פון שול־זשורנאַל, אין וועלכן פאַרעפנטלעכט לידער אויף ענגליש. 1928 דעביוטירט אין „אַמעריקאַנער". זיך באַטייליקט אין: מאָרגן־פרייהייט, האַמער, יידישע קולטור. מיטרעדאַקטאָר פון „סיגנאַל". אין בוכפאָרם: „דאָס ליכט אויף מיין גאַס", פאַרלאַג „סיגנאַל" ביים פראָלעטפען, 1935; „דעם טאָג אַנטקעגן", פאַרלאַג „סיגנאַל" ביים פראָלעטפען, 1938; „ישראל פאַרטיזאַן" (פּאָעמע), פאַרלאַג „סיגנאַל", 1942. איז געווען געהילף־ביבליאָטעקאַר אין אַן אַמעריקאַנער אַרמיי־ביבליאָטעק און אַן אינסטרוקטאָר פון פרעמדע שפּראַכן.

ש. ניגער: נייע לידער, לייכטע און שווערע — „טאָג", מערץ 15, 1936.

א. פּאָמעראַנץ: דאָס ליכט פון מיין קלאַס — „סיגנאַל", פעב. 1936.

א. פּאָמעראַנץ: דער אינגסטער דיכטער פון פּראָלעטפּען — „סיגנאַל", מערץ 1936.

י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אַנטאָלאָגיע. 1943.

Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

... סול איז טיף־ליריש אין אַלע זיינע לידער ... אַפילו אין אַט־די (סאָציאַלע) לידער איז ער קיינמאָל ניט קיין זייטי־קער צושויער, קיין אָביעקטיווער באָאָבאַכטער, קיין קאַלטער באַשרייבער ... אַפילו ווען ער רעדט וועגן דער גאַס, האָט ער עפּעס אַ באַזונדערע פיאיקייט צו מאַכן זי אינטים און אייגן..

סול האָט אַ רייכע פאַרבן־פּאַליטרע, און דאָס, וואָס ער וויל ווייזן, ווייזט ער אין בילדער ... ווי דעליקאַט ער פּאַסט־צו דעם ריטם פון זיין ליד צו די טריט פון זיינע מענטשן און געשעענישן.

(משה כץ: אַ ליכטיק בוך — „מאָרגן־פרייהייט", נאָוו. 15, 1935).

דעם טאָג אַנטקעגן

דער באַגינען האָט מיך היינט געטראָפן
ביי מיין אַרבעט פיבערדיק און וואַך;
כ'האָב געשליפן, געהובליעוועט די סטראָפן,
וואָס כ'האָב אימפּעטיק געשריבן דורך דער נאַכט.

דער זייגער האָט היינט האַסטיקער געשלאָגן
ווי ער וואָלט אין האַרץ ביי מיר געלעגן —
טיק־טאַק — איך וועל אַ גרויסע שעה דעריאָגן.
טיק־טאַק — איך וועל ניט אויסלאָזן קיין רגע.

דאָס בעט איז ליידיק און פאַרבעט —
כ'האָב היינט אַפילו דאָס געלעגער ניט צענומען.
איז גוט וואָס איך בין איצטער אַ פּאָעט
און דאַרף דעם אומרו מער ניט הפקרדיק צעברומען.

איז זייגער קלאַפּ — און האַרץ מיינס שלאָג!
די צייט איז הייס, מען טאָר ניט פאַלן אונטערוועגנס.
אַ גרוס דיר נייער קומענדיקער טאָג!
איך גיי מיט פרישע לידער דיר אַנטקעגן.

מיין שטאַם

כ'האָב היינט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג מיט מיינע לידער —
די אַלטע צוגעשליפטע און אָנגעשריבן נייע.
כ'האָב לאַנג שוין ניט געזונגען — זינג איך ווידער
דאָס ליד פון שטרייט, פון גלויבן און באַפרייאונג.

איך ווייס וואָס הייסט צו זיין אַצינד אַ דיכטער,
איך ווייס וואָס הייסט איצט אָנשרייבן אַ ליד,
ווען ס'שרייבט מיין קלאַס אין בלוט דער וועלטס געשיכטע
מיט יעדן שאָס ביים טויער פון מאַדריד.

וואויל איז דעם וואָס זינגט אין היינטיקן יאָרהונדערט —
אין פרייען פערז צי אין געטאַקטן גראַם:
און גייט ניט אום מיט זיך אַליין באַזונדער,
נאָר ווי אַ בוים איז ער פאַרוואָרצלט מיט זיין שטאַם; —

דעם אַדלער־שטאַם וואָס האָט באַזיגט די רוימען,
ווייל ר'האָט דאָס לעבן אויף דער ערד אַוועקגעשטעלט.
דעם בויער־שטאַם פון טורעמס און פון טרוימען —
דעם שטאַם וואָס גייט דעראָבערן די וועלט.

דאָס אויג איז קלאָר און דער געדאַנק איז ניכטער.
דאָס האַרץ איז רייף און לויטער דאָס געמיט.
איך ווייס וואָס מיינט צו זיין אַצינד אַ דיכטער:
איך ווייס וואָס הייסט איצט אָנשרייבן אַ ליד.

לאָמיר טראָגן אונדזער ליד

1

פריי און אָפן, ווי די זון אַנטקעגן מאָרגן,
טראָג איך אום דאָס וואָרט מיינס אויף דער צונג.
ניט קיין סם איז אין מיין האַרץ פאַרבאָרגן,
ניט קיין מעסער פינקלט אין מיין וואונק.

בלויז דער אמת פון מיין קלאַס אויף מיינע ליפּן,
בלויז דער אומרו פון דער צייט אין מיין געמיט.
עס טאָרן שוין די פערזן מער ניט כריפּען,
מען טאָר שוין היינט ניט קוואָקען אויף אַ ליד.

איז ווער עס האָט צו זאָגן וואָס — זאָל זאָגן;
און זאָגן עס מיט באַקציינער אין מויל.
עס קאָן אַ ליד אַמאָל נאָך ווייטער זיך דערטראָגן
ווי פון ביקס־אַרויס די גליאיק־הייסע קויל.

2

אַזוי פיל בלינדער צאָרן נאָך פאַראַן,
אַזוי פיל שטומער פּיין,
אַזוי פיל טליענדיקער האַס;
אָ גיכער!
גיכער לאָמיר טראָגן אונדזער וואָרט צו אונדזער קלאַס!

אַזוי פיל ברידער מיינע
טרויען נאָך דאָס לעבן אָן אין שונאס הענט.
אַזוי פיל ברידער מיינע
האָבן נאָך דעם אייגענעם שטאַם ניט דערקענט.
אַזוי פיל פרעמדע לידער נאָך אויף אונדזער גאַס.
אָ גיכער!
גיכער לאָמיר טראָגן אונדזער ליד צו אונדזער קלאַס!

אָרטשאַרד סטריט

אָרטשאַרד סטריט,
מציאה גאַס,
אויף אינדזל פון מאַנהעטן, —
מען קריגט ביי דיר פון עפּל־קוואַס
ביז קנעפּלעך פון מאַנזשעטן,
פון אַן אַלט־פאַרגעלטער תחינה
ביז אַ נייעם טלית־קטן,
פון אַ זייגער־ספּרונזשינע
ביז אַ גענדזל אַ געבראָטנס.

אָרטשאַרד סטריט, —
כ'וואָלט רופן דיך
„גאַס מנחם מענדל", —
דו האַלסט אַ פּעני אין דער האַנט,
און מיינסט, עס איז אַ רענדל.

דו ביסט אַ גליד־געשוועסטער־קינד
די וואַלואָוקעס פון וואַרשע,
דו האַנדלסט נאָך אַלצאיינס מיט ווינט,
אַפילו ווען ס'איז קאַרשן,

אַפּילו ווען ס׳איז ציבעלעס
און רעטעכלעך און פלוימען,
עס קאָכן זיך קאַרטאָפליעס בלויז,
נאָר ס׳זעצט אַ רויך פון קוימען, —

אַזוי ווי ס׳וואָלטן קאַטשקעס נאָר
אין אויוון זיך געבראָטן,
עס דאַכט זיך דיר: אָט איז עס, אָט —
ס׳איז גאָרניט — ס׳איז אַ שאָטן.

אָט שטייט אַ ייד ביים פּושקאַרטל,
פאַרשמייעט און פאַרהאַוועט
און זופּט אויף גיך — אין איילעניש
דאָס הייסע טעפּל קאַווע.

ר׳איז אָנגעדראָלט און טרייבט דערפאַר
די פאַרע אַזש פון טעפּל.
וואָס איז? אַ קונה איז פאַרבייגעגאַן,
אַ טאָפּ געטאָן אַן עפּל.

געמיינט האָט ער — אָט איז עס, אָט,
אָט לייזט ער שוין אַ ניקל,
ערשט — עס בלייבט ביים טאָפּ און ס׳לאָזט זיך אויס
אַ בוידעם פון די גליקן.

אָרטשאַרד סטריט,
כ׳וואָלט רופן דיך
„גאַס מנחם מענדל“, —
דו האַלסט אַ פּעני אין דער האַנט
און מיינס, עס איז אַ רענדל.

דער פוירנישד רום פּאָרטרעט

אין אַ גרויסער הילצערנער ראַם
ליגט אַ סטאַדע לעמער אויסגעצויגן
און אַן אַלטער קוטשעראַווער לאַם
קוקט אויף מיר מיט שעפּסענע צוויי אויגן.

דער באַרג צופוסנס האָט אַ טאָל זיך צוגעלייגט
און צוקאָפּנס האָט זיך צוגעלייגט דער הימל;

דער הונט האָט ביזן עק זיך איינגעדרייט
און יאָרן־לאַנג שוין אַז ער כאַפּט אַזוי אַ דרימל.

און יאָרן לאַנג שוין, אַז דער פּאַסטוך, ביי זיין כאַטע,
האַלט אַזוי דעם שטעקן אין דער האַנט —
און יאָרן־לאַנג שוין, אַז דאָס בילד באַדאַרף אַ שמאַטע
און איך — אַן אַנדער בילד שוין אויף דער וואַנט...

געבעט פון אַ פליכטלינג אויפן ים

הערט אויף צו צאָרענען, איר שטורעמדיקע ימען!
שטילט־איין דעם כוואַליע־רויש, דעם זידנדיקן שוים!
ווען לענדער איצט דעם וועג פאַר אונדז פאַרצאַמען —
פאַרצאַמט כאָטש איר פאַר אונדז דעם ענדלאָזן תהום.

די קינדער אויסגעצערט, די מאַמעס קראַנקע,
די טאַטעס עגבערן די וייטן מיט אַ שטאַרן בליק.
מיר מוזן דאָ אין מיטן ים אַראָפּלאָזן דעם אַנקער —
ניטאָ איצט קיין אַהין — ניטאָ איצט קיין צוריק.

וואָס קאָן אונדז שוין דער קאָמפּאַס איצטער זאָגן?
און ווער באַדאַרף ביים רודער איצט דעם קאַפּיטאַן —
ווען ס'מעג דער ווינט אונדז אומעטום פאַרטראָגן
אַ חוץ אַהין — וואו ס'איז אַ ברעג פאַראַן.

ווער באַדאַרף אַצינד די הילכיקע סירענע?
און וואָס קאָן העלפן אונדז פון ליכט־טורעם דער שטראַל?
מיר וועלן אויפן וועג זיך שוין דערקענען,
מיר האָבן אונדזער אייגענעם סיגנאַל.

מיר וועבן־אויס אַ נייע פאָן איבער די ימען,
אַ פאָן וואָס דאַרף ניט ווייען אינעם ווינט:
— די יללה פון אַ האַלב־געררירטער מאַמען,
וואָס בויגט זיך אָן איבער איר שטאַרבנדיקן קינד.

זאָל די נאַכט איצט מיט איר הימל אונדז פאַרדעקן,
זאָל דער ים פאַר אונדז איצט אויסרוישן אַ ליד:
„עס האָט דער ייד אַמאָל געוואַנדערט מיט אַ שטעקן,
איצט וואַנדערט שוין אויף שיפן אום דער ייד".

מאַרטין בירנבוים

יידישער פאָרנאָמען: מרדכי עזריאל, זון פון הערש ב.; געב. דעם 29טן אָקטאָבער, 1904, אין האָראָדענקע, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין אַ העברעאישער שול און אין אַ פוילישער פאָלקסשול. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געוואוינט אין די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, שפּעטער אין אַ ווינער היים פאַר קינדער־פּליטים און דערנאָך אין ברין, מערן. פון 1917 ווידער געלעבט אין געבוירנשטעטל און זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. 1920 אַוועקגעפאָרן קיין ווין. 1923 געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין אָוונט „האַי־סקול" און אויף קורסן פון דער „וואָירקערס סקול". צוערשט געשריבן לידער אויף דייטש, און דעביוטירט אין דער „ניו־יאָרקער דויטשע פאָלקסצייטונג". 1929 אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן יידישע לידער אין דער „פרייהייט". זיך אויך באַטייליקט אין: האַמער, ביילעבן, פונקען, יידישע קולטור. מיטגליד פון דער רעד. קאָלעגיע פון „סיגנאַל". אין בוכפאָרם: „וויזערס", פאַרלאַג „פראָלעטפען", 1934, 128 זייטן; „דער וועג אַרויף", אַרויסגעגעבן פון „קאָאָפּעראַטיוון פאָלקס־פאַרלאַג פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן", 1939, 208 זייטן. איז אַ פוטערוואַרג־אַרבעטער.

מאַרטין בירנבוים

מ. אלגין: מארטין בירנבוימס לידער — „מארגן־פרייהייט“, דעצ. 4, 1933.
מ. אלגין: פּאעטישקייט און פּשטות — „מארגן־פרייהייט“, דעצ. 25, 1933.
משה כץ: מארטין בירנבוימס קינסטלערישער בארג ארויף — „מארגן־פרייהייט“, נאוו. 12, 1939.
א. פּאמעראנץ: יידישע פּראלעטארישע ליטעראטור; פּראלעטפּען—„אלמאנאך“, קאאפּעראטיווער פאלקס־פארלאג „אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן“, 1940, ז. 394 א״וו.
Joseph Leftwitch: The Golden Peacock. An Anthology, London, 1939.

פון די פּאָעטן איז מאַרטין בירנבוים דאַכט זיך דער יינגסטער. זיין ערשט ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערשט מיט אַ יאָר צוויי צוריק. זיין סטיל איז פריש און גענוג קרעפטיק. בירנבוים ווייזט אַרויס אַ זעלבסטשטענדיקייט אין שפּראַך און אויסדרוק און אַ געזונטע נייגונג צו ריידן דירעקט און קלאָר, אָנרופנדיק זאַכן ביי זייערע נעמען. דער חסרון פון זיין טעכניק איז אַ געוויסע צעשויבערטקייט, אַן אָפט ניט אויסגעהאַלטענער טאָן, אַמאָל אַן איבערפלוס פון ווערטער. דערביי האָט בירנבוים אין אַלגעמיין אַ חוש פאַר שפּראַך און פאָרמע, הגם ניט שטענדיק גענוג עקשנות צו פאַרפאָלקאָמענען זיינע לידער. דאָס ביז איצט געשריבענע גיט אַ רעכט צו דערוואַרטן אַ דיכטער פון באַדייטנדיקער קוואַליפיקאַציע.

מ. אָלגין: „די יונגע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער אין אַמעריקע“ — „דער האַמער“, דעצעמבער, 1930).

אַ נאַכט אַזאַ

געווידמעט מיין פאָטער

איך געדענק אַ נאַכט אַזאַ,
אַ ווינטער־נאַכט מיט פראָסט און שניי,
מיט קאַנאָנען־בליץ, פּאָדקאָווע־קלאַפּ
און ווייט־פאַרשטיקטן פּחד־געשריי.

ס'האָט טויט אין אָט־דער נאַכט געשפּרייזט
איבער פעלדער, מיט בלוטיק־צעשטשערבעטער קאָסע.
פון לייבער וואַרעמע, וואָס ער האָט געשניטן
האָט געקאַפּעט אַ רויטע, אַ וואַרעמע ראָסע.

אין שטוב ביי אונדז אַ דערשראָקענער קאַנעץ
האָט אין אַ ווינקל פאַרציטערט געברענט
און מיט פאַנטאַסטישע שאָטן־געשפּענסטער
באַלעבט די פּוסטע, צעשפּרונגענע ווענט.

די מאַמע איז אַ בלייכעביים טישל געזעסן
מיט בלאָ־ווייסן שטערן, די אויגן פאַרמאַכט;
ביים קראַנקן־בעט פון מיין עלטערן ברודער
איז געשטאַנען דער טאַטע און פאַראומערט געטראַכט.

און מיר, די קינדער, ביי הרובע פאַרקילטער,
האָבן אַרויסגעהאָרכט צו דער אומרו פון נאַכט.
ס׳האָט געדרייט זיך דער ברודער אין בעט און געוואָרפן
און מאָדנע פון פיבער גערעדט און געלאַכט.

ס׳האָבן היינט און שראַפּנעלן איבערן דערפל געוואָיעט
און בהמה־געַרעוו האָט זיך געריסן פון שטאַלן;
ביי יעדן ברום פון קאַנאָן האָבן שויבן געציטערט,
זיינען אָקאָרשט די ווענט איבער קעפּ איינגעפאַלן.

ביי יעדן ברום פון קאַנאָן האָבן זיך אויגן צעפּראַלט
און בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן. — — —
— — — — — — — — — — — — —
און טויט אויפן פעלד האָט געשטשירעט די ציין
און פריילעך געשניטן זיין קאָרן.

בענקשאַפט

עי, שטעטל, פאַרטאַיעטס, פאַרמוטשעטס,
עי, שטעטל, אין פוילישן טאָל,
ווי טיף האָט מיין בענקשאַפט געוואָרצלט
צו דיר, צו דיין גראָקייט אַמאָל.

דיין אומעט פלעגט זיין מיין דערנערער,
דורך יאָרן פון יינגלישן פּיין — —
ס׳האָט נישט איינמאָל דער איינזאַמער צלם
אויף דיין לאַנקע געהערט מיין געוויין.

געווען דעמאָלט צייטן פון אומרו,
פון טויט־שרעק אין יעטווידן הויז; — —
האָט זיך צעבליט — מיט טרערן באַגאָסן — —
מיין ליבע — אַ דאָרפישע רויז.

און שפּעטער אויף באַנען און וואַנדער
דורך יאָרן פון וואָגלען אין פרעמד,

מאַרטין בירנבוים

האָסטו געוואונקען פון ווייטנס, געמאַניעט —
און פון בענקשאַפט מיין אָטעם פאַרקלעמט.

ס׳פלעגט דיין בית־עולם מיר קומען צו חלום
מיט זיין שטילקייט אויף באַרגיקער הויך;
אין שלאָף פון גויאישע כאַטעס
פלעגט מאַניען פאַרכישופטער רויך.

ביזט תמיד געווען מיין באַגלייטער,
עי, שטעטל, דאָרט ביי דער „טשערוואָנע״,
ביז כ׳האָב זיך באַהעפט מיט פאַבריקן,
מיט גרויסשטאָט און פלאַמיקע פאָנען.

ביז כ׳האָב זיך באַהעפט מיט די קלאַנגען
פון קייטן, וואָס פאַלן צעריסן
פון הענט געמאַזאָליעטע, שווערע —
פון קייטן מיט ציינער צעביסן —

און איצט איז די בענקשאַפט צערונען
אין רוימען ווי נעפל פאַרשוואונדן;
איך ניאַנטשע שוין מער נישט מיין אומעט —
ס׳איז ליכטיק מיין וועג און צעצונדן.

בין איך איצט מיט אַ לעבן פאַרקאָוועט,
וואָס ברעכט אַלטע פאַרזשאַווערטע גראַטעס —
אַ לעבן אַ הייס, אַ צעשטורעמטס,
וואָס שלאָגט זיך מיט אייגענע טאַטעס!

פאַרגעסן דער שטילער בית־עולם,
די צווי ליכטיקע, מיידלשע אויגן,
ס׳האָט מיך גרויסשטאָט אַצינד און פאַבריקן
אין קאַראַהאָד אין דעם רויטן פאַרצויגן!

עי, שטעטל, פאַרטאַיעטס, פאַרמוטשעטס,
עי, שטעטל, אין פוילישן טאָל,
מיין בענקשאַפט צו דיר איז געשטאָרבן
ביי די קלאַנגען פון אייזן און שטאָל.

פרימאָרגן אין סאָבוויי

וואַקלען קערפּערס שלאָפע
זיך צום רעדער־טאַקט,
און פינגער, ווי פליגן אויף שויבן,
דראַפּען זיך,
בלאָנדזשען, אָנהאַלט זוכנדיק, דורך לופט.

וויעס מידע קלעפּן זיך
פון נעכטיקע און אייערנעכטיקע
ביט הערשלאָפענע נעכט,
און צעשוואומענקייט פון וואַרעמע געלעגערס
ליגט אויסגעשפּרייט אויף פאַרחושכטע געזיכטער.
קעפּ פאַרהאָרעוועטע הוידען זיך
אין זיצנדיקן דרימל,
הענגען טעמפּ נאָכגעלאָזטע צווישן אַקסלען
און, ווי ביי שלאָפנדיקע פערד,
רייסן זיי צו דר'ערד זיך פאַרעקשנט.

אין דלאָניעס, וואַגיקע און גרינגע,
ציטערן פרישע צייטונג־בלעטער,
און עס אַמפּערן זיך אויגן
מיט די שוואַרצע, טאַנצנדיקע שורות.
אַ טיפער, ברייטער געגעץ
פאַרשלינגט מיריאַדן דריבנע אותיות
און לאָזט זיי ליגן
אומפאַרדייטע
אין אַ ווינקל ערגעץ
פונעם דרימלענדיקן מוח.

צו אַ סאָפיסט

ס'כוואַליעט פאַר דיין טיר די צייט;
מיט קלוגע זשעסטן וועסטו נישט בייקומען דאָס לעבן.
די טיפסטע טיף פון מענטשן־מין —
מוזטו אַליין פון טיפסטן מענטשן־ים דיר הויבן.

האָסט אַ ווייב און כלערליי מין ביכער.
און אַלצדינג, זאָגסטו, ווייסטו שוין פון לאַנג.

און די שענסטע זאַך אין לעבן, זאָגסטו,
איז דער אייגענער געשליפענער געדאַנק.

איז חוזקסטו זיך חכמהדיק פון וועלט —
באַהאַלטן צווישן וואַרעמע פיר ווענט —
דיין תקופה אָבער, ברודער, קענסטו נישט!
דיין אייגן קינד אַפילו איז דיר פרעמד.

איז וואָס, אַז דו האָסט זיך מיט שטאָלץ געפּאַנצערט, —
סיי־ווי שענקט די צייט דיר נישט קיין בליק.
אַלץ, וואָס דו האָסט גאוהדיק געשאַפן —
זאָג, ווענען ברענגט עס גליק?!

ס׳מוז דיין שוויס זיך ערשט מיט ברודער־שוויס פאַרמישן
און דערפילן מוזטו פון דעם אָרום די שאַרפע פיין.
ווען ס׳וועט דיין פולס אין ריטם קלאַפּן מיט דער צייט —
דעמאָלט, אפשר, ברודער, וועסטו קלוגער זיין. —

היימלאָזע קינדער

אַלט־קלוגע אויגן;
פאַרוואַרלאָזטע קעפּ;
צעוואָרפן, פאַרפּלאָנטערט
אין גאַסן־געוועב.

היימלאָזע קינדער,
צעזייט אויף סקווערן;
ברוק־געוויקסן;
פון פאַרשאָלטענע מאַמעס
באַגאָסן מיט טרערן.

היימלאָזע קינדער,
אונטער פלויטן פאַרלוירן,
אונטער שטיגן צעדרייטע,
גייען אויף
אויף טרוקענע
אַספאַלטישע בייטן;
וואַקסן קרומע,

וואַקסן שיפע,
דערווײַלע נאָך שטומע
אויף גאַסן צעגליטע;
וואַקסן — און בלייבן
אויף אייביק
צעבריטע.

היימלאָזע קינדער
מיט פאַרשוויגענע וואונטשן,
קיינמאָל געשטילטע;
טונקעלער צוזאָג
אויף תפיסות פאַרפילטע!
זיכערער צוזאָג
אויף ליכטיקע צייטן
גייט אויף
מיט זיי
אויף אַספאַלטישע בייטן.

שפּעטע נאַכט

(פראַגמענט)

אַ נאַכטיק־פּוסטע גאַס.
אַ קאַלטער, שאַרפער ווינט.
דער, וואָס האָט פיר ווענט,
דער היט זיי אָפּ אַצינד.
דער, וואָס האָט אַ היים
און ס'פעלט אים נישט קיין זעט—
ליגט וואַרעם־איינגענורעט,
פאַרלאָזט איצט נישט זיין בעט.

איז ווער־זשע שאַרט זיך דאָס
אין שפּעטער נאַכט ביי ווענט,
און זוכט אין אָפּפאַל פּעסער
מיט לאַנגע, זשעדנע הענט?
און קוקט זיך אַלץ אַרום
מיט פאַרכטיק־ווילדן בליק,
ווי אַ געיאָגטער מערדער,
וואָס ציטערט פאַרן שטריק?

ס'טרייבט אים קיינער דאָך.
די גאַס איז טויט און פּוסט.
איז וואָס־זשע כאַפּט ער זיך
מיט הענט אַלץ פאַר דער ברוסט?
איז וואָס־זשע פאָרפּלט ער,
דער מענטש, אין פּעסער שמוץ,
קראַצט מיט זשעדנע פינגער
און זוכט מיט אויגן שוץ?

דאָס קראַצט ער אָפּ דעם ברוד
פון ביינער, אַלטן ברויט!
דאָס זוכט ער, ברודער, שפּייז —
שפּייז אין פּעסער קויט!
און קיינער טרייבט אים נישט —
דאָס טרייבט ער זיך אַליין,
אַ ווייבס, אַ קינדס געוויין.

וואָס וועט אַ מענטש נישט טאָן,
ווען פיבער שפּאַלט דעם קאָפּ;
ווען הונגער שניידט אין בויך,
שטעלט אָפּ פון האַרץ דעם קלאַפּ
שטאַרבן — ס'ווילט זיך נישט!
לעבן — נישט אין שאַנד!
דערלאָזט אים נישט זיין שטאָלץ
גיין אויפהייבן אַ האַנט!

און—ווי קען ער דען, אַ מענטש־
אַ מענטש מיט שטאַרקע הענט,
אין מיטן העלן טאָג,
גיין שאַרן זיך ביי ווענט;
פאַר יעדן אין די אויגן
גיין פאָרפּלען זיך אין קויט
און גריזשען ווי אַ הונט
אַ שטיק געפונען ברויט?

אַז אַרבעט גיט מען נישט —
און עסן איז נישטאָ —
טרייבט דער הונגער אים
צו אָפּפאַל־פּעסער דאָ!

שאול מאַלץ

זון פון משה אהרן מ.; געב. סיון, תרס״ו (יוני 1906), אין גריצע, וואַרשעווער קרייז, פּוילן. ביז 11 יאָר געגאַנגען אין חדר. דערנאָך געלערנט אין בית המדרש און אין דערזעלבער צייט באַזוכט די קורסן פון דער בונדישער ביבליאָטעק, וואו געלערנט יידיש, יידישע ליטעראַטור, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פּויליש. 1921 געקומען קיין אַמעריקע, געענדיקט פּאָבליק סקול און האַי־סקול, שטודירט ליטעראַטור אין סיטי קאַלעדזש. 1936 גראַדואירט דעם יידישן לערער סעמינאַר און זינט דעמאָלט אַ לערער אין די אַרבעטער רינג שולן. 1927 אָנגעהויבן שרייבן לידער. 1930 דעביוטירט אין „וואָך״. זיך באַטייליקט אין: ליים און ציגל, די פעדער, דער אויפקום, ליד (לאָס־אַנדזשעלעס), סיגנאַל, ליטעראַרישע בלעטער, אינזיך, שיקאַגע, יידיש, קינדער־זשורנאַל, קינדערצייטונג, המשך, גריניקע ביימעלעך (ווילנע), פּראָלעטאַרישער געדאַנק, צוקונפט. אָקט. 1931 רעד. 4טן נומער „ליים און ציגל״. אין בוכפאָרם: „אין שאָטן פון הונגער״ (לידער), פאַרלאַג א. בידערמאַן, 1933; „לידער פון ברויט און זאַלץ״, פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגע, 1937.

מ. אינדריץ: לידער פון דרעמלען — „יום־טוב שריפטן", פסח־נומער, שי־קאַגע, 1938.

ב. צ. גאָלדבערג: אין גאַנג פון טאָג — „דער טאָג", 1933.

יעקב גלאַנץ: געבונדענע כחות — „דער וועג", מעקסיקע, אָקט. 30, 1937.

פּ. וויערניק: אונדזער פילשפּראַכיקע ליטעראַטור — „מאָרגן־זשורנאַל", מערץ 15, 1933.

אליעזר כין: ליטעראַרישע נייעס — ייט"א אַרטיקל — אַמעריקאַנער פּראָווינץ־פּרע־סע, פעב. 24, 1933.

י. ל. טעלער: די יינגסטע שרייבער אין אַמעריקע — „ליטעראַרישע בלעטער", נומער 22 (681), וואַרשע.

ש. טענענבוים: פּאָעזיע, געדאַנקען וועגן דעם מהות פון קונסט און וועגן אַ בוך לידער — „דער יידישער קוריער", שיקאַגע, אָקט. 31, 1937.

ב. מאָזער: אין שאָטן פון גאָרניט — „מאָרגן־פרייהייט", אַפּריל 17, 1933.

פּ. מאַרקוס: דער שרייבער און זיין בוך — „מאָרגן־פרייהייט", מערץ 26, 1943.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", מאַי 5, 1943.

נ. ב. מינקאָוו: אַלגעמיינע טענדענצן אין דער מאָדערנער ליטעראַטור — „יידישער קעמפער", מאַי 22, 1942.

ש. ניגער: עס קומען אַמעריקאַנער דערציילענדע שרייבער — „דער טאָג", יוני 3, 1934.

ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג", דעצ. 19, 1943.

א. סאָקאָלאָווער: טינט און פעדער — „פרייע אַרבעטער שטימע", נאָוו. 26, 1937.

מלך ראַוויטש: פּאַרשאָטנטע לידער אין שאָטן פון הונגער — „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור" (וואַרשע), יוני 2, 1933.

אברהם רייזען: נייע ביכער — „די פעדער", אהרן קאַרלין יובילײ־נומער. האַרבסט 1933.

שלמה שוואַרץ: אונטערן פּלאַטער פון רוף — „בריקן (שיקאַגע), מאַי 1943.

א. ש. שקאָלניק: אין שאָטן פון הונגער — „מאָנטרעאַל", פעב. 1934.

. . . ס'איז דאָ אין מאַלץ' ליד דער ברען־שטאָף פון די וואָגלענדיקע, הונגעריקע מענטשן־שיכטן, וואָס שטרעקן זיך צום שעכטן, וואָס שטייען ביי אָפּגרונטן, וואָס לעכצן און גאַרן די איינפאַך־מענטשלעכע פאָדערונג: עסן. און דער דאָזיקער שטאָף וועט אויפפלאַקערן סיי ביי די מענטשן־געשטאַלטן זיינע מאַלץ' און סיי אין זיין ליד, וואָס גיסט זיך אָן מיט רייפקייט און ס'וועט זיך אויספורעמען אין זיינע הייסע דיכטערישע טיגלען, וואָס ער קילט זיי מיט קאַלטע טראָפּנס גאַל און טרויער.

שאול מאַלץ איז אַ דיכטער, וואָס וויטיקט, טרויערט, ליידט און גיט זיך נישט אונטער. ער זוכט סינטעזן פון מענטש און וועלט. באַהעפטונג פון לעבנס מיאוסקייט מיט די שיינקייטן פון קונסט. ער וויל שענער מאַכן דעם פּרצוף פון נויט מיט

קונסט־חן־פּינטעלעך. ער גיט אַ קלעפּ צו אַ פּינטעלע — און עס פאַלט אַראָפּ ווי אַ האַרבסטיק בלעטל, עס קלעפּט זיך נישט צו. דאָס לעבן איז גרויליק, נישט אַרומגעוויקלט מיט שיינ־קייטס־קליידער, און מאַלץ' ליד איז נאָך נישט פריי פון קונסט־באַפּוצונגען, און נישט אַרויסגעהוילט אַזוי ווייט, אַז עס זאָל שרייען נאַקעטערהייט ווי דאָס לעבן. דאָרטן וואו ער איז פון אינעווייניק, לאָזט זיך נאָכן פלוס פון זיין נאַטירלעכער בלוט־צירקולאַציע — און אַמאָל הערן גאַנץ בולט אפילו דאָס שלאָגן פון זיין האַרץ, איז ער ליריש־עכט, ערלעך־קיסטלעריש, און אייגנטימלעך־שעפעריש . . . און דאָס איז די עובדא פון קונסט און קינסטלער. שאול מאַלץ איז אַ דיכטער, וואָס שרייבט ניט לשם שרייבן, נאָר פירט אויס אַ וויכטיקע סאָציאַלע פונקציע מיט זיין שרייבערישער קראַפט.

(יעקב גלאַנץ: געבונדענע כוחות—„דער וועג", מעקסיקאַ, אָקט. 30, 1937).

בשורות פון הונגער

אין אונדזער שטאָט קומען בעטלער פון אַלע וועגן
אָנצוזאָגן די בשורה פון הונגער.
ווייַנענדיקע דערציילן זיי
פון קאַסעס פאַרזשאַווערטע פון רעגן,
פון סערפּן ווי טעמפּע זעגן,
וואָס האָבן ניט דערוועגט צו שניידן די מאָגערע זאַנגען.

ווי קראַנקע קראָען האָבן
וויבער איבער בעטן געהונקען
די מאָגערע זאַנגען אויפצוקלויבן.

אומזיסט האָבן זיך מילשטיינער
אייננער אין אַנדערן געריבן,
ווען ס'האָבן זיך די געקרייציקטע פליגל
צו בייזע ווינטן אָפּגעגעבן.

און אַז די זון
האָט זיך אין נאַקעטע צווייגן צעשטאָכן,
האָבן פייגל די פליגל צעשפּרייט.
און שערענגעסווייז
— ווי פליענדיקע צלמים —
אונדזערע נאַקעטע פעלדער פאַרלאָזן.

דאָס ליד פון איוב

זינג מיר דאָס ליד
פון איוב דעם ייד,
וואָס בלאָנקעט איצט אין די וועלדער;
צווישן האַרבסט און וויאַנענדיקע גראָזן.
צווישן חורבות ס׳ווייב געלאָזן,
און קברים פון אבות אויף פעלדער.

ס׳ליד איז ביטער, ס׳ליד איז טרויער,
אַז אויף גרענעצן אין טונקעלן לויער
שטייען און וואַרטן היטער;
שטייען און וואַרטן, אַז ס׳זאָל איוב דער ייד
דערשלעפּן דעם גוף אויף מידע טריט
צו דערגרייכן דעם ברי פון זייערע ריטער.

נעם פאַר ליב דעם בליק פון די אויגן,
וואָס האָבן גאַליקייט געזויגן
אין לאַנגן, מידן וואָגל..
קריץ אין שטיין די געשטאַלטן,
וואָס אַנגסטן אין האַרצן באַהאַלטן,
ווי ביטערקייט אין אַ לאָגל.

צווישן יידן אין וואָגל אויף האַרבסטיקער ערד.
ס׳וויינען אין גרויקייט זייערע בערד,
פּנימער זיינען פון הונגער צעקאַרבט.
יידן וואַנדערן אין לויה־רייען.
ווינטן זייערע טריט פאַרווייען
און פאַרהוילן מיט בלעטער דעם, וואָס שטאַרבט.

איוב אויף דורות־אַלטע וועגן,
אין קעלט און אין רעגן
פאַרזייעט מיד די טריט.
געל דאָס פּנים, ס׳ציטערן די ציין,
אַלטע גלידער מוזן גיין און גיין
אויף וועגן האַרבסטיק פאַרבליט.

ש א ו ל מ אַ ל ץ

געלע לאַטע

איוב, מיין ברודער, מיין פריינט
מיין גואל, מיין טאַטע.
איוב גייט אַרום היינט
מיט אַ געלע לאַטע.

די קליידער, צויט אויף צויט,
נאָר גאַנץ איז די לאַטע.
אים שרעקט שוין מער נית דער טויט
און ניט די תפיסה־גראַטע.

פון מינכן, מאַינץ און דאַכאו
טרייבן רוצחים זאַטע,
וואָגלען איבער שטעט און שליאַכן
באַווייזן די געלע לאַטע.

אומעטום: — היט זיך, היט!
אַ וואָרע מאַכט, איר לאָמע, האַרבאַטע!
ס'גייט איצט איוב דער ייד
שטאָלץ מיט דער געלע לאַטע.

וואַנדערער

איוב אין דייטשלאַנד, טשעכיע און פוילן
שוין וידוי געזאָגט פאַרן קוילן.

אַ קבר זיך שוין געגראָבן,
פאַר באַגלייטער — שוואַרצע ראָבן.

אין קיינעמס לאַנד שוין געלעגן,
אויסגעמאָסטן אַלע וועגן.

אין נעכט פינצטערע אין זומפּן געקראָכן,
געטראָגן אויף באַקן אַ טויטן שכן.

געבאָרגט זיין קלייד אַ פרעמד קינד,
געוואָגלט מיט וואָלקנס, שטורעם און ווינט.

געקלאַפּט אין טירן, געבעטן, געבענטשט,
נאָר אַ וואָלף איז געוואָרן דער מענטש.

ניט פאַרנומען זיין יאָמערדיק געבעט,
ווי אַ מצורה אים געטריבן פון שטעט.

און אַט אַזוי מיט געשוואָלענע טריט
וואַנדערט אויף גאַס באַראַט איוב, דער ייִד.

אויף די וועגן פון פשיטיק

אויף אַלע וועגן פון פשיטיק
ציט זיך אַ שוואַרצע לויה.
ייִדן טאָפּטשען אין דער בלאָטיקער ערד,
די גראָע בערד אין ווינט ווייבען, ווייען.
טיף אין גאַרטלען ליגט דער טרויער באַהאַלטן
און איבער זיי קראָען שפּאַלטן
דעם הימל מיט זייער הונגעריקן געשריי.
און יתומים, באָרוועסע,
מיט קעלט־געשוואָלענע פיס,
קנעטן דאָס האַרבסטיקייט מיט זייערע טריט.
דער רוף פון ווי
שפּאַרט פון יעדן גליד,
פון שטאַם, פון צווייגן.

גייען ייִדן פאַרזונקענע אין שווייגן,
דער ווינט קעמט בלעטערדיק די בערד,
פּאָלעס ווייען — שוואַרצע פענער
און ווייבער פאַרצערט,
מיט פּנימער פון ערד,
קומען און דערציילן פון טויט,
וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
איבער שטאָט, פעלד און בייט.

ביי דער זייט פון וועג,
אַ בוים — אַלט און דאַר,
האָט אויסגעשטרעקט די צווייגן־הענט,
קוקט נאָך שטאַר
דעם שוואַרצן אָרון, די טרויעריקע עדה —
אַזוי האָט ער אויך נאָכגעקוקט מיין זיידן,
וואָס איז דאָ געקומען בויען,

ש א ו ל מ אַ ל ץ

און דערצויגן די טעג
ביזן אומעטיקן גרויען.

אין ראוו ביים פשיטיקער טראַקט
ליגט אַ פאַרבלוטיקטע די האַק,
און געקוילעט איז די וואָר
פון מיין יונגן דור.

אַ קינה אויף מיין שטעטל

טרויעריק אויף פאַרלאָזענע וועגן,
דער ווינט יאָגט אַ שטרוי,
אַ בלעטל.
מיטן רויך איז אַוועק דאָס שטעטל,
און נאָכדעם—קעלט, האַרבסטיקער
רעגן,
וואָס באַגלייט די טריט אויף די
וועגן.

אַ גרוב אין פעלד איז אַ היים.
דער וואָרצל פון פלאַנצן דערנערט.
צו אַלעמען איז גוט די ערד,
נאָר רוצחים האָבן הערצער פון
שטיין.
און אַ גרוב אין פעלד איז אַ היים.

די חורבות שרייען אין דער וועלט
אַריין,
און די מענטשן זיינען שטום.
איז דאָס שווייגן העכער פון חיהשן
געברום
אַז זיי מוזן פאַרנעמען אַזויפיל פיין,
חורבות שרייען אין דער וועלט
אַריין.

ווי אַ מצבה שטאַרט ערגעץ אַ
קוימען
און קיין היים איז נישטאָ.
ערגעץ קראַקעט וויסט אַ קראָ,
צעגיסט דעם אומעט אין ווייטע
רוימען,
ווי אַ מצבה שטייט ערגעץ אַ
קוימען.

פלאַטערט דאָס געזאַנג פון מיין
באָבע,
ווי ווייסע פליגל פון אַ טויב.
— גאָט פון אברהם — געקומען
רוצחים מיט שחיטה און רויב,
— געקומען קברים פאַר אונדז
גראָבן,
פלאַטערט דאָס געזאַנג פון מיין
באָבע.

וויינט דאָס תהילימל פון מיין זיידן,
וויינט איבער אַלע פאַרטערערטע
תפילות.
אויף קידוש השם אַוועק די קהילות
און דער חלף האָט פאַרשניטן
די פריידן,
וויינט דאָס תהילימל פון מיין זיידן.

מערב, אויפן קלויסטער דער צלם
גליט.

און די שול ליגט אין קויל,
פון די לוחות שטרעקט דער לייב
אַן אָפן מויל
קעגן די רוצחישע טריט,
אויפן קלויסטערל דער צלם גליט.

דאָס פלומפּל אויפן מאַרק וויינט,
מיט זילבערנע טרערן.
געקומען פּיינט דעם יום־טוב
שטערן
מיט הערצער פאַרקילט,
פאַרשטיינט.
דאָס פלומפּל אויפן מאַרק וויינט.

פליסט דאָס טייכל זיין וויטן וועג,
היינט פונקט ווי אַלעמאָל.
טראָגט איוב־בשורות צו דעם טאָל
קומט דערציילן פון פאַרשניטענע
טעג.
פליסט דאָס טייכל זיין וויטן וועג.

פאַרלאָזן ס׳שטעטל, פוסטע גאַסן,
אַלץ איז וויסט און חרוב,
פון ערגעץ וואַנדערט נאָך אַ קרוב
געהילט אין גרויל, געדעקט מיט
האַסן.
אין פאַרלאָזן שטעטל, אויף פוסטע
גאַסן.

קברים, קברים, אומעטום.
דער בית־עולם איז גרעסער
געוואָרן.
די פרייד פון אַזויפיל יאָרן
ליגט איצט ווי אַ לאָם געקוילעטע
שטום.
קברים, קברים אומעטום.

יום־טוב, חתונות חופּה־שטאַנגען—
דאָס שטעטל גייט אַ קאַראַהאָד.
איצט ווייסן מתים שוין דעם סוד,
אַז אַלץ איז שוין פאַרגאַנגען —
יום־טוב, חתונות, חופּה־שטאַנגען.

די קינדערישע פרייד, ס׳געלעכטער
איז געקומען דער שונא שעכטן.
עס האָט נאָך געבליט ערשט נעכטן
און היינט — גרויע מאַמעס,
פאַרשעמטע טעכטער . . .
שטומט די פרייד, טרערט
ס׳געלעכטער.

דער שבת איז אַוועק, אַוועק,
ווי מערב־וואָלקנדלעך מיטן ווינט.
געקומען דער שונא און צינדט
אין שבת־לייכטער די שרעק . . .
דער שבת איז אַוועק, אַוועק . . .

יום־טובים אונדזערע, פיל
באַגערטע,
וואָס האָבן מיט פרייד די טעג
גענערט;
וואַלגערן זיך איצט אין גריבער,
ווען ס׳לעבן אַרום ליגט צעשטערט.
יום־טובים אונדזערע פיל
באַגערטע.

פסח — יום־טוב פון פרייהייט,
די טישן האָבן געפינקלט מיט וויין
און ליכט.
אליהו, מיט אַבלדיק געזיכט
אין פוסטע שטיבער איצט גייט,
פסח — יום־טוב פון פרייהייט.

שבועות — יום־טוב פון שניט,
דאָס גרינס בליט און העלט
אומעטום.
נאָר דער אקדמות־ניגון איז שטום
אַוועק אויף פאַרבלוטיקטע טריט...
שבועות — יום־טוב פון שניט.

סוכות — יום־טוב פון איינזאַמלען
דאָס געוועטעניש פון פעלדער.
און די ייִדן, ווי חיות אין וועלדער,
אין מניינים אבלים זיך זאַמלען —
סוכות—יום־טוב פון איינזאַמלען.

שמחת־תורה — פריידיקער טאָג,
שמחה פון וויסן, טאָג פון גייסט.
נאָר ערגעץ אַ מאַמע קריעה רייסט,
און אויף אַלע ביימער בליט
די פלאָג —
שמחת־תורה — פריידיקער טאָג.

און דער סגי־נהור אויף פוסטע
גאַסן גייט,
טאַפּט זיין וועג, פאַלט אין גריבער.
עס ווייס ניט, אַז אַלץ איז שוין
פאַראיבער,
אַ קעלט פון חורבנות ווייט,
דער סגי־נהור אויף פוסטע
גאַסן גייט.

די לבנה שיינט, ס׳לייכטן שטערן,
צעגיסן אויף אַלץ אַ זילבערנעם
שיין.
ניטאָ ווער ס׳זאָל מחדש די לבנה
זיין,
ניטאָ ווער ס׳זאָל פון בראשית
קלערן.
די לבנה שיינט, ס׳לייכטן שטערן.

**

מזרח — דער הימל גליט
און די זון וועט שיינען ווידער.
ס׳וועט קומען פרילינג פאַר
מיינע ברידער
צעהענגען אויף ביימער דעם צוויט,
מזרח — דער הימל גליט.

און אויב ס׳איז אַזוי באַשערט,
אַז מיין דור זאָל פאַרגיין,
איז מיטנעמען זאָל ער דעם צער
און געוויין,
אַז בליען זאָל פאַר נייעם מענטש
די ערד,
אויב ס׳איז אַזוי באַשערט.

אַ נייער דור זאָל אויפגיין,
און ירשענען אונדזערע טעג.
ירשענען אונדזער פאַרמעג —
אַ וועלט פרילינגדיק און שיין.
אַ נייער דור זאָל אויפגיין.

אַ נייע צייט זאָל זיך שפּרייטן
פון צייטיקע פרוכטן, רייפע זאַנגען,
און ס׳זאָלן פריידיקע געזאַנגען
דעם נייעם דור באַגלייטן,
אַ נייע צייט זאָל זיך שפּרייטן.

און מיין שטעטל ווידער
אויפגעבויט,
זאָל שפּינען לעבן אין שלום.
פאַרזונקען אין צאַרטן חלום.
פאַרזאָרגט מיט פרייד און ברויט,
מיין שטעטל ווידער אויפגעבויט.

**

טרויעריק — אויף פאַרלאָזענע
וועגן,
ווינטן איינזאַמע יאָגן.
ברענגען האַרבע בשורות צעטראָגן
פון פליטים אין האַרבסטיקן רעגן.
טרויעריק — אויף פאַרלאָזענע
וועגן.

כייקע אייבלסאָן

טאָכטער פון אבא א.; געב. דעם 12טן מערץ, 1915, אין ניו־הייווען, קאָנעטיקאָט, פאַרייניקטע שטאַטן. געלערנט אין די אָרטיקע יידישע שולן פון אַרבעטער־רינג, פּאַבליק סקול, האַי־סקול און ניו־יאָרקער האָנטער־קאַלעדזש. קינדווייז אָנגעהויבן שרייבן יידישע לידער. זיך באַטייליקט אין „המשך" (זאַמלבוך 4). אין בוכפאָרם: „ערשטע לידער", 1931, 59 זייטן.

ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג", דעצ. 19, 1943.

איך לייען די לידער און ווער פאַרכאַפּט. איך פאַרגעס, אַז די דיכטערן איז אינגאַנצן זעכצן יאָר אַלט. איך דערזע דאָ פאַר זיך אמתן פּאָעטישן טאַלאַנט: אינטואיציע, עכטן געפיל פאַרן בילדלעכן וואָרט, טאַקט, אַפילו מייסטערשאַפט און פיינעם איינפלוס.

. . . איך בין איבערצייגט אין דעם הויכן ווערט פון איר פּאָעזיע.

(מאני לייב: אַ וואָרט — אַריינפיר צום בוך „ערשטע לידער", ז. 5).

אַריסטאָטל בײם ברעג ים

כ׳װיל אָנרירן דעם אַלטן װאונדער
אין קילקײט פון די װײסע װעלן —
גײ איך בײם ים װאו אַריסטאָטל
פלעגט די טריט פאַרטראַכטע שטעלן.

איז ער אויך אַזוי געשטאַנען,
און װי איך דאָ פול מיט טרערן
ליבע צו זײַן האַרץ גערופן,
װאונדער אויף דער װעלט זאָל װערן?

טײכן לעשן זיך אין ימען,
שטערן לעשן זיך אין ליכט —
מיט אַריסטאָטלס חלום
קושט דער װינט מײַן געזיכט.

מאָרגן

מאָרגן װעלן אַלע זיבן
װינטן זינגען בײַע לידער
פון קאַנאָן, פון טויט־טומאַנען,
און פון בליצנדיקע שטערן.

װעלכע גראַמען װעסטו
צו אַזאַ מוזיק צופאַסן?
„טויט לחיים!״ קלינגען גלעזלעך,
בלאַנקען הײסע באַיאָנעטן.

און די ערד נעמט צו איר אוצר:
שטײפע הענט און בלינדע אויגן —
װעלכער איז געװען מײַן ליבסטער,
װעלכער שטײן און װעמענס שװײַגן?

איצטער

איצטער איז דײַן פּנים שטראַליק
מיט מינוטן אָן אַ שיער,
איצטער איז די װעלט אַ ליכט
װאָס פלאַקערט אויף פאַר דיר און מיר.

נאָר די וואָס זיינען איינגעשלאָפן
צו דעם ניגון פון אַ שווערד,
זיי, וואָס האָבן איינגעשפּאַנט
דעם ווילדן שכל פון דער ערד,

זיי וואַרטן אין דעם אַלטן נעכטן,
מיט זיין אוצר טיף און שווער,
פאַר דיינע הונגעריקע אויגן
און מיין ליכטיקן באַגער.

ס'ווילט זיך וויינען

ס'ווילט זיך וויינען, — וואָס וועט פון אונדז ווערן?
ווייסע וואָלקנס שפּיגלען זיך אין טייך —
לאַנגע גראָזן שוויגן און פאַרשווייגן —
גראָזן וואָס וועט ווערן אויך פון אייך?

ניט געליבט האָט איר, אָן האַס געשטורעמט,
אייערע לייבער שלינגען נאַכט און שיין,
אָן פאַרדרוס קאָנט איר אַנטשלאָפן ווערן
ווען דער הייסער וואָלקן שלינגט אייך איין.

ס'ווילט זיך וויינען, רופן נאָך דער בענקשאַפט,
נאָך אַ שמייכל און אַ פריינטלעכע האַנט.
שווייגן גראָזן, שווייגן און פאַרשווייגן
ליכט און שאָטן אויף אַ גרינער וואַנט.

זיי שטיל

שאַ, זיי שטיל, מיין העלער גאַסט.
דער טייך פון הימל האָט זיך צעבליט
אָן זעגל־שיפן און אָן ווינט
און אָן ברעגן ווייס ווי מילך.
זאָל ניט שרעקן דיך דער פלעק
וואָס איז אַמאָל אַ ווינט געווען;
זאָל ניט בלענדן דיך דאָס ליכט
וואָס איז מיין בלאַסער טרוים געווען.
וועסט פונדאַנען ניט אַוועק,

ווייל צייט וועט קיינמאָל דאָ ניט זיין.
שאַ, זיי שטיל מיין העלער גאַסט,
דער טייך פון הימל האָט זיך צעבליט.

בלויער באַרג

בלויער באַרג, דו שלאַנג אין וויטן —
בעמסט די גאַנצע וועלט אין קנויל;
און פאַרחלומט פון דיין שווערקייט
ליגסטו איינגעצויגן, פויל.

און איך לויף די וועלט צו כאַפּן,
בייגעריק, מיט פרייד צעשפּרייט —
ווי אַ פויגל איבער ימען,
אין איר אייגן ליד פאַרקליידט.

בלויער באַרג! דער ים האַלט אויכעט
מוטער־פּערל אין זיין האַנט —
אין דער נאַכט אַ קינד צעזינגט זיך
פון די שטראַלן אויפן וואַנט.

אַ ראַכמאַנינאָוו קאָנצערט

דו טרייסט אים מיט דיין אָטעם,
דעם היינע פון געזאַנג,
און קליידסט אים אין דעם פייער
פון דיין וואַנדער־קלאַנג.

און דיינע מייסטער־פינגער,
פאַרשיכורט אין געזאַנג,
וויגן זיך אין ווייכקייט
און אייביקייט פון קלאַנג.

און אין מיין האַרץ לעבט שאָפעז,
און זיין נשמה רייסט
די קייטן פון מיין שטילקייט,
די קייטן פון מיין גייסט.

מאַלווע

מלאַוועס האַלז איז ווייסער מירמל,
וואַרעם ווי אַ פייגלס ברוסט;
מלאַוועס אויגן זיינען שטערן,
שטערן אין צוויי בלויע טייכן,
בלויער פון אַ פייגלס ברוסט.

מלאַוועס פינגער אויף די לאָקן —
שטראַלן ווייס אויף שוואַרצן זייד;
און זי שטייט—אַ קאַרשן־בוימל,
אירע ליפּן — קאַרשן רייפע
אין דעם זומערדיקן גאָלד.

אַננאַ זאַרעצקי

טאָכטער פון מנחם ברוך חיים ז.; געב. י"ד תמוז, 1899, אין פעטריקאָוו, מינסקער גובערניע, ווייסרוסלאַנד. געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס. 1914 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין אָוונטשולן. 1928-1930 געלערנט אין באַרנאַרד קאָלעדזש אויף אַ סטיפּענדיע פאַר די ספּעציעלע זומער־קורסן פאַר פרויען און פאַר אינדוסטריע. 1929 אָנגעהויבן שרייבן לידער. 1931 דעביוטירט אין „פרייע אַרבעטער שטימע". זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט אין: שיקאַגאַ, קינדער־זשורנאַל, ליטעראַרישע בלעטער (וואַרשע), חבר (ווילנע), האָוואַנער לעבן, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, יידישער קעמפער, גערעכטיגקייט, טאָג, מאָרגן־זשורנאַל. שרייבט אויך קינדער־דערציילונגען אונטערן פּסעוודאָנים הינדע רייעס. האָט פאַרעפנטלעכט לידער אויף ענגליש אין The Road to Freedom, 1931.

נאַכט אין קראָטאָנאַ פאַרק

(וויזיע)

חלומט דער פאַרק פון קינדישע טריט,
געלעכטער און שפּיל פאַרהוילן, פאַרשמידט

אַננאַ זאַרעצקי

און לבנה שפּרייט ליכטיקן צווײט.

חלומט דער פּאַרק פון פרייד, פון גליק —
דאָס וועווריקל קומט מיט חכמה אין בליק,
דאָס קינד גיט אַ ניסל, איילט וועוריק צוריק

צו באַהאַלטן די גאָב פונעם מענטשן־קינד —
טאָמער שטורעם ברעכט אויס, טאָמער בייזער ווינט,
וועט מען שיצן די האַנט פונעם מענטשן־קינד.

קערן פעלדזן זיך איבער — ליכטיקע טעלער,
ברענגט נאַכט פולע קרוגן פון קעלער
און לבנה טריפט מיט ליכט מיט העלער.

וואַכט דער פּאַרק איבער קינדערשע טריט —
זיי קומען פון ווייט פאַרהונגערט און מיד
און לבנה שפּרייט ליכטיקן צווײט.

פירט ביילע די הויכע רייטוועגענער זיבן:
קינדער אין פריפעט זי האָט אויפגעקליבן
און די רייטוועגענער ווערן פון ווינטן געטריבן,

אַהער — צו די ליכטיקע טעלער מיט זעט,
נאַכט שטייט געבויגן אין טיפן געבעט,
קאַרמעט ביילע די הויכע די קינדער צו־זעט.

און קינדערלעך שלינגען — גוטסקייט מיט טרערן,
לויכט דער פּאַרק מיט ליכטער פון שטערן,
זינגט ביילע די הויכע און וועלט טוט הערן:

„אָן גוטסקייט קאָן די וועלט ניט געדייען,
וועט גאָט ברוך־הוא דעם מענטשן דערפרייען.

שלאָפט מיינע קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין: —

וועלן שיפן שווימען אויף טייכן, אויף ימען
און ברענגען צו אייך דעם טאַטן און מאַמען,

דער שמיד וועט שמידן, דער שניידער וועט נייען,
דאָס פעלד וועט מען אַקערן — קאָרן פאַרזייען.

די זון וועט קושן די שפּיצן פון זאַנגען,
פויערן וועלן אַרבעטן מיט פרייד, מיט געזאַנגען.

די מיל וועט צעמאָלן דאָס גרויל פון דער וועלט —
איך זע שוין דעם טאָג, ער ליכטיקט, ער העלט.

שלאָפט מיינע קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין.
"

פּאַרטיזאַניש ליד

מיר האָבן די ערד געשפּאָלטן,
די זאַנגען און ווייצן פאַרברענט;
מיר האָבן די דאַמבעס צעלאָזן,
די תבואות פונעם שונא פאַרלענדט.

מיר האָבן פאַרברענט און צעגאָסן
אין נאָמען פון מענטשן־פריד —
קרבנות אויפן מזבח געלאָזן
ס'זאָל אויפגיין אין שלום דאָס ליד.

מיר האָבן דעם שונא פאַרטריבן,
ווי פוקסן געשפּירט זיינע טריט —
מיט בלוט די מגילה פאַרשריבן,
מיין פּאַרטיזאַנישע שבועה איך היט.

צו משה לייב האַלפּערן

ניט געשטאָרבן איז משה לייב,
נאָר פאַרטראָגן — אַוועקגעשוואומען
אין אַ וויטן, וויטן לאַנד
איז משה לייב.

אַ ים־קעניג מיט אַ זעגל־שיף
האָט געלאַנדט אויף אונדזער ברעג;
האָט באַפוילן רעגן און זון
צו פאַרבן אַ בויגן
איבער טאָלן און בערג.

אַנאַ זאַרעצקי

דער ווינט האָט די זעגלען אָנגעצויגן,
דער רעגן און די זון
האָבן געפאַרבט דעם בויגן,
דער קעניג איז צום שיף געקומען מיט משה לייבן.

געשוואומען איז די שיף
אויף שפּילעוודיק ווייסן שוים
און געטראָגן משה לייבן
אין אַ וועלט פון טרוים.

בעטלער אין ניו־יאָרק

גייט אַ בעטלער מיט זיין לירע,
גייט זיין בלינדע ווייב ביים זייט;
צימבלט ער אַ בעטלער ניגון —
צימבלט און ער שווייגט.

גייט אַ מאָלער מיט זיין פּינזל,
צייכנט, צייכנט און ער שווייגט.
בעטלט אויס אין גאַס אַ טעמע —
בעטלט און ער שווייגט.

איילט אַ סוחר אין זיין יאָגן,
יאָגט, ער יאָגט אַריבער צייט:
איינשלינגען דעם גאַנצן האַנדל,
אי פון נאָענט, אי פון ווייט.

גייט אַ דיכטער נאָך די בעטלער —
פלעכט זיי אַלעמען אַריין אין גראַם:
הענדלער, בעטלער, וואָלקן־קראַצער —
נאָך דריי טראָפּנס אין זיין „ים".

אַ געשיר־וואַשער

קרום פאַרשניטן,
זיינען דיינע צווייגן
אונטערן שטערן.

הויכע באַקן־ביינער
שטויסן זיך דורך
געלער הויט.

אַ פאַרשוויצטער שטייסטו איינגעבויגן,
אין אַ צעבער מוטנע וואַסער
אָדערדיקע הענט געצויגן.

יאָגן זיך שליימיקע פינגער
נאָך ווייסע, פעטע טעלער,
וויקן זיך אין ברודיק וואַסער דיינע פינגער.

דין פאַרשניטן זיינען דיינע ליפּן,
שווייגנדיק טראָגסטו —
מיסטעריעזע מזרח־שטילקייט
אין דיין געל פאַרוואָגלט לעבן.

פ י אָ נ ע ר

איך הער דיך ריידן אין לשון פון די אָבות
און דערמאָנסט דאָס לאַנד, וואו ברויט
און טעגלעך לעבן גראַמט מיט טויט;
נאָר ביידע וואַכע אַקסלען זאָגן ערבות,
אַז אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט.
פון דורות אָן אין וואָגל איז זיין טראָט —
פּיאָנער האָט אויסגעהאַקט אַ ניי געבאָט:
אויף שליימיק־גראָע זומפּן בנינים אויפגעוואַכט.

אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט.
„ווייסער פאַפיר" שרעקט ניט דעם בויערס האַנט —
נאָכן חמסין גייט ליכטיק אויף דאָס לאַנד,
ליגן וועגן און שאָסייען קלוגע און באַזאַכט,
פּרדסים בליען מיט חלומות אינעם צוויט, —
בויער גייען איבער וועגן מיט האָפּערדיקע טריט.

נחום פּאָזנער

זון פון מיכל פּ.; געב. דעם 3טן דעצ., 1882 (י"ז טבת, תרמ"ב), אין שטאַראָסעליע, לעבן שקלאָוו, ווייס־רוסלאַנד. געלערנט אין חדר, ישיבה און וועלטלעכע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. 1905 געקומען קיין אַמעריקע. אויסשטודירט אויף דענטיסט. 1914 אָנגעהויבן שרייבן. 1929 דעביוטירט אין „וואָך". זיך אויך באַטייליקט אין: צוזאַמען, וואָך, אויפקום, יידיש, סטודיאָ, אינזיך; קינדער־זשורנאַל; יידיש לעבן. פּראַקטיצירט אַלס דענטיסט אין ברוקלין, נ. י.

אנאנים: אנקומער. נייע פּאעטן (לייט־ארטיקל) — „וואד", דעצ. 13, 1929.
א. לעיעלעס: דאס ליד פון חודש — „אינזיך", יולי, 1934.
ש. ניגער: ל. שאפּיראס „סטודיא" — „טאג", סעפּט. 9, 1934.
משה שטארקמאן: וועגן ביכער און מענטשן — „טאג", פעב. 1939.

די צוויי אָריגינעלע און רייפע לידער פון נחום פּאָזנער... די דערמאָנטע פעריזן האָבן מיך פאַראינטערעסירט גאָר באַזונדער שטאַרק.
(ש. ניגער: ל. שאַפּיראָס „סטודיאָ" — „טאָג", סעפּט. 9, 1934).

פאַרנאַכט

דער אומעט פון פאַרנאַכט,
וואָס איז אויף באַרג און פעלד פאַרשפרייט,
האָט אויך אין האַרץ צו מיר אַ בענקעניש געבראַכט;
פון אויסגעבריענטע טעג, פון אויסגעוועפטער פרייד,
אַ לעבן אויסגעהוילט פון גלויבן,
וואָס האָט זיך אַזוי גלויביק אָנגעהויבן.
אין שאָטנס אויסגעלענגטע פון פאַרנאַכט
אין מעלאַנכאָלישן רויט פון מעריב־זוים
אין פעלד, אויף באַרג, אין מיין געביין
זינגט שטיל, רעדט שטיל,
זאָגט אימיץ: טעג געבוירענע אין פאַרבן שפיל
זיי צינדן אַלע זיך אין פרייד פון יונג באַגינען
און אַלע מוזן זייער סוף געפינען
אין שאָטנדיקן אומעט פון פאַרגיין,
אַזוי, מיט שטראַלנדיקע טריט
גייט יעדער טאָג צו זיין פארשניט
און סאלאמאנדרא — גלייך פון פלאַמיקן פאַרצערן
גייט אויף אַ נייער טאָג אויפסניי פאַרצערט צו ווערן.
אויף באַרג, אויף פעלד, אין מיין געמיט,
אין אָפקלאַנג פון פאַרגייענדיקע טריט
אין אָפגלאַנץ פון זיך לעשנדיקער פרייד,
איז געפליסטער פון קלוג־אומעטיקע קהלת־רייד.

בלויע רו

דאָס הימל בלוי קוקט מיר אין אויג
מיט אָפגרונטן פון רו;
זיי שפיגלען זיך אין לויטערקייט פון זיינע טיפן
און טריפן
טראָפּן ווייס אין האַרצן מיר, ווי טוי,
בלויע רו.
זיי זאַמלען זיך און פלייצן
דורך מיין וועזן, ווי אַ וואונדער־שטראָם.
עס הויבן בייע זונען אָן צו גלאַנצן,

נחום פאָזנער

בייע הימלען רייצן.
עס דערגאַנצן
פונקען זיך אין פלאַמען,
קלאַנגען־בערעקלעך אין אַ ליד.
רופן נעמען זיך צוזאַמען
אין צעשפליטערטן געמיט,
וואָס ווערט געהיילט דורך ליד אין פלאַמען
אין דעם כישוף פון דער רו —
וואָס טריפט פון הימל־בלוי.

אויפן ראַנד

אויפן ראַנד פון דאַך
שטייט שוויגנדיק אַ טויב
און קוקט אין דעם פאַרנאַכט.
עס ברענט אַ שויב
אין שקיעה־רויטן שיין
און בליצט אין דעם פאַרנאַכט אַריין.

אויפן ראַנד פון האַרץ דער טרויער וואַכט
און קוקט אין דעם פאַרנאַכט,
וואו פרייד אין אַנקסט פאַרגייט
און שוואַרץ פאַרשלינגט דאָס רויט.
די טעג, ווי אויסגעברענטע שטרוי,
קלייבן זיך אין אַש פון יאָרן
ביז וואַנען אונטער זיי
ווערט דער לעצטער פונק פאַרלאָרן.

און דער פאַרנאַכט
שטייט אויף דעם ראַנד פון נאַכט,
און מיט איין רויטן אויג קוקט אין דער וויַיט,
און ערגעץ וואו מיט לאַנגע פינגער טייט,
און שוויַיגט . . .

ביי זאַמדיקע טויערן

דער ים רוישט ביי זאַמדיקע טויערן,
רעדט אייביק זיין וואונדערלעך שפּראַך,
די זעלביקע זאַך.
רעדט אייביק אין אונדזערע אויערן

און אייביק די כוואַליעס זיי לויערן
און אייביק דער זאַמד אויף דער וואַך.
זיי שרייען אין מענטשלעכע אויערן
די זעלביקע זאַך.

פון אייביק און אייביק געדויערן
זינט גאָט האָט באַשווּעבט זייער פלאַך
לעבט נאָך אין זכרון אין זייערן
די זעלביקע זאַך.

קיין ווערטער אין לשון אין זייערן
איז ניטאָ פאַר קיין אַנדערער זאַך:
דער ים רוישט ביי זאַמדיקע טויערן,
רעדט אייביק זיין וואונדערלעך שפּראַך.

##ביים ים

דאָס מויל עסט פון דעם טעפּל ברויט מיט גריצן,
דאָס אויג שלינגט ים מיט כוואַליען־שוים,
דאָס האַרץ טרינקט רו פון בלאָען רוים,
און בענקשאַפט פון די וואָלקן־שפּיצן.

דער אַלטער ים פון אונטער שוימיק־ווייסע וויעס
קוקט אויפגערעגט און אומרואיק פון וויטן.
ער רעדט צו זיך אַליין: עס טוט זיך קיין זאַך ביטן,
דאָס זעלבע ליד פון אייביק טו איך ציען.

און ביזן ראַנד פון צייט וועלן מענטשן זיצן,
זיך צוהערן צום ליד, וואָס מיינע כוואַליעס ברענגען,
דאָ שלינגען רו, דאָ חלומען און בענקען
און עסן פונעם טעפּל פּוטערברויט און גריצן.

נחום פאָזנער

אייביקייט

כ׳וועל ליגן און רוען אויף אייביקע צייטן,
טויט וועט דאָס לעבן פאַרבייטן.
די זון און די שטערן וועלן שיינען פון ווייטן
און שיכט איבער שיכט וועלן רייטן
געשטאָרבענע דורות —
און רוען אויף אייביקע צייטן.

און נאָכדעם וועלן שטאַרבן די זון און די שטערן
און קיין זאַך וועט מער זיך ניט בייטן.
ס׳וועט רוען די וועלט דאַן, און גאָרניט וועט שטערן
איר רו אויף גאָר אייביקע צייטן.
וועלן מערן זיך יאָרן אויף יאָרן,
וועלן אויפגיין פיל אַנדערע זונען און שטערן
און לעבן און שיינען פון ווייטן,
פאַרקילן, צעפאַלן — און רוען אויף אייביקע צייטן.

און וואָס זאָל דאָס אַלעס באַדייטן?
פאַרוואָס אַזאַ שווערער, אומלאָגישער סוף?
כ׳וועל אפשר געפינען דעם ענטפער דערויף
ווען רו וועט זיין מיינע אויף אייביקע צייטן.

ר. ז. ליליען

פסעוודאָנים פון לי־ליען ראָבינסאָן זאַנג־וויל, טאָכטער פון בערנאַרד ראָבינסאָן; געב. דעם 4טן יוני, 1900, אין אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, פאַראייניקטע שטאַטן. פּאָטערס הויז געווען אַ זאַמלפּונקט פון שטאָטישע יידישע ראַדיקאַלן, אָבער ניט באַקומען קיין יידי־שע דערציאונג. געענדיקט אַ מיטלשול און שטודירט מוזיק. נאָכן באַזעצן זיך אין ניו־יאָרק אַ קורצע צייט שטודירט אין יידישן לערער־סעמינאַר און דערנאָך אויף די אָוונט־קורסן פון דער יידישער קול־טור־געזעלשאַפט. געווען מיטגרינדערין און עטלעכע יאָר סעקרעטאַרן פון קולטור־געזעלשאַפט כאָר. צוערשט געשריבן לידער אויף ענג־ליש, אָנגעהויבן שרייבן יידישע לידער ערשט אין יאָר 1930. דעביוטירט אין „ליטעראַרישע בלעטער" (וואַרשע), 1931. זיך באַ־טייליקט אין: שפּיגל (בוענאָס־איירעס), האַוואַנער לעבן, אונטער־וועגנס, ליד (לאָס־אַנדזשעלעס), שיקאַגע, אינזיך, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, יידישער קעמפער.

משה שטארקמאן: א נייע אמעריקאנער יידישע דיכטערן — „די ער שפיגל" (בוענאס־איירעס), יולי 27, 1933.

ד. ז. ליליען

אָמאַהאַ

(מיין געבוירן־שטאָט)

אָמאַהאַ, האָסט דיין נאָמען געירשנט
פון דעם עכטן אַמעריקאַנער —
דעם פאַרשווינדנדיקן אינדיאַנער.

צוזאַמען זיינען מיר ביידע אויסגעוואַקסן —
געדענק איך ווי מען האָט דיינע הויכע ווילדע בערג צעשניטן
און אויף גרויסע קראָמען אויסגעביטן.
שענקען זיי מיט אַ טעמפּן גלייכגילט,
פאַר די רייכע — לוקסוספולע פרייד,
פאַר די אָרימע — ביטער צער און לייד.

אין דער גאַס, וואו עס שטייט מיין טאַטנס קראָם —
פאַרנעמט איין הימל חזנס קלאַנג און נעגערס געזאַנג.
פילט דער פאַרוואָגלטער אַפריקאַנער
ווען יום־כיפור דעקט אַלץ אין אַן אומעטיקן שוייגן איין:
זעט דער ייד
ווי נעגער טאַנצט און לאַכט און זינגט אויס —
זיין שרעקעוודיקן פיין.

פון אַלע ווינקלען שטאָט שאַלן פרעמדע ניגונים,
וואָס ווערן אין אַ צווייטן ניט פאַרנומען
און פאַרגייען אין איין עכאָ —
פיאָנערן אומעט.

אייניקל אָן מעשות

אייניקל פון באָבעס שוועסטער צוויי בין איך,
און פרעמד איז מיר — זייער קלאַנג און גאַנג.

— — — — — — — — — — — — — —

איינע זיך צעשיידט אויף אייביק
מיט די בלומען פון איר לייב,
אין אַלטן לאַנד מיט פרייד פאַרבליבן
איר גאָט געטריי צו דינען.
האָט זי מזל טוב אויף פרעמדע חתונות געבענטשט.
און איך און מאַמע האָבן בענקשאַפט פון דער ווייט געקליבן.

די צווייטע — אַ פאַרפרעמדטע —
צו אַן עלטער אין דעם בייעם לאַנד פאַרמשפּט,
עלנט אין איר קינדערס וואוילטאָג זיך געוואָלגערט;
מיט איר שטומען אומרו פון קינד צו קינד געוואַנדערט,
און פון איר שוועסטער
קיין וואָרט ניט דערציילט.
— — — — — — — — — — — — — —
בין איך אויסגעוואקסן אַן מעשׂיות — פון אַמאָל —
פון טאַטע־מאַמעס קינדער יאָרן,
וואָס ליבע באָבעס קענען שענקען.

בין איך אַ דיכטערן געוואָרן

פון וועמען האָב איך דיך גערשנט, מיין ליד?
ביזט גאָר אַ שאַנדפלעק אויף דער משפּחה,
וואָס קנעלט דעם ניגון פון גאָלדענעם זיג.
די טענער וועל איך זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען.
אפשר וועט אַמאָל אַ קדיש, נאָך ניט קיין געבוירענער,
שטאָלצירן מיטן שלימזל פון זיין שטאַם.

פאַרוואָס האָט דער אומעט זיך פאַרקליבן צו מיר?
נאָך פרי אין מיין קינדהייט געוואַכט ביי מיין טיר.
קיין קינדערלעך פאַר חברים ניט געווען מיר באַשערט,
פון פאַנטאַזיע האָב איך זיי אַליין אויסגעקלערט,
און געדרשנט מיט זיי גאַנץ ערנסטע רייד.
אפשר איז דאָס גאָר די פאַרפלאָנצונג געווען —
צוויי צענדליק יאָר שפּעטער זאָל שפּראָצן אַ ליד?

האָב איך קעצלעך דריי פאַר ליאַלקעס גענומען,
פאַרפוצטע, אין אַ קינדער־וועגעלע, זיי געוואָלט פירן,
זיינען זיי אַנטלאָפן די קעצעלעך דריי,
עלהיי שוים פון חלומות אין דערוואַקסענעם לעבן.

און איך חלום נאָך אַלץ,
ווי איך וואָלט געווען אַ וועבערין וואָס איר אַרבעטסטאָג לעשט זיך ניט אויס,
ווייל זי דאַרף צושטעלן
זיידענע פאָרהאַנגען יעדן אָרימען הויז.

ר. ז. ליליען

שבת

האָט מיין זיידע אַ דרייערל אויף שבת געזוכט,
האָט דער טאַטע זיך אָנגעפּרעסן מיט וויסטע טעג,
איך חלום — זיך צו באַפרייען — אַ צענערל לייען.

לעשן זיך די לייכטער פון האָפענונג שנעל אויס.
ווי פאַרסמאַליעטער חלב איז די לירישע בענקשאַפט,
שווינדן הייזעריקע ברכות איבער וואָסערדיקן וויין,
וואו עס שפּיגלט זיך ווי אַ שער, די שאַרפן פון פּיין.

פון די בונטע סעודות שאַלט מיט זאַטן געלעכטער,
דאָרט פּראַוועז גייץ און גאווה די כיבודים:
ניט געדעקט קיין טישן פאַר עטישן געוויסן,
וואו דער פעטער סוף פאַנגט זון מיט גאָלדיקן שוים.

דעקט די זון אויף ביי מיר, נאָר דעם דלותדיקן שטויב
וואו עס פלעכטן זיך די טעג אין אַ קייט
פון חלהלאָזע שבתים.

מוטער

אייביק ברענט אַ ליכטל ביים שוועל פון מיין בענקשאַפט נאָך דיר,
מיין האַרץ איז שטענדיק גייציק נאָך אַ קלאַנג, אַן עכאָ, —
וואָס אַנטהאַלט אַ שפּור פון דיר.
אין דאַכשטוב פון מיין טרויער
לויכט אַ בלאַס געדולדיק פלאַם,
וואַרפט אַ לאַנגן דינעם שיין
אויף אַלע שטיינערדיקע וועגן.

ביים שוועל פון מיין אומעט שטייט אַ פּאַלאַץ פון וואָלקנשטיין —
דאָרט קלינגען דיינע נשמה־געזאַנגען.
אייביק פינקלט דאָרט אַ שטראַל ווען אין דרויסן הערשט
אַ בלינדע נאַכט.

אומרו

די ווילדע ציג פון דער סטאַדע בין איך.
ווען דעם פאַסטוכס פייפל רופט —

שטיי איך מיט אַ ציטער,
און אין אָפּגרונט כ'קוק.

— — — — — — — — — — — — — —

עס פּאָלגט מיר נאָך אַ שאָטן,
געטרייער פון אַ געליבטן —
האָט זיך איינגעבעטן אין דעם שענסטן צימער.
איך בין שוין מיט אים חבר געוואָרן . . .
איינגעוויגן פון אוראַלטן פּאַק פון זאָרגן.
ראָזעווע ליכט גנבעט זיך דורך זיינע ווייסע טרערן.

פרעג איך אים —
ווער ביזטו?
באָבעס חלום — זיידנס ניגון,
ממזרס טרערן . . .

קוקט ער אויף מיר מיט געדולדיקע אויגן
בלישטשענדיק מיט ליבשאַפט. —
ענטפערט מיט אַ שטילער שטים:
קינד פון דיין היימלאָז פאָלק —
זעסט ניט ווער איך בין?

משה שטיינגאַרט



זון פון חיים זלמן ש.; געב. דעם 10טן מאַי. 1912, אין סאָקאָלאָוו־פּאָדלאַסקי, לובלינער גובערניע, פּוילן. געלערנט אין חדר און אין שטאָטישער תלמוד־תּורה ביז עלף יאָר, דערנאָך געלערנט צוויי יאָר אין דער סאָקאָלאָווער ישיבה. 1927 געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין פּאָבליק סקול, און אָוונט האַי־סקול און דריי סעמעסטערס אין ניו־יאָרק יוניווערסיטי. 1933 דעביוטירט אין „צוזאַמען". זיך באַטייליקט אין: ליטעראַרישע בלעטער, פרייע אַרבעטער שטימע, יידישע וועלט (פילאַדעלפיע), צוקונפט, עפּאָכע, יידישער קעמפער, אינזיך. איז אַ מילינערי אַרבעטער.

צו דיר —

איך קום נישט צו דיר
מיט פינגער פולע צאַרטקייט,
מיינע פינגער זיינען קורץ און דיק.
אויף מיינע אויגן דרימלט נאָך אַ שלאָף,
וואָס מיין מאַמע האָט ביים ליכטל נישט דערוויגט.

איך קום נישט צו דיר —
מיט שמייכלען אויף מיינע שטומע ליפּן,
דיך פאַרוויגן מיט לעגענדעס
פון צויבער שטראַלנדיקע שלעסער,

וואָס באָדן זיך אין לבנה־ליכט
פון יענער אויסגעטראַכטער בלויער בלום.

איך קום נישט צערטלען דיינע האָר,
וואָס זיינען קיינמאָל בלאָנד נישט געווען,
נישט קוקן אין דיינע פייכטע טויאיקע אויגן,
וואָס זיינען קיינמאָל בלוי נישט געווען,
איך קום דיר בלויז אַ קוש געבן —
אַ גוטע נאַכט זאָגן, און נישט זיין.

אַ חלום

(פאָעמע)

ליכט פון זשיראַנדן צעוויגט שאָטנס
אין צווייגן, איןביימער,
אין נאַכטיקן טונקל —
וואָס הויערט אויף דיקן סאַמעט פון זיינע שויבן.
— און ער, עלטער ווי וואַלד, עלטער ווי בוים
אין לאַנגן עשאַלאָן פון טעג —
נעמט דעם וויבט אונטער אָרעמס,
און שפּאַנט מיט רעגן, מיט וואָלקן, מיט טונקל,
אַוועק צום וייטן נעכטן,
צום ווייט פון לאַנגן לאַנג.
ער זעט אַביידל מיט שיפן דאַך פון שטרוי
הענגען איבער שיקלדיקע שויבן,
מיט זון צעוואָרפן איבער בלאָנדן גלאַנץ פון פולע רייפע קאָרן,
אַ וועג וואָס צעטיילט פעלד און וואַלד
ווי אַ ליכט־פּאַס אין דיקן פינצטער
פון וואַנדערער אין טיפער נאַכט.
זיינע טריט מעקן דעם דויער פון טעג
און דער וועג ציט ווייטער אין פאָראויס.

ב

אַ שטוב מיט פענצטער הינטער שאָטן
פון אַ ברייט־פאַרצווייגטן בוים —
בענק דרייפוסיקע, מיט אַ טיש פאַרטריפט פון חלב.

אַ זקן מיט אויגן פון גלאָז,
טרערט אויס דעם ניגון פון פאַרגעלטן פאַרמעט,
דאָס געזאַנג איז שטיל.
די ווייט הערט אויס דאָס ליד פון אייביקן טאָג
וואָס טונקלט און טונקלט און קען נישט נאַכט ווערן.
דאָס ליד איז אַלט, עלטער פון שניט פון מעסער —
וואָס בלאַנקט אין טעמפּן זילבער איבער רויטע פלעקן
און קען דעם שאַרף נישט אָפּשניידן.
און דאָך דאָס ליד גייט אויף.
די ווייט הערט זיך איין,
ווי דער ווינט צעטראָגט דאָס געזאַנג
איבער אַלע שטעגן פון גאָרער ערד,
דער פאַרמעט איז דין, די שריפט איז דיק,
דער זקן אין מאַנטל פון פאַסן שוואַרץ און ווייס.
זיין לבנהדיקע באָרד, זיינע צעלויכטענע אויגן
דערציילן פון אַ מאָרגן וואָס וועט בלוי ווערן
פון אַ לאַכיקן באַגין איבער גאָלד פון זון.
די ווייט איז שטיל, דער ווינט איז מילד,
און דער וועג ציט ווייטער אין פאָראויס.

ג

דער חלום שטייגט אין ווייט פון הויכן.
אויף אַ לייטער קלעטערט די נאַכט.
ער זעט אַ ביידל פון סכאָך מיט בלענד פון קאָרן.
אַ מיידל מיט טרויבן־אויגן ביים ברונעם,
מיט רייץ פון בלאָנדן באַגין —
אויף אירע האַלב־פאַרשלאָפענע אויגן,
ס׳שווימט איר געזיכט אין רונדן קיילעך פון וואַסער
וואָס שיסט מיט זון אַרויף, אַרויף אין העט פון הימלען.
די פלאַמען פון אירע באַקן רויטלען זיך אין טאָגיקן דורשט,
אין בלויען וואונק פון באַגין.
דער חלום שטייגט אויף שטאַפלען פון לייטער
אַריבער די הויכן פון זיינע אָוונטיק מידע אויגן.
דער הימל לויכט אויף אין אַ גרויסן בלאַט פון פאַרמעט.
די שטערן ווערן פייערדיקע צייכנס, זילבן און ווערטער,
די ווייטערע טריט פון איר גאַנג צו לייענען.

פּאַראויס לויפט זיין חלום וואָס וועט באַלד וואָר ווערן.
ס'פלאַמען זיינע באַקן.
זי מיט יידישן חן, מיט צוק פון מיידל —
אַרום אירע שמייכלענדיקע ליפּן,
טראָגט צוויי עמער פולע אָנטקעגן דעם דורשט פון זיין חלום.
די נאַכט ווערט דינער, אַ ווינטל אָטעמט שלאָף און מיד
און דער וועג ציט ווייטער אין פּאַראויס.

ד

ער זעט אַ מאַרק מיט סלופּעס ווי זעלנער אין פּאַראַד.
שטריק פאַרפלאָכטן אין רעדער, שטייען אין אַ קיילעך פון פייער.
ריטער קנאַקן מיט פונקען פון פוילער בעץ —
וואָס גייט אויף פון ביט־דעררייפטע צווייגן.
דאָס פייער ווערט העלער, ליכטיקער אין בראַנד פון זון,
און ווערט אַ סימפאָניע —
מיט טענער פון בייטשן, און שרפנדיקן פאַרמעט,
וואָס וואַלקנט דעם הימל אין געמישטן בלוי און דיקן שוואַרץ
פון שטייגנדיקן רויך אין גאָרער הויך,
און יידן וואָס שטאַרבן מיט גלעזערנע אויגן
מיט גאָטס נאָמען האַלב דערמורמלט —
אין געלעכטער פון פייער —
וואָס שטעלט צונגען דעם מיטן טאָג אַרויס.
רעדער צעפירן פולע וועגן טויט צום מאַרק.
אָ, ווי ער וואָלט וועלן די אויגן פאַרמאַכן —
נאָר דער חלום שטייגט אויף בלינדע שטאַפּלען
פון אַ ביט־געזעעניעם לייטער,
און לאָזט די ווייס בישט פאַלן אין צעהעלטן ליכט פון שייטער
וואָס גייט אויף אין זאַלציקן רויך פון מענטשלעכן לייב,
וואָס ברענט און ברענט און קען נישט פאַרברענט ווערן.
דער ווינט איז שטאַרק, דער טאָג ווערט פון רויך בלינד
און דער וועג ציט ווייטער אין פּאַראויס.

ה

די זון צערינט אין שימער פון טויען
וואָס הענגען אויף צווייגן, בלעטער און גראָזן.

ס׳לאַכט דער טאָל, דער באַרג איבער פליינען
און ס׳לאַכט די וועלט אין גרין פון פרימאָרגן.
ער זעט אַ קאַראַוואַן גרייכן אין זיין חלומדיקער ווייט.
מענער, ווייבער און קינד —
מיט ציגן, מיט קי, מיט רינד און שאָף,
און רעדער וואָס קרעכצן —
אונטער שווערע אקסן אויף הויקערדיקע וועגן.
שליאַכן ציען אין דער ווייט פון מאָרגן
וואָס איז געקומען מיט אַנזאָג.
ער שפּאַנט מיט שליאַך די לענג, מיט וועג די ווייט,
און גוט איז אים שפּאַנען און מעסטן די שפּרייז
פון זיידעס וואָס האָבן זייערע טריט אין ווייסן זאַמד,
פון זון און מדבר איבערגעלאָזן.
דער חלום קלעטערט ווייט און הויך —
אַז די ערד,ביימער און גראָזן זיינען אים מקנא.
אין דעם ווייט פון זיין שפּרייז
אין דעם שטענדיק פון זיין שפּאַן,
ליגט זיין כוח, אין קאַראַוואַן זיין גבורה
וואָס גייט אין שטענדיקן ווידעראַנאַנד —
מיט זיינע רינד און שאָף, מיט זיינע פערד און קי
מיט זיינע לאַמען און ציגן
איבער שטענדיקער לענג פון לויפיקן וועג.

אַ תפילה פון אַ ייד

נישט קיין ברויט צו זעט,
נישט קיין ווייַן אין איבערפליסיקע גלעזער,
נישט קיין געזאַנג פון פידלען אין דינע נעכט
לעכצן אויסגעשטרעקטע הענט צו דיר.

נישט קיין בלאַנקן שווערד —
פאַר בלוט צו ווייַנען אויף דינעם שאַרף,
גאַרן אונדזערע אויגן מיט פלאַמיקן ווילן
פאַר לעצטן וואונדער פון דער ערד.

זע, די וועלט אַ פאַרמאַכטע פויסט.
דער טאָג אַ פלאַש געשליפן גלאָז.

און אין אויגן רינען די ווייסלעך אויס
אין לעצטער מידקייט פון פאַרוואָס.

צופיל צער, מערער נאָך מידע הענט
אין לאַנגן דויער פון שטומער צייט,
און די זון גייט אויף און די זון פאַרגייט,
ווערט אין אייגענעם פייער פאַרברענט.

פון גאָלד און זון, פייער און בראַנד,
גליט דעם טאָג אין לעצטער זילב — ליכט.
פון אַלע וועגן וואָס גייען אַליין און באַנאַנד
גייט אויף דיין וואונדער ווייט און אומגעריכט.

גאָט, נישט מיט פאָנען אין זוניקע פאַראַדן
גייט אויף דיין וואונדער אין העלן ליכט.
אין טריף פון חלב, אין קנייטש פון שטערן
לאָז אויפגיין דער לויטער פון מיין יידיש געזיכט.

ראָזע נעוואָדאָווסקי

זעלדע רייזל, טאָכטער פון בנימין בער נ.;געב. י״ז חשוון, 1899 אין ביאַליסטאָק, גראָדנער גוב., רוסלאַנד. יידיש און העברעאיש געלערנט ביי פּריוואַטע לערערס, דערנאָך שטודירט אין ביאַליסטאָקער קאָמערץ שול, שפּעטער אין די אוניווערסיטעטן פון גענט און בריסל, אין דער בערלינער רוסישער פרייער פילאָסאָ־פישער אַקאַדעמיע, אָנגעפירט פון אַנדריי ביעלי, און אַ קורצע צייט אין דער קיורי־לאַבאָראַטאָריע פון דער סאָרבאָן. ליטעראַרישע טע־טיקייט אָנגעהויבן אויף רוסיש מיט דערציילונגען און עסייען. 1928 געקומען קיין אַמעריקע. געוועזן לערערן פון ליטעראַטור און שפּראַכן אין ביאַליסטאָקער יוגנט פאַריין, שלום־עליכם שול און לעבענגאַפּטס גימנאַזיע. זינט 1933 זיך באַטייליקט מיט לידער און עסייען אין צו־קונפט, דאָס נייע לעבן (ביאַליסטאָק), ביאַליסטאָקער שטימע (ביאַליס־טאָק), ביאַליסטאָקער לעבן (ברוקלין), ביאַליסטאָקער שטימע (נ.י.), קאַליפאָרניער יידישע שטימע (לאָס־אַנדזשעלעס), שיקאַגע, בריקן (שי־קאַגע), קענעדער אָדלער (מאָנטרעאָל), וואָכנשריפט (וואַרשע), פרייע אַרבעטער שטימע, אויפקום, זשורנאַל פון ייד. קולטור קלוב (לאָס־אַנדזשעלעס), ניי לעבן, פעדער, טאָג, אַמעריקאַנער, מאָרגן־זשורנאַל,

קינדער־זשורנאַל, יידישער קעמפער. רעדאַקטירט: חיים שאַפּיראָ יובל־אויסגאַבע, שערמאַנס לידער און „טעאַטער זשורנאַל" (אַלע אין לאָס־אַנדזשעלעס). אין בוכפאָרם: „אַזוי ווי איך בין" (לידער), לאָס־אַנדזשעלעס, 1936, 156 זייטן.

ש. טענענבוים: די איינזאַמע פּרוי ביים פּאַסיפיק — „יידישער קוריער" (שי־קאַגע), מאַי 7, 1939 (איבערגעדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, אויג. 1939).

פּסח קאַפּלאַן: אַזוי ווי איך בין—„אונדזער לעבן" (ביאַליסטאָק), יאַנ. 28, 1937.

. . . אויסער דעם וואָס איר ליד איז ליריש, ריין־ליריש, ווי ביי די שענסטע און איידלסטע ליריקער, האָט איר ליד אַ סאָציאַלן אינהאַלט; סאָציאַל אין דעם זין, וואָס זי שרייבט וועגן די אָרעמע און בלייכע, וועגן לאהן — דאָס שאָפּ־מיידל, וועגן דער פליקערן פון די פּעדערן, וועגן טאָם, דעם שיכפּוצער, וועגן די הונגעריקע פון ניו־יאָרק, וועגן די קראַנקע אין שפּי־טעלער, וועגן איינזאַמע פרויען, וועגן ליידנדיקע און דערשלאָ־גענע. מעג אַרום דער דיכטערן זיין שיינקייט און געזאַנג, וועט זי שטענדיק מיט איר טיפן געפיל באַנעמען דעם טרויער, וואָס רינט פון יעדן ווינקל, ווי אַ מעלאַנכאָלישע לבנה־ליכט.

ראָזע איז אַ סובטיל־סענסיטיווע, ווייבלעכע דיכטערן! דאָס סאָציאַלע פילט־זיך אַרויס, אָבער נאָך טיפער ווי אין דער טעמאַטיק — אין דעם געפיל פון מיטליייד צו מענטש און וועלט, אין דעם גרויסן רחמנות־געפיל צו ליידנדיקע פון דער ערד. איר זיינען נאָענט די באַהאַלטענע ניואַנסן פון ליידן. זי האָט אַ צאַרטע באַציאונג צו דער וועלט, און איר נשמה איז אַ האַרץ, אַ צאַרטע, דעליקאַטע האַרץ פאַר מענטש און וועלט.

גלייכצייטיק מיט אָט־דער ווייבלעכער צערטלעכקייט באַ־זיצט ראָזע נעוואַדאָווסקאַ אויך סטיכישן ריטם, אויך שטורעמ־דיקן געפיל, דעם פאַרנעם פון פילן דאָס גראַנדיעזע, נישט בלויז דאָס צאַרטע און שטיל־לירישע.

(ש. טענענבוים: די איינזאַמע פרוי ביים פּאַסיפיק—„יידי־שער קוריער" שיקאַגע, מאַי 7, 1939; „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, יוני 17, 1939).

אין וואָגל

איך בין אין מדבר אַוועק. און צום ים.
מיט שטימען פון שטילקייט זיך נערן.
זיך לערנען אין פלאַם —
ברענען און פאַרברענט ניט ווערן.

טרינק איך מדברשן טוי,
ווי זאַמדן — דיזעלבע געטראַנקען.

איך באָד מיינע אויגן אין בלוי
וואָס אין די הויכן צעהאַנגען.

בין מיד ביז מיין ביין.
מיין האַרץ איז צעשניטן און אָפן.
שטיינער און שאַרפע ציין
זיינען איבער מיין לייב געלאָפן.

ים

ים! איך האָב זיך פאַרליבט אין דיין אָנסופיקן פּנים,
אין דיינע אייביקע רייד.
ווי מיין האַרץ ביזסטו פול מיט אומרו און שלום,
מיט שטילקייט און אויפברויז, מיט שטורעם און פרייד.

ים! דו שטרעבסט פון אייביק ביז אייביק,
שלומדיק שטרעקסטו צו וואָלקנס דיין האַנט.
ביי דיר ווער איך שטיל און רואיק און גלויביק,
איך, אַ מענטש ביי דיין ברעג, צווישן שטערן און זאַמד.

ביים ברעג

איך שטיי ביי דעם ים. איך זע זיין געראַנגל.
איך הער פון דעם אָפּגרונט זיין שטים.
דוכט זיך מיר אויס, איך אַליין ווער פאַרוואַנדלט
אין זיין וועל, אין אַ טראָפּן פון אים.

אָט שטייג איך אויף כוואַליעס, אָט פאַל איך אין טיפן,
אָט ווער איך געבוירן, פאַרשוואונדן איך ווער —
צעשלאָג־זיך אָן שפּיציקע ציינער פון ריפן . . .
אָט בין איך ניטאָ מער . . . און ווידער . . . איך ווער.

ב ע נ ק ש אַ פ ט

אין מדבר אַוועקגיין — דאָרט הערן די שטילקייט.
דאָרט באַגעגענען נאַכט אין טאָגיקן טראָט.
פאַרנעמען דעם מדבר. די גרויזאַמע ווילדקייט.
פון מענטשן אַוועקגיין . . . און אַנטרעפן גאָט.

פאַרלאָרן, פאַרלאָרן גיין אין אומענדלעכקייט, ווייטקייט.
דער מדבר איז מיינער. אַ שטיק פון מיין האַרץ.
איך בין אַליין ווילדקייט און אויפברויז און מילדקייט.
איך בין זיסקייט און סם. איך בין פרייד, איך בין צאַרט.

אין מדבר אַוועקגיין. דאָרט זיך פאַרלירן.
לויטער זאָל ווערן מיין גוף און מיין זעל.
דערהערן דעם מדבר, זען זיינע קאָלירן.
זיך לויטערן דאָרט, ווערן אמתדיק, העל.

מיין טאַטע אין געטאָ

ביזסט צו פינף יאָר אין חדר שוין געלאָפן —
דורך ווינט, דורך פראָסט מיט שייניקן לאַמטערן.
ביזסט אויפגעשטאַנען, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן
און אַהיימגעקומען מיטן אויפוואַכן פון שטערן.

חומש מיט רש״י האָבן פרי דיין העלן זין צעלויכטן,
תורה און נביאים האָבן געשטאַרקט דיין יושר.
עס האָט דיין האַרץ זיך אויפגעדריקט ווי פויסטן
ווען דעם אָרעמאַן פלעגט באַליידיקן דער עושר.

דו האָסט געהאַט אמונה אין אונדזער פאָלקס גאולה,
און מיטן אידישן געדולד די גלותן געטראָגן.
דו האָסט געוואַרט, אַז גאָט וועט אומקערן אַ מאָס אַ פולע
פאַרן גורלדיקן שלעפן אַזאַ שווערן וואָגן.

האָסט געגלויבט, אַז דאָס האַרץ פון מענטשן שלאָפט ביט,
אַז ס׳איז נאָך יושר אין דער וועלט פאַראַנען.
און פון דעם געשעפּט כח און בטחון —
ווייטער, העכער אויף דיין וועג צו שפּאַנען.

טאַטע מיינער! איצט ביזסטו פאַרמויערט אין אַ געטאָ
און נאָך ווייטקייטן בענקען דיינע בליקן.
און איך בין דאָ אין פרייהייט, איך בין נאָר אַן עכאָ
און קען אַפילו מיט קיין ברויט דיך ניט דערקוויקן.

ראָזע נעוואָדאָווסקי

צו די שוואַרצע פרויען

פון אייערע היימען גייט איר אַרויס, ווי פון אַ געטאָ, —
אין שטילער מידקייט קערט איר זיך אום פאַרנאַכט צוריק
צו אייער דאַרן מאָלצייט — פון די טישן פעטע,
וואָס איר האָט צוגעגרייט פאַר זאַטן מויל און בליק.

איר קומט צוריק צום מאַן, איר קערט זיך אום צו קינדער,
דערציילט אין שטילן צער פון לאַנגן, שווערן טאָג.
דאַן דוכט זיך אויף אַ ווייל: ס׳וועט, אפשר, ווערן גרינגער,
מען וועט ניט דאַרפן, אפשר, זיין אַזוי פאַרנומען און פאַריאָגט.

גאַנצע טעג און יאָרן — רייניקן און וואַשן —
יענעמס ליכטיק הויז, פרעמדן שטויב און שמוץ.
אַליין אין אָרעמקייט — מיט טיפע אויגן נאַשן
פרעמדע רואיקייט, פרעמדן האָב און גוטס.

דער אָוונט לויפט. די נאַכט פאַלט־צו אַ מידע
צו יעדן ווינקעלע פון אייער ענגער היים.
נאָר אַ שטילער זיפץ, אָדער אַ וואָרט, ווי צויבער־פידל
בלייבט הענגען אינדערלופטן, ווי ניט אויסגעוויינט געוויין.

ווי נאָר פרימאָרגן בלויט איבער אייער שוואַרצן געטאָ,
די סאָבוויי שלינגט אייך שוין און שלעפט צו עקן שטאָט.
אייערע אומעטיקע אויגן — ווי אויגן פון פאָעטן . . .
פאַרוואָס איז אַזוי אונטערטעניק — שקלאַפיש אייער טראָט?

בּרכה קאָפּשטיין

טאָכטער פון וועלוול ק. געב. 15טן אַפּריל, 1909, אין פּרילוקע, געוועזענע קיעווער גוב., אוקראַינע. דער טאַטע אַ שוחט, האָט געשיקט די מיידלעך מיט די ייִנגלעך אין חדר. שפּעטער געלערנט אין אַ העברייאיש־רוסישער שול. צו עלף יאָר, נאָכן טויט פון טאַטע־מאַמע, אָנגעקומען צו אַ זיידן אין קעשיניעוו, בעסאַראַביע. געלערנט אין דער שטאָטישער „יידישע פּראָפעסיאָנאַלניע שולע״. אין 1924, דורך דער „ייקאַ״ אָנגעקומען קיין וויניפּעג, קאַנאַדע. געאַרבעט בייטאָג אין שאַפּ, געלערנט אין אָוונט, אין דער וויניפּעגער פּרץ־שול, און אין ענגלישער שול. אין 1933 געקומען קיין ניו־יאָרק, געלערנט אין יידישן לערער סעמינאַר. אָנגעהויבן שרייבן אין 1934. דעביוטירט אין „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1935. זינט דעמאָלט פּאַרעפנטלעכט לידער אין די ליטעראַרישע בלעטער, גע־רעכטיקייט, יידישער קעמפער, טאָג, קינדערצייטונג, קינדער־זשורנאַל, קינדערוועלט. אין בוכפאָרם: „שטאַרק בין איך״ לידער, 1939. 32 זז. איז די פרוי פונעם דיכטער בנימין קאַץ.

קלמן הייזלער: מוטיקע ארבעטער־דיכטערן — „פרייע ארבעטער שטימע״, דעצ. 1940.

ב ר כ ה   ק אָ פ ש ט י י ן

משה כיַץ: צוויי פּאָעמעס — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 6, 1939.

ש. ניגער: געלייענט און געשריבן — „טאָג", יולי 1941.

מלך ראַוויטש: דער סוד פון לידער שרייבן און פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע — „גערעכטיגקייט", אָקטאָבער, 1939.

אברהם רייזען: ליטעראַרישער רעוויו" — „די פעדער", 1942.

משה שטאַרקמאַן: וועגן ביכער מענטשן — „טאָג", 1939.

ברכה קאַפּשטיינס „שטאַרק בין איך" זעט אויס צו זיין אַ זאַמלונג לידער וועגן אַזעלכע אַלטע זאַכן, ווי אַרבעט און אַרבעטסלאָזיקייט, נויט און זאָרג, קאַמף און ביטערקייט — אַ זאַמלונג סאָציאַלע לידער. אין תוך אָבער איז עס איך־ליריק. און נישט נאָר דערפאַר, וואָס די דיכטערן האָט אַליין אַלץ איבערגעלעבט, נאָר ווייל זי האָט אַן אָנצוהערעניש אויף אַן אייגענער פּאָעטישער שפּראַך. זי איז נאָך ניט פאַרטיק, זי איז נאָך ניט געשליפן גענוג, זי איז נאָך אָפט רוי, אָבער זי האָט די מעלה, וואָס איר הערט זי פון דער יונגער דיכטערן צום ערשטן מאָל. קיינער האָט זי ניט געלערנט שרייבן.

(ש. ניגער: געלייענט און געשריבן—„טאָג", יולי 5, 1941).

ברכה קאַפּשטיין האָט טאַלאַנט. דאָס איז דער עיקר. אָבער נישט זי באַהערשט איר טאַלאַנט, נאָר איר טאַלאַנט הערשט אינגאַנצן איבער איר. דער לייט־מאָטיוו פון עם ביכל איז אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס איז דער פּראָלעטאַרישער לייט־מאָטיוו. אויף דער טעמע זיינען די מייסטע לידער פונעם בוך געשריבן. — ס'לוינט זיך אַז ברכה קאַפּשטיין זאָל ערנסט און אויפריכטיק גיין ווייטער אויף דעם וועג פון יידישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע, לערנען פון אייגענע פעלערן, אויסמיידן זיי אין דער צוקונפט, לערנען פון פרעמדע מעלות, צו גיין אין דער צוקונפט אויף דעם וועג פון פּאָעטישע מעלות.

(מלך ראַוויטש: דער סוד פון לידער שרייבן — „גערעכטיגקייט", אָקטאָבער, 1934).

אין דערוואַרטונג

צוויי בייַנאַכט. שפּעטע שעה.
קלינגט דער זייגער: נאָך ניט.

שווער און שוואַרץ גייט די נאַכט.
קלאַפּט דער זייגער: וואַרט נאָך, וואַרט!

יעדער שאָרך, אַ שטומער גריל,
שוואַרצע שטילקייט — טויטנשפּיל.

אויער שאַרף פאַרשפּיצט צו טראָט.
געלעגער בריט ווי גליאיק דראָט.

מינוטן, רגעס — האַרץ ציילט אויס,
שאָטן טוליעט זיך צו שויס.

שויס איז קאַלט, בלייך פון שרעק,
זוכן אָרבעט וואו אַוועק . . .

קומט אַ שאָרך, און ס׳קומט אַ צווייטער,
אָטאָ קומט ער, אָטאָ גייט ער . . .

רוקט זיך ווייזער: צוויי, און פיר,
שטומט דער דיל, און ס׳שווייגט די טיר.

מיין שער

מיין שער איז ניט פאַרזשאַווערט,
זי איז נאָר אַש קאָליר.
יאָרן לאַנג האָבן מיר זיך געחברט,
איז זי איצט אַ טייל פון מיר.

ווען כ׳נעם מיין שער אין האַנט, —
דערזע איך זיך ביי דער מאַשין,
ווען יעדער שניט איינעם געוואַנט
געהאַט האָט גאָר אַן אַנדער זין.

ברכה קאָפּשטיין

ווען יעדער שנייד מיט שאַרפן מעסער
האָט ווי געזאַנג אין לופט געקלונגען.
געניט האָבן זיך די קליידער בעסער
ווען מאַשין מיט רעדער האָבן צוגעזונגען.

געוועזן איז מיין שער — ווי ביי לייטן,
מיט דער מי איינאיינעם האָט זי געבליט.
איצטער זיינען אַנדערע צייטן, —
בישטאָ קיין זריעה פאַר איר שניט.

ליגט מיין שער ביי מיר באַהאַלטן,
און מיט איר — מיינע טעג פון מי.
עס ווייעט פון איר מיט אָטעם קאַלטן
ווי זי וואָלט אַ פרעמדע געוועזן, פון ניט־הי.

סע בלאַנקען אירע שאַרפע שפּיצן,
די רונדע אויגן ריידן צו מיר שטיל:
— שוין אַזוי לאַנג, ווי מיר פלעגן טוצן
קליידער שאַפן ווי אַ שפּיל.

כ׳פלעג אויף דיר געהאָרכזאַם וואַרטן
ביז דו וועסט אין די פרימאָרגנס קומען,
אין די שטילע, לאַנגע אויפדערנאַכטן
מיט פרישן כח זיך אָנגענומען.

איצט איז דער כח מיר דערווידער,
עס גאַרט מיין שאַרף נאָכן שניט.
איך ווער פון וואַרטן מיד און מידער,
יענע צייט — זי קומט מער ניט . . .

קוק איך אויף מיין שער די מאַטע,
צערטל זי — און קלער:
ס׳וועלן געוויס נאָך קומען יאָרן זאַטע
פאַר דעם מענטש, און פאַר דער שער.

וועלוועלעס שפּילעכלעך

וועלוועלע איז אַ ייִנגעלע, אַ פּיצעלע, אַ ברעקעלע,
שפּילט ער זיך מיט שפּילעכלעך, מיט רייפעלעך און גלעקעלעך.

שפּילט ער זיך מיט הינדעלעך, מיט גענדזעלעך און קאַטשקעלעך,
פאָרן זייַנע שפּילעכלעך מיט פערדעלעך אויף טאַטשקעלעך.

וועלוועלע האָט אַ שטימעלע, צאַרט אַזוי און שטיל, —
רעדט ער צו די שפּילעכלעך און שטעלט צונויף אַ שפּיל.

קוקן זייַנע שפּילעכלעך אין די אויגן אים אַריין,
קיין איינציקער פון זיי קען אים ניט פאַרשטיין.

רעדט ער און ער רעדט, מיט אַן איינגעהאַלטן קול,
צערטלט זיי און גלעט זיי, ניין־און־נייַנציק מאָל.

טוט אַ שפּרונג דאָס פערדעלע אין האַסטיקן גאַלאָפּ,
נעמען גלייך די גענדזעלעך און לויפן אויך אַראָפּ.

צעקייקלען זיך די רייפעלעך, קיילעכדיק קייל־קייל,
און נאָך זיי די איבעריקע אין אַ גרויס געאייל.

קוקט וועלוועלע מיט אייגעלעך, צוויי טרויעריקע, נאַס,
און ס'ווערן ראָזע בעקעלעך אויסגעצערט און בלאַס.

בלייבט דאָס קליינע וועלוועלע אין בעטעלע אַליין, —
און עס פאַרקייכט דאָס הערצעלע אין אַ גרויס געוויין.

לויפט אַריין די מאַמע, זעט זי אויפן דיל
דרייען זיך די שפּילעכלעך ווי רעדער אין אַ מיל.

שטייט זי אַ פאַרגאַפטע: וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?
כאַטש קלייב צונויף די שפּילעכלעך און פּאַטש זיי גוט, גוט אָן . . .

קוקט וועלוועלע מיט אייגעלעך אויף מאַמען און אויף דיל,
און בעט זיך ביי איר שווייגנדיק: שטעל צונויף די שפּיל.

כ'האָב ליב אַזוי די שפּילעכלעך — ברענג זיי מיר צוריק!
און ס'שטראַלן אויף די אייגעלעך מיט נייעם רייַנעם גליק.

ברכה קאַפּשטיין

צו אַ פריינט

זיינען מיר געגאַנגען צוויי, —
אין מיטן, — דער טרויער.
דער טאָג,
האָט ווי אַ גוטע מאַמע, אונדז יעדן אבער אויסגעקושט.
און דו, מיין פריינט,
האָסט די לופט געשניטן מיט דיין פאַרשטיקט געוויין.

זיינען מיר געגאַנגען צוויי.
אַנטקעגן אונדז,
אַזויפיל מער.
קיינער האָט ניט אויסגעווישט דיין טרער.
האָט דיין טרער זיך פאַר דער וועלט פאַרשעמט,
און איז צווישן אויגן־דעקלעך געבליבן צוגעקלעמט.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי,
געמיינט אַז מיר שוויגן . . .
די זון,
האָט פאַר אונדזערע אויגן געטאַנצט און געלאַכט,
ווי עס האָבן דיינע טרוקענע ליפּן איינס דאָס אַנדערע געפּרעסן.
פון דיין ברוסט,
שטיקער טרויער,
אַלטער זשאַווער,
האָט זיך געבראָכן אויף דער פריי.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי.
און זיך געטרייסט:
עס איז דעם מענטשנס ליידן כלל ניט ניי.
אויף רוישיקער גאַס,
האָבן ווי אַקאָרדן אָפּגעקלונגען דיינע טריט.
אין טיפן שווייגן האָט זיך געליטערט דיין געמיט.
זאָל עס זיין אַזוי, מיין פריינט.
נעם צונויף די פּערל,
שטילע שעהן פון אונדזער גאַנג,
צערטל זיי און טראַכט:
עס קומט אויף בלויער מאָרגן,
נאָך יעדער אָפּגייענדיקער נאַכט.

ברודער מיין

צווישן די פאַלדן פון די שטערן
זע איך טריפן דיינע טרערן.
עס דערציילט דער ווינט וואָס לויפט אַרום,
אַז דיין גומען איז דיר שטום . . .
כ׳זאָפּ דיין שטילן אָטעם אין זיך אַריין —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זיין.

דורך די פּאַסן לבנה־ליכט
גלעט איך ציטערדיק דיין בלייך געזיכט.
אין דיינע אויגן — שטילע, גרויע,
וואָס זיינען איצטער פול מיט טרויער, —
זינקען מיינע טיף אַריין —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זיין.

אין אַנגסטן ציען זיך די נעכט, —
וואָס דיר איז איצט באַשערט . . .
ס׳איגן לעבן אויסהאַלטן איז שווער,
אויף אַלע וועגן דיין געוויין איך הער.
כ׳נעם דיין מידן קאָפּ אין מיינע הענט אַריין —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זיין.

כ׳לייג צו די ליפּן צו דיין קאַלטן שטערן,
און כ׳רייד צו דיר — קאָנסט ניט הערן . . .
ווי בליי — איז שווער די לופט.
דאָס שווייגן שרעקט און שטראָפט.
עס צאַפּלט זיך מיין האַרץ פאַר דיין —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זיין.

אַ וויגליד פון אַ מאַמע אין קיינעמס לאַנד

שלאָף מיין קינד אָן אַ בעטעלע,
עס גרינט אויף בוים אַ בלעטעלע,
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ברכה קאַפּשטיין

ניט וויין ,מיין קינד, ניט וויין,
ס׳איז גאָרנישט ניט געשען,
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ניט קוק, מיין קינד, פאַרקלערט,
מסתם איז אונדז אַזוי באַשערט,
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

שלאָף, לעבן יונגס, מיין קינד,
עס איז דיין מאַמען ווי און ווינד,
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ס׳האָבן נאַצי־וועלף אונדז פון דער היים פאַרטריבן,
זיינען מיר אונטערן הימל אויף אַ פעלד פאַרבליבן.
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

וועסטו אויפוואַקסן שטאַרק ווי די זאַנגען אין פעלד,
זאָלסטו אַ באַלוינונג פאַר די ליידן מאָנען ביי דער וועלט.
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

כ׳וויג דיך איצט אין וויג, פון צווייג און בלאָט געמאַכט,
איבער דיין יונגן קאָפּ פאַלט צו די שוואַרצע נאַכט.
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

לייג אין רו אַוועק דיין גאָלדן קעפּעלע,
עס דעקט דיך צו אַ בוים מיט אַ זאַפטיק עפּעלע.
איי־ליו ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

קומען בריוו פון ארץ-ישראל

(פראַגמענט)

ס׳שרייבט מיר מיין שוועסטער
פון נגב, פון טאָל.
כ׳לייען איר בריוו שוין צום וויפלטן מאָל:
„מיין זונעלע איז שוין זיבן יאָר אַלט.
מיר איז גוט,
וואָס איך האָב אויף ארץ־ישראלער ערד
אַ קינד געבוירן.
ער גייט אין שול, ער וואַקסט, ער קוועלט.
פאַר אים —
ווי די קנאָספּן פון די בלומען,
עפנט זיך די וועלט.
ביים נאָמען רופט ער אָן יעדע זאַך,
און ווי די לופט וואָס ער אָטעמט —
קלינגט פשוט זיין שפּראַך . . .
ער איז פון דער זון פאַרברוינט געוואָרן,
און ווי דער הימל בלוי
זיינען זיינע אויגן.
מיט דער מאַמעס מילך
האָט ער דאָס בלוי אַריינגעזויגן.
איך וואַקס מיט אים, כ׳בין ניי געבוירן.
כ׳זאַמל איין די אוצרות,
וואָס מיר האָבן אין וואַנדער פאַרלוירן״.

ברכה קאַפּשטיין

איבער געטאָ — די פאָן

העלדישער חלוץ, עס קען דיר דער קוילער ניט גרייכן.
ביסט ווי דער סנה — וואָס ווערט ניט פאַרברענט.
די בלוי־ווייסע־פאָן, אַזאַ פלאַמיקן צייכן —
אין סכנה פון טויט — דו האַלסט מיט גבורה אין הענט!

די געטאָ ברענט — ס׳ברענט יידיש לעבן,
דער קיום פון פאָלק איז געשטעלט אין קאָן.
איז ניטאָ איצט קיין העכערער שטרעבן —
ווי די גלויביקע, אייביק — ווייס־בלויע פאָן.

די געטאָ ברענט — מיט יללות פון קינדער.
ס׳רייסט אויף די ערד, ס׳האָגלט מיט בליי.
עס ווערן פאַרטיליקט די רוצחים, די שינדער,
דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז אַרויס אויף דער פריי!

די געטאָ ברענט — זאָל וועלט זיך דערוויסן!
געענוג שוין געלעגן אונטער באַצישער רוט.
אויב עס איז דאָ נאָך מענטשלעך געוויסן
זאָל ער זיך אָנצינדן מיט חלוצישן מוט.

אויב ס׳איז דאָ נאָך יידישער גלויבן, —
און גלויבן איז דאָ — עס איז אָן עדות די פאָן.
עס וועט אונדזער ערע דער נאַצי ניט רויבן
שרייט דער חלוץ פון געטאָ, — דער קאַמף הייבט זיך אָן!

„תמות נפשי עם פלישתים״ — באַצאָלן
זאָלן די מערדער מיט זייער בלוט.
פאַר ברידער וואָס ליגן אין גאַז־קאַמערן געשוואָלן —
פאַר זיי — ווען קעמפן האָט אויסגעפעלט מוט . . .

פאַר די נשמות פון לעבן דעם יונגן,
וואָס דרייען זיך אום — ווי שדים אין טאַנץ, —
האָט אונדזער צאָרן זיך איצטער צעזונגען,
פלעכטן מיר זיי פון בלוט און פלייש איצט אַ קראַנץ.

מיר שרייבן דער וועלט מיט אונדזער בלוט אַ צוואה אַ נייע:
פאַרטרונקען מיט נקמה — זאָל זיך יעדער דור.
אין דער נאַכט פון פסח — אַזאַ מין „באַפרייאונג"
פאַר יידן „מלכים" — פון צוויי טויזנט יאָר . . .

אָ, העלדישער חלוץ! דו לעצטער, דו ערשטער,
אין פייער פון געטאָ — דיין געשטאַלט אויבנאָן.
אין דער גורלדיקער שעה, פון קאַמפן די שווערסטע, —
דו וויקלסט דיין לעבן אין בלוי־ווייסער פאָן.

גבריאל פרייל

זון פון אליהו שרגא־פייוול פ.; געב. דעם 21טן אויגוסט, 1910 (ב' אלול, תר"ע), אין דאָרפּאַט (יוריעוו), עס־טאָניע. אייניקל פון קראָקער רב און מחבר יהושע יוסף פ. דערצויגן אין ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג באַקומען אין די העברעאישע גימנאַזיעס אין ווערזשבעלאָווע און מאַריאַמפּאָל, און ביי פּריוואַטע לערערס. 1922 געקומען קיין אַמעריקע. געלערנט אין „האַי־סקול" און אינעם בית מדרש למורים ביי דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן. אָנגעהויבן שרייבן אַלס קינד. 1935 דעביוטירט אויף יידיש אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", 1936 אויף העברעאיש אין „הדואר". זיך באַטייליקט אין: אינזיך, יידישער קעמפער, מאָרגן־זשורנאַל, טאָג, המשך, בצרון, ספר השנה ליהודי אמריקה, גליונות, מאזנים, ניב, אַחיספר (מיט איבערז. פון י. גלאַטשטיינס דיכטונג), רבעון קטן. 1942 באַקומען די צווייטע לואיס לאַמעד־פּרעמיע פאַר העברעאישער ליטעראַטור פאַרן בוך לידער „נוף שמש וכפור", הוצאת „אוהל", תש"ה, 80 ע'. איז אַ העברייאישער לערער אין ניו־יאָרק.

ל. באַיאַן: „המשך"־זאַמלבוך 3 — „די שטימע" (מעקסיקאַ), מאַי 30, 1942.
הלל בבלי: שירי גבריאל פרייל — „הדואר", ל' שבט, תש"ג, ע' 225.

ש. גינצבורג: אנתולוגיה של השירה העברית באמריקה — „מאזנים" (תל־אביב), אייר, תרצ"ח, ע' 279.
יעקב גלאַטשטיין: פּראָסט און פּשוט — „מארגן־זשורנאַל", פעב. 18, 1940.
נתן גרינבלאַט: ספר השנה ליהודי אמריקה — מאזנים (תל־אביב), אייר תרצ"ח, ע' 283.
מ. דאַנצים: אייגן ליכט — „דער טאָג", מאַי 17, 1940.
יצחק זילבערשלאַג: השירה העברית בעולם החדש — „אחיספר", תש"ד, ע' 245.
ש. טענענבוים: די פּאָעזיע פון דריטן ב. „המשך" — „יידישער קוריער" (שיקאַגא), מערץ 22, 1942.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאַל", יוני 23, 1943.
דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מארגן־זשורנאַל", אַפּריל 15, 1942.
ג. מנחם [מ. ג. גלעז]: „המשך" — „הדואר", ז' אייר, תש"ב (אַפּריל 24, 1942).
ש. ניגער: נייע דערציילונגען, נייע לידער — „טאָג", אַפּריל 11, 1942.
ב. נתניהו: ספר השנה ליהודי אמריקה — „בצרון", אייר, תש"א, ע' 145.
משה שטאַרקמאַן: װעגן ביכער און מענטשן — „טאָג", מאַי 7, 1944.
דר. מ. שטיינר: ספר השנה ליהודי אמריקה — „הדואר", כ"ב סיון, תרצ"ט, ע' 512.
אברהם עפּשטיין: גבריאל פּריילס העברעאישע לידער — „די צוקונפט", אַפּריל 1943, זז. 243—245.
אברהם עפּשטיין: מרחוק ומקרוב, הוצאת „אוהל", תש"ד, ע' 202—207. (די העברעאישע ווערסיע פונעם פריערדיקן אַרטיקל).
אהרן צייטלין: אַרום דעם פינפטן ספר השנה — „דאָס יידישע פאָלק", נאָוו. 29, 1940, ז. 16.
י. קיסין: לידער פון דער מלחמה. אַנטאָלאָגיע. 1943.
מנחם ריבולוב: אנתולוגיה של השירה העברית באמריקה, תרצ"ח.
מנחם ריבולוב: הספרות העברית באמריקה — „אחיספר", תש"ד, ע' 178—179.
ש. ה. (האלקין): לאחים צעירים באמריקה — „גליונות" (תל־אביב), אדר־ניסן, תרצ"ז, ע' 182.

גבריאל פּרייל איז דער אמתער ליריקער. ער טראָגט זיין „צאַפּלדיק האַרץ אין זיין אָפענער האַנט". און איר קענט זען דאָס האַרץ ווי עס צאַפּלט, ווי עס איז אָנגעלאָדן מיט שטילן צער. און עס איז זיין צער — און ער טראָגט אים אַליין מיט צניעותדיקן שטאָלץ. ער וויל ניט האָבן קיין מיטטרעגער, ער דאַרף זיי ניט. ער טראָגט זיין צער שיין, וואונדערלעך־באַשיידן און וואונדערלעך־פרום. איר האָט דאָ פאַר זיך דעם ריינסטן ליריקער, איינעם פון די צאַרטסטע. ער איז אין גאַנצן אַ דינער אינסטרומענט, וואָס זינגט אַרויס שטיל און עכט זיינע לידער.

פּריילס געמיט איז ניט פאַרוואָסערדיקט, ער איז ניט באַרעדעוודיק, ער איז ניט ברייענדיק; ניין, ער איז גאָר בטבע אַ שווייגנדיקער. עס איז דאָ שוויגעניש, פיינע שווייגעניש אין

פרייל׳ס לידער. און דאָס איז נאָך אַ וואונדערלעכער חן זיינער. ער איז אַ חידוש צווישן העברעאישע דיכטער מיט דעם, וואָס ער, פרייל, צוימט זיין אַפּעטיט צום העברעאישן לשון, ער באַהערשט אים און ער זוכט כסדר צו געבן אייך דורך דעם מיני־מום פון לשון דעם מאַקסימום פון אינהאַלט.

(דר. א. מוקדוני: „ביכער און שרייבער" — „מאָרגן־זשורנאַל", יוני 23, 1943).

פויערים אין האַרבסט

קלוג אין זיין פּראַכט איז דאָ דער האַרבסט:
זיין האַרץ — אין אויפגלי פון קרישטאָל און פלאַם,
זיין גאָלד זעלטן־טייער, פאַרשווענדעריש זיין האַנט;
צווישן די קעניגרייכן פון צפון און דרום שטייט ער,
דער שטאָלצער, אויפגעקומענער צעטיילער פון סעזאָנען.
אָבער די פויערים מיט זייערע האָר — שטרוי,
אויגן — פאַרפרוירענע סאַזשעלקעס,
און מיט ליולקעס מיושבדיק־פאַררוקט אין די מיילער,
שענקען ניט צופיל אָנזען
אַט דעם צעלאָזענעם פאַרבייגייער.
מיט אַ געניטן בליק מעסטן זיי אים
און שאָקלען מיט באַדויערן די קעפּ:
„אַ טליענדיקער פונק וועט ער באַלד ווערן.
די יורשים פון זיין גוטס — זיינען מיר.
מיר וועלן געלאַסן עסן אַ פּענעץ ברויט,
עפּל־ווייַן טרינקען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם;
אונדזער שלאָף אַנט ניט קיין חלומות
און ס׳אויפוואַכן — אַנטוישונג".
דאָ איז קלוג אין זיינע זיטן דער פויער.

דער געפאַנגענער מענטש

צו די שטראָפן פון הימל און קללות פון דער ערד,
און צום פּיין וואָס זון קאָן ניט צעשמעלצן
און אייז פאַרפרירן,
איז מענטש אַ וויסטער קנעכט.
מיט נעגל און מיט ציין איז ער צוגעקלאַמערט
צום בידנעם טאָג, — זאַמד צווישן פינגער,
צום רויכיקן סאַמעט פון אָפּנאַרערישער נאַכט, —

און טויט איז אַ ווייטע, ווילד־שוואַרצע לעגענדע.

אָבער ער ווייסט ניט, אַז ווען ער איז נאָך
אַ שלאַנק־האַנטיקער בוים,
לויערט שוין אויף אים דער קעניג פון קעניגן,
און אַז די לאָדנס הויבן זיך אָן צו פאַרמאַכן
ווען פרימאָרגנס לויטערע שטייען נאָך
אין פענצטער.

איך זע אין 1938

אויף דער גאַנצער קיילעכדיקער ערד
זיינען צעשפּרייט מיינע נאָך אַלץ ניט געלייטערטע
ברידער,
וועמעס איינציקע זון איז די לאַנגע, לעצטע נאַכט.

זייער בלוט שפּראָצט הייס און רויט אויף ווייסע שנייען,
זייערע ביינער זיינען בלאַנקער ציטער אין מדבר־זאַמדן,
זייערע צעבראָכענע רוקנס — פוס־בענקלעך פון פעלקער.
און יידישע פאַרשטאַרטע און אַלץ שוין־ווייסנדיקע אויגן
גייען ווי ביליקע פאַטשערקעס פון האַנט צו האַנט.

איז אפשר ערגעץ דאָ אַ טראָפּן לויטערע טרייסט.
אָבער טיפער פון טיף זיינען די יסורים־ברונימער
פון מיין צום לעבן־פאַרמשפּטן פאָלק.
און זיינע דיכטער שעפּן אייביק פולן עמערס.

ניו־העמפּשייר מיידל

דיין פּנים איז אַ ווייס צפון־לאַנד:
אויפגעשטראַלטער פראָסט אין קאַלט געזאַנג.
עס שלאָגט אָפּ מיט קלאָרקייט און מיט שניי
אונטער אויגן ווי אייז־גרינע שטערן.

דיין פּנים איז ווי אַ ווייס צפון־לאַנד:
בלאַנק און אָפן ווי ערשטער ווינטער;
בלויז רויטער שניט פון דיינע ליפּן
איז טיר צום פאַרזיגלטן זומער.

און ווען וועלט גייט אָנגעטאָן
אין שאַרלאַך און אין שוואַרצן,
און יעדער דריטער מענטש איז
זיין חברס הענקער —
צי איך זיך צו דיר ווי אַ וואַנדערער
וואָס חלומט אויס אַ נאָנטן ברעג.

ליב צו טעג

צערטלען וויל איך מיינע טעג.
ווי די טויבן וועל איך זיי האַלטן,
און זינגען זייער לויב.
זיי די הייס־פאַרביקע און אייז־געשליפענע,
ווי עפל־שמעקעדיק און ווי זשאַווער געל,
און שטעכיק מיט רעגן;
זיי ווי טויזנט מיידלעך יונג,
פון טויזנט זקנים עלטער —
פאַרמאָגן אַ פליסיקע שיינקייט,
וואָס איז ווי אַ וואונד אויף מיין לייב.
אָבער ליב זיינען טעג.
טיף איז מיין טרויער
אויף זייער טויט.

מ אַ מ ע

רחמנות גייט אין הילצערנע שיך,
זון רינט ביטער און עלנט דורך אָדערן,
און האַרץ איז אַ שלאָס אָן אַ שליסל.
איז איצט צייט פאַר דער מאַמען
שטערן צו צינדן אין אירע גוטע הימלען,
און אויסלייגן וואַרעמע לאַבנס
אויף באַקעט־געוואָרענע טישן.
איז איצט צייט פאַר דער מאַמען צו קומען
מיט לויטערן חסד באַלאָדן,
און מיט אַ תפילה פאַר דער גאַנצקייט
פון פאַרוואָרלאָזטן מענטש אויף דער שטיין־ערד:
אַז באַשוכט זאָל ער ווערן מיט ליבע,
און זינגען זיין בלוט זאָל מיט דרום,
און זיין האַרץ זאָל אָן אָפענער פענצטער זיין —
און לערנען ברייטקייט דעם ים.

צבי שטאָק



זון פון משה ליב ש.; געב. דעם 22טן פעב., 1909 (כ"ג שבט, תרס"ט), אין קאָראָ־לופקע, לעבן באָרש־טשאָוו, טאַרנאָפּאָלער קרייז, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין חדר און געענדיקט די באַראָן הירש שול און די רעאַל־שול. שפּעטער געלערנט אין ישיבות און אין העברעאישע שולעס פון טאַרנאָפּאָלער געגנט. צו 16 יאָר געוואָרן לערער פון העברעאיש, תנ"ך און יידישער געשיכטע אין דער שטעטלשער באַראָן הירש שול. 1927 געקומען קיין אַמעריקע. ביי־טאָג געאַרבעט אין שאַפּ און ביינאַכט געלערנט, צוערשט אין אָוונט „האַי־סקול" און דערנאָך אין ניו־יאָרקער סיטי קאָלעדזש. 1929 געג־גרינדעט „ברקאי", אַ פּריוואַטע העברעאישע שול, אין ברוקלין, נ.י. זינט דעמאָלט באַשעפטיקט אַלס יידישער און העברעאישער לערער אין תלמוד־תורהס און אין די פאָלקסשולן פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַר־בעטער פאַרבאַנד. אָנגעהויבן שרייבן לידער צו צוועלף יאָר. 1938 דעביוטירט אין „ניב", און אויך אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אויף יידיש. זיך באַטייליקט אין: בצרון, קינדערוועלט, שטראַלן (פילאַ־דעלפיע, יידישע שריפטן און פּראָלעטאַרישער געדאַנק. אין כתב־יד אי־בערזעצונגען פון יידישער און העברעאישער בעלעטריסטיק.

צבי שטאָק

און אין געטאָס קלאָגן יידן . . .

ווי קען איך ליגן איצט אין רו אויף מיין געלעגער?
ווען דער חלום וועבט פאַר מיר בלויז שוואַרצע ליכט און פגר;
מט שטילע טריט ער פאָלגט מיר נאָך ווי דעם הירש דער יעגער.

ווען פינצטער איז דער היינט־צו־טאָג און אומעטיק דער נעכטן,
דער גולם שפּאַנט פאַרוויסטנדיק מנוול און גערעכטן,
דער שוחט שעכט, ער בלייבט גערעכט און טוט אַלץ ווייטער שעכטן.

עס שטיקט מיר נאָך דער ווי־געשריי פון ערשטער וועלט־מלחמה;
איך וואָלט ווי שמשון אָננעמען די זיילן פון נקמה;
אָ, שטאַרקער גאָט, אין שעה פון גענאָד, באַרואיק מיין נשמה.

און מהר״ל מפּראָג ער זאָל אַ גוטן זכות אונדז טראָגן
האָט פון טיפן צירוף־סוד קיין וואָרט געטאָן אונדז זאָגן;
שטעכן שטערן ווי מיט שפּיזן אין געטאָ־ווענט וואָס קלאָגן.

איז פריי דער גולם, קראַכט און לאַכט, זיין מויל און אויגן אָפן,
עס איז די טומאה פון דעם שטן אונדז דעם וועג פאַרלאָפן;
און אין געטאָס קלאָגן יידן, וויינען, בענקען, האָפן.

צווישן טאָג און נאַכט

(בין השמשות כהרף עין. — שבת ל״ד)

די לבנה איז אַרויס קאַסאַקע, ווי אַן אָסיען־בלאַט, פאַרגעלט
און איז שטיין געבליבן מאַט איבער גאָטס פאַרלאָזטער וועלט.

עס איז געווען צאַרטע שטילקייט, אָפּשייד פון אַ פרילינג־טאָג
וואָס האָט אין אומעטיקער מילדקייט, אַן אַ וואָרט און אַן אַ זאָג
מיט שטאַרע שאָטנס האַנט אין האַנט, פאַמעלעך זיך אָוועקגעשפּאַנט.

עס האָבן זיך געראַנגלט ליכט און שאָטן, ווי אין ווילדן טאַנץ
פון האָטנטאָטן, טאָג האָט פאַרן אָנקום פון דער נאַכט,
אין טונקל־רויטער שקיעה־פּראַכט, פאַמעלעך אָפּגעטראָטן.

און אין דעמערונג פון צווישן טאָג און נאַכט
האָט מלחמה־שטן בייז און פרעך אַריינגעלאַכט.

און סודותדיק אַ קלאַנג אין אויער,
איינגעהילט אין שקיעה, גרויער, האָט אין שאָרך פון קול דממה
מיר אַריינגעהויכט: נ—ק—מ—ה!

און בין השמשות וואָס באַשטייט פון אײן אײנציקן אויגנבליק
האָט געשעפּטשעט מיר מיט פרייד: מיר שטייען ביי דעם ראַנד פון זיג.

מ ל ח מ ה

ווער קען איצטער דיכטן און לידער איצט זינגען
פון ליבשאַפט און שיינקייט די טענער אויסקלינגען;
ווען בלוט־רויטער מאַרס האָט זיך העליש צעצונדן,
און קדושה פון מענטש ליגט אין קייטן געבונדן?!

אַז מאָנסטער־מלחמה וואָס האַלט אין איין שפּאַנען,
שפּרייזט טעמפּ איבער ערד, איבער לופט, אָקעאַנען —
און שוינט ניט קיין קינדער, קיין מאַמעס, קיין טאַטעס;
קיין טורעמס, פּאַלאַצן, קיין אָרעמע כאַטעס?!

ס'קומט אום גאָטס באַשאַף איצט אין פלאַמען פון שנאה,
און ס'וויינט אין מסתרים מיין זעל מיט דער שכינה;
פאַרוואָר, די אייגענע הענט וועלכע גרייטן איצט וואָפן,
האָבן זיי ניט בשוגג דעם מאָנסטער באַשאַפן?!

ווען פאַר אייגענע אויגן שוין שפּילט זיך די סצענע,
ס'פינצטערט שוין שטאָט און ס'קלאָגט די סירענע,
און ס'שרעקן זיך קינדער, ס'גרייט זיך דער עולם,
צי שפּאַנט אויך ביי אונדזערע ברעגעס דער גולם?!

אויף שלאַכטפעלדער ס'האַלט די שוואַרצע קראָ אין איין רופן;
פאַרזייט ליגן פעלדער מיט מענטשלעכע גופן;
און וואָס עס וועט קומען, דאָס ווייסט נאָך ניט קיינער;
צי פעלדער מיט זאַנגען, צי טאָלן מיט ביינער?!

ווער קען־זשע איצט דיכטן און לידער איצט זינגען
פון ליבשאַפט און שיינקייט די טענער אויסקלינגען;
ווען בלוט־רויטער מאַרס האָט זיך העליש צעצונדן
און קדושה פון מענטש ליגט אין קייטן געבונדן?! . . .

צ ב י   ש ט אָ ק

היים-שטאָט

געשיכטע האָט אַ דריי געטאָן אויף אַקס פון צייט דאָס ראָד,
און שטורעם האָט אַ ווײ געטאָן אויף וועלט און לאַנד און שטאָט.

מיין היימשטאָט וואָס איז לאַנג געווען אַן עיר רבתי עם,
איצט טו איך אין געפאַנג זי זען ביי האָרדעס פון פאָגראָם.

אין אירע פרייע טויערן שפּאַצירט איצט שונא אום,
און נאַצי־כלבים לויערן אויף איר מיט בייז געברום.

דורך וועלט און מענטש עס גייט פאַרביי אַ מורא קאַטאַקליסק
געעפנט ברייט האָט אשמדאי זיין גרויליק־פרעכן פּיסק.

ס׳האָט דער ווייזער פון דער צייט געטאָן אַ שפּרונג צוריק,
און ווײ, דער אשמדאי, ער רייט אויף שוואַרצע פערד פון קריג.

מיין היימשטאָט ערשט ניט לאַנג צוריק געווען איז אַ כרך
איז איצטער אין איין אויגנבליק אַ חורבה אָן אַ דאַך.

יאָ, געשיכטע האָט אַ דריי געטאָן אויף אַקס פון צייט דאָס ראָד,
און וועלט זי ברענט מיט געטאָ־ווענט און מיט שטעכיק־דראָט.

ביים וואַסערפאַל

צעגליטע זון אין פייער פון דיין אייגענעם זשאַר,
אָט שטיי איך דאָ ביים וואַסערפאַל
וואו עס טובלט זיך דיין שטראַל;
אין אַ וועלט פאַרשטומט פון צער
וואו כל דאלים גבר איז גזר.

ווי קענסטו־זשע גלייכגילטיק שיינען
און שפּיגלען אין וואַסער דיין פּנים
ווען ליד ווערט איצט קינה פון שוואַנען
און מענטש אונטער קנוט פון טיראַנען
פאַרגייט זיך אין צאַפּל פון פיינען
איז גוט דיר, איז רעכט דיר אויך אָן אים?!
אַ זון, ווי קענסטו איצט גלייכגילטיק שיינען?!

און דו, לבנה, זיי דו מיין בלאַסער שיין
אין אַ וועלט וואָס פינצטערט איצט מיט פּיין
אין העלישן געראַנגל פאַרן מענטשלעכן זיין.

אָ, שטערן איר שטילע,
צי הערט איר מיין תפילה
אין די טונקל־פאַרפינצטערטע נעכט
פון בלוטיקן מענטשנס געפעכט?!

קומט מיט מיר אויף פאַרעלנטע וועגן,
וואו אונטער דער מאַסע
פון שווערע האַרמאַטן
אין קאַמף פאַר דער העכערער ווירדיקער ראַסע
עס ליגן באַגראָבן דער זון מיטן טאַטן.

אָ, זע ווי עס האַלט אין איין וואַכן דער וועכטער

הנה לא ינום ולא יישן . . . — תהלים, קכא׳.

אָ, זע ווי עס האַלט אין איין וואַכן דיין וועכטער
און קומען וועט באַלד דיין נצחון, גערעכטער;
דער סוף צו די מערדער פון קינדער, די שעכטער,
אָ, זע ווי עס דרימלט ניט, ס׳שלאָפט ניט דיין וועכטער.

אָ, זע ווי אין מזרח עס הייבט שוין אָן טאָגן,
ווי העלדישע קעמפער דעם שונא פאַריאָגן,
דו, מאַן פון מלחמה וואָס טוסט דעם יאָך טראָגן,
דיר דאַרפן מיר געבן אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן.

אָ, לאַנד פון סאָוועטן, דו, ערשטע אין פייער,
אין אונדזער זכרון וועסט בלייבן אונדז טייער,
ווען אויפגיין וועט ס׳ליכט פון דער וועלט, דער בייער
און פרוכט פון דיין קאַמף וועט שטיין גרייט אין דעם שייער.

אָ, זע ווי עס האַלט אין איין וואַכן דיין וועכטער,
און קומען וועט באַלד דיין נצחון, גערעכטער;
דער אייביקער שלום פון פעלקער און לענדער,
דער טויט אויף דעם צינדער, שינדער און שענדער.

צ ב י   ש ט אָ ק

אָ, זע ווי עס האַלט אין איין וואַכן דיין וועכטער,
מיר דאַרפן גאָר זען, אַז דער זיג זאָל זיין עכטער,
אַז קיינער זאָל אונדז פון דעם ציל ניט פאַרפירן
דעם חלום פון שלום צו רעאַליזירן . . .

דער מזרח ער ליכטיקט מיט טויזנט קאַיאָרן,
שוין באָענט איז די שעה ווען ס'וועט שאַלן דער האָרן
פאַר אונדזער נצחון וואָס ס'צייטיקט בטחון,
קיין רשע וועט מער שוין די וועלט ניט פאַריאָכן.

איר, פראַנקרייכס גבורים, פון טולאָן, די העלדן,
מיר שטייען פאַרגאַפּטע, מיט וויטיק, מיט וואונדן,
מיט שמשונס גבורה געקומען זיך מעלדן,
אין האַרץ פון דעם פאָלק אַ נר־תמיד געצונדן.

און דו, פאָלק ישראל, דיין צייט וועט אויך קומען,
אַזוי טוט די טויב אויף באַרג חורב נאָך ברומען;
ס'מוז נעמען אַ סוף צו דיין צער, דיין פּיינען,
דיין זון וועט אויפגיין, דיין ליכט וועט שיינען.

רייזל לאַנדוי

טאָכטער פון הירש־לייב לעוויצקע; געב. מערץ 1892, אין מאָזיר, מינסקער גוב., רוסלאַנד. געלערנט יידיש אין אַ חדר און וועלטלעכע לימודים ביי פּריוואַטע לערערס. 1906 געקומען קיין אַמעריקע. 1911 חתונה געהאַט מיטן דיכטער זישאָ לאַנדוי. אָנגעהויבן שרייבן צו 18 יאָר. אָקטאָבער 1939 דעביוטירט אין „קינדער־זשורנאַל" אונטערן פּסעוודאָנים דבורה. זיך אויך באַטייליקט אין ייד. קעמפער און קענעדער אָדלער.

מלך ראַוויטש: פון מיין לעקסיקאָן: רייזל לאַנדוי, די אַלמנה פון זישאַ לאַנדוי — „ביאַליסטאָקער לעבן", אָקט. 1940.

. . . און ווייל טאַקע איז דאָ אין שטוב דאָס אויבערשטע געבאָט האָט רייזל לאַנדוי געשריבן אירע לידער פּאַר זישאָ לאַנדוי אין דער שטיל בסוד סודות. און אַזוי ווי עס וואָלט ניט טאַקטיש געווען צו פרעגן — צי זישאָ לאַנדוי האָט וועגן אָט־די לידער געוואוסט — האָב איך קיינמאָל וועגן דעם נישט געפרעגט. באַקומען האָב איך די לידער צו לעזן ווי אַ חבר, און געזאָגט האָט מען מיר — טאַקע רייזל לאַנדוי אַליין — אַז דאָס זיינען לידער פון איינער אַ פרוי צו איינעם אַ מאַן, אָבער איך האָב באַלד דערקענט, אַז די פרוי איז רייזל לאַנדוי און דער

ר ײ ז ל   ל אַ נ ד ױ

מאַן איז געװעזן זישאַ לאַנדױ. אָבער אַ צייט־לאַנג האָב איך מיך נישט װױסנדיק געמאַכט. די לידער אַליין—לרוב עכטע פֿאָלקס־לידער און נאָך מער: עכטער מאַטעריאַל פֿאַר פֿאָלקס־לידער.

(מלך ראַװיטש: פֿון מײַן לעקסיקאָן: רײזל לאַנדױ, די אַלמנה פֿון זישאַ לאַנדױ — „ביאַליסטאָקער לעבן", אָקטאָבער, 1940).

די זון

צו זישא לאַנדױס יאָרצייט.

אין שטילן ים די זון פֿאַרגייט,
פֿאַר אַלע זיבן הימלען זיך געבייגט און געניײגט,
װי גאָלדענע רייפֿן שװימט אַרום אירס אַ קלייד נאָך אַ קלייד.
עס האָט מיך דערמאָנט אָן דײַן קומען און גייַן,
און אָן מײַן גרויסן אומעט,
לייגן זיך שלאָפֿן אין אַ בעט געבעט פֿאַר צװייען, איין אַליין.

* * *

מײַן ערשטן אייניקל אברהם זישא באַס.

זישאַניו,
איך בין דיר געקומען אָנזאָגן
אַז איך בין אַ באָבע און דו אַ זיידעניו געװאָרן.
היהלע האָט הײַנט בייטאָג אַ ייִנגעלע געבוירן,
אַ נאָמען נאָך ר' אברהם טשעכאַנאָװער און דיר.
בעט גאָט פֿאַר אים אַז װאונדערלעך װי אײַערע לעבנס
זאָל אויך זײַן לעבן זײַן.
ער זאָל װי זײַנע זיידעס לײַטערן זײַן הייליק אויסגעלײַטערטן שטאַם,
װי ר' אברהם טשעכאַנאָװער און דיר
זאָל אים פֿליכט אויך הייליק זײַן.
װי דו האָסט תּפֿילהדיק אויפֿגעהויבן דעם בעל שם טובס נאָמען,
אַזו זאָל ער אויך אויפֿהויבן דײַן געבענטשטן נאָמען.
אמן.

* * *

געקומען מײַן ייִנגעלע פֿאַרשעמט אַזוי און קליין.
מאַמעניו, איך האָב מורא ליגן אין קבר אַליין.

מיט הענטעלעך ווי שפּענדעלעך מיין פּנים געגלעט.
מאַמעניו, נעם מיך צוריק אין מיין קליינעם ווייסן בעט.
קלאָר אַזוי זיין שטימעלע, נאָר די אויגעלעך פאַרטרערט.
וויל איך מיין קינד עפּעס זאָגן — האָט מיר אָטעם געפעלט.

צו זישאָ לאַנדוין

„מיין ווייב, אַז וואויל און וואויל איז מיר
וואָס איך האָב דיך גענומען". — זישאָ לאַנדוי.

עס האָבן זיך גענייגט פאַר דיר,
פעלדער־וועלדער פון פיין היל,
און די גאָר־גאָר גרויסע בערג
האָבן זיך ווי קינדער קליינע
צו דיין ליד צוגעהערט.
עס האָבן דיין ליד איינגעוויגט
בוים און גראָז, שאָף און רינד,
און דער שטילער, שטילער ווינט
טראָגט אומעטום אַרום דיין ליד . . .
און ווי ביט־דאָאיק שטיל
דו רעדסט צו מיר.
טו פון זיך דיין טרויער אָפּ,
הויך הויב אויף דיין געבויגטן קאָפּ.
„דו ביסט רייזל לאַנדוי".

מיין מאַמע

מיין מאַמע בענטשט שבת ליכט:
ביידע הענט אויף איר געזיכט,
זי בעט גאָט פאַר איר מאַן און קינד,
געזונט און פּרנסה פאַר איר גאַנצן הויזגעזינד.
איך לייג אויך די הענט אויף מיין געזיכט
און ווי מיין מאַמע בענטש איך ליכט.

גוט שבת אייך, קינדער,
האָט מיין מאַמע פריילעך אויסגעזונגען.
גוט שבת דיר, מאַמע, האָבן מיר דריי קינדער
ווי אין איין גאָלדן גלעקל אויסגעקלונגען.

די מאַמע האָט מיך אויף אירע הענט געגומען,
„קינדעלע, צו פיר יאָר האָסטו געבענטשט שבת ליכט,
ווען גאָטס שכינה איביק רוען אויף דיין שיין געזיכט,
אַז גאָט וועט העלפן מיר וועלן איבעראַכטאָג דערלעבן
וועל איך דיר אַ לייכטער און אַ ליכט צום בענטשן געבן,
זאָלן גוטע מלאכים דיך אויסהיטן פון אַלדאָסבייז אין לעבן".

מאַמעניו, ניט אַלע דיינע ברכות זיינען מיר מקוים געוואָרן
נאָר דער ציטער פון דעם ערשטן מאָל בענטשן ליכט
ציטערט אין מיר אַלע מיינע יאָרן.

* * *

עס זיינען מיינע טעג ווי האַרבסטיקער ווינט.
אָט בין איך באָבע און אָט בין איך קינד.
איך שפיל זיך מיט זאַמד און מאַך מענטשעלעך פון ליים.
אָט ליגן צוויי קברים אָפּגעריסן פון מיין פלייש און ביין,
און איך — אַ געמיש פון באָבע און קינד —
גיב אַוועק מיינע טעג דעם האַרבסטיקן ווינט.

* * *

דו ביסט אַוועק —
איז מיר פוסט מיינע טעג.
לאַנג אַזוי די נעכט . . .
קום אין חלום צוגיין,
דערפריי, דערשרעק,
גיי ניט אַוועק.

* * *

איך האָב דעם ווינט געגלעט,
ער זאָל דיך מיין ליבשאַפט איבערטראָגן.
איך האָב צום ווינט גערעדט,
ער זאָל דיר מיינע ווערטער איבערזאָגן.
איך האָב די גראָזן געקושט,
דו זאָלסט דעם הויך פון מיינע ליפּן פילן.
איך האָב גאָט געבעטן,
ער זאָל דיך ווי דעם באַגינען צו מיר אין הויז אַריין פירן.

טויט

דער פורעם פון מיינעם אַ פוס, אַ האַנט,
וועט בלייבן נאָך מיר אויף מיין בעטגעוואַנט.
באַרירן זאָל דאָס דיין געטרייע האַנט.

דערציילן וועט דיר מיין בעט
ווי איך האָב צו דיר גערעדט.

עס וועט בלייבן נאָך מיר
בענקשאַפט פון מיין יעדעס גליד,
ווי אויפן פאַפּיר דאָס דינסטע ליד.

מאַמעניו, שרעק זיך נישט

מאַמעניו, שרעק זיך נישט!
ווי שטאָלצע ריטער היטן מיך
דורותדיקע שטילע פרומע טריט,
צניעותדיק ווי ביי דיר
רויטלט זיך אויף מיין געזיכט.
ווי דורך שווערע וואָלקנס לבנה־ליכט
דיין גלויבן איז דאָ אין מיינע פרייע רייד,
ווי מיינע זיידעס קען איך אויך פריידיק
איבערגיין פון לעבן צום טויט.
האָב, מאַמעניו, פאַר דיין קינד קיין מורא נישט.

דאָרע טייטלבוים

טאָכטער פון באָבל ט.; געב. דעם 17טן דעצ. 1914, אין בריסק דליטא. 1933 געקומען קיין אַמעריקע. 1941 דעביוטירט אין „מאָרגן-פרייהייט". זיך באַטייליקט אין: יידישע קולטור, ניילעבן, פאָלקס-שטימע (בוענאָס-איירעס), קאַנאַדער יידיש וואָכנבלאַט, פאַר סאָוועט-רוסלאַנד. איז אַ לערערן אין די שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן. אין בוכפאָרם: „אינמיטן וועלט", אַרויסגעגעבן פון שרייבער סעקציע יידישער קולטור פאַרבאַנד („ייקוף"), 1944, 127 ז.

ש. טענענבוים: א פרוים אינטימע דיכטונג — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), סעפּט. 10, 1944.

ווי עס איז צו דערוואַרטן פון אַ לעבעדיקן, מיטשאפנדיקן, קעמפערישן דיכטער, וואָס זיצט ניט אויפן שוין-לעגענדאַרן עלעפאַנטן-ביין טורעם, נאָר, וואָס צינדט אַ „נייעם פראָנט אויפן שטילן בלויען האָריזאָנט", איז די דערפּענונגס-טעמע — דער הויפּט-טויער דורך וועלכן זי גייט איצט אַריין און אַרויס — צו

הייליקער מלחמה קעגן די, וועמען עס האָט זיך פאַרוואָלט „אָפּ־שטעלן דער צייטס עקספּרעס". — — — דאָרע טייטלבוים איז אַ באַוועגלעכער, צווישן אונדז אַרומגייענדיקער קעסל, וואָס זידט און קאָכט מיט אַזאַ איבערשפּרודלדיקן כח, אַז אָפּט מאָל דוכט זיך, אַז אָט אָט, און עס וועט אויפּרייסן. זי אַליין זאָגט אויף זיך: „ניט פּיס — לאַקאָמאָטיוון טראָגן מיך".

(י. ב. ביילין: אַ דיכטערן פון פּאַטאָס און וויזיע — „מאָרגן־פרייהייט", אויג. 13, 1944).

מיין קינדהייט

ס'האָט מיין מאַמע מיך אַן עופהלע אַנטוויינט, —
ניט געהאַט מיט וואָס צו זייגן,
האָב איך טעג און נעכט געוויינט
ביז קיין טרערן זיינען מער ניט געווען אין די אויגן.

יעדע שיסעלע געקעכץ
וואָס ס'האָט די מאַמע אונדז געגעבן,
האָט זי פאַרוויסט מיט אַ לאַנגן קרעכץ
און מיט אַ קללה אויף איר לעבן.

זי האָט יעדן פּיצל ברויט געמאָסטן און געוואויגן,
אַנשטאָט פלייש געגעבן אונדז אַ ביין,
האָבן מיר דעם ביין ווי איר ברוסט געזויגן,
און געשטילט אין זיך פון הונגער דעם געוויין.

איך האָב דורך לאַנגע ווינטערדיקע נעכט
געהערט מיין מאַמעס קללות,
זי האָט מיט שוועבל־פעך
גערופן און געטריבן דעם מלאך־המות.

און איך בין אויף מיין מאַמעס ברוסט
געשלאָפן אַזוי דורך יאָרן,
און זי האָט ניט געוואוסט
אַז אירע קללות זיינען מיינע וויגלידער געוואָרן.

ווען ס'פלעגט מיך מיין מאַמע ווערן
און דער שלאָף פלעגט איר באַזיגן,
פלעג איך בעטן זיך מיט טרערן,
זי זאָל מיך ווידער מיט אירע קללות וויגן.

ד אָ ר ע   ט י י ט ל ב ו י ם

צום מאַן

וואָרצל פון מיין שטאַם,
פייערדיקער באַגער:
מיט דיר בין איך אַ פריידיים,
אָן דיר — אַן איינזאַמע טרער.

מיין זכיה —
ברענגען דורות מיט דיר צוזאַמען,
טראָגן אין זיך די מענטשלעכע זריעה —
זיין דער וועלט אַ מאַמע.

כח פון געבערן,
זון פון מיין העלסטן טאָג.
דיר וועט אייביק געהערן
יעדעס פיצל גליק וואָס איך פאַרמאָג.

פון מיר צו דיר מיין ליד,
פון דיר צו מיר געזאַנג און דראַנג פון לייב.
כ׳וועל קיינמאָל ניט ווערן מיד
צו זיין דיין ווייב.

ליג איך און רו

פריילעכע, וואַרעמע וואַסער נעמט מיך אַרום,
און איך — אַ לאַנגער זילבער־פיש —
די זאָרג, ווי די קליידער, אויף יענער זייט וואַנע —
ליג איך און רו.
כ׳בין מער ניט מיד.
הימישע כוואַליעס גלעטן, צערטלען אויס
מיין יעדן גליד.
צעבלאָז איך אַלע זייפנבלאָזן פון פוכיקן וויג
און שפיגל זיך אין טויזנט לויכטנדיקע אויגן
פון שטיקער רעגנבויגן.
און זינק אַראָפּ —
עס שווימט מיין קאָפּ
ווי אין טייך אַ גרויסער עפּל.
די וואַסערן פאַלן אַרויף אויף מיר
מיט טויזנט וואַרעמע פּאָר הענט און שפּילן זיך מיט מיר

און דרינגען, דרינגען דין
אונטער מיין הויט,
שווימען מיינע צוויי וואַסער־ליליעס —
טונקען זיך אונטער, שווימען אַרויף
און צאַפּלען פון וואַרעמען נחת.
דער קראַן איז אָפן.
קאַפּען הייסע טראָפּנס
און וואַרעמען אויס דעם טרוים
פון מיין האַלב־פאַרשלאָפן לייב.

די פרוי

כ׳וואָלט וועלן פאַר דיר אויגן זיין.
דורך מיר זאָלסט קוקן אויף דער וועלט.
און נאָר דורך מיר, דורך מיר אַליין
זאָלסטו דערזען דעם וואונדער וואָס דיר פעלט.

די גאַנצע גבורה פון דער גרויסער שטאָט
זאָלסטו פילן אין מיין יעדן ביין,
און דעם ענטפער אויף דיין טיפסטן סוד
געפינען זאָלסט דורך מיר אַליין.

אין מיטן וועלט

וועמעס געוויין קומט עס פון די וויטן אינדערשטיל?
פון וועמעס קול ציטערט עס אַזוי די נאַכט?
דרייען מתים די פליגל פון אַ טויטער מיל,
צי רעדט דאָס דער ווינט זיין טויטן־שפּראַך?

וויינען דאָס אַזוי די ביינער
וואָס האָבן ברודער־בלוט אויף זיך דערפילט?
צי יאָמערן דאָס טרערן אין די שטיינער
וואָס האָבן שווערן טויט אויף זיך דערפילט?

עס שטייט אַ באַרג איבערן טאָל,
ניט פון שטיינער, ניט פון פעלדזיקן גראַניט,
פון דעם קומט דאָס יאָמער־קול
מיטן שניידנדיקן טרויער־ליד:

דאָרע טײטלבױם

אַ מתים־באַרג אינמיטן פעלד.
אויפן באַרג — אַ ניי־געבאָרן קינד.
דאָס קינד וויינט אינמיטן וועלט
צוזאַמען מיטן ווינט.

אַזוי איז היינט, אוי, ווי,
אַ מענטש געבאָרן, —
אויף אַ טויטן־בעט אין שלאַכט־געדריי
אין אַ וועלט — אַ מאַסן־אָרון.

ס׳האָט דער הימל צו דער ערד זיך צוגערוקט,
און די זון אין בלוט־טייכן פאַרלאָרן.
בלויז די קאַלטע לבנה האָט די גאַנצע צייט געקוקט
ווי אַ מאַמע האָט פאַרן טויט אַ קינד געבאָרן.

צום אייביקן וואַנדערער

וואַנדערער, וואַנדערער תחית־המתים־ייד,
טראָג זיך איבער וועלדער, איבער שטעט;
פּופציק יאָרהונדערטן האָבן אויסגעמאָסטן דיינע טריט
און גייט ניט אונטער, ווי אַ שווימענדיקע ברעט.

וואַנדערער, וואַנדערער, ס׳איז דער וועג דיר גוט באַקאַנט,
דער וועג איז שוין פון דורות אויסגעטראָטן,
ביסט ניט אַליין אין קיין איין און איינציק לאַנד:
וועסט טרעפן ברידער אויף אַלע עשאַפאָטן.

וואַנדערער, וואַנדערער, און דיין לייב מיט פרישער ערד באַריר,
היימיש איז די ערד וואו דו זאָלסט ניט שטיין:
אומעטום אַ קבר פון דיין ברודער אונטער דיר —
ביסט אומעטום אַ בירגער מיט פאַרשאָטענעם געביין.

וואַנדערער, וואַנדערער, וואוהין די שטערן פירן,
טרעפסט אַ גרוב, פריש ווי ברויט צעקנאָטן,
און ערד וואָס הערט ניט אויף זיך רירן,
שרעק זיך ניט — ס׳איז אַ פרישער קבר דיינער אויפגעשאָטן.

וואַנדער, וואַנדער, איבער קברים, איבער פלויטן,
איבער נעכט פון פינצטערע שוואַרציאָרן:
דיך קען שוין קיינער סיי־ווי־סיי ניט טויטן, —
פון איין בויך מיטן טויט ביסטו געבוירן.

וואַנדער, וואַנדער איבער וועלדער, איבער שטעט:
איז נאָך אַ שטאָט מיט טויט, איז נאָך אַ וואַלד געפאַר:
עס וואַכט די וועלט און הערט, און זעט,
און יעדער קרבן ווערט געציילט, ווי טאָג פון קאַלענדאַר.

אברהם רעגעלסאָן

זון פון יהודה זאב ר.; געב. דעם 19טן אָקטאָבער, 1896, אין הלוסק, מינסקער גובערניע, רוסלאַנד. געלערנט אין חדר. 1905 געקומען מיט די עלטערן קיין אַמעריקע. געלערנט אין ישיבת רבנו יעקב יוסף און אין די פּאַבליק־סקולס. 1920 דעביוטירט אין „מקלט". איז געווען ביבליאָטעקאַר און לערער אין העברייאישע שולן, ניו־יאָרק און קליוולאַנד. 1932 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. געשריבן דעם קאָלום „אשיחה" אין „דבר" (תל־אביב). 1936 צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, און צוויי יאָר שפּעטער אָנגעהויבן ליטעראַרישע טעטיקייט אויף יידיש. 1941 באַקומען דעם לואיס לאַמעד פּריז פאַר זיין עסייען־בוך „מלוא הטלית עלים", און דעם אָרדער בני ציון פּרייז פאַר זיין יהודה הלוי עסעי. זיך באַטייליקט מיט לידער, עסייען און סיפּורים אין: התקופה, מאזנים, הדואר, גליונות, בצרון, הרופא העברי (גליון טשרני־חובסקי), צוקונפט, המשך, יידישער קעמפער, דאָס יידישע פאָלק, טאָג, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע (וואו געשריבן די אָפּהאַנדלונג וועגן דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור). איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָרגן־פרייהייט". שרייבט אויך עסייען אויף ענגליש און האָט איבערגעזעצט אויף העברייאיש אַ צאָל ווערק פון דער אַמערי־

קאָנער און ענגלישער ליטעראַטור, און אויף ענגליש — ווערק פון דער העברייאישער ליטעראַטור. אין בוכפאָרם: „קין והבל", ירושלים, תרצ"ד, 60 ע'; „מסע הבובות לארץ־ישראל", תל־אביב, תרצ"ו, 126 ע'; „מלוא הטלית עלים", תש"ב, 272 ע'; „שם הגדולה", תש"ג, 104 ע'; „יהודה הלוי" (ענגליש), 16 זייטן. גרינדער און פירער פון דער „חברת השירה העברית באַמריקה", רעדאַקטאָר פון 3־מאָנאַטלעכן „רבעון קטן".

(ח. נ. ביאליק): אגרות ביאליק — כרך ה', תל־אביב. עמ' רנ"ה.

הלל בבלי: על מסותיו של אברהם רגלסון — „הדואר", יוני, 1940.

יעקב באַטאַשאַנסקי: פאַראַן המשך אין די זאַמלביכער „המשך" — „פרעסע" (בוענאָס־איירעס), מערץ 24, 1940.

ל. באַיאַן: המשך 2 — „די שטימע" (מעקסיקאָ), מערץ 15, 1941.

ל. באַיאַן: „המשך"־זאַמלבוך 3 — „די שטימע" (מעקסיקע), מאַי 30, 1942.

נ. י. גאָטליב — אַ וויכטיקער ליטערראַרישער זאַמלבוך — „קענעדער אדלער" (מאָנטרעאָל), דעצ. 22, 1940.

ש. גינצבורג: אנתולוגיה של השירה העברית באמריקה — „מאזנים" (תל־אביב), אייר, תרצ"ט.

דר. דוב וויינריב: „יהודים" באנציקלופדיה יהודית — „הדואר", גליון ל"ד, תש"ב.

יצחק זילבערשלאַג: השירה העברית בעולם החדש — „אחיספר", מאסף — הוצאת קרן לואים למד, תש"ד, ע' 228—232.

מ. חכם: ליטעראַטור־מיגרוים—„יידישער קוריער" (שיקאַגע), אַפּריל 12, 1942.

מאַרק טאָלעראַז (ב. ריווקין): וואָס דערציילט אייך אייער חלום? — „טאָג", אַפּריל 15, 1944.

ש. טענענבוים: די פּאָעזיע פון דריטן ב. „המשך" — „יידישער קוריער" (שיקאַגע), מערץ 22, 1942.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", נאָוו. 6, 1940.

דר. א. מוקדוני: ביכער און שרייבער — „מאָרגן־זשורנאַל", אַפּריל 15, 1942.

ג. מנחם [מ. ג. גלעזן]: „המשך" — „הדואר", ז' אייר, תש"ב (אַפּריל 24, 1942).

יצחק נורמן: בשובך השירה העברית — „טורים" (תל־אביב), אוקט. 26, 1932.

ש. ניגער: „המשך" — „טאָג", נאָוו. 17, 1940.

ש. ניגער: די ליטעראַרישע פּרעמיעס פון לואיס לאַמעד פאָנד — „טאָג", אָקט. 18, 1941.

ש. ניגער: נייע דערציילונגען, נייע לידער — „טאָג", אַפּריל 11, 1942.

ש. י. פּינלס: בשירה העברית הצעירה — „סדרים" (תל־אביב), תש"ד, עמ' 488־489.

יעקב פיכמאַן: מכתבים על הספרות העברית — „מאזנים" (תל־אביב), חשוון־כסלו, תרצ"ח.

מ. פיינשטיין: קין והבל — „מסד", ספר א' (תל־אביב), תרצ"ג, עמ' 221־229.

מתתיהו פרידמאַן: אברהם רעגעלסאָנס נייער העברייאישער בוך מלא הטלית עלים — „יידישער רעקאָרד" (סט. לואיס), אויג. 29, 1941.

אברהם רעגעלסאָן

מנחם ריבולוב: אנתולוגיה של השירה העברית באמריקה — תרצ"ח.
מנחם ריבולוב: הספרות העברית באמריקה — „אחיספר". מאסף — הוצאת קרן לואיס למר. תש"ד, ע' 120; 174—175.
אליהו שולמאַן: די אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע — פאַרלאַג „אונדזער עפּאָכע", ניו־יאָרק, 1942. זז. 12-14.
משה שטאַרקמאַן: פון נאָענט און ווייט — „טאָג", אַפּריל 13, 1942.
Note on Abraham Regelson 1942. 4 pages.

במסתו, כבשירתו, תופס אותך רגלסון תפיסה שבחושים, שבשכל ושבדמיון. קראת אותו ורגע נדמה לך שעוד לא דלית אותו, שעוד לא תשפת אותו. יש צבע לדבריו ויש בת־קול להם. ההד מתנצח עם הקול, המושג — עם הבבואה הטמירה שלו. לשונו הרוויה, הציורית, המיופייפת, יוצרת אוירה עצמאית, המיוחדת לו למשורר־המסאי. יש בסגנונו מגנוני המסורה העתיקה, מחין האגדה ומברק־האפתעה של צירופי־ניב לא־מצויים. הרי זו לשון צבעונית־חגיגית, זולפת בשמים וסממנים ליריים־פילוסופיים ויחד עם זה ממשית־ארצית, חותרת על הביטוי המסויים הקולע.

בפתוס כבוש ובהתרפקות כמוסה הוא מתלבט בשאלות־היסוד מוחש ומופשט, הוויה וחדלון, נגלה ונעלם. בספירה מיטאפיסית זאת גמלו כמה מנטעי השירה ופרחי המסה שלו. אפשר לומר עליו מה שהוא אומר על לאפקאדיו הוירן, ש„דמיונו צובע את המציאות, ומראות המציאות מקשטים את היכלי דמיונו". כמשורר הוא יודע להמחיש את המופשט, כשם שהוא יודע להפשיט את המוחש.

הלל בבלי: מסותיו של אברהם רגלסון — „הדואר", יוני, 1940.

דער מגן־דוד באַגריסט דעם רויטן שטערן

(אַ צייט־געזאַנג לכבוד דעם ערשטן מאַי)

דער מגן־דוד:

אַ רעגן האָט געצערטלט דעם מדבר,
און די זאַמדן האָבן אויפגעפלעמלט מיט מאָן־בלומען און ווינט־בלומען;
אַקאַציע גאָלד־קנעפלעך פאַרשיכורן די שרון־לופט
מיט העל־ווייסער ליכטיקייט דורכגעווייקט.
און אַ שנור אַמבולאַנסטן, מיט דעם רויטן מגן־דוד באַשטעמפּלט,
ציט זיך אויפן גרויען וועג צו צפון־זייט.

דורך דמשק, דורך טעהעראַן,
צו דיר, רויטער שטערן איבער קויבישעוו.

דער רויטער שטערן:

אַ רעגן פון בלוט גיסט זיך אין קויטיקע פעלדער פון קובאַן,
בלוט פון רויט־אַרמייער אין געראַנגל מיט דעם טמא־שונא,
בלוט פון דעם טמא־שונא אין באַצאָלט פאַר זיינע גוואַלדטאַטן.
און דיין מתנה, מגן־דוד פון יהודה־לאַנד,
איז ערלעך ווי דיינע שלאַכט־שטאַרקע יונגלייבן אין טוניסיע,
ווייל ברודער אין איין קאַמף זיינען מיר,
פאַראייניקט אין איין אחריות פאַר דער פרייהייט פון דער וועלט.
וואָס ברענגען דיינע אַמבולאַנסן?

דער מגן־דוד:

מעדיקאַמענטן געוואַקסן אין שאָטן פון די גלבוע־בערג,
היילונג־אינסטרומענטן אויסגעאַרבעט אין רמת־גן און נחלת־יצחק
(פאָרשטעט־עופּהלעך פון תל־אביב),
און בלוט, פרעזערווירטע בלוט פון טאַטעס און מאַמעס,
פון יינגלעך און יונגפרויען אין ציון,
פרייגעגעבן פאַר די אָדערן פון פאַרוואונדעטע רויט־אַרמייער.
פליסן וועט אין די אָדערן פון סאָוועטישע בויער און גבורים
בלוט פון אַרבעטער־פאָלק אין ציון,
ווייל איין קאַמף איז אונדזערער, איין פליכט און איין גורל.

דער רויטער שטערן:

דער אימפּעט פון ציון־אויפבוי איז אויף רוסישער ערד געכאָוועט
געוואָרן,
אַ ריטשקעלע פון רוסלאַנדס פרייהייט־שטראָם,
אַ פונק פון איר רעוואָלוציע־פלאַם.
מיט דעם בלוט פון ציון־אַרבעטער, וואָס לויפט פריידיק צו צירקולירן
מיט דעם לעבעדיקן קלאַפּ־קלאַפּ פון סאָוועטישע הערצער,
קערט זיך אום דאָס ריטשקעלע צו דעם שטראָם,
דער פונק צו דעם פלאַם;
איינער איז אונדזער שונא, איינער אונדזער ליכט, אונדזער נצחון.

אברהם רעגעלסאָן

דער מגן־דוד:

צו דיין גבורה־פאַקל, רויטער שטערן, קוקט דער גאַנצער מין מענטש,
אָן דיר העגגט די ערד איר לעכצעניש נאָך באַפרייאונג.
ווי הערלעך דיין שטראַל
אין שטורעם פון שרעק־אַנגסטן און מאָרד־געשפיל — —
ווי שלמותדיק דיין באַהעפטונג
מיט דער אויפגיי־צייט פון די זאַפטן פון מיין לאַנד,
צייט פון יציאת־מצרים,
צייט פון משיח־בענקעניש:

„וואָרצל פון ישיס זון,
שיקט אַרויס אַ שפראָץ־
ווי לאַנג וועסטו זיין באַגראָבן?
דער ווינטער איז פאַרביי!" —

געבורט־שעה פון פאָלק־גאולה,
אויפבלי־צייט פון אַרבעטער כח — —

דער רויטער שטערן:

אַ גרוס דער אויפגעוואַכטער ירושלים אויף אירע בערג!
און פאַר די יידישע קהלות, די צעטראַמפלטע,
צווישן דעם באַלטישן ים און דעם שוואַרצן ים —
שטאָלענע מלאָכים פון נקמה!
(קעמפנדע רעשטלעך אין וואַרשע, איך הער אייער רוף!) —
קליפות און בלינדקייטן וועלן פאַרשווינדן,
און דער אמת פון פאָלק־באַפרייאונג
און דער אמת פון אַרבעטער־באַפרייאונג,
וועלן וויסן וואָס זיי האָבן אייביק געוואוסט
(איצט איז עס פאַרשריבן אין אַ כתב פון שפּעריש בלוטן,
צוזאַמען־פאַרגאָסענע, אינאיינעם צונויפגעגאָסענע,
און ווי צו די וואָס קענען ניט לייענען דעם כתב!),
אַז זיי זיינען איין אמת,
און איינס — זייער געבאָט, זייער קאַמף, זייער גורל.

די אַמעריקאַנער פאָן אין סאָבוויי

אַ מידער זומער סאָפּעט שווער אין הודזשענדיקע וואַגאָנעס,
און מענטשן־לייבער שמעלצן זיך אין קלעפּעדיקן סאָק.
עלעקטרישע פאָכערס אין געווירבל
אויף פנימער צעשוואומענע שפּריצן פליאַמעס היץ.
און פּלוצלונג, דורך דעם פינצטערלעכן טשאַד,
אַ בליץ, אַ בליאַסק, אַ בלענד — אַ בילד!
געקאָרטשעט רויט, געקרייזלט ווייס, אין אַ באַשטערנטער כוואַליע
אויסגעקרימט,
העלט, טרעלט, טרומייטערט די טריאומף־געטובלטע פאָן.

פאָן פון אַמעריקע!
אַזוי האָט דיך פראַנסיס סקאָט קי געזען דורך רויך פון ראַקעט
און פון באָמבע,
אַזוי האָט דיך קאַפּיטאַן דרייווער אַנגעקוקט איבער נעשוויל, טענעסי,
און דיך גערופן: „אַלטע גלאָריע".

דיינע שטערן ריידן:
דער טוט אַ וואונק מיט מדבר־גלי און קאַקטוס־מנורות,
יענער עפנט זיך צו פּרעריי־קאָרן ברייטקייטן,
דער קעסטלט זיך מיט פאַרמס איבער קיילעכדיקע בערגלעך,
און יענער טוט אַ לאַך מיט ציטרוס־גאָלד.
דער שפּיזט דעם הימל מיט פּערפּענדיקולאַרע מענגעס,
און וואַרפט האַלב־רייפיקע בריקן איבער גרויסע וואַסערן,
און יענער שפּאַלט זיך צו אַנטפּלעקן די פעלדזן־געדערים פון דער ערד.
איינער פאַרקניפּט די שיינענדיקע רעלסן פון אַ קאָנטינענט,
אַ צווייטער אין אַ טויזנט אַזיערעס כפּלט ווינטיקע הימלשפּרייטן,
אַ דריטער פאַרדרייט אַ ריזן־טייך אַרום זיין אַקסל,
נאָך איינער טונקט אַ גרינע לאַפּע אין אַ וואַרעמען ים —
און בערג־קייטן, און אור־וועלדער, און אָקעאַנען צוימלאָזע,
און רויך־קוימענס, וואַסער־דאַמבעס, אויל־ברונעמס,
און מענטש־משפחות פיל־מיליאָניקע,
אַלע ריידן, רוישן, רופן פון די שטערן אין דיין פלאַטערדיקן
פעלד פון בלוי.

ווער זיינען דיינע שונאים, פאָן פון אַמעריקע?

זיי זיינען ביט די, וואָס זשומען אין אַ פרעמד־לשון אין דיינע גאַסן,

ניט די, וואָס זיינען פֿאַרדאגהט וועגן זייערע שטאָם־ברידער
אין דער ווייט,
ניט די, וואָס מאָנען ביי דיר דיווירקלעכקייט פֿון דיין דעמאָקראַטיע,
ניט די, וואָס דעקן אויף די פֿוילקייטן און פֿאַלשקייטן פֿון דיינע רואיקע,
ניט די, וואָס פֿאָדערן פֿון דיר דיין חלק אין דעם צוקונפֿט־בוי פֿון
דער וועלט־איינהייט.
(קענסטו זיין פֿריי אין אַ פֿאַריאָכטער וועלט?
ווען קינדער פֿאַרוויאַנען אין הונגער־קרעץ, קענסטו זיין גליקלעך?
קענסטו האָבן שלום אין אַ חורבן־באַדראָעטער וועלט?)

זיי זיינען די וואָס ווילן דיך צעפּליקן
דורך שטרייט אין דיין משפּחה פֿעלקערשאַפֿטן,
די וואָס פֿאַרטראַכטן רדיפֿות אויף דעם אימיגראַנט, דעם אַנדערש־
גלויביקן, דעם פֿרעמד־שפּראַכיקן, דעם נעגער, דעם ייד,
די וואָס ווילן דיין ליכט באַהאַלטן פֿאַר אַ זעלבסט־זוכנדיקער
קאַסטע מיוחסים,
עס זאָל ניט דערגרייכן דיינע טרייע המונים פֿון אַלע שטאַנדן, שטאַמען
און לשונות,
עס זאָל ניט ברענגען האָפֿענונג צו די ברויט־הונגעריקע, פֿרייהייט־
באַגערנדיקע אויף אַלע אינדזלען, ימען און יבשות.
זיי זיינען די, וואָס זאָגן דיר: „רוט אין אייער זאַטקייט, שטערן
און שטרייפֿן! איר האָט שוין דערגרייכט אייער הויך!
וואָס גייט אייך אָן דער צער פֿון די פֿאַרשטויסענע אונטער אייך?
פֿאַרנעמט ניט דעם קרעכץ פֿון אומות איבערן אָקעאַן!"
זיי זיינען דיינע שונאים, פֿאָן פֿון אַמעריקע!
גיפֿטיק זייער קוש אויף דיינע פֿאַלדן,
געפֿערלעכער פֿאַר דיר ווי אַלע פֿלענער פֿון באַוואָפֿנטע טיראַנען.

בלי, פֿאָן פֿון אַמעריקע,
אויף שטאָט־טורעמס און וואָלקן־באַגאַרטלטע בערג!
דיין שאָטן אויף טאָלן פֿון גערטנער!
זאָג צו דיינע קינדער: „איר זייט מיר אַלע גלייך ליב,
איר און אַלע וואָס טראָגן דעם צלם מענטש!"
הויב דיין וואַשינגטאָן־וואָרט, דיין דזשעפֿערסאָן־נבֿואה, דיין
לינקאָלן־חלום,
איבער די דעכער פֿון שול־געביידעס,
אין טיפֿע מינעראַל־שאַכטן און אויף דעם שנאָבל פֿון פֿלי־מאַשינען,

איבער די פיל־רייעדיקע געצעלטן פון סאָלדאַטן,
איבער דעם שאַרף פון דאַמף־שיפן וואָס שניידן שטורעמס!
לייכט פאַר סובמאַרין־מאַטראָסן אין אייביקע תהומען!
און שיין אויף אונדז, די וואָס פעדערן זיך צו דיין אַרבעט
אין דעם פאַרעדיקן געדרענג פון סאָבוועי־וואַגאָן.

אַנעמאָנעס

פעלדזיק די לאַסט פון צער אויף מיין רוקן,
און איך פון רמת השרון צו הרצליה טאָפּטשע.
דריי לאַנגע וואָכן באַטריגעריש רעגנלאָז,
און דאָך די הרודעס פאַרען שוואַרץ און פייכט.

כ׳בין געקומען צו אַ פלאַך פאַרשטעקט צווישן בערגלעך,
גרין־בלענדנדיק מיט פליסנדיקן גראָז;
און דאָ ז׳צעזייט אַן אַנעמאָנע־אַרמיי,
מיליאַרדן פייערקוילן: זיי לעכצן, גליען, סמאַליען, כאָטש ווער
פאַרברענט.

און ווי אַ טאַטע זיך דערקענט אין זיינע קינדערס אויגן,
האָב איך אין די בעכערדיקע שאַרלאַך־פלאַמען זיך אַליין דערקענט.
און כ׳האָב צו זיי געזאָגט: „ביט אומזיסט בין איך געבויגן,
נאָר כדי כ׳זאָל מיינע אויגן לאָזן פאַלן אויף אייך.

איין פינגער טיף, צוויי פינגער טיף, שלאָגט אייער וואָרצל אין דער ערד,
אָבער אייער אמתער וואָרצל פיל־פיל טיפער שלאָגט.
דער וואָס איז מיין וואָרצל אויך. און אָט אין דעם ווינקל
בליקט איר אַרויף צו מיר פונק־שפריצנדיק אין מאָרגן־ווינט.

אַז ס׳וועט קומען מיין צייט צו פאַרלאָזן די פאַשע פון די לעבעדיקע,
און אַראָפּ אין שטויב,
ביט אין טרויער און ביט מיט אַ זויער האַרץ וועל איך אַראָפּ. כ׳וועל וויסן,
ס׳איז אַ בסתרדיקע ראַנדקע צווישן מיר מיט אייך
אין די טיפעניש״. — און געקושט זיי אין מיין האַרצן, און אַוועק.

נ ע י ל ה

מיינע געצעלטן

מיינע געצעלטן האָב איך פאַרלאָזן.
די גאַנצע מדבר דורכגעוואַנדערט.
ניטאָ קיין זעמדעלע אין ראַפּאַ,
וואו איך האָב מיין שטערן ניט אָנגעקלאַפּט.
אין מיינע תפילות צום אַלמעכטיקן אַללאַ
האָב איך מיינע אויגן אויסגעוויינט —
האָב איך דאָס זאַמד מיט בלוט געפלעקט.
נאָר דאָס געוויין פון די שאַקאַלן איז שטאַרקער
פון מיין געוויין —
די גאָלדיקע זאַמדעלעך האָבן זיך געהברט
און מיינע טרערן פאַרדעקט.

די מדבר־ווינטן האָבן פון מיינע ליפּן
די תפילות אַרויסגעריסן
און אויף אַלע זיבן ימים צעטראָגן;
האָבן די ימים מיינע תפילות,
ווי דאָס שטויב פון זינדיקן,
אויף דער גאַרער וועלט צעטראָגן.
האָט אַללאַ מיין געבעט ניט פאַרנומען,
און ראַכאַמאַ, צו וועמען מיין האַרץ גלוסט,
האָט מיין שטים ניט געהערט.

אַ האַנט אויפן טיש

אַ נאַקעטער טיש. אַ פאַרלאָזענע האַנט.
אַ בערגעלע חלב. אַ פאַרלאָשענער קנויט.
ווי ליפּלעך ביי טרוקענער, מאַמעשער ברוסט,
שמאַכטן די פינגער ביי סקאָרענקעס ברויט.

אַן אומעטיק ווינקל — אַן אייזערן בעט.
דריי קינדער, אַ ווייב און אַ קעלט.
אויף אומרו פון זייגער הוידעט די נויט,
טיק־טאַק און טיק־טאַק — זי גריזשעט און קוועלט.

אויף נאַקעטן טיש — אַ פאַרלאָזענע האַנט
מיט פינגער־גבורה פון שטאָלענער צוואַנג.
חלומען פינגער פון אייזן און שטאָל,
ווי ס'חלומט דער סערפּ פון דער צייטיקער זאַנג.

חלומט די האַנט פון מאַשינען-געזאַנג.
פינגער ווי ניטן געבויגן אין קראַמף.
פון צער און פון פּיין שטאָלט זיך אַ פויסט,
הויבט זיך, פאַרמעסט זיך אין שטורעמישן קאַמף.

מ ש ה   ש י פ ר י ס .

ג ע ב ע ט

פאַס מיך איין אין דיין לאַנד
און פאַרזיי ביי מיין היטער
איך וועל בענטשן דיין ערלעכע האַנט
די ערלעכע האַנט פון מיין שניטער.

מערדער פון גאַרניט און קיינעם
תליון פון ליכטיקן טויער
פיר מיך דורך דעם היטער דעם ריינעם,
באַפריי מיך פון בלוטיקן מויער.

ביסטו טויט? איך בין לעבן פאַרשאָלטן,
ביסט מיט מיר דאָך איין גוף און איין זעל
נעם מיך מיט אין דעם לאַנד דעם באַטאָלטן
צום היטער אַריבער דיין שוועל.

נ . ב . מ י נ ק אָ ו ו .

שטילער שטראָם

פליסט אַ שטילער שטראָם
אין דער טיפעניש פון מיין האַרץ.
וואָס מאַכט מיר אויס צי גרוי עס איז דער טאָג, צי קלאָר?
פיל־פאַרביק ווי דער טורמאַלין
אין העלן שיין פון זון,
רוישט און לויפט אַזוי דער שטראָם
טאָג נאָך טאָג און יאָר נאָך יאָר.

ווילדע בלומען, ווילדע גראָזן
וואַקסן אויף זיין ברעג.
אין די ווילדע גראָזן
הילט מיין האַרץ זיך איין.
און מיין גרויע ווירקלעכקייט
שפיגלט זיך אין שטראָם,
שפילט זיך מיטן וואַסער־שוים
אין רעגנבויגן שיין.

ביים סוף

און וואָס וועט זיין
אַז איך וועל גיין
דעם שווערסטן וועג,
דעם שמאָלסטן שטעג
פון לעבנס־וועג —
וועט מיין ערנהאַפטער זיין
פאַרלייכטערן מיין פיין?
די זעלבע זאַך — —
די זעלבע זאַך — —

און וואָס וועט זיין
אַז איך וועל גיין
דעם לייכטסטן וועג,
דעם פרייען שטעג
פון לעבנס־וועג —
דעם וועג פון גלאַנץ,
אין פראַכט, און טאַנץ;
און פאַרטרינקען וועל מיט וויין
דאָס ביסל יאָרן פון מיין זיין?
די זעלבע זאַך — —
די זעלבע זאַך — —

אַלע וועגן — לייכט צי שווער,
צי פירן זיי אַהין, אַהער;
לעבסט אין לוקסוס צי אין נויט—
זיי קומען אַלע זיך צונויף
אָט דאָרט, אָט דאָרט
ביים לעצטן פונקט —
ביים ליכטיק־פינצטערן שוועל
פון טויט.

ווען ס׳רעגנט

ווען סע רעגנט און ס׳איז נאַס,
און מיין מאַמע גייט אין גאַס
אויף מיטיק איינצוקויפן —
כאַפּ איך שנעל מיין מענטעלע,
ליאַלקען פאַרן הענטעלע,
און לאַז מיך איבער אַלע טרעפּ
מיין מאַמען נאָכצולויפן.

שרייט די מאַמע אַז ס׳איז נאַס,
און ס׳איז גליטשיק אויפן גאַס —
מען קען זיך נאָך פאַרקילן.
זיץ איך שוין אין שטוב אַליין,
און האָב מורא
און איך וויין,
און קען זיך מער ניט שפּילן . . .

אַז איך וועל אַ מאַמע ווערן —
וועט מיר קיינער שוין ניט שטערן,
און איך וועל זיך מעגן דאַן
כאָטש זעכצן מאָל פאַרקילן.
איך וועל לויפן דאַן אין גאַס
ווען ס׳איז שיין, און
ווען ס׳איז נאַס,
און מיט זאַמד זיך שפּילן!

א י ד א ג ל אַ ז ע ר.

גוט שבת!

אשת חיל מרת פריידע
איז געוואָרן פרום און רעליגיעז דערצויגן.
זי האָט געוואוסט חומש, רש״י,
אַ דימענטיג פּייער פלעגט אויפלייכטן
אין אירע שעמעוודיקע יידישע אויגן,
בשעת זי האָט זיך איינגעהערט צו איר מאַן ניגונדיק זיין גמרא.

חסידיש — אָרים — האָט זי זיך באַצויגן,
צו אברהמען, ווי צו אַ שררה.
זי וואָלט ניט פאַרלאַנגט, לויט קיין שום סברא,
ווי די פרוי פון בן דוסהס:
פאַר חיונה, פאַר שבת, פאַר שלש־כוסות,
דעם גאָלדענעם פוס פון אברהמס שטול,
באַשטימט פאַר אים אין גן־עדן. — — — —

אין ליבע, אין פאַרערונג,
קאָן מען מאַכן קידוש אויף ברויט פּיסנעם;
און די מלכּת־שבת קאָן זיין ליכטיק, ליב,

נ ע י ל ה

אַפילו ביי גראָשענע ליכטלעך פיר —
ס'עפנט זיך די טיר:
איר אברהם שפּאַצירט, שפּאַנט,
מיט אַ מלאך ביי איטלעכער האַנט . . .

(זיין וואָכעדיקייט האָט איצט אַ שבתדיקן זיגעַן,
זיין פּנים איז באַלויכטן מיט דער שיין פון דער שכינה . . .)

„שלום עליכם, מלאכי השרת",
זינגט אַ כאָר מתיקות ניגונדיק;
„לויבט דעם טאָג, וואָס האָט געגעבן
דעם מענטשן זיך, תענוג, פון רו.
לויבט דעם הייליקן שבת!
זינגט זיין לויב דערפאַר,
ווייל אין זיין רשות
גלייכט ער אויס דעם האַר מיט דעם קנעכט;
אַזוי אַרום פעסטשטעלט ער,
אויף אייביק, צווישן מענטש און מענטש
די יידישע מאָראַלע רעכט!

„שלום עליכם, מלאכי השרת",
זינגט אַ כאָר מתיקות ניגונדיק;
„גאָט איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אַרבעט,
וואָס ער האָט געטאָן, אין זעקס טעג,
און אויפן זיבעטן האָט ער גערוט,
און געהייסן דיך און דיין פאַרמעג רוען".

אברהמס פּנים שיינט,
און פון דערהויבנקייט הויבט עס אָן צו בליען:
די מלכה־שבת לאָזט זיך, גנעדיק, אַראָפּ
און נעמט מיט פאַרליבטע הענט אַרום זיינע קניען.

איר מלכותדיק פּנים, אין באַגייסטערונג, צו אים נעמט זיך ציען;
אירע אויגן מיט אַזאַ אָפנבאַרקייט שטראַלן,
אירע קאַרשן־ליפּן צעעפנט,
זוי ביי אַ פאַרליבטער בלום די פּעטאַלן:

„קוש מיך מיט די קושן
פון דיין ליב מויל".

פון ערגעץ — פון איבעראַלן —
קומט מוזיק פון געטלעכע מוזיקאַלן,
קוואַלט אַ כאָר ווי לבנה־אינספּירירטע קוואַלן:

„לכה דודי לקראת כלה
פני שבת נקבלה". — — —

יעקב סטאָדאָלסקי.

מיין בונד מיט אייך

און זע איך אייך אין גאַסן
מיט פלאַטערדיקע פאָנען;
צי גאָר מיט שער און נאָדל
געבויגן ביים וואַרשטאַט —

אַ לויב צו נאָדל־פאָדים,
אַ ליד צו שער און אייזן,
אַ ניי־מאַשין, אַ „זינגער",
געזונגען ביי מיין וויג.

לייכט אויף אין מיין זכרון —
ס'וויל אייגן בלוט זיך קאָנען —
מיין בונד מיט אייך, חברים!
לייכט אויף אַ נייע בלאַט.

ס'האָט יאָרן לאַנג מיין מאַמע
גענייט פאַר פרעמדע בגדים.
איצט נייען מיינע שוועסטער —
די רויטע פאָן פון זיג.

דער בונד־שליסער, מיין מוטער,
דערשיינט פאַר מיר אין ווייסן,
מיט דאַרע, לאַנגע פינגער,
מיט שניידער־שטאָלץ אין בליק.

אַ לויב צו שער און אייזן,
אַ ליד צו נאָדל־פאָדים,
אַ ניי־מאַשין, אַ „זינגער" —
זינגט אויס דאָס רויטע גליק.

דער אַרבעטער מיי

זוכסט דעם סוד פון אונדזער יום־טוב —
אונדזער ליבער, אַלטער פריינט:
מיר פאַרליבטע אין דעם מאָרגן,
לעבן מאָרגנדיק שוין היינט . . .

זיינען מיר געשמידט צום אומגליק,
אויסגעשמידט — מיר ווערן שטאָל:
קיינער קאָן אונדז ניט צעברעכן —
רופט מיליאָניק אויס אַ קול . . .

נ ע י ל ה

ס'איז דער ערשטער מיי סיגנאַל אונדז:
אייניק זאָלט איר אַלע זיין —
אַרבעטער פון אַלע לענדער
שליסט אין רויט אַרמיי זיך איין! . . .

גייען אויף אָקטאָבער־וועגן
ראַסן, פעלקער אַלערליי:
ס'קלאַפּט דער דופק פונעם קרעמל
אַזש אין קאַפּשטאַט און באָמביי . . .

מיר, די יונגע קאָמונאַרן,
לעבן היינט שוין אין דערנאָך —
יום־טובדיקער איז פון יום־טוב
אונדזער וואָכעדיקסטע וואָך . . .

ס'איז דער יום־טוב פון דער אַרבעט,
מאָסקווע, וועלט-האַרץ, אונדז באַזעלט:
מאַכט אַ וואַרע דער קאָמונע,
ס'קומט דער פרילינג פון דער וועלט! . . .

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר פּ אָ מ ע ר אַ נ ץ.

מ ה ר " ל

ס'איז נאַכט און ווינט און חושך הינטער פּ ר אַ ג .
אין טרויער רוט דאָס יידישע בית־עולם.
אויף פייכטער ערד אַ טויטער ליגט דער גולם —
און לעבן אים צעבראָכן ליגט די האַק.

אויף בוימער־שפּיצן הענגט שטשערבאַטער מולד
און טייטלט מיט אַ פינגער, ווי אַ פּסק.
דער אַלטער רב שטייט אָנגעשפּאַרט אָן פּניאַק
און שעפּטשעט שטיל און מעסט דאָס פעלד אין איי[illegible]

— „פאַרגיב מיר, גאָט! אין טעג אין גרויזאַם־דולע
האָסטו דיין קנעכט געשטעלט דאָ אויף דער וואַך.
האָב איך מיט גוואַלט דערנענטערן די גאולה
געזוכט אין איילעניש דורך רויער מאַכט.

— „נאָר אויב ס'איז האַק געצייכנט אונדז פון אויבן,
בישט מיר, בישט מיר — זאָל פרעמדע האַנט זי הויבן!" —

בעל-שם

דאָס שטעטל מעזשביזש שלאָפט אין כסלודיקן שימל.
אויף דעכער מולד וואַכט — אַ פאַסטוך ביי זיין הערד.
בעל־שם־טוב הערט זיך צו: אין סטאַניעס הירזשען פערד.
און פרישע חלה שמעקט מיט זאַפראַן און מיט קימל.

עס פליסט די נאַכט צו חצות. און פלוצים ער דערהערט,
ע ס רופט ביים נאָמען אים אַ שטילע קלאָרע שטימע:
— „ישראל, ברענג־אַראָפּ די תורה פונעם הימל
און צווישן פראָסטן פאָלק באַזעץ זי אויף דער ערד". —

ער הויבט זיך אויף מיט פרייד פון וואַרעמען געלעגער.
ער גיסט די נעגל אָפּ, דעקט־איבער ס'ווייב און קינד:
— „האָסט מיך גערופן, גאָט — וואָס בין איך פאַר אַ פרעגער?
מסתּם איז דאָ אַ נויט — אָט קום איך שוין געשווינד". —

דעם מאָרגנשטערנס שטראַל באַגעגנט אים אויף שוועל.
ער נעמט אים ביי דער האַנט און פירט אים אין דער וועלט.

ל. פיינבערג.

איך בין געווען אַמאָל אַ ייִנגלינג

איך בין געווען אַמאָל אַ ייִנגלינג,
געהערט אין פּאַרטיקאָס סאָקראַטן,
עס האָט מיין בוזעם־פריינט, מיין ליבלינג,
געהאַט דעם שענסטן טאָרס אין אַטהען.

געוועזן צעזאַר. און אַ העלע וועלט
געבויט פון מאַרמאָר, איך דער לעצטער,
און פאַר אַ ווייב מיר אויסדערווילט
מיין שטאָלצע שוועסטער.

אין רויזנקראַנץ ביים ווייַן ביז שפּעט
געהערט אין הויכמוטיקן פרידן
וועגן שוואַכלינג פון נאַזאַרעט
און ווילדע מעשיות וועגן יידן.

מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון-געוואַשענע

מוטער ערד, פיל געטראָטענע, זון־געוואַשענע,
טונקעלע שקלאָפין און האַרין
בין איך, געליבטער.
פון מיר דער נידריקער און דער באַטריבטער

וואַקסטו אַרויס — אַ מעכטיקער שטאַם.
און ווי די אייביקע שטערן, און ווי פון זון דער פלאַם,
קרייז איך אין לאַנגן און בלינדן שווייגן
אין דיינע וואָרצלען, אין דיינע צווייגן,
און האַלב אין וואך, און האַלב אין דרימל
זוך איך דורך דיר דעם הויכן הימל.

אַ נ נ אַ מ אַ ר ג אָ ל י ן.

דיינע טריט

איך ליג אין דער נאַכט אַליין,
איך שפיר דיינע טריט איבער מיר.
אַט ווער איך ערד און שטיין,
און וואַקס זיך אַריין אין דיר.

דער טייך טרינקט דעם פאַרנאַכט.
די זון — דאָס געשריי פון דעם אָוונט.
זע, איך האָב געבראַכט
מיין לעבן צו דיר אַזוי נאָענט.

עס האָט דער בוים שוין אָפּגעבליט
און געלאָזן די בלעטער פאַלן.
עס וואַרט די ערד אויף אַ נייעם שניט
פון אירע טיפע קוואַלן.

איך ציי זיך צו די שטערן ווי אַ גראָז,
איך בין אַ שטראַל פון דיינע שטראַלן.
אָ, אייביקער, ניט פאַרלאָז!
איך בין היינט ביי זיך אַזוי געפאַלן.

די זון האָט אויפגעשיינט פאַר מיר,
ווי אַ מאַמע פאַר איר ערשט געבאָרן,
און זי האָט אויפגעוועקט אין מיר
גלויבן, וואָס איך האָב לאַנג פאַרלאָרן.

איך ליג אין דער נאַכט אַליין,
איך שפיר דיינע טריט איבער מיר.
אַט ווער איך ערד און שטיין,
און וואַקס זיך אַריין אין דיר.

מיין ליד

שאַרפער פון דאָרן און ביטער ווי גאַל
איז היינט מיין פאַרכישופט געטראַנק.
פון וויטסטן אָנהויב צום טיפסטן גאַנג
וויגט זיך מיין האַרץ פאַר דיין הייליק געשאַנק,
ווי אין פעלד אַ זאַנג.

אַ טאָג אַזאַ איז פאַרגאַנגען אין פיין,
אין זיסן צער פון געוויין —
ווער ווער פאַרנעמען און ווער וועט פאַרשטיין
פון פאַרשלאָסענע ליפן און פון פרייד דאָס געוויין?

ווינטיקער טרויער, ליד — מיין היים!
חלום פון ערד, געוויין פון ביין;
סוד פון בלוט, ליבשאַפט פון שטיין,
און פרייד פון דיינע ווייסע ציין —
איז דאָס געוויין פון מיין בלוט און מיין ביין.

זיס איז דער צאָרן, ווי ווין אין בלוט,
לבנה־פייער און חכמה פון שטערן,
האַרץ און וואָלקן שטוינען און הערן —
ליד מיינס, נעם אויף מיינע טרערן!

ווי אַ קאָרן־זאַנג אַנטקעגן זון וואָס קניט,
גייט מיין שאָטן דיר נאָך און היט.
לייב־צו־לייב און גליד־צו־גליד,
אין פייער פון שניט,
מיין ליד.

אסתר שומיאַטשער.

נ ע י ל ה

י. באָװשאָװער — דוד עדעלשטאַט

אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָװשאָװער און דוד עדעלשטאַט.
י. באָװשאָװער איז געװען אַ פּאָעט,
און דוד עדעלשטאַט — אַ פייער־קאָמעט;
װאָס בלויז איין מאָל, אין הונדערט יאָר,
באַװייזט זיך מיט זיין אמת און װאָר;
מיט זיין פייער־בעזים אין דער נאַכט,
זאָגט ער אָן אויף קאַמף און שלאַכט . . .

אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָװשאָװער און דוד עדעלשטאַט.
אַזוי דוד עדעלשטאַט מיט זיין געדאַנק,
אַזוי י. באָװשאָװער מיט זיין געזאַנג — —
אָנגעצונדן די װעלט אין אַלע פיר זייטן;
אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר אייביקע צייטן;
פאַר די װאָס גייען שטאָלץ צו דער תליה,
אויף ליפּן בראַװו, די אַרבעטער־שבועה . . .

אין דער געשיכטע איז פאַרשריבן אַ בלאַט
פון י. באָװשאָװער און דוד עדעלשטאַט.
דאָס בלאַט איז האַרצבלוט־רויט געפאַרבט,
מיט נביאישע רייד, טיף איינגעקאַרבט.
שטאַרן װערטער און דערציילן פאַר װייטן —
זאָגן בשורות פאַר רעגנבויגן צייטן.
װעקן און טרייסטן, טרייסטן און װעקן,
ביז שלעכטס װעט ענדן, ביז װעט עקן . . .

קלמן הייזלער.

מרים

נישט די פויק, דעם סצעפּטער
נעם איצט אין דיין האַנט —
רוף צונויף דיינע האָרעם־שוועסטער
און גיי מיט זיי פון לאַנד צו לאַנד.

שרה וועט טרייסטן פאַרוואָגלטע און היילן,
מיט באַלזאַם קושן זייער וואונד.
צווישן געיאָגטע רחמים וועט זי טיילן,
שטאַרקער אָנקניפּן מיט זיי דעם בונד.

רבקה וועט קלאָגן מיט די פּליטים:
„צוויי אומות געבאָרן האָט מיין אינגעווייד;
וואָגלט אום יעקבס שטאַם איבער שבעה ימים,
דורך מיין געביין האָבן פעלקער זיך צעשיידט".

לאה וועט נעענען צו די אין פּיין, אין שרעק,
מיט ציטער אין אירע וואַכע הענט —
אָפּהיטן זייערע מידע טריט אויף יעדן בריעג
און אָפּווישן דעם שטויב פון גאָרער וועלט . . .

רחל וועט לייטערן מיט אירע טרערן —
איבער פאַרצאַקטע קינדער פון יעקב'ס זאָמען,
הענט אירע צום הימל — געצונדענע מנורה־רערן
און לייכטן זיי דעם וועג דורך בלוט־מבול און תהומען.

אַננאַ זאַרעצקי.

נ ע י ל ה

אויף אייגענער ערד

ס׳איז דער טאַטע אונדזערער, ווי שבתדיקער לעפל,
פול מיט קאָרבן אין געבויגן,
און דו ביסט, ברודער, ווי אַ בוים אין קאָרענע פּאַנטעפל
אַנגעשפּאַרט אויף ברויט פון הויכע סטויגן.

ס׳איז דער טאַטע אונדזערער אַ שווייגער, ווי די ראָסע,
אַנגעשראָקן פון עקדהס,
און דו ביסט, ברודער מיינער, שוין אַ היימישער מיט קאָסע
איבער פעטער ערד פון חומשדיקע זיידעס.

זאָל איךביידן זיין צו לאַנגע האָרעפּאַשנע יאָרן
אייער פּראַצע אין די גלידער:
דיך די סמעטענע פון עמק, און דאָס דרעשן פון דעם קאָרן,
אים — דער חומש און דער סידור.
וועט קומען אַ ייד פון די גאַסן צוגייין,
דעם טיפסטן פון אַלע, דעם אייביקסטן סוד.

☆

דאַ פאַרמאַך איך שטיל דעם סדור
בלאַט צו בלעטל מיטן טאַוול,
און איך הער זיך איין, אַ מידער,
ווי סע רעדט אַ דור אַן אַבל.

צוגעדעקט מיט מאַך פון יאָרן,
און פון סופרים אויסגעשוויגן,
לעבט דער דור נאָך אין זכרון
פון אַ וואונדערלעכן ניגון.

א ב ר ה ם ט וו ע ר ס ק י .